STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01679

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

עפּאָפּייע אין צוועלף ביכער

יידיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

ווארשע 1936

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

דאָס ערשטע בוך

יידיש: שלמה שײַנבערג

פרעמירט געוואָרן דורכן פען־קלוב
אַלס די בעסטע איבערזעצונג פאַרן יאָר 1936

יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק
וואַרשע 1936

Printed in Poland

Druk. „Grafia“ Nowolipki 7.

ערשטע טייל

א

דער הויף פון די מעליעכאָווס געפינט זיך אין סאמע עק פון כוטאָר. דאָס טויער פון דער אָפּצוימונג פאַר די בהמות פירט אויף צפון־זייט צום דאָן. אַ משופּעדיקער, אַכטקלאַפטערדיקער אַראָפּגאַנג צווישן מעך־באַגרינטע קרייד־שטיקער, און — אָט איז דער ברעג: אַ מאַסע פּערלמוטערנע זשאַבע־שיסעלעך, אַ גרויע זיגזאַגישע, פון די כוואַליעס אויסגעקושטע זוים פון קיזל־שטיינדלעך, און ווייטער שוין — דער ווינט־געפאַלדעטער טונקעלער פלוס פון דאָן. אויף מזרח־זייט — נאָך די געפלאָכטענע ווערבע־פלויטן פון די שייערס — דער העטמאַנישער שליאַך, בונטפּאַרבי־קער ווערמוט, טונקל־גרויער, פון פערדישע פּאָדקאָוועס צעטרע־טענער רדעסט, אַ קלויסטערל אויפן שייד־וועג; דערנאָך — דער סטעפּ, געהילט אין לייכטן נעפל. אויף דרום־זייט — דער קרייד־רוקן פון באַרג. אויף מערב־זייט — די גאַס, וואָס שניידט דורך דעם פּלאַץ און לויפט אַוועק צו דער פּאַשע.

דער קאָזאַק מעליעכאָוו פּראָקאָפּי איז צוריקגעקומען פון דער לעצטער טערקישער מלחמה אין כוטאָר אַריין. ער האָט פון טערקיי זיך מיטגעברענגט אַ ווייב — אַ קליינע, אין אַ שאַל־געהילטע פרוי. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים, זעלטן געוויזן אירע אויגן, פאַרווילדעטע פון בענקשאַפט. די זיידענע שאַל האָט גע־שמעקט מיט ווייטע, אומבאַקאַנטע ריחות, אירע רעגנבויגנדיקע דעסענס האָבן אַרויסגערופן קנאה ביי די ווייבער. די געפאַנגע־נע טערקין האָט זיך געהאַלטן אינדערווייטנס פון פּראָקאָפּיס משפחה, און דער אַלטער מעליעכאָוו האָט בקרוב אָפּגעטיילט דעם זון, נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין כאַטע, ביזן טויט אַריין נישט פאַרגעסנדיק די באַליידיקונג.

פּראָקאָפּי האָט זיך שנעל איינגעאָרדנט: די טשעסלאַרעס האָבן אויפגעשטעלט די כאַטע, ער אַליין האָט געמאַכט די פאַר־צוימונג פאַר די בהמות און האַרבסט־צייט איבערגעפירט דאָס פרעמדלענדישע, זיך האָרבענדיקע ווייב אויף דער נייער באַלעבאַ־טישקייט. ער איז מיט איר נאָכגעגאַנגען נאָך דער אַרבע* מיט זיין פאַרמעגן: — קליין און גרויס איז אַרויס אויף דער גאַס פון כוטאָר. די קאָזאַקן האָבן שטיל געשמייכלט און די בערד אַריין, די ווייבער האָבן אויפן קול הויך באַוואונדערט, אַ האָרמע ברודיקע קינדער האָט פּראָקאָפין באַגלייט מיט אַ פייפעריי, נאָר ער איז זיך געגאַנגען פאַמעלעך אין זיין צעכראַסטעטן טשעקמען**, ווי נאָך זיין אַקער אין פעלד, מיטן ווייבס הענטל פאַרדריקט אין זיין שוואַרצער האַנט, דעם העל־באַטשופרינטן קאָפּ שטאָלץ פאַרריסן אַרויף — בלויז די מוסקולן אונטער זיינע באַקנביינער האָבן נער־וועז געציטערט. און צווישן זיינע ברעמען, שטיינערנע פון שטענ־דיקער אומבאַוועגלעכקייט, איז אַ שווייס אַרויסגעטרעטן.

פון דעמאָלט אָן האָט מען אים זעלטן געזען אין כוטאָר, ער פלעגט אויך נישט קומען אויפן מיידאַן***. ער האָט געלעבט אָפּגע־זונדערט ווי אַ וואָלף אין זיין כאַטע ביים דאָן. אין כוטאָר האָבן זיך אַרומגעטראָגן אויסטערלישע מעשיות וועגן אים. די יינגלעך, וואָס פאַשען די קעלבער אויף דער לאָנקע, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי פּראָקאָפּי האָט אין די פאַרנאַכטן, ווען דער הימל ווערט טונקל, געטראָגן זיין ווייב אויף די הענט אַזש ביזן טאָטערישן בערגל. ער פלעגט זי דאָרט אַוועקזעצן אויפן שפּיץ בערגל מיטן רוקן צום שטיין, דעם געלעכערטן ווי אַ שוואָם דורך די יאָרהונדערטער, אַליין זיך געזעצט לעבן איר, און אַזוי האָבן זיי ביידע לאַנג געקוקט איבערן סטעפּ. געקוקט ביז דער הימל האָט אַלע זיינע פאַרבן פאַרלאָשן, און דעמאָלט האָט פּראָקאָפּי

* צווייירעדערדיקער וואָגן.

** קאָזאַקישער קאַפּטן.

*** אַ פּלאַץ, וואו עס קומען פאָר די פאַרזאַמלונגען פון כוטאָר.

DETROIT MICH

דאָס ווייב אין זיין זיפּון איינגעהילט און אויף די הענט זי אַהיים גע־טראָגן. אין כוטאָר זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די פאַרשידנסטע השערות: מען האָט זיך באַמיט אויסצוטייטשן דידאָזיקע אויסטער־לישע אויפפירונג. די ווייבער האָבן אַזוי פיל געגאָדערט, אַז ס'איז זיי אפילו נישט געבליבן קיין צייט זיך אין די קעפּ אַ זוך צו טון. וועגן פּראָקאָפּיס ווייב האָט מען גערעדט פאַרשידן: טייל האָבן פאַרזיכערט, אַז מען האָט נאָך אַזאַ שיינהייט נישט געזען, אַנדע־רע ווידער — פאַרקערט. אַלץ איז אויפגעקלערט געוואָרן נאָכדעם ווי די גרעסטע העזהניצע פון אַלע ווייבער אין כוטאָר, די זעלנער־קע מאַווראַ, איז צו פּראָקאָפּיען כלומרשט נאָך אַ ביסל פרישער ראָשטשינע אַריינגעלאָפן. פּראָקאָפּי איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער נאָך דער ראָשטשיניע, און מאַווראַ האָט דערווייל געזען, אַז פּראָקאָפּיס ווייב איז אַזאַ כאַרזעעניש, אַז ס'איז פאַר איר מיאוס אַ שטיקל ברויט אויפצועסן...

אַ ביסל שפּעטער האָט די פאַררייטלטע מאַווראַ, מיט אַ פאַרפאַרענער פאַטשיילע אויפן קאָפּ, איינגעטענהט צווישן אַ רעדל ווייבער אין געסל:

— און וואָס האָט ער אַזוינס, קרוינעלעך מיינע, געזען אין איר? וואָלט דאָס כאָטש געווען אַ נקבה, ווי עס געהערט צו זיין, און דאָ... נישט קיין הינטן, נישט קיין פאָרנט... אַ חרפּה און אַ בושה. זענען שוין אונזערע מיידלעך אַ סך גלאַטיקערע. אין דער טאַליע — אַזוי דין, ווי אַ בין, איבעררייסן קאָן מען זי; אויגענעס — שוואַרצע, גרויסע, קוקט זי מיט זיי, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי אַ שדיכע. ריכט זיך שוין אפנים אין בעט אַריין.

— אין בעט אַריין? — האָבן די ווייבער זיך געוואונדערט.

— מסתמא נישט קיין נעבעכל, וועט אַליין אַ גאַנצן דריילינג אויסניאַנטשען.

— און אויפן פּנים ווי אַזוי?

— אויפן פּנים? געל. די אויגן מאַט, — נישט גוט, מוז זיין, צווישן פרעמדע מענטשן צו לעבן. און צי ווייסט איר, ווייבעלעך, אין וואָס זי גייט אָנגעטון?... אין פּראָקאָפּיעפס שאַראָוואַרן.

— אַ־ז־וי ?... — האָבן די ווייבער אַלע אינאיינעם דערשראָקן אַרויסגעקרעכצט.

— איך האָב אַליין געזען — אין שאַראָווארן, נאָר אָן ליאַמפּאַסן. זי איז, אַוודאי, אין זײַנע וואָכעדיקע אַרײַנגעקראָכן. זי גייט אָנ־געטאָן אין אַ לאַנג העמד, און פון אונטערן העמד אַפּער — די שאַראָווארן אין די זאָקן אַרײַנגעמאַכט. ווען איך האָב דאָס דער־זען, איז מיר דאָס האַרץ אַנטפאַלן...

שושקענדיק האָט מען זיך איבערגעגעבן אין כוטאָר, אַז פּראָקאָפיעפס ווייב פאַרנעמט זיך מיט כישוף. אַסטאַכאָווס שנור (די אַסטאַכאָווס האָבן געוואוינט אין שכנות מיט די פּראָ־קאָפיעפס) האָט זיך געשוואוירן, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי פּראָקאָפיעפס ווייב האָט אויף מאָרגן נאָכן יום־טוב פון דער דריי־אייניקייט, אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, באָרוועס געמאָלקן אַ קו אין זייער פאַרצוימונג פאַר די בהמות. באַלד נאָכדעם איז דער אייטער ביי די קו איינגעטרוקנט געוואָרן אַזוי קליין ווי אַ קינדעריש פויסטל, זי האָט פאַרלוירן די מילך און איז בקרוב געפּגרט.

דאָס יאָר האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מגפה צווישן די בהמות. אויפן זאַמדיקן ברעג ביים דאָן, וואוהין די בהמות פלעגן קומען טרינקען, האָבן טאָג־טעגלעך זיך געוואַלגערט די פּגרים פון די געפאַלענע קי און קעלבער. די מגפה האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף די פערד. די פערדישע טאַבונען, וואָס האָבן פריי זיך געפאַ־שעט אויף די לאָנקעס פון דער סטאַניצע, זענען צוזעענדיק איינ־געגאַנגען. און דעמאָלט האָט דאָס בייזע רכילות זיך צעטראָגן איבער אַלע גאַסן און געסלעך...

פון דער כוטאָר־פאַרזאַמלונג זענען די קאָזאַקן געקומען צו פּראָקאָפיען.

דער באַלעבאָס איז אַרויסגעקומען אויפן גאַנעק, זיך פאַרנייגט.

— וואָס ווינטשט איר גוטס, חשובע לייט עלטסטע ?

דער עולם האָט שטום־שווייגנדיק זיך דערנענטערט צום גאַנעק. ענדלעך האָט איין בגלופינדיקער אַלטער דער ערשטער אויסגעשריגן :

— שלעפּ אַרויס די מכשפה דײַנע! מיר ווילן אַ משפּט דורכפירן!...

פּראָקאָפּי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין שטוב אַרײַן, נאָר מען האָט אים אין הויז דעריאָגט. אַ הויכער אַרטילעריסט, מיטן צונאָמען — ליושניאַ, האָט געקלאַפּט מיט פּראָקאָפּיעס קאָפּ אָן דער וואַנט און כסדר איבערגעחזרט:

— טומל נישט, טומל נישט, מיר מיינען נישט דיך!... דיר וועלן מיר גאָרנישט טון, דײַן ווײַב בלויז באַגראָבן. גלײַכער זי פּאַרטיליקן, איידער דער גאַנצער כוטאָר זאָל אָן בהמות אומקומען. און דו יעלהווע נישט, וואָרים איך וועל מיט דײַן קאָפּ די וואַנט צעהאַקן!

— שלעפּ זי אַרויס, די צויג!... האָט מען געפילדערט פאַרן גאַנעק. פּראָקאָפּיס אַ חבר פון פּולק האָט אײַנגע־פלאָנטערט די האַנט אין די האָר פון דער טערקין, מיט דער צווייטער האַנט איר פאַרשטופּט דאָס שרײַענדיקע מויל, לויפנדיק זי אַרויסגעשלעפּט פון הויז און אַ וואָרף געטון צו די פיס פון המון. אַ דינער קוויטש האָט דורכגעבויערט דאָס ברומען פון די קולות. פּראָקאָפּי האָט צעוואָרפן זעקס קאָזאַקן איבערן הויז און, אַרײַנפאַלנדיק אין שטוב, אַראָפּגעכאַפּט די שווערד פון דער וואַנט. די קאָזאַקן זענען געפאַלן איינער איבערן צווייטן און אַנטלאָפן פון הויז אַרויס. פאָכענדיק מיט דער פײַפנדיקער, גלאַנציקער שווערד איבערן קאָפּ, איז פּראָקאָפּי אַראָפּגעלאָפן פון גאַנעק. דער המון האָט אַ ציטער־געטון און זיך צעשפּרייט איבערן הויף.

בײַם שײַער האָט פּראָקאָפּי דעריאָגט דעם שווער־לויפנדיקן אַרטילעריסט ליושניאַ און קרימלעך איבערן לינקן אַקסל אים דורכגע־האַקט מיט דער שווערד ביזן גאַרטל. די קאָזאַקן האָבן געבראָכן די שטאַכעטן פון פּאַרקן און אַנטלאָפן אין סטעפּ אַרײַן דורכן שײַער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער המון געוואָרן דרייס־טער און אָנגעהויבן זיך צורוקן צום הויף. צוויי אויסשפּירער זענען פאָרזיכטיק אַרײַנגעגאַנגען אין הויז. אויף דער שוועל פון דער קיך איז געלעגן פּראָקאָפּיעס ווײַב אַ בלוטנדיקע, איר קאָפּ איז פאַר־

ריסן געוועז אומגעלומפערט. צווישן די פיינלעך פּאַרקריצטע צײַן האָט זיך געפּלאָנטערט די צעביסענע צונג. פּראָקאָפּי האָט מיט אַ טרייסלענדיקן קאָפּ און שטאַרן בליק געטוליעט אין שעפּסענעם פּעלץ אַ גליטשיק־רויט און פּישטשענדיק ברעקעלע — אַ פּריצייטיק געבוירן קינד.

פּראָקאָפּיעפס ווייב איז געשטאָרבן דעם זעלבן טאָג אין אָוונט. דאָס פּריצייטיק־געבוירענע קינד האָט אויס רחמנות צוגע־נומען די באָבע, פּראָקאָפּיעפס מוטער.

מען האָט עס אַרומגעלייגט מיט געפּאַרעטע קלייען, געפּאָ־יעט מיט קאָבילע־מילך, און אין אַ חודש אַרום, ווען מען איז שוין זיכער געווען, אַז דאָס ברוין־הויטיקע טערקל וועט זיך דערהאַלטן, האָט מען עס אָװעקגעטראָגן אין צערקווע אַריין און אָפּגעטויפט. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן נאָכן זיידן פּאַנטעלעי. פּראָקאָפּי איז צוריקגעקומען פון קאַטאָרגע אין צוועלף יאָר אַרום. די צוגע־שוירענע געלע באָרד, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גרוי ווערן, און די רוסישע קליידונג — האָבן אים צוגעגעבן דעם אָנבליק פון אַ פרעמדן, נישט ענלעכן צו אַ קאָזאַק. ער האָט גענומען דעם זון און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער באַלעבאַטישקייט.

פּאַנטעלעי איז אויסגעוואַקסן אַ טונקל־ברוינער, אַן אָנגע־כמורעטער. ער איז מיטן פּנים און דער נעטער פיגור ענלעך געווען צו דער מוטער.

פּראָקאָפּי האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַ קאָזאַטשקע — אַ שכנס אַ טאָכטער. פון דעמאָלט אָן האָט דאָס טערקישע בלוט זיך אָנגעהויבן קרייצן מיטן קאָזאַקישן. אין כוטאָר האָבן זיך אָנ־געהויבן באַװייזן די מעליעכאָװס, די וואונדערלעך־שיינע קאָזאַקן מיט די אָדלער־נעז, מיטן צונאָמען — די טערקן.

נאָכדעם ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן האָט פּאַנטעלעי זיך אַ נעם געטון צו דער באַלעבאַטישקייט: אַרויפגעצויגן אַ נייעם דאַך אויפן הויז, פאַרגרעסערט די נחלה מיט אַ האַלבן דיעסיאַטין ערד, אויפגעשטעלט נייע שפּייכלערס און אַ שייער

מיט אַ בלעכענעם דאַך. דער בלעכער האָט אויפן פאַרלאַנג פון באַלעבאָס אויסגעשוירן צוויי הענדלעך פון די געבליבענע שטיקלעך בלעך און זיי אַרויפגעשטעלט אויפן דאַך פון שייער. זיי האָבן אויפגעהייטערט דעם מעלעכאָווער הויף מיט זייער זאָרגלאָז אויסזען, צוגעבנדיק אים אַן אָנבליק פון צופרידנהייט און פאַרמעגלעכקייט.

די יאָרן זענען געגאַנגען, און פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך געעלטערט: ער איז זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, אַ ביסל געהאָרבעט געוואָרן, אָבער נאָך אַלץ אויסגעזען, ווי אַ גענוג קרעפטיקער זקן. ער איז געווען קנאָכיק, הינקענדיק (ער האָט אין דער יוגנט צעבראָכן אַ פוס אויף אַ קייסערלעכער רעווי, בשעת די פערד-געיעגן), געטראָגן אין לינקן אויער אַ זילבערן אויעררינגל, ווי אַ האַלבע לבנה, די ראָב-שוואַרצע האָר פון זיין באָרד און קאָפּ זענען ביז דער עלטער נישט אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, אין כעס — פלעגט ער אַרייַנפאַלן אין משוגעת, און דאָס האָט, משמעות, פריצייטיק אַלט געמאַכט זיין געוואוקסיקע, שיין געוועזענע פרוי, וואָס אַצינד איז איר פנים באַדעקט געווען מיט אַ נעץ פון דינע קנייטשלעך.

דער עלטערער שוין חתונה-געהאַטער זון פּיאָטר איז אַרייַנגעראָטן אין דער מוטער: אַ קליינער, מיט אַ פאַרריסענער נאָז, מיט אַ צעפּאַטלטער טשופּרינע העלע האָר, וואָס האָבן דערמאָנט די קאָליר פון ווייץ, אַ שוואַרץ-אויגיקער; און דער יינגערער, גריגאָרי, איז אַרייַנגעראָטן אין פאָטער: מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון פּיאָטערן, כאָטש מיט זעקס יאָר יינגער פון אים, האָט ער גע־האָט אויך אַזאַ לאַנגע שפּאַרבער-נאָז ווי דער פאָטער, בלוילעכע אַפּלען אין די קרימלעך-געשניטענע הייסע אויגן, און די שאַרפע רעדלעך פון זיינע באַקן-ביינער זענען איבערגעצויגן געווען מיט אַ ראָז-ברוינלעכער הויט. גריגאָרי האָט זיך אויך אַזוי געהאָרבעט ווי דער פאָטער, אַפילו זייער שמייכל איז געווען אַן ענלעכער, אַ ביסל אַ חיהשער.

דוניאַשקאַ — דעם פאָטערס ליבלינג — אַ לאַנג-הענטיק,

גרויס־אויגיק מיידל, און פּיאָטערס ווייב דאַריאַ מיט אַ קליין קינד, — דאָס איז די גאַנצע משפּחה מעליעכאָוו.

II

אין אַש־גרויען פאַרטאָגיקן הימל האָבן געשימערט איינצלנע שטערן. אַ ווינט האָט געבלאָזן פון אונטער די וואָלקנס אַפּער. איבערן דאָן האָט בייכיק זיך געקנוילט אַ נעפּל, געקראָכן איבער דער שיפּוע פון קרייד־באַרג, ווי אַ גרויע אָנקעפּיקע שלאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טאָלן. דער לינקער ברעג פון דאָן, די זאַמדן, די ווילד־פאַרוואַקסענע זומפּן, דער וואַלד אין טוי פאַרטרונקען — אַלץ האָט זיך געוועקט אין מאַטן קילן ליכט פון באַגינען. די זון איז נאָך געלעגן הינטערן האָריזאָנט אַ פאַרשמאַכטע.

אין דער כאַטע פון די מעליעכאָווס האָט דער ערשטער פון שלאָף אויפגעוואַכט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. פאַרקנעפּלענדיק זיך אין גאַנג דעם קאָלנער פון געהאָפטענעם העמד, איז ער אַרויס־געגאַנגען אויפן גאַנעק. דער גראָז־באַוואַקסענער הויף איז באַדעקט געווען מיט אַ זילבערדיקן טוי. ער האָט אַרויסגעלאָזט די בהמות אויפן וועג. דאַריאַ איז אין אונטער־קלייד אַרויסגעלאָפן מעלקן די בהמות. די לידקעס פון אירע ווייסע באָרוויסע פיס זענען באַ־שפּריצט געוואָרן מיט טוי, אין גראָז איבערן הויף האָט זיך אויס־געלייגט אַ רויכיקער צעקנייטשטער שפּור פון אירע טריט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ ווײַלע זיך צוגעקוקט, ווי עס גלייכט זיך אויס דאָס גראָז, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן דורך דאַריעס פיס, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב.

אויפן אָנלען פון געעפנטן פענסטער האָט זיך געדרויטלט דאָס געטאַלענע בליעכץ פון די קערשן־ביימער אין גערטל. גריגאָרי איז געשלאָפן מיט אַ פאַרוואָרפענער האַנט, מיטן פּנים אַראָפּ

— וועסט פאָרן כאַפּן פיש, גרישקאַ?

— וואָס ווילסטו? — האָט יענער שעפּטשענדיק געפרעגט און אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט.

— לאָמיר פאָרן, צוזיצן ביז די זון וועט אויפגיין.

גריגאָרי האָט סאַפּענדיק אַראָפּגעצויגן די וואָכעדיקע שאַ־ראָוואַרן פון הענגער, זיי אַריינגעמאַכט אין די ווייסע וואָלענע זאָקן און לאַנג אָנגעטון דעם שיך, וואָס האָט זיך אים פאַרבויגן פון הינטן.

און פאַר די פיש, צום פאַרנאַרן, האָט די מאַמע עפּעס אָפּ־געקאָכט? — האָט ער הייזעריק געפרעגט, נאָכגייענדיק דעם פאָ־טער אין הויז אַריין.

— אָפּגעקאָכט. צום שיפל גיי. איך קום באַלד.

דער אַלטער האָט אַריינגעשיט אין אַ קריגל געפּאַרעטן שמעקע־דיקן קאָרן, שפּאָרזאַם צונויפגעקליבן די אַראָפּגעפאַלענע קערנער און אַוועקגעהינקט צום טייך. גריגאָרי איז, אַן אָנגעכמורעטער, געזעסן אין שיפל.

— וואוהין רודערן?

— צום שוואַרצן יאַר. מיר וועלן פּרוּוון דאָרט ביי די קוס־טעס, וואו מיר זענען אַנומלט געזעסן.

צעראַצנדיק מיטן שפּיץ די ערד, האָט דאָס שיפל אין וואַסער זיך אַ זעץ געטון און אָפּגעריסן פון ברעג. דער שטראָם האָט עס וויגנדיק אַוועקגעטראָגן און געפּרוּווט אָנדרייען מיט אַ זייט. גריגאָרי האָט נישט געררודערט, נאָר געקירעוועט.

— וואָלסט אפשר אַ פּרווו געטון רודערן.

— לאָמיר נאָר אין מיטן שטראָם אַריינקומען.

דורכשניידנדיק דעם שטראָם, האָט דאָס שיפל זיך דערנענ־טערט צום לינקן ברעג. פון כוטאָר האָט זיי דעריאָגט דאָס קרייען פון די הענער, וואָס האָט הילכיק אָפּגעקלונגען איבערן וואַסער. דאָס שיפל האָט מיטן ראַנד געצייכנט דעם שוואַרצן משופּעדיקן ברעג און זיך דערנענטערט צום קעסל־גרוב. אַ פינף קלאַפטער פון ברעג האָבן פון וואַסער זיך אַרויסגעזען די קרומע צווייגן פון פאַרטרונקענעם אולם־בוים. אַרום זיי האָט דער שטראָם גע־ווירבלט מיט גרויע שטיקער שוים.

— וויקל אויף, און איך וועל צובינדן, — האָט דער פאָטער

אַ שעפּטשע־געטון גריגאָריען און אַריינגערוקט די האַנט אין פּאַ־רעדיקן העלזל פון קריגל.

דאָס קאָרן האָט שאָרכנדיק אַ שפּריץ־געגעבן אין וואַסער אַריין, ווי ס׳וואָלט עמעצער מיט אַ האַלב קול אַ שושקע־געטון: „שיק!״ גריגאָרי האָט אָנגעשטאָכן די אָנגעקוואָלענע קערנער אויפן האַטשיק און געשמייכלט:

— כאַפּ, כאַפּ פישעלע, קליין און גרויס — כאַפּ.

די שנור פון דער נעץ, וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַסער, האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און באַלד ווידער שלאַבעריק געוואָרן, ווי נאָר דאָס זינק־בליי האָט דערגרייכט דעם גרונט. גריגאָרי האָט צוגעהאַלטן מיטן פוס דעם שטעקן פון דער ווענדקע, און באַמיִענדיק זיך נישט קיין שאָרך צו טון, אַריינגע־שטעקט די האַנט נאָכן טיטון־בייטל.

— ס׳וועט פון דעם גאָרנישט זיין, טאַטע... ס׳איז סוף חודש.

— שוועבעלעך האָסטו מיטגענומען?

— אַהאַ.

— גיב פייער.

דער אַלטער האָט פאַררייכערט, אַ קוק־געטון אויף דער זון, וואָס איז שטעקן געבליבן צווישן די שטאַמען.

— מיט קאָרפּן איז פאַרשידן. טיילמאָל כאַפּן זיי זיך אויך סוף חודש.

— ס׳דרייען זיך, דאַכט זיך, קליינע פישלעך אַרום דעם האַטשיק — האָט גריגאָרי אָפּגעזיפצט.

דאָס וואַסער אַרום דעם שיפל האָט אַ פליוך־געטון און אָפּגעפּאַלן. אַ צוויי־אַרשיניקער, רויט־קופּערדיקער קאַרפּ האָט מיט אַ קרעכץ זיך אַ שנייד־געטון אין דער הייך, אַ פּאַטש געבנדיק איבערן וואַסער מיטן אויסגעבויגענעם ווידל. אַ האָגל פון וואַסער־טראָפּנס איז געפאַלן אויפן שיפל.

— אַצינד וואַרט! — פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אָפּגעווישט די נאַסע באָרד מיטן אַרבל.

אין דער זייט פון פאַרטרונקענעם אולם-בוים זענען פון צווישן די נאַקעטע צווייגן-הענט איינצייטיק אַרויסגעשפּרונגען צוויי קאַרפּן ; דער דריטער, דער קלענסטער, האָט, דורכבויערנדיק די לופט, כסדר עקשנותדיק אַרומגעצאַפּלט איבערן יאַר.

גריגאָרי האָט אומגעדולדיק געקייעט דאָס צעווייקטע שטיקל פּאַפּיראָס אין מויל. די בלאַסע זון איז נאָך געזעסן נידעריק. פּאַני-טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרנוצט דאָס גאַנצע קאָרן פאַר די פיש און, אַן אומצופרידענער, מיט פאַרביסענע ליפּן טעמפּ געקוקט אויפן אומבאַוועגלעכן שפּיץ פון דער ווענטקע.

גריגאָרי האָט אויסגעשפּיגן דאָס שטיקל פּאַפּיראָס, בייז נאָכגעקוקט, ווי עס פאַלט שנעל אין וואַסער אַריין. אין האַרץ געזידלט דעם פאָטער, וואָס ער האָט אים אַזוי פרי אויפגעוועקט, נישט געלאָזט זיך אויסשלאָפן. פון אויסגע-רייכערטן טיטון אויפן ניכטערנעם מאָגן איז אין מויל געבליבן אַ שטינקענדיקער ריח פון צוגעברענטע חזיר-האָר. ער האָט זיך אָנ-געבויגן אָנצושעפּן אַ ביסל וואַסער מיט די הענט, — און דאָ האָט דער שפּיץ פון דער ווענדקע, וואָס האָט געשטאַרט אַ האַלבן אַרשין איבערן וואַסער, זיך לייכט אַ צאַפּל-געטון, גענומען בייגן אַראָפּ.

— גיב אַ צי ! — האָט דער אַלטער אַרויסגעקרעכצט.

גריגאָרי האָט אַ ציטער געטון, גענומען שלעפּן די ווענטקע, נאָר איר שפּיץ האָט זיך האַסטיק אַ טונק-געגעבן אין וואַסער, ווי דער שטראָם וואָלט אים מיט מאַכט אַראָפּגעשלעפּט, אויסבייגנ-דיק ווי אַ רייף דעם רויטלעכן שטעקן אין זיין האַנט.

— האַלט ! — האָט דער אַלטער געקרעכצט, אָפּשטופּנדיק דאָס שיפל פון ברעג.

גריגאָרי האָט זיך באַמיט אויפצוהייבן די ווענטקע און נישט געקאָנט. איר דיק שטריקל האָט מיט אַ טרוקענעם טשמאָקע גע-פּלאַצט. גריגאָרי האָט זיך אַ וואַקל-געטון, פאַרלירנדיק די גלייכ-געוויכט.

— אַך, דו בוהיי! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש גע־בורטשעט, נישט אַריינטרעפנדיק מיטן שפּיץ פון האַטשיק אין לעכל פון דער ווענטקע.

גריגאָרי האָט נערוועז געשמייכלט, אָנגעבונדן אַ נייע ווענד־קע און זי פאַרוואָרפן.

ווי נאָר דאָס בלייערל האָט דערגרייכט דעם גרונט, האָט דער שפּיץ פון שטעקן זיך אַ בייג־געטון.

— ביסט דאָ, טייוול!... — האָט גריגאָרי אַ בורטשע־געטון, אָפּ־רייסנדיק מיט שווערקייט פון גרונט דעם פיש, וואָס האָט זיך אַ וואָרף־געטון אין דער זייט פון שטראָם.

דאָס שטריקל האָט מיט אַ שאַרף זשוזשען דורכגעשניטן דאָס וואַסער און קרימלעך אויפגעהויבן דאָס גרינלעכע טוך פון טייך. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיט די קורצע קלעצלדיקע פינגער אַרומגענומען דאָס אויער פון דער שעפּ.

— פיר אים אַרויס אויפן וואַסער; האַלט אים, וואָרים ער וועט מיט דער זעג* אַ זעץ טון!

— וואָס נאָך!

אַ גרויסער געלבלעך־רויטער קאַרפּ האָט זיך אַ גליטש־געטון איבער דער אויבערפלאַך, אויפשוימענדיק דאָס וואַסער; ער האָט אָנגעבויגן דעם טעמפּן קאָפּ און צוריק אין דער טיף אַריין זיך אַ וואָרף־געטון.

— אָבער ער שלעפּט שוין איינמאָל, די האַנט איז מיר אַזש אָפּגעשטאַנען... ניין, וואַרט־צו, ברידערל!

— האַלט, גרישקאַ!

— איך האַ־אַ־לט!

— גיב אַכטונג, לאָז אים אונטערן שיפל נישט אַרונטער!... גיב אַכטונג!

גריגאָרי האָט מיט אָנשטרענגונג צום שיפל צוגעפירט דעם קאַרפּ, וואָס איז געלעגן אויף אַ זייט. דער אַלטער האָט זיך שוין

---

* מיטן געציינדלטן פיסק.

אָנגעבויגן מיט דער שעפּ, נאָר דער קאַרפּ האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע כּוחות און ווידער זיך אַ וואָרף־געטאָן אין דער טיף אַריין.

— דעם קאָפּ הייב אים אונטער! זאָל ער אַ ביסל ווינט אַראָפּשלינגען, וועט ער רויִקער ווערן.

גריגאָרי האָט אַרויסגעשלעפּט דעם פאַרמאַטערטן קאַרפּ און ווידער אים צוגעצויגן צום שיפל. דער קאַרפּ האָט געגענעצט מיט אַ ברייט־געעפנט מויל, זיך אָנגעקלאַפּט מיט דער נאָז אָן ראַנד פון שיפל און געשימערט מיטן באַוועגלעכן אָראַנזש־גאָלד פון זיינע פלוספעדערן.

— שוין גענוג מלחמה געהאַלטן! — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ ברום־געטאָן, אַריינוואַרפנדיק אים אין דער שעפּ.

זיי זענען נאָך געזעסן אַן ערך אַ האַלבע שעה. דאָס וואַרפן זיך פון קאַרפּ האָט אויפגעהערט.

— לאָמיר פאָרן, גרישקאַ. מיר האָבן שוין, משמעות, געכאַפּט דעם לעצטן, נישטאָ מער אויף וואָס צו וואַרטן.

גריגאָרי האָט זיך אָפּגעשטופּט פון ברעג. זיי זענען אָפּגעפאָרן האַלב וועג. לויטן פאָטערס פּנים האָט גריגאָרי געזען, אַז ער וויל אים עפּעס זאָגן, נאָר דער אַלטער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף די צעוואָרפענע כאַטעס פון כוטאָר אונטערן באַרג.

— דו ווייסט וואָס, גריגאָרי... — האָט ער נישט דרייסט אָנגעהויבן, אַרויסלאָזנדיק פון די הענט די בענדלעך פון זעקל, וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס, — איך באַמערק, אַז דו האָסט עפּעס צו טון מיט אַקסיניאַ אַסטאַכאָוואַ...

גריגאָרי איז שטאַרק רויט געוואָרן און זיך אַוועקגעדרייט. דער קאָלנער פון העמד האָט זיך איינגעשניטן אין זיין מוסקולירטן, פון דער זון פאַרברענטן האַלז און אָפּגעדריקט אַ ווייס פּאַסיקל אויף אים.

— דו געדענק, חברה־מאַן, — האָט דער אַלטער שוין האַרט און בייז אַ זאָג־געטאָן, — איך וועל מיט דיר אָנהייבן אַנדערש רעדן. סטיעפּאַן איז אונזער שכן, איך וועל נישט דערלאָזן זיין ווייב דעם קאָפּ פאַרדרייען. דאָ קאָן דערגיין צו אַ זינד, און איך

בין דיך פאָרויס מתרה: כ׳וועל עפּעס באַמערקן, וועל איך דיך ממיתן!

פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש האָט פאַרדריקט די פינגער אין אַ האַרטער פויסט און מיט מרוזשענדיקע בולטע אויגן זיך צוגע־קוקט, ווי דעם זון אַנטלויפט דאָס בלוט פון פּנים.

— וואָס מענטשן רעדן דאָרט! — האָט גריגאָרי דומפּ אַ בורטשע־געטון און גלייך גענומען קוקן דעם פאָטער אין דער געהאָרבעטער נאָז אַריין.

— דו שווייג בעסער.

— ווייניק וואָס מענטשן רעדן אַלץ...

— האַלט ס׳מויל, צויגן־זון!

גריגאָרי האָט זיך אַ נעם געטון צום רודער. דאָס שיפל האָט אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען. דאָס וואַסער האָט אין פליוש־קענדיקע כוואַליעס זיך צעטאַנצט און צעזונגען הינטער דער רופּע פון שיפל.

ביידע האָבן שוין די גאַנצע צייט געשוויגן. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום ברעג, האָט דער פאָטער ווידעראַמאָל געזאָגט:

— געדענק־זשע, פאַרגעס נישט, פון היינט אָן מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צו די אַלע פאַרווײַלונגען. דיין פוס זאָל פון הויז נישט אַרויסטרעטן. אַזוי, אַזוי!

גריגאָרי האָט געשוויגן. ער האָט בלויז געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט דאָס שיפל אָנגעבונדן:

— דעם פיש אַוועקגעבן די ווייבער.

— טראָג אַוועק און פאַרקויף אים די סוחרים, — איז דער אַלטער ווייכער געוואָרן, — וועסטו האָבן אויף טיטון.

גריגאָרי איז נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער, בייסנדיק די ליפּן. „פרווו נאָר, טאַטע, דו מעגסט מיך אַפילו בינדן, וועל איך אויך היינט גיין אויף דער פאַרווײַלונג", — האָט ער געטראַכט, בייז דורכשטעכנדיק דעם פאָטערס קאַרק מיט די אויגן.

אינדערהיים האָט גריגאָרי טיכטיק אָפּגעוואַשן דאָס פאַר טרוקנטע זאַמד פון קאַרפּס שיפּן, דורכגענומען אַ שטעקעלע דורך

זיינע זשאַברעס. אין טויער האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין פריינט מישקאַ קאָרשונאָוו, וואָס איז געווען מיט אים אין די זעלבע יאָרן. מישקאַ איז געגאַנגען, זיך שפּילנדיק מיטן שפּיץ פון זיין זיל-בער-באַשלאָגענעם פּאַסיק. פון די שמאָלינקע שפּעלטלעך האָבן געל זיך געבוימלט זיינע קיילעכיקע עזותדיקע אויגן. די אַפּלען — זענען קעציש, ווערטיקאַלע, דערפון איז מיטיעס בליק אַזאַ פליסיקער, אומבאַגרייפלעכער.

— וואוהין גייסטו דאָס מיט דעם פיש?

— היינט געכאַפּט. צו די סוחרים טראָג איך אים.

— צו די מאָכאָווס?

— יאָ.

מישקאַ האָט אויפן אויג אָפּגעוואויגן דעם קאַרפּ.

— אַ פּופּצן פונט וועט ער האָבן?

— מיט אַ האַלבן. כ'האָב אים אויפן קאַנטער געוואויגן.

— נעם מיך מיט, וועל איך דיר העלפן זיך דינגען.

— קום.

— און מאָהאָריטש?*

— מיר וועלן דורכקומען. צוואָס אומזיסט טענהען.

איבער די גאַסן האָט זיך צעשיט דער עולם, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער מיטאָג-תפילה.

איבערן וועג זענען אין אַ רייע געגאַנגען די דריי ברידער, וועלכע מען האָט גערופן די שאַמילס.

דער עלטסטער, אַלעקסיי, וועלכן ס'האָט געפעלט אַ האַנט, איז געגאַנגען אין מיטן. דער שטייפער קאָלנער פון מונדיר האָט אונטערגעהאַלטן זיין אָדערדיקן האַלז, דאָס שיטער-געקרויזטע, קלינאַרטיקע בערדל איז פאַרריסן געווען אין אַ זייט, דאָס לינקע אויג האָט נערוועז געציטערט; מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָט אויפן שיס-פּלאַץ אויפגעריסן אַ ביקס אין אַלעקסייס האַנט, אַ שטיקל

* מעקלעריי.

שלאָס האָט אים פאַרשענדט אַ באַק. פון דעמאָלט אָן האָלט דאָס אויג אין איין ציטערן; אַ בלויער שראַם האָט דורכגעאַקערט די באַק און זיך איינגעגראָבן אין זיין האָר-קוטשמע. די לינקע האַנט איז ביי אים אָפּגעריסן ביזן עלנבויגן, נאָר אַלעקסיי קאָן אויך מיט איין האַנט זיך קונציק פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָסל: ער דריקט-צו דעם טיטון-ביטל צו דער בולטער ברוסט, רייסט אָפּ דאָס נייטיקע שטיקל פּאַפּיר מיט די ציין, מאַכט אַ ראָוועקל, שיט אָן טיטון און פאַרדרייט, פלינק באַוועגנדיק מיט די פינגער. מען באַווייזט זיך נישט אומצוקוקן, און אַלעקסיי קייעט שוין דאָס פאַרטיקע פּאַפּיראָסל, בלינצלט מיטן אויג און בעט פייער. כאָטש אָן אַ האַנט, איז ער דאָך געווען דער ערשטער פויסט-שלעגער אין כוטאָר. און מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסע פויסט — לגמרי נישט; נאָר איינמאָל איז ער בייז געוואָרן אויף אַן אָקס בשעתן אַקערן, גראָד נישט געהאַט די בייטש אונטער דער האַנט, — האָט ער אים דערלאַנגט מיט דער פויסט — דער אָקס האָט זיך באַלד אַ לייג-געטון אין דער אַקער-סטעזשקע, פון זיינע אויערן האָט געגומען שטראָמען בלוט, און ער איז שיער נישט געפּגרט. די איבעריקע ברידער — מאַרטין און פּראָכאָר — זענען ענלעך געווען צו אַלעקסייען, ווי צוויי טראָפּן וואַסער. אויך אַזעלכע נידעריק געוואַקסענע, קרעמפּע ווי דעמבעס, נאָר מיט ביידע הענט.

גריגאָרי האָט זיך באַגריסט מיט די שאַמילס. מיטקאַ איז דורכגעגאַנגען אַזוי שנעל אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ, אַז די ביינער פון זיין האַלז האָבן אַ קנאַק-געטון. אַליאָשקאַ האָט אין די קאַר-נאַוואַל-טעג אין אַ פויסט-קאַמף נישט געשוינט מיטיאַס יונגע ציין, בלויז מיט דער לינקער האַנט אַ פּאַך-געטון, און מיטקאַ האָט באַלד אויסגעשפּיגן צוויי באַק-ציין אויפן בלויעלעכן שניי, וואָס איז פון די געקאָוועטע אָפּצאַסן צעראַצט געווען.

צוקומענדיק צו זיי, האָט אַלעקסיי אַ פינף מאָל אַ בלינצל-געטון מיטן אויג.

— פאַרקויף דאָס קלאַץ.

— נו קויף.

— וויפיל ווילסטו?

— אַ פּאָר אָקסן מיטן ווייב אַלס צולאָג.

פאַרזשמורענדיק די אויגן, האָט אַלעקסיי שנעל אָנגעהויבן באַוועגן מיטן אָפּגעהאַקטן שטיקל האַנט.

— אַך, דו שוטה איינער!... אָ־כאַ־כאַ, דאָס ווייב... און אפשר דעם צוואוקס אויך?

— דאָס לאָז איבער פאַר דיר צום האָדעווען, די שאַמילס קאָנען נאָך אויסשטאַרבן, — האָט גריגאָרי די ציין אַ שטשירע־געטון.

אויפן פּלאַץ פאַרן צערקווע־פאַרקן האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם. דער צערקווע־אויפזעער, שטייענדיק אין מיטן, האָט גע־האַלטן אַ גאָנער איבערן קאָפּ און אויסגעשריגן: „אַ האַלבער רובל! צום דריטן מאָל. ווער גיט מער?“

דער גאָנער האָט געדרייט מיטן האַלז, מיט פאַראַכטונג געזשמורעט די טורקוס־אויגן.

נישט ווייט האָט אַ גרויער אַלטיטשקער מיט אָנגעהאָנגענע קרייצן און מעדאַלן אויף דער ברוסט זיך צוגעהאָלפן מיט די הענט אין אַ רעדל.

— אַהאַ, אונזער זיידע גרישקאַ האָט שוין אָנגעהויבן וועגן דער טערקישער מלחמה דערציילן. איר — גייט הערן?

— בשעת מיר וועלן הערן, וועט דערווייל דער קאַרפּ אָנהייבן שטינקען און געשוואָלן ווערן.

— געשוואָלן ווערן, וועט ער מער וועגן, בעסער פאַר אונז.

אויפן פּלאַץ נאָך דער שאָפּע פון די פייערלעשער, וואו עס שטייען די צעלעכצטע פעסער מיט די צעבראָכענע האָלאָבליעס, גריגט זיך דער דאַך פון מאָכאָווס הויז. דורכגייענדיק פאַרביי דער שאָפּע, האָט גריגאָרי אַ שפּיי געטון און זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז. פון אונטער אַ פעסל, פאַרקנעפּלענדיק זיך די שאַראָוואַרן, — מיטן פאַסיק אין מויל, — איז אַפערגעקראָכן אַן אַלטיטשקער.

— שיער אין די הויזן אָנגעמאַכט, האַ? — האָט מיטקאַ זיך געוויצלט.

דער אַלטער האָט פאַרקנעפּלט דאָס לעצטע קנעפּל און אַרויסגענומען דעם פּאַסיק פון מויל.

— און וואָס גייט עס דיך אָן?

— מ'וואָלט דיר געדאַרפט די נאָז אַריינשטעקן! מיט דער באָרד אויסווישן! מיט דער באָרד! אַז די אַלטע דיינע זאָל דיך אין אַ וואָך צייט נישט קאָנען דערוואַשן.

— איך וועל דיר, נבלה, ווייזן אַן אַריינשטעקן! — האָט דער אַלטער זיך באַליידיקט.

מיטקאַ איז שטיין געבליבן, זשמורענדיק די קעצישע אויגן, ווי קעגן דער זון.

— זעט נאָר דעם פּריץ!

— טראָג דיך אָפּ, הינטישער זון! וואָס האָסטו דיך ווי צו אַ צויג צוגעטשעפּעט? וואָרים כ'וועל דיר מיטן פּאַסיק דערלאַנגען!

גריגאָרי איז לאַכנדיק צוגעגאַנגען צום גאַנעק פון מאָכאָווס הויז, וואָס זיינע סלופּעס זענען באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן אָרנאַמענט פון ווילדע ווייַנטרויבן. דער גאַנעק האָט זיך פויל געהילט אין געפלעקטן שאָטן.

— זע, מיטרי, ווי מענטשן לעבן...

— אַפילו די קליאַמקע איז אַ געגילטע, — מיטקאַ האָט געעפנט די טיר פון דער טעראַסע — האָ־האָ! דעם אַלטיטשקן וואָלט מען געדאַרפט דאָ אַריינפירן...

— ווער איז דאָרט? — האָט מען זיך אָנגערופן פון דער טעראַסע.

גריגאָרי איז נישט דרייסט אַריינגעגאַנגען דער ערשטער. דער ווייַדל פון קאָרפּ האָט געקערט איבערן געמאָלענעם דיל.

— צו וועמען דאַרפט איר?

אַ מיידל — אין אַ געפלאָכטענער וויג־שטול. אין איר האַנט — אַ טעלערל מיט רויטע יאַגדעס. גריגאָרי האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן רויטלעכן הערצל פון אירע פולע ליפּן, וואָס האָבן אַרומגעהאַלטן אַ יאַגדעלע. דאָס מיידל האָט זיי באַטראַכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מיטקאַ איז אַרויסגעטרעטן צוהילף גריגאָריען. ער האָט אַ הוסט געטון.

— איר וועט אפשר קויפן פיש?

— פיש? כ׳וועל אייך באַלד זאָגן.

זי האָט אויפשטייענדיק צעוויגט די שטול, — גענומען שלייכן אין די געהאָפטענע לעטשלעך אויף די באָרוויסע פיס. די זון האָט דורכגעלויכטן איר ווייס קלייד, און מיטקאַ האָט געזען די שאָטנהאַפטע קאָנטורן פון אירע קרעפטיקע פיס און די ברייט-צעכוואַליעטע שפיצן פון איר אונטערקלייד. ער האָט באַוואונ-דערט די אַטלאַס-ווייסקייט פון אירע נאַקעטע לידקעס, בלויז די הויט אויף די קיילעכיקע פיענטעס האָט מילכיק-געל געפינקלט.

מיטקאַ האָט אַ שטופּ געטון גריגאָריען.

— זע נאָר, גרישקאַ, דאָס אונטערקלייד... ווי דורך גלאָז זעט מען אַלץ דורך.

דאָס מיידל איז צוריקגעקומען דורך דער טיר פון קאָרידאָר און זיך ווייך אַוועקגעזעצט אויפן פאָטעל.

— גייט אַריין אין קיך.

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען אין הויז אויף די שפּיץ-פינגער. מיטקאַ האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס און זיך פאַרקוקט אויפן ווייסן פאָדעם פון שרונט, וואָס האָט צעטיילט די האָר אויף איר קאָפּ אויף צוויי גאָלדיקע האַלבקרייזן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט עזותדיקע, אומרויִקע אויגן.

— איר — זענט אַ היגער?

— אַ היגער.

— וועמעס?

— קאָרשונאָווס.

— און ווי רופט מען אייך?

— מיטרי.

זי האָט אויפמערקזאַם געקוקט באַטראַכטן אירע ראָזלעכע נעגל און מיט אַ שטילער באַוועגונג אַ פאַרנעם-געטון די פיס אונ-טער זיך.

— ווער פון אייך כאַפּט די פיש?
— גריגאָרי, מיין חבר.
— און איר כאַפּט אויך?
— איך כאַפּ אויך, ווען עס פאַרגלוסט זיך מיר.
— מיט אַ ווענדקע?
— מיט אַ ווענדקע.
— איך וואָלט אויך חשק געהאַט, — האָט זי געזאָגט שוויַיגנ־דיק אַ ווײַלע.
— מילא, וועט מען קאָנען פאָרן, אויב ס׳וועט זיך אייַך גלוסטן.
— ניין, טאַקע? ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?
— מען דאַרף אויפשטיין זייער פרי.
— איך וואָלט אויפגעשטאַנען, נאָר מען וועט מיך דאַרפן וועקן.
— קאָן מען וועקן... אָבער דער טאַטע?
— וואָס דער טאַטע?
מישקאַ האָט זיך צעלאַכט.
— ער זאָל אַמאָל פאַר אַ גנב נישט אָננעמען... די הינט פון דער קייט אָפּלאָזן.
— נאַרישקייטן! איך שלאָף אַליין אין ווינקלדיקן צימער. אָט איז דאָס פענסטער. — זי האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער. — אויב איר וועט קומען נאָך מיר — קלאַפּט אָן אין דעם פענסטער, וועל איך גלייך אויפשטיין.
פון קיך האָט זיך דערהערט דאָס נישט דרייסטע רעדן פון גריגאָריען, וואָס איז אַלעמאָל איבערגעשלאָגן געוואָרן פון געדיכטן בוימלדיקן קול פון דער קעכין.
מיטקאַ האָט זיך געשפּילט מיטן טונקעלן זילבער פון זיין קאָזאַקישן פאַסיק און געשוויגן.
— איר זענט שוין אַ באַווייבטער? — האָט דאָס מיידל גע־פרעגט מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכעלע.
— וואָס איז דען?
— סתם אַזוי, כ׳בין טשעקאַווע.

— ניין, אַ בחור נאָך.

מיטקאַ איז פּלוצלינג רויט געוואָרן, און זי האָט ווייטער געפרעגט מיטן זעלבן שמייכעלע, שפּילנדיק זיך מיטן צווייגל, פון וועלכן ס'האָבן זיך אַראָפּגעשיט די יאַגדעס אויפן דיל.

— וואָס־זשע, מיטיאַ, די מיידלעך האָבן אייך ליב?

— טייל יאָ, טייל נישט.

— פאַרוואָס־זשע, זאָגט מיר, האָט איר אַזעלכע אויגן ווי אַ קאַץ?

— ווי... אַ קאַץ? — מיטקאַ האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

— יאָ, טאַקע קעצישע.

— דאָס איז, מסתמא, פון דער מאַמען... איך ווייס דאָ גאָרנישט.

— און פאַרוואָס־זשע, מיטיאַ, מאַכט מען אייך נישט חתונה?

מיטיאַ האָט באַהערשט די מאָמענטאַלע פאַרלעגנהייט און אַ פינקל געטון מיט זיינע געלע אויגן, פילנדיק אַ פאַרבאָרגענעם חוזק אין אירע רייד.

— די כּלה איז נאָך נישט אויפגעוואַקסן.

זי האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען, רויט געוואָרן און אויפגעשטאַנען פון דער שטול.

אויפן גאַנעק האָבן זיך דערהערט טריט פון דער גאַס. איר קורצער, עזותדיקער שמייכל האָט אָפּגעבריט מיטקען, ווי מיט קראָפּיווע. דער באַלעבאָס, סערגיי פּלאַטאָנאָוויטש מאָכאָוו, האָט ווייך געשאָרכט מיט זיינע לויזע שעכענע שטעק־לאַטשן, חשיבותדיק דורכגעטראָגן זיין פולן קערפּער פאַרביי דעם אָפּטרעטנדיקן מיטקען:

— צו מיר? — האָט ער דורכגייענדיק געפרעגט און נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— דאָס האָבן זיי, פּאַפּאַ, דעם פיש געבראַכט.

גריגאָרי איז אַרויסגעקומען מיט ליידיקע הענט.

III

גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט פון דער פאַרווייַלונג נאָכן ערשטן קרייען פון די הענער. אין הויז האָט אַן אָטעם־געטון אויף אים מיט אַ ריח פון זויערער ראָשטשיניע און געטרוקנטע האַרבע פעלד־קרייטעכ־

צער. ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב אויף די שפּיץ פינגער, זיך אויס־געטון, פאָרזיכטיק אויפגעהאַנגען די יום־טובדיקע שאַראַוואַרן מיט די ליאַמפּאַסן, זיך איבערגעצלמט און געלייגט שלאָפן. אויפן דיל איז געלעגן אַ גאָלדענער דרימל פון לבנה־ליכט, דורכגעקרייצט צוליב דער רעם פון פענסטער. אין ווינקל, אונטער די געהאָפטע־נע האַנטיכער, האָט געשימערט דער טונקעלער גלאַנץ פון די גע־זילבערטע איקאָנעס. איבערן בעט האָט זיך געטראָגן דאָס מאָנאָ־טאָנע זשומען פון די אויפגערודערטע פליגן.

ער האָט שוין געהאַלטן אין איינדרימלען, ווען אין קיך האָט זיך צעוויינט דעם ברודערס קינד.

ווי אַ נישט געשמירטע אַרבע האָט אָנגעהויבן סקריפּען דאָס וויגל. דאַריע האָט מיט אַ שלעפעריק קול געמירמלט:

— שווייג, וויסטעניש! נישט דו לאָזט אַן אויג צו־טון, נישט אַ רגע אָפּרוען. — זי האָט שטיל אָנגעהויבן זינגען:

קאַלאַדאַ-דודאַ,
וואו ביסטו געוועזן?
די פערד מיט עסן צוגעזען.
און וואָס האָסטו דערפאַר געהאַט?
אַ פערד, ווי סאַמעט ברוין און גלאַט
דערצו אַ זילבערן געשפאַן...

גריגאָרי האָט זיך דערמאַנט, איינשלאָפנדיק ביים רעגלמע־סיקן סקריפּען פון וויגל: „מאָרגן דאַרף דאָך פּיאָטר אַוועקגיין אין לאַגער אַריין, וועט בלייבן דאַשקאַ מיטן קינד... שניידן דאָס היי וועלן מיר שוין, אַפנים, אָן אים".

ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין הייסן קישן, אָבער אין די אויערן האָט אַלץ נודנע געטריפט:

וואו-זשע איז דיין פערד?
ביי דעם טויער שטייט עס דאָרט.
וואו-זשע איז דאָס טויער?
וואַסער איז אויף יענעם אָרט...

גריגאָריען האָט אויפגעטרייסלט אַ הויך הירזשען פון אַ פערד. ער האָט לויטן קול דערקענט פּיעטראָס מיליטערישע פערד.

מיט אָפּגעשוואַכטע פינגער פון שלאָף האָט ער לאַנג זיך געפּאָרעט ביי די קנעפּלעך פון העמד, שיער נישט ווידער איינגעשלאָפן אין איינטעניקן וויגן זיך פון ליד:

וואו־זשע זענען די גענז?
אַוועק אין דעם ראָר.
און וואו איז דער ראָר?
צעטרעטן שוין לאַנג.
ווער האָט אים צעטרעטן?
די מיידלעך ביים ברעג.
וואו זענען די מיידלעך?
צו מענער אַוועק.
וואו זענען די מענער
פון ווייב און פון וויג?
די מענער־קאָזאַקן —
אַוועק אין דער קריג...

גריגאָרי האָט אַ פאַרשלאָפענער זיך דערקליבן צו דער שטאַל, אַרויסגעפירט דאָס פערד אויפן וועג. אָנגעפלויגן שפּינוועב האָט אים אַ קיצל־געטון איבערן פּנים, און זיין שלעפעריקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

איבערן דאָן לויפט אַ קרימלעכער, געכוואַליעטער, דורך קיינעם נישט באַטרעטענער, לבנהדיקער שליאַך. נידעריק טוליעט זיך דער נעפּל און הויך הענגט דער אויסגעשטערנטער הימל. ווי מיט הירזש פאַרזייעט. דאָס פערד פון הינטן שטעלט פאָרזיכטיק די טריט. דער אָראָפּגאַנג צום וואַסער איז נישט באַקוועם. פון דער צווייטער זייט ברעג דערטראָגט זיך אַ קוואַקען פון קאַטשקעס. אַ וועלס, וואָס יאָגט זיך נאָך קליינוואַרג אין זומפּיקן וואַסער ביים ברעג, האָט אַ פּלאַטער־געטון און זיך אַוועקגעלאָזט אין די ברייטע וואַסערן פון טייך.

גריגאָרי איז לאַנג געשטאַנען בײַם וואַסער. דער ברעג האָט געאָטעמט מיט איבלדיקער פײַכטקייט. פון פערדס ליפּן האָבן געטריפט אײַנצלנע טראָפּנס. אין גריגאָריעס האַרץ איז אַ לײַכטע זיסלעכע לערקייט. ס'איז גוט, און דער קאָפּ טראַכט פון גאָרנישט. צוריקגייענדיק האָט ער אַ קוק געטון אויף מזרח, וואו די רײַלע־כע דעמערונג האָט שוין אָנגעהויבן אויסרינען. בײַ דער שטאַל האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער מוטער.

— דאָס ביסטו, גרישקאַ?

— ווער דען־זשע?

— דאָס פערד האָסטו אָנגעטרונקען?

— אָנגעטרונקען, — האָט גריגאָרי אומגערן געענטפערט.

אויסגעבויגן אַהינטער, טראָגט די מוטער אין פאַרטוך קי־זעקלעך* צו מאַכן פײַער. שאַרט מיט די זקניש־צעקרימטע באָר־וויסע פיס.

— וואָלסט צוגעלאָפן די אַסטאַכאָווס אויפוועקן. סטעפּאַן פאָרט דאָך צוזאַמען מיט אונזער פּיאָטערן.

די קילקייט שפּאַנט אָן אין גריגאָריען אַ שטײַפע, ציטערנ־דיקע פּרוזשינע. איבער זײַן קערפּער לויפן אַרום שטעכעדיקע מו־ראַשקעס. מיט דרײַ שפּרונג איז ער אויפן הויכן גאַנעק פון די אַסטאַכאָווס. די טיר איז נישט פאַרמאַכט. אין קיך, אויסגעבעט אויפן דיל, שלאָפט סטיעפּאַן מיטן ווײַבס קאָפּ הינטערן אָרעם.

אין גרויען האַלב־טונקל זעט גריגאָרי אַקסיניעס פאַרשאַרצ־טע העמד איבער די קניען, אירע בעראָזע־ווײַסע, אומפאַרשעמט־פונאַנדערגעוואָרפענע פיס. ער קוקט אַ ווײַלע, פילנדיק, ווי עס ווערט אים טרוקן אין מויל און דער קאָפּ ווערט אָנגעשוואָלן פון אײַזער־נעם קלאַנג.

ער האָט ווי אַ גנב געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך. מיט אַ פרעמדלעך קול — הייזעריק:

— העי, ווער איז דאָ? שטייט אויף!

* ציגעלעך פון קי־מיסט, וואָס ווערן באַניצט צום ברענען.

אַקסיניע האָט אַ כליפּע־געטון פון שלאָף.

— אוי, וואָס איז דאָס? ווער איז דאָ? — איר נאַקעטע האַנט האָט איילֿיק אַ בלאָנדזשע־געטון צו די פיס, אַראָפּציענדיק דאָס העמד. אויפן קישן איז געבליבן אַ קליינער פלעק פון שפּייעכץ, וואָס איז אַראָפּגערונען אין שלאָף; הערט איז דער ווייבערישער, פאַר־טאָגיקער שלאָף.

— דאָס בין איך. די מאַמע האָט מיך געשיקט אייך אויפ־וועקן...

— באַלד, באַלד... דאָ איז אַזוי ענג ביי אונז, מיר שלאָפן אויפן דיל איבער די פליי. סטיעפּאַן, שטיי אויף, דו הערסט!

לויטן קול איז גריגאָרי זיך משער, אַז זי פילט זיך אומבאַקוועם, און ער גייט איילֿיק אַרויס.

אַ מאַן דרייסיק קאָזאַקן זענען אַוועקגעגאַנגען פון כוטאָר אויף מאַי אין לאַגער אַריין. דאָס אָרט פון פאַרזאַמלען זיך — דער פּלאַץ. אַרום זיבן אַ זייגער האָבן צום פּלאַץ שוין געצויגן וועגעלעך מיט ברעזענטענעביידלעך: קאָזאַקן, צופוס און רייטנדיק, אין זייערע לייוונטענע מאַי־העמדער, אין באַוואָפענונג.

פּיעטראָ האָט אויפן גאַנעק זיך איילֿיק צונויפגענייט אַ גע־פּלאַצטן רעמעט. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך געדרייט אַרום פּיעטראָס פערד, — צוגעשיט האָבער אין זשלויב אַריין, פון צייט־צו־צייט אויסגעשריגן:

— דוניאַשקאַ, די סוכאַרעס האָסטו פאַרנייט? און דאָס חזיר־שמאַלץ האָסטו באַזאַלצן?

אינגאַנצן אַ ראָזי־צעבליטע, האָט דוניאַשקאַ ווי אַ שוואַלב אַרומגעפלאַטערט איבערן הויף, זיך אָפּיאָגנדיק פון פאָטערס שרייען מיט געלעכטער:

— איר, פאָטערל, טוט בעסער אייערס, איך וועל שוין דעם ברידערל אַלץ אַזוי איינפּאַקן, אַז מ'וועט עס קאָנען איבערן דאַך וואַרפן.

— זיך אָנגעפרעסן? — האָט פּיעטראָ געפרעגט, באַשפּייענ־דיק די דראַטווע און אָנווייזנדיק אויפן פערד.

— ער קייעט — האָט דער פּאָטער געזעצט געענטפערט, קאָנטראָלירנדיק מיט דער שאַרסטקער האַנט די שוויס־קישנס. — אַ קלייניקייט — אַ קרישעלע אָדער צווייגעלע זיך צוקלעבן צום שוויס־קישן, און עס וועט דעם פערד דורך איין מאַרש דעם רוקן ביז בלוט אָפּרייבן.

— ווען דער קאַשטאַן וועט זיך אָנפּרעסן, פּאָטער, — גיט אים צו טרינקען.

— גרישקאַ וועט אים צום דאָן אַראָפּפירן. העי, גריגאָרי, פיר אַרויס דאָס פערד!

דער הויכער, דאַרער דאָנער, מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן, איז געגאַנגען קאָקעטירנדיק. גריגאָרי האָט אים אַרויסגעפירט פון טירל, — קוים באַרירנדיק מיט דער לינקער האַנט זיין גריווע, — אַרויפגעשפרונגען אויף אים און זיך גלייך אַוועקגעלאָזט. ביים אַראָפּגאַנג האָט ער געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר דאָס פערד האָט גע־ביטן דעם טריט, גענומען אונטערטאַנצן און זיך אַ לאָז געטון באַרג אַראָפּ אין גאַלאָפּ. גריגאָרי האָט זיך אויסגעבויגן אַהינטער, און כמעט ליגנדיק אויפן רוקן פון פערד דערזען אַ פרוי מיט עמערס, וואָס איז געגאַנגען פון באַרג אַראָפּ. ער האָט זיך פאַרנומען פון שטעג, און איבעריאָגנדיק דעם וואָלקן שטויב, זיך אַריינ־געשניטן אין וואַסער. אַקסיניאַ איז אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג, זיך וויגנדיק, און נאָך פון וויטנס הויך אויסגעשריגן:

— טייוול משוגענער! אַ נס, וואָס ער האָט מיך מיטן פערד נישט צעטרעטן! וואַרט־צו, כ׳וועל שוין דעם טאַטן דיינעם דער־ציילן, ווי אַזוי דו רייטסט.

— נו, נו, שכנטע, שריי נישט. באַגלייטסט דאַך דעם מאַן אין לאַגער אַריין, וועל איך דיר אפשר אין דער באַלעבאַטישקייט צו־נוץ קומען.

— אויף וועלכן טייוול דאַרף איך דיך!

— ס׳וועט זיך אָנהייבן דער היי־שניט, וועסטו דיך נאָך בעטן, — האָט גריגאָרי געלאַכט.

אַקסיניאַ האָט פון בריקל פלינק אָנגעשעפּט אַן עמער וואַ־

סער אויף דער קאָראָמיסלע, און פאַרנעמענדיק דאָס פֿון ווינט אויפגעבלאָזענע קלייד צווישן די קניען, אַ קוק־געטון אויף גריגאָריען.

— וואָס־זשע, דיין סטיעפּאַן האָט זיך שוין צוגעגרייט? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

— און וואָס גייט עס דיך אָן?

— אַ מענטש דו ביסט... מ׳טאָר זיך גאָרנישט פרעגן?

— זיך צוגעגרייט. נו?

— בלייבסטו דאָך, הייסט עס, אַ זעלנערקע?

— יאָ, אפּנים אַזוי.

דאָס פערד האָט אָפּגעריסן די ליפּן פון וואַסער, צעקייעט מיט סקריפּענדיקע ציין די לעצטע טריפנדיקע טראָפּנס, און קוקנ־דיק אויף דער צווייטער זייט דאָן, אַ קלאַפּ־געטון מיטן אַ פע־דערשטן פוס איבערן וואַסער. אַקסיניאַ האָט אָנגעשעפּט דעם צווייטן עמער, פאַרוואָרפן די קאָראָמיסלע איבערן אַקסל און מיט אַ לייכטן, וויגנדיקן טריט גענומען גיין באַרג־אַרויף. גריגאָרי האָט איר אָנגעהויבן נאָכרייטן. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט אַק־סיניעס קלייד, געשויבערט די ווייכע האָר־קרייזלעך אויף איר ברוי־נעם נאַקן. דאָס בונטפאַרביקע, זייד־געהאָפטענע היטעלע אויף אירע האָר, פאַרבונדענע אין אַ שווערן קנופּ, האָט גע־פלאַמט. דאָס רויזע העמד, אַריינגעמאַכט אין קלייד, האָט אָן איין פעלדעלע אַרומגענומען איר קרעפּטיקן רוקן און די קיילעכיקע אָרעמס. אַקסיניאַ איז געגאַנגען באַרג־אַרויף אָנגעבויגן פאָרויס און דאָס לענגלעכדיקע ראָוועקל אויף איר רוקן האָט זיך דייטלעך אָנ־געזען הינטערן העמד. גריגאָרי האָט געזען די טונקל־ברוינע פלעקן פון שווייס אונטער אירע אָרעמס און נאָכגעפאָרשט איר יעדער באַוועגונג. ער האָט חשק געהאַט ווידער צו פאַרפירן אַ שמועס מיט איר.

— וועסט מסתּמא בענקען נאָכן מאַן? האַ?

אַקסיניאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זיך נישט אָפּשטעלנ־דיק, און אַ שמייכל געטון.

— אוודאי. דו פרווו נאַר, האָב חתונה, — וועסט שפּעטער געוואויר ווערן, צי מען בענקט יאָ, צי נישט נאָכן פריינט.

גריגאָרי האָט אַ דריק־געטון דאָס פערד, כּדי זיך אויס־צוגלייכן מיט איר, און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— אָבער ס'זענען דאָך דאָ ווייבער, וואָס זענען גאָר צופרידן, ווען זיי באַגלייטן אַרויס זייערע מענער. אונזער דאַריאַ הייבט אָן דיק ווערן אָן פּיאָטערן.

אַקסיניאַ האָט טיף געאָטעמט, באַוועגנדיק מיט די נאָז־לעכער; ענדלעך האָט זי אַ זאָג־געטון, זיך גלייכמאַכנדיק די האָר:

— דאָס זאָגט מען שוין לאַנג: אַ מאַן — איז נישט קיין שלאַנג, דאָך טרינקט ער דאָס בלוט. ווען מאַכט מען דיך חתונה?

— כ'ווייס נישט, ווי דער טאַטע וועט וועלן, מסתּמא נאָכן מיליטער.

— ביסט נאָך יונג, האָב נישט חתונה.

— פאַרוואָס אייגנטלעך?

— בלויז אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש. — זי האָט אַ קוק־געגעבן פון אונטערן שטערן אַפּער און קאַרג אַ שמייכל־געטון, נישט צע־נעמענדיק די ליפּן.

און דאָ האָט גריגאָרי צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז זי האָט אָנגעקוואָלנע און אומפאַרשעמט־תּאווהדיקע ליפּן.

צענעמענדיק דעם פערדס געלאָקטע גריווע, האָט ער געזאָגט:

עס גלוסט זיך מיר נישט חתונה צו האָבן. ס'וועט זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועט מיך אַזוי אויך ליב קריגן.

— האָסט שוין ווען אויפן אויג?

— וואָס דאַרף איך האָבן אויפן אויג... אָט באַגלייטסטו דאָך סטיעפּאַנען...

— דו זאָלסט מיט מיר נישט אָנהייבן!

— וועסט אפשר אַ ביס טון?

— כ'וועל סטיעפּאַנען נאָר איין וואָרט זאָגן...

— און איך וועל דיין סטיעפּאַנען...

— זעט נאָר דעם שטאַרקן, זאָלסט דיך נישט אַמאָל באַלד צעוויינען.

— שרעק נישט, אַקסיניאַ!

— איך שרעק נישט. פאַרנעם דיך בעסער מיט מיידלעך. זאָלן זיי דיר טיכעלעך העפטן, און אויף מיר קוק נישט.

— וועל איך דווקא יאָ קוקן.

— קוק יאָ.

אַקסיניאַ האָט פרידלעך אַ שמייכל געטון און אַראָפּגעגאַנגען פון שטיגל, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן דאָס פערד. גריגאָרי האָט עס אָנגעדרייט מיט אַ זייט און איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— לאָז, גרישקאַ!

— איך וועל נישט לאָזן.

— מאַך דיך נישט נאַריש, כ'מוז דעם מאַן צוגרייטן.

גריגאָרי האָט שמייכלענדיק גערייצט דאָס פערד, און עס האָט ביסלעכווייז אַקסיניען צום יאַר צוגעטריבן.

— לאָז אָפּ, טייוול, מענטשן גייען דאָך! וואָס וועלן זיי טראַכטן, ווען זיי וועלן זען?

זי האָט אַ וואָרף געטון אַ דערשראָקענעם בליק אַרום זיך, און, אָן אָנגעכמורעטע, דורכגעגאַנגען, זיך נישט אומקוקנדיק.

אויפן גאַנעק האָט פּיעטראָ זיך געזעגנט מיט די אייגענע. גריגאָרי האָט אָנגעזאָטלט דאָס פערד. צוהאַלטנדיק די שווערד, איז פּיעטראָ אײַליק אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּלעך און גענומען די לייצן פון גריגאָריעס האַנט.

דאָס פערד, פאַרפילנדיק דעם וועג, האָט אומרויִק געהאַקט מיט די פאָדקאָוועס, געגריזשעט די מונדשטוקן מיטן פאַרשוימטן פיסק. זיך אָנהאַלטנדיק מיט דער האַנט אָן זאָטל-האָרן, האָט פּיעטראָ דערכאַפּט מיטן פוס דאָס רייט-טרעפּל און דעם פאָטער אַ זאָג-געטון:

— מיט די פליכיקע אַרבעט נישט צופיל, טאַטע! האַרבסט-צייט — וועלן מיר זיי פאַרקויפן. אויפן פערד זאָל גריגאָרי אַכטונג געבן. און דאָס גראָז פון סטעפּ, זע, פאַרקויף נישט: דו ווייסט דאָך

אַליין, וואָסער היי ס'וועט דאָס יאָר זיין אויף דער לאַנקע.

— נו, אין אַ מזלדיקער שעה, פּאָר, — האָט דער אַלטער אַ זאָג־געטון און זיך איבערגעצלמט.

פּיעטראָ האָט מיט אַ געוואוינטער באַוועגונג אַריינגעוואָרפן זיין פעסטן קערפּער אין זאָטל, פון הינטן זיך גלייך געמאַכט די פאַלבן פון העמד, וואָס זענען פאַרצויגן געווען דורכן פּאַסיק. דאָס פערד האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון טויער. אויף דער זון האָט מאַט אַ פינקל־געטון דאָס קעפּל פון דער שווערד, וואָס האָט אונטערגעציטערט צום טאַקט פון די טריט.

דאַריאַ איז מיטן קינד אויף דער האַנט נאָכגעגאַנגען פון הינטן. די מוטער איז געשטאַנען אין מיטן הויף, זיך געווישט די אויגן מיטן אַרבל און מיט אַ שפּיץ פאַרטוך — די רויט־געוואָרענע נאָז.

— ברידערל, די קרעפּלעך! די קרעפּלעך האָסטו פאַרגעסן!... די קרעפּלעך מיט קאַרטאָפליעס!...

דוניאַשקאַ האָט ווי אַ ציג זיך אַ לאָז געטון צום טויער.

— וואָס רייסטו דיך, בהמה! — האָט גריגאָרי בייז אַ געשריי געטון אויף איר.

— די קרעפּלעך זענען געבליבן! — האָט דוניאַשקאַ אַרויס־געהעשעט, אָנגעשפּאַרט אָן טירל, און טרערן זענען געגלוויעט איבער אירע אויסגעשמירטע דערהיצטע באַקן, און פון די באַקן אויפן קאַפּטנדל אַראָפּ.

דאַריאַ האָט פון אונטער דער האַנט אָפּער געקוקט אויפן מאַנס ווייסן העמד, וואָס איז ביסלעכווייס פאַרשטעלט געוואָרן דורכן שטויב פון וועג. שאָקלענדיק אָן אונטערגעפּוילטן סלופּ פון טויער, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ קוק געטון אויף גריגאָריען.

— נעם דיך באַלד דאָס טויער פאַרריכטן, גראָב איין אָנלע־נען אין די זייטן. — ער האָט אַ טראַכט געטון, און ווי אַ נייעס צוגעגעבן, מיטגעטיילט: — אַוועקגעפאָרן פּיעטראָ.

דורכן פּלויט האָט גריגאָרי געזען, ווי סטיעפּאַן האָט זיך גע־גרייט אין וועג אַריין. אויסגעשלייערט אין אַ גרין וואָלן קלייד

האָט אַקסיניאַ אים צוגעפירט דאָס פערד. סטיעפּאַן האָט געשמייכלט און איר עפּעס געזאָגט. ער האָט זיך נישט געאיילט, באַלעבאַטישמעסיק געקושט דאָס ווייב און לאַנג נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון איר אַקסל. פאַרברענט פון זון און אַרבעט, האָט די האַנט ווי אַ קויל זיך געשוואַרצט אויף אַקסיניעס ווייסן קאַפּטנדל. סטיעפּאַן איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו גריגאָריען מיטן רוקן; דורכן פלויט האָט זיך געזען זיין פעסטער שיין-אונטערגעגאָלטער נאַקן, די ברייטע, אַ ביסל שיפע אַקסלען און, — ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן צום ווייב, — דאָס פאַרדרייטע שפּיצל פון זיין העלער וואָנסע.

אַקסיניאַ האָט צוליב עפּעס געלאַכט און אָפּוועגנדיק גע-דרייט מיטן קאָפּ. דאָס געוואוקסיקע שוואַרצע פערד האָט זיך אַ ריס-געטון אין אַ זייט, אויפהייבנדיק דעם רייטער אויפן רייט-טרעפל. סטיעפּאַן איז אַרויסגעריטן פון טויער מיט אַ שנעלן טריט. ער איז געזעסן אין זאָטל, ווי אַריינגעוואַקסן, און אַקסיניאַ איז געגאַנגען דערלעבן, אָנהאַלטנדיק זיך ביים רייט-טרעפל, און פון אונטן-אַרויף, ליבלעך און גיריק, הינטיש אים געקוקט אין די אויגן אַריין.

אַזוי האָבן זיי געמיטן די שכנישע כאַטע און פאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן אויסבויג.

IV

פאַרנאַכט-צו האָט זיך פאַרנומען אויף אַ שטורעם. איבערן כוטאָר איז שטיין געבליבן אַ טונקל-גרויער וואָלקן. דער דאָן, אַ צעפּאַטלטער פון ווינט, האָט געוואָרפן געדיכטע, קאַמאַרטיקע כוואַליעס אויפן ברעג. איבערן וואַלד האָט אַ טרוקענער בליץ אָנ-געצונדן דעם הימל, און דער אָפּהילך פון דונער האָט צוגעדריקט די ערד. אונטערן וואָלקן האָט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל אין קרייזן זיך געטראָגן אַ גייער, און קראָען האָבן מיט אַ קראַקעריי אים פאַרפאָלגט. דער וואָלקן האָט געאָטעמט מיט קעלט, זיך גע-טראָגן איבערן דאָן פון מערב-זייט. דער הימל נאָך דער פּאַשע איז

דראָענדיק שוואַרץ געוואָרן, דער סטעפּ האָט אָפּוואָרטנדיק גע־שוויגן. איבערן כוטאָר האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די צו־געמאַכטע לאָדנס. די אַלטיטשקע, זיך אומקערנדיק פון דער אָוונט־תּפילה, האָבן כּסדר זיך געצלמט. אויפן פּלאַץ האָט זיך געוויגט אַ גרויע זייל שטויב, און די ערשטע רעגן־קערנער האָבן שוין פאַר־זייעט די ערד, וואָס איז אָנגעוואַרימט געווען פון דער פרילינגס־זון.

דוניאַשקאַ איז דורכגעלאָפן איבערן הויף, טרייסלענדיק מיט די צעפּעלעך, פאַרקלאַפּט דאָס טירל פון דער הינער־שטייג און שטיין־געבליבן מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער, ווי אַ פערד פאַר אַ שטערונג. אויף דער גאַס האָט אַרומגעבריקעוועט קליינוואַרג. די שכנימס אַכטיעריקער מישקאַ האָט זיך געדרייט אין אַ רעדל, זיך אַראָפּזעצנדיק אויף איין פוס, — אויף זיין קאָפּ האָט זיך מיטגע־דרייט דעם פאָטערס גרויסער הוט, פאַרשטעלנדיק אים די אויגן, — מישקאַ האָט הויך אויסגעשריגן:

> רעגן, רעגן, רעגנדל,
> טריף אַזוי געשווינד —
> אין די קוסטעס פאַרן מיר,
> בעטן גאָט אַצינד.

דוניאַשקאַ האָט מיט קנאה געקוקט אויף מישקעס באָרוויסע, מיט סטרופּעס געדיכט באַדעקטע פיס, וואָס האָבן עקשנותדיק געטופּעט איבער דער ערד. איר האָט זיך אויך געגלוסט טאַנצן אַ ביסל אונטערן רעגן און פאַרנעצן דעם קאָפּ, די האָר זאָלן איר געדיכט און קרייזלדיק וואַקסן; איר האָט זיך אויך געגלוסט, ווי מישקעס חבר, זיך דורכלויפן איבערן שטויביקן וועג און מיט אימפּעט זיך אַריינוואַרפן אין די שטעכעדיקע קוסטעס — נאָר די מאַמע האָט געקוקט דורכן פענסטער און בייז געמאַמליעט מיט די ליפן. דוניאַשקאַ האָט אָפּגעזיפצט און אַריינגעלאָפן אין דער כאַטע. דער רעגן האָט גענומען גיין געדיכט און האַסטיק. איבערן סאַמע דאַך האָט געפּלאַצט אַ דונער, זיינע שפּליטערס האָבן זיך אַוועק־געקייקלט איבערן דאָן.

אין הויז האָט דער פאָטער מיטן פאַרשוויצטן גרישקאַ גע־שלעפּט די פאַרוויקלטע נעץ פון אַלקער.

— פלאַקס־פעדים און די גראָבע נאָדל! שנעלער! — האָט גריגאָרי אַ געשריי געטון צו דוניאַשקען.

אין קיך האָט מען אָנגעצונדן דעם גרויסן לאָמפּ. דאַריאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַרריכטן די נעץ. די אַלטע האָט געוויגט דאָס קינד און געבורטשעט:

— דו, אַלטער, האָסט תּמיד אַזעלכע איינפאַלן. איר וואָלט בעסער שלאָפן זיך געלייגט. דער נאַפט האַלט אין איין טייער ווערן, און דו ברענסט כּסדר. וואָס פאַר אַ כאַפּן וועט דאָס זיין אַצינד? ווער ווייסט, ווי די ניכפּה וועט אייך פאַרטראָגן? איר וועט נאָך דערטרינקען ווערן, ס'טוט זיך דאָך חושך אינדרויסן. קוקסט, קוקסט, ווי עס בליצט! יעזוס קריסטוס, קעניגן הימלישע...

אין קיך איז אויף אַ רגע בלענדנדיק־בלוי און שטיל גע־וואָרן. מען האָט געהערט ווי דער רעגן פּויקט אין די לאָדנס. ווידער האָט אַ זעץ געטון אַ דונער. דוניאַשקאַ האָט אַ פּישטש געטון און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער נעץ. דאַריאַ האָט מיט קורצע באַוועגונגען איבערגעצלמט די פענסטער און די טיר. די אַלטע האָט מיט איבערגעשראָקענע אויגן געקוקט אויף דער קאַץ, וואָס האָט זיך געריבן אָן אירע פיס.

— דונקאַ! ט־ר־ייב זי אַרויס... קעניגן הימלישע, זיי מיר מוחל, דער זינדיקער. דונקאַ! די קאַץ וואַרף אַרויס. פּטשיק, דו נישט גוטס! אַז ס'זאָל דיך...

גריגאָרי האָט אָפּגעלאָזט דעם שטעקן פון דער נעץ, זיך שטיקנדיק פון געלעכטער.

— נו, וואָס האָט איר זיך צעכאָכאָטשעט? שטילער! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ געשריי געטון. — ווייבער, שנעלער פאַרנייט! איך האָב באַצייטנס געזאָגט, מ'זאָל די נעץ באַקוקן.

— און וואָס פאַר אַ פיש וועלן עס אַצינד זיין? — האָט די אַלטע זיך פאַרהיקעט.

— שווייג, — אויב דו ווייסט נישט! מיר וועלן אַצינד אין

די פלאַכע ערטער די בעסטע פיש כאַפּן. זיי אַנטלויפן צום ברעג, האָבן מורא פאַרן שטורעם. דאָס וואַסער האָט שוין געמוזט טריב ווערן. נו, דוניאַשקאַ, גיב נאָר אַ לויף אַרויס הערן, צי דאָס טייכל האָט עפּעס צוגענומען? דוניאַשקאַ איז אומגערן זייטיק אַוועק צו דער טיר.

— און ווער וועט אין וואַסער קריכן? דאַריע נישט, זי קאָן זיך נאָך די בריסטן פאַרקילן — איז די אַלטע נישט אָפּגעשטאַנען.

— איך מיט גרישקען, און צו דער צווייטער נעץ — וועלן מיר אַקסיניען מיט נאָך עמעצן אַ רוף טון.

דוניאַשקאַ איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאָפּעטע. אויף אירע ווייעס זענען ציטעריק געהאָנגען רעגן-טראָפּנס. עס האָט געשמעקט פון איר מיט פייכטער רוי-ערד.

— ס'טייכל רוישט, אַז ס'איז אַזש אַ שרעק!

— וועסט גיין מיט אונז צום טייך?

— און ווער נאָך וועט גיין?

— מיר וועלן אַ רוף-טון עטלעכע ווייבער.

— כ'וועל גיין!

— כאַפּ-זשע דעם זיפּון אויף זיך און לויף אַריין נאָך אַקסיניען. אויב זי וועט גיין, זאָל זי מיטרופן מאַלאַשקאַ פראָלאָווא!

— די וועט נישט געפרוירן ווערן, — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון, — זי האָט אַזוי פיל פעטס אויף זיך, ווי אַ גוט חזיר.

— דו וואָלסט דיר אַ ביסל טרוקן היי גענומען, גרישונקאַ, דאָס האַרץ אַרומגעלייגט, — האָט די מוטער אַן עצה געגעבן, — דו קאָנסט דיך נאָך אינעווייניק פאַרקילן.

— גריגאָרי, שנעל נאָך אַ ביסל היי, די אַלטע זאָגט גוט.

באַלד האָט דוניאַשקאַ געבראַנגט די ווייבער. אַקסיניאַ האָט אויסגעזען אין צעריסענעם קאָפּטנדל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריקל, און אין בלויען קליידל אַ סך קלענער און דאַרער. זי האָט זיך דורכגעשמייכלט מיט דאַריען, אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון קאָפּ, פעסטער פאַרנומען די האָר אין אַ קנופּ און מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ קאַלט געקוקט אויף גריגאָריען.

די גראָבע מאַלאַשקאַ האָט זיך אונטערגעבונדן די זאָקן אויף דער שוועל און הייזעריק געכריפּעט:

— די זעק האָט איר גענומען? גאָט דו איינציקער, וועלן מיר דאָס היינט אַ ביסל פיש אָנשאַרן.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. אויף דער ווייך־געוואָרענער ערד האָט געגאָסן אַ געדיכטער רעגן, זיך געשוימט אין די קאַלוזשעס, אָפּגעשוואומען אין שטראָמען צום דאָן.

גריגאָרי איז געגאַנגען פאָרויס. אַן אומקלאָרע פריילעכקייט איז אים באַפאַלן:

— זע, טאַטע, דאָ איז אַ ראָוו.

— שוין איינמאָל אַ חשכות!

— האַלט דיך, אַקסיניאַ, לעבן מיר, וועלן מיר צוזאַמען אין טורמע זיצן, — לאַכט הייזעריק מאַלאַשקאַ.

— זע נאָר, גריגאָרי, דאָס אָרט איז נישט אַמאָל מיידאַניקאָווס?

— יאָ טאַקע.

— פון דאַנען... מיר הייבן אָן!... — באַמיט זיך פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש איבערצושרייען דעם שמייסנדיקן ווינט.

— מען הערט גאָרנישט, זיידעשי! — כריפּעט מאַלאַשקאַ.

— אין וואַסער אַריין, מיט הצלחה... איך וועל אַריינגיין טיף, טיף, זאָג איך... מאַלאַשקאַ! טויבער טייוול דו, וואוהין שלעפּסטו? איך וועל אַריינגיין טיף!... גריגאָרי, גרישקאַ: זאָל אַקסיניאַ גיין מיטן ברעג!

דער דאָן ברומט און קרעכצט. דער ווינט צערייסט אויף שטיקער דאָס קרימלעכע טוך פון רעגן.

טאַפּנדיק מיט די פיס דעם גרונט, איז גריגאָרי אַריין ביזן גאַרטל אין וואַסער. אַן עסנדיקע קעלט איז צוגעקראָכן צו דער ברוסט, אַרומגענומען מיט אַ רייף דאָס האַרץ. די כוואַליעס שלאָגן ווי מיט אַ בייטש אין פּנים אַריין, אין די שטאַרק־צוגויפגעזשמורעטע אויגן. די נעץ בלאָזט זיך, ווי אַ באַלאָן, שלעפּט אין דער טיפעניש אַריין. גריגאָריס פיס, אָנגעטוענע אין וואָלענע זאָקן, גליטשן זיך

איבערן זאַמדיקן גרונט. די נעץ רייסט זיך פון זיינע הענט... טיפער, טיפער. אַ גרוב. די פיס פאַרלירן דעם באָדן. דער שטראָם טראָגט מיט אימפעט אין מיטן אַריין, זויגט איין אין זיך. גריגאָרי רודערט שטאַרק מיט דער רעכטער האַנט צום ברעג. דער שוואַרצער צעוויגטער תהום שרעקט אים, ווי נאָך קיינמאָל נישט. דער פוס טרעט פריידיק אַרויף אויף זומפיקן גרונט. עפּעס אַ פיש קלאַפּט זיך-אָן אָן דער קני.

— טיפער גיי! — דערטראָגט זיך פון ערגעץ דעם פאָטערס קול.

די נעץ גיט זיך אַ טראָג, פאַרקריכט ווידער אין דער טיפעניש, ווידער רייסט דער שטראָם אַפּער דעם באָדן פון אונטער די פיס, און גריגאָרי שווימט מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ, אויסשפּייענדיק דאָס וואַסער פון מויל.

— אַקסיניאַ, דו לעבסט נאָך?

— יאָ, דערווייל.

— דאָס רעגנדל הערט, דאַכט זיך, אויף?

— דאָס קליינע וועט אויפהערן, וועט באַלד אַ גרויסער אַ פלייץ-טון

— שטילער. דער טאַטע וועט דערהערן — וועט ער שרייען.

— האָסט מורא פאַרן טאַטן?...

אַ ווײַלע שלעפּן זיי שווייגנדיק. דאָס וואַסער, ווי קלעפּיק טייג, ליימט יעדע באַוועגונג.

— גרישאַ, ביים ברעג איז, דאַכט זיך, אַ פּיען. מען דאַרף אויסמיידן.

אַ שטאַרקער שטויס וואַרפט ווייט אָפּ גריגאָריען. אַ קראַכנדיקער פּליעסק, ווי אַ שטיק פעלז וואָלט פון יאַר זיך אָפּגעריסן און אין וואַסער אַראָפּגעפאַלן.

— אַ-אַ-אַ-אַ! — יאָמערט אויפן ברעג ערגעץ אַקסיניאַ.

דער איבערגעשראָקענער גריגאָרי טויכט אויף און שווימט אין דער ריכטונג פון געשריי

— אַקסיניאַ!

דער ווינט און דאָס איינטעניקע גערויש פֿון וואַסער.

— אַקסיניאַ! — שרייט גריגאָרי, שווידערנדיק פֿון שרעק.

— ע־העי! !... גרי־גאָ־רי! — דעם פֿאָטערס פֿאַרטויבטע קול פֿונדערווייטנס.

גריגאָרי הערט אויף צו מאַכן מיט די הענט. עפּעס זומפּיקס אונטער די פֿיס, ער כאַפּט אָן מיט דער האַנט, — די נעץ.

— גרישאַ, וואו ביסטו?... — אַקסיניאַס וויינענדיקע קול.

— פֿאַרוואָס־זשע האָסטו דיך נישט אָנגערופֿן?... — שרייט גריגאָרי אַ בייזער, אַרויסקריכנדיק אויף אַלע פֿיר אויפֿן ברעג.

זיי זעצן זיך אַראָפּ טשיפּקע, ציטערן פֿון קעלט, צע־נעמען די נעץ, וואָס האָט זיך פֿאַרוויקלט אין אַ קנויל. אין לאָך פֿון צעריסענעם וואָלקן פּיקט זיך דורך די לבֿנה. פֿון יענער זייט פֿאַשע הערט זיך נאָך אַ שטיל דונערן. די ערד גלאַנצט מיט נישט איינגעזאַפּטער פֿייכטקייט. דער הימל, אָפּגעוואַשן דורכן רעגן, איז שטרענג און לויטער. אויפֿפֿלאַנטערנדיק די נעץ, קוקט גריגאָרי זיך איין אין אַקסיניען. איר פּנים איז בלייך ווי קרייד, אָבער די רויטע, עטוואָס אַרויסגעבויגענע ליפּן לאַכן שוין.

— האָט דאָס מיך געגעבן אַ וואָרף אַרויס אויפֿן ברעג, — דערציילט זי סאָפּענדיק, — איך האָב אַזש נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב מיך דערשראָקן צום טויט! האָב גע־מיינט — דו ביסט שוין דערטרונקען געוואָרן.

זייערע הענט טרעפֿן זיך צונויף. אַקסיניאַ פּרוווט אַריינרוקן איר האַנט אין אַרבל פֿון זיין העמד.

— ווי וואַרים ס'איז ביי דיר אין אַרבל, — זאָגט זי טרויע־ריק, — און איך בין געפֿרוירן. ס'גאַנצע לייב שטעכט מיר.

— אַט וואו ער האָט דורכגעריסן, דער פֿאַרשאָלטענער וועלס!

גריגאָרי צענעמט דאָס לאָך אין מיטן דער נעץ, די גרייס — אַן ערך אַנדערהאַלבן אַרשין.

פֿון זאַמדיקן ברעג לויפֿט עמעצער. גריגאָרי דערקענט דוניאַשקען. ער שרייט נאָך פֿונדערווייטנס:

— דעם פּאָדים האָסטו?

— דאָ איז ער.

דוניאַשקאַ לויפט צו, אַ פאַרסאַפּעטע.

— וואָס־זשע זיצט איר דאָ? דער טאַטע האָט געשיקט, איר זאָלט שוין אַהינגיין!

מיר האָבן דאָרט אַ גאַנצן זאַק יעשיאָטרען געכאַפּט! — דוניאַשקעס קול קלינגט טריומפירנדיק.

קלאַפּנדיק מיט די ציין, פאַרנייט אַקסיניאַ דאָס לאָך אין דער נעץ. כדי זיך צו דערוואַרעמען, לויפן זיי שנעל צום זאַמד־ברעג.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש דרייט אַ פּאַפּיראָס מיט די, פון וואַסער געריזנצלטע און ווי ביי אַ טויטן אָנגעשוואָלענע, פינגער, טאַנצט אונטער און רימט זיך:

— דאָס ערשטע מאָל אַריינגעגאַנגען — אַכט שטיק, און דאָס צווייטע מאָל... — ער מאַכט אַ הפסקה, פאַרדרייכערט און ווייזט אָן שווייגנדיק מיטן פוס אויפן זאַק.

אַקסיניאַ קוקט נייגיריק אַריין אין אים. פון זאַק טראָגט זיך אַ טרוקן שאָרכן: די לעבעדיקע יעשאָטרען רייבן זיך איינער אָן צווייטן.

· פאַרוואָס־זשע זענט איר נישט דערגאַנגען?

— אַ וועלס האָט די נעץ דורכגעריסן.

— איר האָט פאַרנייט?

— ווי ס'איז, אַבי די אויגן צוזויפגעכאַפּט...

— נו, מיר וועלן צוגיין ביז צום אויסבויג, און — אַהיים. פאַרנעם דיך, גרישקאַ, וואָס ביסטו שטיין געבליבן?

גריגאָרי באַוועגט זיך שווער מיט פאַרהילצערטע פיס. אַק־סיניאַ ציטערט אַזוי, אַז גריגאָרי פילט איר ציטערן דורך דער נעץ.

— טרייסל דיך נישט!

— איך וואָלט נישט געוואָלט, אָבער איך קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן.

— ווייסטו גאָר וואָס... לאָמיר אַרויסקריכן, כאַפּט זיי דער טייוול, די גאַנצע פיש!

אַ גרויסער קאַרפּ וואַרפט זיך אין דער נעץ. גריגאָרי פאַר־

גיכערט דעם טריט און הייבט אָן אַרויסשלעפּן די נעץ. אַקסיניאַ לויפט אַרויס אַן איינגעקורטשעטע אויפן ברעג... דאָס אָפּלויפנדי־קע וואַסער שאָרכט איבערן זאַמד. דער פיש צאַפּלט זיך.

— מיט דער פּאַשע וועלן מיר גיין?

— דורכן וואַלד איז נעענטער. העי דאָרט, איר זענט שוין פאַרטיק?

— גייט, מיר וועלן נאָכקומען. מיר וועלן נאָר די נעץ דורכשווענקען.

אַקסיניאַ האָט, קורטשענדיק זיך, אויסגעדרענגט איר קלייד, אַ נעם־געטון דעם זאַק מיטן פיש אויף די פּלייצעס און זיך גע־לאָזט גיין, כמעט לויפנדיק איבערן זאַמדיקן ברעג.

גריגאָרי האָט געטראָגן די נעץ. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַזוי אַ הונדערט קלאַפטער. אַקסיניאַ האָט אָנגעהויבן אונטערקרעכצן:

— אוי, איך האָב שוין קיין כּוח נישט! די פיס ברעכן זיך אונטער מיר.

— אָט איז אַ פאַריאָריקע היי־קופּע, וועסט דיך אפשר אָנוואַרימען?

— סיידן אַזוי. איידער מען וועט אַהיימקומען — קאָן מען דערווייל דעם אָטעם אויסהויכן.

גריגאָרי האָט אַראָפּגעשאַרט אין דער זייט אַריין דאָס היטל פון דער קופּע, אויסגעגראָבן אַ לאָך. דאָס איינגעלעגענע היי האָט אַ זעץ־געטון מיט אַ שאַרפן געפּרייעטן ריח אין די נאָז־לעכער אַריין.

— קריך אַריין אין מיטן. דאָ איז — ווי אויף אַן אויוון.

אַקסיניאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק און ביזן האַלז זיך איינגעגראָבן אין היי.

— אוי ווי גוט דאָ איז!

ציטערנדיק פון קעלט, האָט גריגאָרי זיך אַוועקגעלייגט לעבן איר. פון אַקסיניעס נאַסע האָר האָט זיך געטראָגן אַ צאַרטער אויפרייצנדיקער ריח. זי איז געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און רעגלמעסיק געאָטעמט מיט אַ האַלב־געעפנט מויל.

— דיינע האָר שמעקן, ווי דורנאָפּיאַן, אַזאַ ווייס בלימעלע,

אויב דו ווייסט... — האָט גריגאָרי געשעפּטשעט, זיך אָנבייגנדיק.

זי האָט געשוויגן. נעפּלדיק און ווייט איז געווען איר בליק, געווענדט אויפן ראַנד פון דער האַלבער לבנה.

גריגאָרי האָט אַרויסגענומען די האַנט פון דער קעשענע, פּלוצלינג צוגעצויגן איר קאָפּ צו זיך. זי האָט האַסטיק זיך אַ ריס געטון, אויף די הענט זיך אונטערגעהויבן.

— לאָז אָפּ!

- זיי שטילער.

- לאָז אָפּ, וואָרים איך וועל שרייען!

— וואַרט, אַקסיניאַ...

— פעטער פּאַנטעלעי!...

— וואָס, האָסט דיך פאַרבלאָנזשעט? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אָנגערופן גאָר נאָענט פון הינטער די פאַר־וואַקסענע עפּל־ביימלעך אַפּער.

גריגאָרי איז מיט צונויפגעפּרעסטע ציין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קופּע.

— וואָס מאַכסטו יעלות? האָסט דיך פאַרבלאָנזשעט? — האָט דער אַלטער געפרעגט, צוקומענדיק.

אַקסיניאַ איז געשטאַנען לעבן דער קופּע, זיך גלייך געמאַכט אויפן קאָפּ דאָס טיכל, וואָס האָט זיך איר פאַררוקט אויפן נאַקן, איבער איר האָט זיך געוויכערט דער דאַמף.

— פאַרבלאָנזשעט האָב איך מיך נישט, נאָר איך בין שיעור געפרוירן געוואָרן.

— אוי, נאַרישער קאָפּ, אָט איז דאָך אַ היי־קופּע, וואַרים דיך אָן.

אַקסיניאַ האָט אַ שמייכל־געטון און זיך אָנגעבויגן נאָכן זאַק.

V

ביזן סיטעראַקאָווער כוטאָר — דעם אָרט, וואו דער לאַ־גער האָט זיך פאַרזאַמלט — איז געווען זעכציק ווּיאָרסט. פּיעטראָ

מעליעכאָוו און סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו זענען געפאָרן אויף איין בריטשקע. מיט זיי נאָך דריי קאָזאַקן פון כוטאָר: פּיעדאָט באָדאָווסקאָוו — אַ יונגער, צו אַ קאַלמיק ענלעכער און געשטופּלטער קאָזאַק, דער רעזערוויסט פון דער לייב-גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּולק כריסאַנף טאָקין, מיטן צונאָמען כריסטאָניאַ, און דער אַרטילעריסט איוואַן טאָמילין, וואָס איז געפאָרן קיין פּערסיאַנאָווקע. באַלד נאָכן ערשטן אָפּרו האָט מען אין דער בריטשקע איינגעשפּאַנט כריסטאָניעס קליינע פערדל און סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס שוואַרצע פערד. די איבעריקע דריי פערד זענען, געזאָטלטע, נאָכגעגאַנגען פון הינטן. אָנגעטריבן האָט כריסטאָניאַ, דער שווער-גופּיקער און נאַרישוואַטער, ווי אַלע אַטאַמאַנצעס. אויסגעבויגן דעם רוקן אין אַ האַלב-ראָד, איז ער געזעסן פון פאָרנט, פאַרשטעלט מיט זיך די עפענונג פון ביידל און געשראָקן די פערד מיט זיין קלינגענדיקן הויכן באַס. אין דער בריטשקע, וואָס איז איבערגעצויגן געווען מיט אַ נייעם ברעזענט, זענען געלעגן און גערייכערט פּיעטראָ מעליעכאָוו, סטיעפּאַן און דער אַרטילעריסט טאָמילין. פּיעדאָט באָדאָווסקאָוו איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן; אים איז, משמעות, נישט שווער געווען צו טאָפּטשען אין שטיוויקן וועג מיט זיינע קרומע קאַלמיקישע פיס.

כריסטאָניאַס בריטשקע איז געפאָרן די ערשטע. פון הינטן האָבן זיך נאָך געצויגן אַ זיבן אָדער אַכט געשפּאַנען מיט אָנגעבונדענע געזאָטלטע און נישט געזאָטלטע פערד.

דער וועג האָט געווירבלט מיט געלעכטער, געשרייען, פאַרבענקטע לידער, פערדיש פאָרסקען, געקלאַנג פון ליידיקע רייטרעפלעך.

פּיאָטר האָט געהאַט צוקאָפּנס אַ זאַק סוכאַרעס. ליגט ער אַזוי און קרייזלט זיין געלע לאַנגע וואָנסע:

— סטיעפּאַן!

— האַ?

— ... אפשר זינגען מיר אויף עפּעס מיליטערישס?

— ס'איז צו הייס. אַלע אברים זענען פאַרשמאַכט.

— אין די נאָנטע כוטאָרס זענען קיין קרעטשמעס נישטאָ, האָסט נישט וואָס צו וואַרטן.

— נו, הייב אָן. אָבער דו ביסט נישט קיין מייסטער אויף דעם. עך, גרישקאַ אייערער — ער האָט אַ דישקאַנט! ער נעמט ציִען, איז — ווי אַ זילבערנער פאָדים, גאָר קיין קול נישט. מיר פלעגן אויף די פאַרוויילונגען זיך אַרומשלאָגן.

— סטיעפּאַן פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, — הוסט אָפּ און הייבט אָן מיט אַ שטיל קלינגענדיק קול:

עך, דו מאַרגן רויט־צעשטראַלטער,
פרי ביסטו היינט אויפגעשטאַנען...

טאָמילין לייגט צו ווייבעריש די האַנט צו דער באַק, כאַפּט אונטער מיט אַ דין, קרעכצנדיק ביי־טענדל. פּיעטראָ שמייכלט, מאַכט זיך אַריין די וואָנסע אין מויל און קוקט ווי ביי דעם ברייט־ברוסטיקן אַרטילעריסט ווערן פון אָנשטרענגונג בלוי די קנופּאַר־טיקע אָדערן אויף די שלייפן.

און דאָס ווייבעלע, דאָס יונגע,
שפּעט נאָך וואַסער איז געגאַנגען...

סטיעפּאַן ליגט מיטן קאָפּ צו כריסטאָניען. ער דרייט זיך אויס, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף דער האַנט! זיין קרעפּטיקער שיינער האַלז ווערט פאַררייטלט.

— כריסטאָניאַ, האַלט אונטער!

און דער בחורעץ, דער קלוגער,
זאַטלט אָן זיין פערד געשווינד.

סטיעפּאַן פירט איבער אויף פּיאָטערן דעם שמייכלענדיקן בליק פון זיינע בולטע אויגן, און פּיאָטר, אַרויסנעמענדיק די וואָנסע פון מויל, הייבט אויך אָן אונטערצוהאַלטן. כריסטאָניאַ צעעפנט

זיין ברייט מיט האָר־פאַרוואַקסן מויל, ברומט אויפטרייסלענדיק דאָס ברעזענטענע דעכל פוןביידל.

זאָטלט אָן זיין ברוינעם קאַשטאַן
און דעריאָגט זי ווי אַ ווינט...

כריסטאָניאַ שטעלט אַרויף זיין גרויסן באָרוויסן פוס אויפן טרעפל פון דער בריטשקע און וואַרט־צו ביז סטיעפּאַן וועט ווידער אָנהייבן. מיט פאַרמאַכטע אויגן, — דאָס שווייסיקע פּנים אין שאָטן, — פירט יענער איידל דאָס ליד, דאָ שטיל שעפּטשענדיק, דאָ מעטאַלי־קלינגענדיק.

ווייבעלע, דערלויב אין טייכל
אָנצוטרינקען דאָ מיין פערד...

כריסטאָניאַ דריקט ווידער צו מיט זיין הודזשענדיקער גלאָקן־שטימע די קולות פון זיינע חברים. עס גיסן זיך אַריין אין פליסן פון ליד די שטימען פון די שכנישע בריטשקעס, עס גרילצן די אייזערנע רייפן פון די רעדער, עס ניסן די פערד פון שטויב, און דאָס ליד טראָגט זיך ווייט און מעכטיק, ווי דער פלוס פון פרילינגדיקע וואַסערן איבערן וועג. פון אויסגעטרוקנטן זומפּ אין סטעפּ, פון צווישן די ברוין־פאַרברענטע זומפּ־גראָזן פלאַטערט־אויף אַ וויס־פליגלדיקע מעווע. זי פליט מיט געשריי אַוועק אין דער הייל אַריין צווישן די בערג; אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, קוקט זי מיט פערל־מוטערנע אויגן אויף דער קייט פון פירלעך, באַדעקטע מיט ווייסע ביידלעך, אויף די פערד, וואָס קרייזלען דעם באַטעמטן שטויב מיט די קאָפּיטעס, אויף די מענטשן אין די ווייסע, ברודיק־פאַרשטויבטע העמדער, וואָס גייען נאָך אין דער זייט פון וועג. די מעווע לאָזט זיך אַראָפּ אין דער הייל אַריין, פאַלט־צו מיט דער שוואַרצער ברוסט צום פאַרטרוקנטן, דורך אַ חיה צוגעפלאַטשטן גראָז, און זעט נישט, וואָס עס קומט פאָר אויפן וועג. און אויפן וועג גרילצן ווייטער די בריטשקעס, שליאַפּען ווייטער אומגערן די פערד, פאַרשוויצטע אונטער די זאָטלען; בלויז די קאָזאַקן אין די גרויע העמדער לויפן שנעל אַריבער פון זייערע בריטשקעס צו דער פּע־

דערשטער, שטופּן זיך אַרום איר און קייכן פון געלעכטער.
סטיעפּאַן שטייט אויסגעשטרעקט אויף דער בריטשקע, האַלט זיך אָן מיט איין האַנט אָן ברעזענטענעם דעכל פוןביידל, דירי־גירט אָפּגעהאַקט מיט דער צווייטער און מאָלט שנעל, שנעל און דראַבנע־אויפמונטערנדיק:

ניין, זעץ דיך נישט לעבן מיר,
ניין, זעץ דיך נישט לעבן מיר,
מענטשן וועלן זאָגן — דו ליבסט דיך אין מיר.
דו ליבסט דיך אין מיר
דו קומסט צו מיר,
דו ליבסט דיך אין מיר,
דו קומסט צו מיר,
און איך שטאַם נישט פון קיין פּראָסטער טיר...

צענדליקער גראָבע שטימען כאַפּן אונטער, יאָכצן, ליגן אויס איבערן שטויביקן וועג:

און איך שטאַם נישט פון קיין פּראָסטער טיר,
גנבים זענען מיר,
זאָג איך דיר,
וואו דו גיסט דיך אַ ריר,
וואו דו עפנסט אַ טיר, —
און אַ פירשטלעכן זון מוז איך נעמען פאַר מיר...

פיעדאָט באָדאָווסקאָוו פייפט; די פערד רייסן זיך אין גאַ־לאָפּ פון די געשפּאַנען; פּיעטראָ רוקט זיך אַרויס פון ביידל, לאַכט און פאָכעט מיטן היטל; סטיעפּאַן פינקלט מיט זיין בלענדנדיקן שמייכל, באַוועגט שטיפעריש מיט די אַקסלען; און איבערן וועג קנוילט זיך דער שטויב; דער צעפּאַטלטער כריסטאָניא, אַ נאַסער פון שוויס, אַן אָנגעכמורעטער און קרעכצנדיקער, טאַנצט אין זיין לאַנגן צעכראַסטעטן העמד אַ קאָזאַטשאָק, מאַכט קניקסן, דרייט

זיך פלינק אין אַ ראָד, און אויפן גרויען זייענס פון שטויב בלייבן משונהדיקע שפורן פון זיינע צעלאַבערטע באָרוויסע פיס.

VI

אויף נאָכטלעגער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ משופּעדיק בערגל מיט אַ געל־זאַמדיקן פליך.

פון מערב־זייט האָט זיך געטראָגן אַ וואָלקן. פון זיין שוואַרצן פליגל האָט געטריפט אַ רעגן. די פערד האָבן זיי אָנגעטרונקען אין טייכל. ביי דער גרעבליע האָבן די מרה־שחורהדיקע ווערבעס זיך געהאָרבעט אונטערן ווינט. אין גרין־פאַרוואַקסענעם און לייכט געפּאַלדעטן וואַסער האָבן זיגזאַגיש זיך געשפּיגלט די בליצן. דער ווינט האָט קאַרג געקרישלט די רעגן־טראָפּנס, ווי ער וואָלט געשיט אַ נדבה אויף די שוואַרצע הענט פון דער ערד.

די געפּענטעטע פערד האָט מען אָפּגעלאָזט זיך פּאַשען, באַשטימענדיק דריי מענטשן אַלס וואַך. די איבעריקע האָבן צעלייגט פייערן און צעהאָנגען די קעסעלעך אויף די דישלעס פון די בריטשקעס.

כריסטאָניאַ איז געווען דער קוכער. מישנדיק מיטן לעפל אין קעסל, האָט ער דערציילט די קאָזאַקן, וואָס זענען געזעסן אַרום אים:

— ... דאָס בערגל, פאַרשטייט איר מיך, איז געווען אַזוי גרויס, אַ שטייגער ווי דאָס. זאָג איך צום פאַרשטאָרבענעם טאַטן מיינעם: וואָס־זשע, דער אַטאַמאַן וועט אונז נישט פאַרנעמען פאַר דעם, וואָס מיר וועלן אָנהייבן, אַזוי אָן שום דערלויבעניש, דאָסדאָזיקע בערגל צו טרייבערן!״

— וועגן וואָס טשאַקעט ער אייך דאָ? — האָט סטיעפּאַן געפרעגט, זיך אומקערנדיק פון די פערד.

— איך דערצייל זיי, ווי אַזוי איך האָב מיט מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן, אַ ליכטיק גן־עדן זאָל ער האָבן, געזוכט אַן אוצר.

— וואו־זשע האָט איר אים געזוכט?

— דאָס, ברידערל, איז — געווען אַזש נאָך דער פּעטיסאָווער הייל. דו קענסט דאָך — דאָס מערקולאָווער בערגל...

— נו־נו... — סטיעפּאַן האָט זיך אַראָפּגעזעצט טשיפּקע, — אַרויפגעלייגט אַ קויל אויף זיין האַנט. טשמאָקענדיק מיט די ליפּן, האָט ער לאַנג פאַררייכערט, אַרומוואַרפנדיק די קויל איבער דער האַנט.

— זאָגט אַזוי צו מיר דער טאַטע: „לאָמיר, כריסטאָניאַ, צע־גראָבן דאָס מערקולאָוו־בערגל". פון זיידן האָט ער געהערט, אַז דאָרט איז באַהאַלטן אַן אוצר. און אַן אוצר, פאַרשטייט איר מיך, לאָזט זיך נישט נעמען פון יעדן. דער טאַטע האָט איינגעטענהט מיט גאָט און אים מנדר געווען — ווען סטו מיר, זאָגט ער, אַוועק־געבן דעם אוצר — וועל איך דיר אַ שיינע צערקווע אויפשטעלן. האָבן מיר באַשלאָסן און אַהינגעפאָרן. די ערד געהערט צו דער סטאַניצע — שטערן האָט געקאָנט נאָר דער אַטאַמאַן. מיר זענען אָנגעקומען מיט דער נאַכט צוגלייך. צוגעוואַרט ביז ס'איז טונקל געוואָרן. די קאָבילע האָבן מיר, פאַרשטייט איר מיך, געפּענטעט, און אַליין מיט די לאָפּעטעס אַרויף אויפן שפּיץ בערגל. מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן, ווי נאָר ס'איז טונקל געוואָרן. אויסגעגראָבן אַ גרוב פון אַ צוויי אַרשין, די ערד — בלויז שטיינער, פון אַלטקייט פעלזיק געוואָרן. איך בין געווען נאַס פון שווייס. דער טאַטע שעפּ־טשעט אַלץ נאָך זיינע תּפילות, און ביי מיר, ברידערלעך, איר וועט גלייבן, האָט אָנגעהויבן אין בויך אַזוי צו בורטשען... זומער־צייט, פאַרשטייט איר מיך, איר ווייסט דאָך, די זומערדיקע עסנס: זויער־מילך און קוואַס... עס האָט מיך אַזוי אינעווייניק אַ נעם־געטון, אַז איך האָב געזען דעם טויט פאַר די אויגן — און פּטור! זאָגט דער פאַרשטאָ־בענער טאַטע מיינער, אַ ליכטיק גן־עדן זאָל ער האָבן, „פו, — זאָגט ער, — כריסטיאַן, ביסט דאָך גאָר אַ געצנדינער! איך זאָג תּפילות, און דו קאָנסט דיך נישט איינהאַלטן. עס כאַפּט דאָך דעם קאָפּ אַראָפּ... גיי, — זאָגט ער — דו, אַזוינער און אַזעלכער, אַראָפּ פון בערגל, וואָרים איך וועל דיר דעם קאָפּ מיט דער לאָ־פּעטע צעפּלעטן. איבער דיר, דו געצנדינער, קאָן נאָך דער

אוצר אין דער ערד איינזינקען!" איך האָב מיך געלייגט אונטערן בערגל. דער בויך טוט ווי, אַז ס'שניידט מיר די קישקעס אויס, און דער פאַרשטאָרבענער טאַטע מיינער, — אַ פעסטער געווען, דער אַלטער טייוול! — גראָבט אַליין. און ער האָט זיך דערגראָבן צו אַ שטיינערנער פליטע. רופט ער מיך. האָב איך, פאַרשטייט איר מיך, דידאָזיקע פליטע מיטן אייזערנעם דראַנג אונטערגעהויבן... איר וועט גלייבן, ברידערלעך, די נאַכט איז אַ לבנהדיקע געווען, אָבער פון אונטער דער פליטע אַפער האָט אָנגעהויבן אַזוי צו פינקלען...

— דו טשאַקעסט שוין איינמאָל, כריסטאָניאַ! — האָט פיעטראָ נישט אויסגעהאַלטן, שמייכלענדיק און זיך אַ ריס־געבנדיק ביי דער וואָנסע.

— וואָס הייסט דאָס איך טשאַקע? טראָג דיך אָפּ, דו אַזוינער און אַזעלכער! אין דער מאַמען אריין דיינער! — כריסטאָניאַ האָט אַ הייב־געטון די ברייטע שאַראָוואַרן און זיך אומגעקוקט אויף די צוהערער. — ניין, איך זאָג נישט קיין ליגנט! ווי גאָט איז מיר ליב — דעם אמת!

— אַ סוף, אַ סוף — פאַרענדיק!

— עס האָט, ברידערלעך, אַזוי געפינקלט! איך קוק מיך צו, און דאָס זענען גאָר, פאַרשטייט איר מיך, אויסגעברענטע קוילן. אַ פערציק קערץ געווען. זאָגט דער טאַטע צו מיר: „קריך אַראָפּ, כריסטאָניאַ, און וואַרף זיי אַרויס". בין איך אַראָפּגעקראָכן. איך וואַרף און וואַרף דאָסדאָזיקע מיסט, ביז אינדערפרי האָט עס געקלעקט. אינדערפרי, פאַרשטייט איר מיך, איך קוק מיך אום — ער איז דאָ, אָט איז ער!

— ווער? — האָט זיך אינטערעסירט טאָמילין, וואָס איז געלעגן אויף אַן אויסגעשפּרייטער דערע.

— דער אַטאַמאַן, ווי דען־זשע! ער פאָרט אין אַ וואָלאָנט: „ווער האָט אייך דערלויבט, הינטישע זין?" שווייגן מיר. האָט ער אונז, פאַרשטייט איר מיך, פאַרנומען און — אין דער סטאַניצע אריין. פאַראַיאָרן האָט מען אונז קיין קאַמינסק אין געריכט אריין

אַרויסגעפּאָדערט, אָבער דער טאַטע האָט זיך מיישב געווען און פריער געשטאָרבן. מען האָט אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר, אַז ער לעבט נישט.

כריסטאָניאַ האָט אַראָפּגענומען דעם קעסל מיט דער פּאַ־רענדיקער קאַשע און אַוועקגעגאַנגען צום וואָגן נאָך די לעפּל.

— נו, און דער טאַטע? ער האָט מנדר געווען אַ צערקווע צו שטעלן און זי גאָרנישט געשטעלט? — האָט סטיעפּאַן געפרעגט, צוּוואַרטנדיק ביז כריסטאָניאַ איז צוריקגעקומען מיט די לעפּל.

— דו ביסט אַ שוטה, סטיעפּאַן, וואָס־זשע, פּאַר קוילן האָט ער געזאָלט שטעלן?

— אויב ער האָט מנדר געווען — האָט ער געדאַרפט שטעלן.

— ווען קוילן איז דאָך קיין אָפּמאַך נישט געווען, און דער אוצר...

דאָס פייער האָט אַ ציטער־געטון פון געלעכטער. כריסטאָניאַ האָט אויפגעהויבן זיין פאַרגאַפּט פּנים פון דער קאַשע און נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר, צוגעדעקט די קולות פון די איבעריקע מיט זיין הילכיק קלינגענדיק לאַכן.

VII

אַקסיניען האָט מען חתונה געמאַכט מיט סטיעפּאַנען, ווען זי איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. מען האָט זי אַריבערגעברענגט פון דובראָווקער כוטאָר, פון די זאַמדן אויף יענער זייט דאָן.

מיט אַ יאָר פריער איידער זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי אַמאָל האַרבסט־צייט געאַקערט אין סטעפּ, אַן אַכט וויאָרסט פון כוטאָר. ביינאַכט האָט איר פאָטער, אַן פופציקיעריקער אַלטער, איר גע־בונדן די הענט מיט אַ פענטע און זי פאַרגוואַלטיקט.

— איך וועל דיך דערהרגענען, אויב דו וועסט אַ פּיפּס טון, און וועסטו שווייגן — וועל איך דיר מאַכן אַ פּליושענעם קאַפּטן און דיר קויפן געטרעס מיט קאַלאָשן. געדענק־זשע: איך

וועל דיך דערהרגענען, אויב דו וועסט כאָטש אַ וואָרט אַרויסברענ-
גען... — האָט ער זי געוואָרנט.

ביינאַכט איז אַקסיניאַ אין בלויזן צעריסענעם אונטערקלייד
געקומען צו לויפן אין כוטאָר אַריין. זי האָט זיך אַ וואָרף-געטון
צו דער מוטערס פיס און ביטער שלוכצנדיק אַלץ דערציילט... די
מוטער און דער עלטערער ברודער, דער אַטאַמאַניעץ, וואָס איז
נאָרוואָס געהאַט צוריקגעקומען פון מיליטער, האָבן איינגעשפּאַנט
די פערד אין דער בריטשקע, אַרויפגעזעצט אַקסיניען און אַוועק-
געפאָרן אַהין, וואו דער פאָטער האָט זיך געפונען. איבער די אַכט
וויאָרסט האָט דער ברודער שיער נישט אַוועקגעלייגט די פערד.
דעם פאָטער האָט זיך געפונען לעבן פונקט. ער איז געשלאָפן, אַ
שיכורער, אויף זיין אויסגעשפּרייטן זיפּון. לעבן אים האָט זיך גע-
וואַלגערט אַ ליידיקע פלאַש פון בראָנפן. אין אַקסיניעס אויגן האָט
דער ברודער אָפּגעטשעפּעט דעם אָרטשיק פון דער בריטשקע, מיט
אַ שטויס פון פוס דעם פאָטער אויפגעוועקט, עפּעס קורץ אים גע-
פרעגט און מיטן געקאָוועטן אָרטשיק אַ זעץ געגעבן דעם אַלטן
צווישן די אויגן. ער מיט דער מוטער האָבן אים געשלאָגן אפשר
אַנדערהאַלבן שעה. די אַלטע מאַמע, וואָס איז תמיד געווען אַזאַ
שטילע, האָט אין ווילדן צאָרן געריסן דעם פאַרחלשטן מאַן ביי די
האָר, דער ברודער האָט געאַרבעט מיט די פיס. אַקסיניאַ איז געלעגן
אונטער דער בריטשקע מיט אַ פאַרגראָבענעם קאָפּ און שווייגנ-
דיק זיך געטרייסלט... פאַרטאָג האָבן זיי דעם אַלטן אהיימגעבראַכט.
ער האָט יעמערלעך געקרעכצט, געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער
דער שטוב, זוכנדיק די באַהאַלטענע אַקסיניאַ. פון זיין אָפּגעריסן אויער
האָט געטריפט בלוט מיט אייטער אויפן קישן. פאַרנאַכט איז ער גע-
שטאָרבן. פאַר די מענטשן האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ שיכורער
אַראָפּגעפאַלן פון דער אַרבע און זיך דערהרגעט.

אין אַ יאָר אַרום זענען אין אַ פאַראַדנער בריטשקע געקומען
מחותנים צו אַקסיניען. דער הויכער, שיין-געוואוקסיקער סטיעפּאַן
איז דער כלה געפעלן געוואָרן, און מ'האָט באַשטימט די חתונה
אויף האַרבסט. דאָס איז געווען שוין פאַר סאַמע ווינטער — אַ טאָג,

אַ פּראַקטיקער, אין וועלכן דאָס אייז האָט פריילעך געקלונגען. פון דעמאָלט אָן איז אַקסיניאַ אַריינגעקומען אין הויז פון די אַסטאַכאָווס אַלס יונגע באַלעבאָסטע. די שוויגער, אַ הויכע דאַרע זקנה, אַ געבויגענע אין דרייען דורך עפּעס אַ שווערער ווייבערישער קרענק, האָט באַלד צומאָרגנס נאָך דער חתונה גאַנץ פרי אויפגעוועקט אַקסיניען, זי אַריינגעפירט אין קיך און, סתם איבערשטעלנדיק די טעפּ, אַזוי געזאָגט:

— זעסטו, ליבע שנור מיינע, מיר האָבן דיך דאָ אַהערגענומען נישט אויף צו ליבן זיך און נישט אויף צו ליגן ביזן האַלבן טאָג אַריין. גיי מעלק אויס די בהמות און דערנאָך שטעל דיך אַוועק צום אויוון קאָכן. איך — בין שוין אַלט, די קרענק לייגט מיך אַוועק, נעם דו די באַלעבאַטישקייט אין דער האַנט אַריין און האָב דו אַלץ אויפן קאָפּ.

דעם זעלבן טאָג האָט סטיעפּאַן אין שייער מיט איבערלייגונג אכזריותדיק צעשלאָגן זיין יונג ווייב. ער האָט זי געשלאָגן אין בויך אַריין, אין האַרץ אַריין, אין די פּלייצעס אַריין; געשלאָגן אַזוי, אַז מ׳זאָל נישט דערקענען. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן מאַכן אַ כּוסה אין דער זייט, זיך אַרומגעשלעפּט מיט אויסגעלאַסענע זעלנערקעס, אַוועקגעגאַנגען כּמעט יעדע נאַכט, פאַרשליסנדיק אַקסיניען אין שייער אָדער אין שטוב.

אַן ערך אַנדערהאַלבן יאָר האָט ער איר נישט מוחל געווען די באַליידיקונג, ביז ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. נאָכדעם האָט ער זיך באַרויִקט, אָבער אַלץ נאָך קאַרג געווען אויף אַ גוט וואָרט און ווי פריער זעלטן גענעכטיקט אינדערהיים.

די אַרבעט אַרום דער באַלעבאַטישקייט מיט דער גרויסער צאָל בהמות האָט אַקסיניען אינגאַנצן פאַרשלונגען. סטיעפּאַן האָט זיך געפוילט צו אַרבעטן: פאַרקעמענדיק זיין טשופּרינע, פלעגט ער אַוועקגיין צו די חברים אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָסל, מאַכן אַ קערטל, זיך דערציילן נייעס פון כוטאָר, און די בהמות האָט געמוזט באַזאָרגן אַקסיניאַ, די באַלעבאַטישקייט — ווידער זי. פון דער שוויגער האָט זי געקאָנט האָבן אַ קנאַפּע הילף. אַרומפּאָרענ־

דיק זיך אַ ביסל, פֿלעגט די שוויגער אַוועקפֿאַלן אויפֿן בעט, קרעכצן צונויפֿדרייען זיך אין אַ קנויל, אויסציען די אָפּגעבליאַקעוועטע ליפּן ווי אַ פּאָדים און קוקן אויפֿן סופיט מיט ווילד-געוואָרענע אויגן פֿון ווייטיק. אין אַזעלכע מינוטן איז אויף איר פּנים. וואָס איז באַזעצט געווען מיט שוואַרצע, משונהדיק-גרויסע וואָרצלען, אַרויסגעטרעטן אַ געדיכטער, עיפּושדיקער שווייס. די אויגן האָבן זיך אָנגעפּילט מיט טרערן, וואָס זענען כסדר, איינע נאָך דער צווייטער, גערונען. אַקסיניאַ פֿלעגט אַוועקוואַרפֿן די אַרבעט, זיך פֿאַרקליבן ערגעץ אין אַ ווינקעלע און מיט שרעק און רחמנות קוקן אויף דער שוויגערס פּנים.

אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום איז די שוויגער געשטאָרבן. אינדערפֿרי האָבן בײַ אַקסיניען זיך אָנגעהויבן די געבורט-ווייען און מיטאָג-צײַט, אַ שעה פֿאַרן געבוירן ווערן פֿון קינד, איז די שוויגער לעבן דער טיר פֿון דער אַלטער פֿערד-שטאַל גייענדיק געשטאָרבן. די הייבאַם, וואָס איז אַרויסגעלאָפֿן מתרה זײַן דעם שיכּורן סטיעפּאַן, ער זאָל נישט אַרײַנגיין צו דער געווינערן, האָט דערזען ליגן אַקסיניעס שוויגער מיט די פֿיס אונטער זיך. אַקסיניאַ האָט זיך צוגעבונדן צום מאַן נאָכן געבוירן ווערן פֿון קינד, אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ צו אים. דאָס איז געווען בלויז אַ ביטער, ווײַבעריש רחמנות-געפֿיל און געוואוינהייט. דאָס קינד איז גע-שטאָרבן נאָך איידער ס'איז אַלט געוואָרן אַ יאָר. ס'האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דאָס אַלטע לעבן. און ווען מעליעכאָוו האָט שפּאַסנדיק פֿאַרשטעלט אַקסיניען דעם וועג, האָט זי מיט שרעק דערפֿילט, אַז עס ציט זי צו דעמדאָזיקן שוואַרצן ליבן בחור. ער איז עקשנותדיק, מיט בוהייאישער האַרטנעקיקייט צוגעשטאַנען צו איר. און טאַקע דידאָזיקע עקשנותדיקייט האָט אַקסיניען געשראָקן. זי האָט געזען, אַז ער האָט נישט מורא פֿאַר סטיעפּאַנען, אינערלעך גע-פֿילט, אַז ער וועט סתּם אַזוי פֿון איר זיך נישט אָפּטשעפּען און מיטן שׂכל נישט ווילנדיק דאָס — זיך געוועהרט מיט אַלע כּוחות. זי האָט באַמערקט, אַז אין די יום-טובֿים און אַפֿילו וואָכן-טעג הייבט זי אָן אויפֿמערקזאַמער זיך אָנטון און נאַרנדיק זיך אַליין, באַמיט זי

זיך אַלץ אָפטער זיך אים צו וואַרפן אין די אויגן אַריין. עס איז איר געווען וואַרים און אָנגענעם, ווען גרישקאַס שוואַרצע אויגן האָבן מיט ווילדער צערטלעכקייט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר. באַגינען, ווען זי פלעגט אויפשטיין מעלקן די קי, האָט זי געשמייכלט און נאָך אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, זיך דערמאַנט: „היינט וועט זיין עפּעס פרייליכס. וואָס אַזוינס? — גריגאָרי... גרישאַ...” עס האָט זי געשראָקן דאָסדאָזיקע נייע געפיל, וואָס האָט זי איינגאַנצן באַהערשט און זי איז אין די געדאַנקען געגאַנגען טאַפּנדיק, פּאָרזיכטיק, ווי מערק-צייט איבערן געלעכערטן אייז פון דאָן.

באַגלייטנדיק סטיעפּאַנען אין לאַגער אַריין, האָט זי באַשלאָסן מיט גרישקען, ווי ווייט מעגלעך, זעלטענער זיך צו זען. נאָכן פישפאַנג מיט דער נעץ איז דערדאָזיקער באַשלוס ביי איר נאָך פעסטער געוואָרן.

VIII

צוויי טעג פאַרן יום-טוב פון דער דריי-אייניקייט האָבן די מענטשן פון כוטאָר זיך געטיילט מיט דער לאָנקע. צו דער חלוקה איז געגאַנגען פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט מיטאָג-צייט קרעכצנדיק אַראָפּגעוואָרפן די שיך, מיט הנאה זיך צעריבן די מידע פיס פון גיין און געזאָגט:

— מיר האָבן געקריגן אונזער חלק לעבן רויטן יאַר. דאָס גראָז איז דאָרט נישט אַזוי איבעריק גוט. דער אייבערשטער עק דערגרייכט צום וואַלד — ערטערווייז אַ ביסל זאַמדיק, אַ ביסל ווילד פאַרוואַקסן.

— ווען וועט מען אָנהייבן שניידן? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

— נאָך יום-טוב.

— איר וועט אפשר מיטנעמען דאַריען? — האָט די אַלטע זיך אָנגעכמורעט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: — „טשעפּע דיך אָפּ".

— מען וועט דאַרפן — וועט מען זי מיטנעמען. גיב בעסער צו עסן, וואָס שטייסטו? — זיך אָנגעבלאָזן!

די אַלטע האָט אַ שאַרף-געטון מיטן אויוון-ברעטל, אַרויסגענומען דעם אָנגעוואַרימטן באָרשטש פון אויוון. ביים עסן האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש לאַנג דערציילט וועגן דער חלוקה און כיטראַק דעם אַטאַמאַן, וואָס האָט שיער נישט אָפּגענאַרט דעם גאַנצן כוטאָר.

— ער האָט אויך פאַראיאָרן מיט מאַלאַשקאַ פּראָלאָוואַ ביים טיילן קאָמבינירט — האָט דאַריאַ זיך אַריינגעמישט.

— שוין אַן אַלטער מנוול — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געקייעט.

— טאַטע, ווער וועט גראַביען, און ווער וועט אויפשטעלן די קופּעס? — האָט דוניאַשאַ נישט דרייסט געפרעגט.

— און דו וואָס וועסט טון?

— איינע אַליין, טאַטע, וועל איך מיר נישט קיין עצה געבן.

— וועט מען אַ רוף-טון אַקסיוטאַ אַסטאַכאָוואַ. סטיעפּאַן האָט געבעטן מ'זאָל אים זיין היי אַראָפּנעמען, מ'דאַרף עס טון.

צומאָרגנס אינדערפרי איז צום מעליעכאָווער הויף אויף אַ ווייספּיסיק געזאָטלט פערד צוגעריטן מיטקאַ קאָרשונאָוו.

עס האָט געטריפט אַ רעגן. אַ פייכטער נעפל איז געהאָנגען איבערן כוטאָר. מיטקאַ האָט זיך אָנגעבויגן פון זאָטל, געעפנט דאָס טירל און אַריינגעריטן אין הויף.

פון גאַנעק האָט זיך צעשריגן אויף אים די אַלטע.

— וואָס ביסטו דאָ געקומען, דו אָנדרייער? — האָט זי געפרעגט מיט דייטלעכער אומצופרידנקייט. די אַלטע האָט נישט געליטן מיטקען, דעם עזות-פּנים און שלעגער.

— וואָס ווילסטו פון מיר איליניטשנאַ? — האָט מיטקאַ זיך געוואונדערט, אָנבינדנדיק דאָס פערד אָן גאַנעק. — איך בין געקומען צו מיטקען. וואו איז ער?

— ער שלאָפט אין שפּייכלער. און וואָס איז דאָס?... דו ביסט פּאַראַליזירט געוואָרן? צופוס קאָנסטו שוין נישט גיין?

— דו, מומעשי, מוזט אומעטום די נאָז אַריינשטעקן! — האָט מיטקאַ זיך באַליידיקט. וויגנדיק זיך, פּאָכענדיק און קלאַפּנ־דיק זיך איבער די כאָליעוועס פון די לאַקירטע שטיוול, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שפּייכלער. גריגאָרי איז געשלאָפן אין דער אַרבע, וואָס איז געווען אַראָפּגענומען פון די פעדערשטע רעדער. מיטקאַ האָט פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג, ווי ער וואָלט זיך גע־צילט, און אַ צי־געגעבן גריגאָריען מיטן בייטשל.

— שטיי אויף, פויער!

דאָס וואָרט „פויער” איז ביי מיטקען געווען דאָס ערגסטע זידל־וואָרט.

גריגאָרי איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פּרוזשינע.

— וואָס ווילסטו?

— געגוג געפּאָפן!

— הער אויף, מיטרי, כל־זמן איך בין גוט...

— שטיי אויף, כ'דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן.

— נו?

מיטקאַ האָט זיך געזעצט אויף דער אַרבע, אַראָפּקלאַפּנדיק מיטן בייטשל די פאַרטרוקנטע בלאָטע פון שטיוול, און געזאָגט:

— איך, גרישקאַ, פיל מיך באַליידיקט...

— נו?

— אוודאי, — מיטקאַ האָט אַרויסגעזאָגט אַ דריי־גאָרנדיק זידל־וואָרט, — דער סאָטניק* דערלויבט זיך שוין צופיל.

ער האָט לאַנג און בייז געוואָרפן מיט ווערטער דורך די פאַרדריקטע ציין, זיינע פיס האָבן געציטערט. גריגאָרי איז אויפ־געשטאַנען.

— וועלכער סאָטניק?

* אַן אָפיצירן־ראַנג אין קאָזאַקן־מיליטער פון דער צאַרישער אַרמיי.

האַלטנדיק אים ביים אַרבל פון העמד, האָט מיטקאַ שוין גע-רעדט שטילער:

— זאָל אָן דאָס פערד און מיר וועלן אַרויסרייטן אויף דער פּאַשע. איך וועל אים ווייזן! איך האָב אים טאַקע אַזוי געזאָגט: „לאָמיר, אייער וואוילגעבוירנהייט, פּרווון". — „ברענג צונויף, זאָגט ער, אַלע דיינע פריינט און חברים, און איך וועל זיי אַלע בייקומען, ווייל די מוטער פון מיין קאָבילע האָט אין פּעטער-בורג אויף די אָפיצירישע געיעגן פּריזן גענומען". — אָבער וואָס גייט מיך אָן זיין קאָבילע מיט דער מוטער צוזאַמען — כאַפּט זיי דער טייוול! — איך וועל מיין פערד נישט לאָזן איבעריאָגן.

גריגאָרי האָט זיך אייליק אָנגעטון, מיטקאַ איז געשטאַנען און אים אונטערגעטריבן; שטאַמלענדיק פון כעס, האָט ער דערציילט:

— דער סאָטניק איז געקומען צו מאָכאָוון צו גאַסט. וואַרט נאָר, ווי הייסט ער? דאַכט זיך, ליסטניצקי. אַזאַ דיקער און ערנ-סטער, ברילן טראָגט ער. נו, זאָל ער! מעג ער זיך טראָגן ברילן, אָבער מיין פערד וועל איך נישט לאָזן איבעריאָגן.

גריגאָרי האָט שמייכלענדיק אָנגעזאָטלט די אַלטע קאָבילע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צום פּרוכבערן, און דורכן טויער פון שייער — דער פאָטער זאָל נישט זען — אַרויסגעריטן אין סטעפּ אַריין. זיי זענען געריטן צו דער פּאַשע איבערן באַרג. די קאָפּיטעס פון די פערד האָבן שליאַפּענדיק געקנעטן די בלאָטע. אויף דער פּאַשע לעבן פאַרטרוקנטן טאָפּאָל האָבן געוואַרט אויף זיי רייטער: דער סאָטניק ליסטניצקי אויף אַ דאַרער הערלעכער קאָבילע און אַן אַכט חברה-לייט פון כוטאָר אויף געזאָטלטע פערד.

— פון וואַנען וועלן מיר אָנהייבן — האָט דער סאָטניק זיך געווענדט צו מיטקען, פאַרריכטנדיק זיינע פּענסנע אויף דער נאָז און קוויקנדיק זיך מיט די מעכטיקע מוסקולן אויף דער ברוסט פון מיטיעס פערד.

— פון טאָפּאָל ביזן צאַראָווער סטאַוו.

— וואו איז דאָס דער צאַראָווער סטאַוו?

דער סאָטניק האָט געזשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן.

— אָט דאָרט, אייער וואוילגעבוירנהייט, לעבן וואַלד.

מען האָט אויסגעגלייכט די פערד. דער סאָטניק האָט אויפ־געהויבן דאָס בייטשל איבערן קאָפּ. די שליפּע איבער זיין אַקסל איז בערגלדיק אָנגעשוואָלן.

— ווען איך וועל זאָגן „דריי" — הייבן מיר אָן! נו? איינס, צוויי... דריי!

דער ערשטער האָט זיך אָפּגעריסן דער סאָטניק, צופאַלנדיק צום האָרן פון זאָטל און זיך צוהאַלטנדיק דאָס היטל מיט דער האַנט. ער האָט אויף אַ סעקונדע זיך געפעדערט פאַר די איבעריקע. מיטקאַ האָט מיט אַ צעטראָגן בלייך פּנים זיך אונטערגעהויבן אויף די רייט־טרעפּלעך — גריגאָריען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויפן פערדס קרופּ צו פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דאָס בייטשל, וואָס ער האָט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ.

פון טאָפּאָל ביזן צאַראָווער סטאַוו איז דריי וויאָרסט. אין האַלבן וועג האָט מיטקעס פערד זיך אויסגעצויגן ווי אַ פייל און דעריאָגט דעם סאָטניקס קאָבילע. גריגאָרי איז געריטן נאָכלעסיק. בלייבנדיק באַלד אין אָנהייב הינטערשטעליק, איז ער געריטן אין לייכטן גאַלאָפּ און מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דער קייט פון די רייטער, וואָס האָט אַלץ מער זיך דערווייטערט און צעטיילט אויף באַזונדערע רינגען.

לעבן צאַראָווער סטאַוו געפינט זיך אַ זאַמדיקער וואַל, וואָס איז אָנגעטראָגן געוואָרן דורך די פרילינגס־וואַסערן. זיין געלער האָרב, ווי ביי אַ קעמל, איז שיטער פאַרוואַקסן מיט שפּיציק־בלע־טערדיקע ווילדע קנאָבל־געוויקסן. גריגאָרי האָט געזען, ווי דער סאָט־ניק מיט מיטקען זענען צוזאַמען אַרויף אויפן וואַל און אַריבער אין דער צווייטער זייט אַריין, נאָך זיי האָבן זיך איינציקווייז נאָכגעגליטשט די איבעריקע רייטער. ווען ער איז אָנגעקומען צום סטאַוו, זענען די פאַרשוויצטע פערד שוין געשטאַנען אין אַ קופּע צוזאַמען. די חברה־לייט פון כוטאָר האָבן אייליק זיך דערנענטערט און אַרומגערינגלט דעם סאָטניק. מיטקאַ האָט געשיינט פון איינגעהאַלטענער פרייד. דער טריומף האָט זיך געפילט אין זיין יעדער באַוועגונג. דער סאָט־

ניק האָט, קעגן גריגאָריעס דערוואַרטונג, גאָרנישט אויסגעזען פאַר־
שעמט: אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, האָט ער זיך געררייכערט זיין
פּאַפּיראָסל און געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן קליינעם פינגער אויף
זיין פאַרשוויצטער, ווי אויסגעבאָדענער קאָבילע.

— איך האָב אויף איר געמאַכט הונדערט און פופציק ווי־אָרסט.
ערשט נעכטן געקומען פון דער סטאַנציע. ווען זי וואָלט נישט גע־
ווען אַזוי אויסגעמאַטערט — וואָלט מיך קאָרשונאָוו קיינמאָל נישט
איבערגעיאָגט.

— אפשר, — איז מיטקאַ געווען גרויסמוטיק.

— קיין שנעלערס פון זיין פערד איז אין דער גאַנצער געגנט
נישטאָ, — האָט מיט קנאה געזאָגט דער פיגעוואַטער בחור, וואָס
איז געקומען צו רייטן דער לעצטער.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ פערד. — מיטקאַ האָט מיט אַ
ציטערדיקער האַנט פון דער איבערגעלעבטער אויפרעגונג אַ קלאַפּ
געטון דעם פערד איבערן האַלז און, שטייף־שמייכלענדיק, אַ קוק
געגעבן אויף גריגאָריען.

זיי האָבן ביידע זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, אַוועק־
געריטן איבערן באַרג, נישט דורך דער גאַס. דער סאָטניק
האָט זיך געזעגנט מיט זיי קיל, אַ הייב־געטון צוויי פינגער צום
דאַשיק און זיך אויסגעדרייט.

ווען זיי זענען צוגעריטן איבערן געסל צום הויף, האָט
גריגאָרי דערזען אַקסיניען, וואָס איז זיי געגאַנגען אַקעגן. זי איז
געגאַנגען, אָפּצופּנדיק די בלעטלעך פון אַ צווייגל. ווען זי האָט
דערזען גרישען, האָט זי נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס האָסטו דיך פאַרשעמט, מיר פאָרן דען מיט וואָגנס? —
האָט מיטקאַ אונטערווינקענדיק אויסגעשריגן: — קאַלינע, דו
מיין ביטערע!

גריגאָרי איז געריטן גלייכגילטיק, קוקנדיק פאַר זיך, נאָר
ווען ער האָט זיך געפונען לעבן איר, האָט ער גראָד דעמאָלט אַ שמיר
געגעבן דער קאָבילע מיטן בייטשל. זי האָט זיך אַ זעץ־געטון

אויף די הינטערשטע פיס — אַ ווייערג-געטון און אָפּגעשפּריצט אַקסיניען מיט בלאָטע.

— אַי-י-י, משוגענער טייוול!

ער האָט אָנגעדרייט דאָס איבערגעשראָקענע פערד, באַמיענ-דיק זיך אַרויפצוּרייסן אויף אַקסיניען און געפרעגט:

— פאַרוואָס באַגריסטו דיך נישט?

— ביסט נישט ווערט?

— פאַר דעם האָב איך דיך טאַקע אָפּגעשפּריצט — זיי נישט קיין בעל-גאווהניצע!

— הער אויף! — האָט אַקסיניאַ אַ געשריי-געטון, פאָכענדיק מיט די הענט פאַרן פערדס פּיסק. — דו ווילסט מיך מיטן פערד צעטרעטן?

— דאָס איז אַ קאָבילע, נישט קיין פערד.

— אַלץ איינס, הער אויף!

— פאַרוואָס ביסטו בייז אויף מיר, אַקסיוטאַ? אפשר פאַר דעם אָנומעלטיקן אויף דער פאַשע?...

גריגאָרי האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. אַקסיניאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אין ווינקל פון איר שוואַרץ אויג האָט פּלוצלינג אָנגעקוואָלן אַ טרערעלע, די ליפּן האָבן נעבעכדיק אַ ציטער-געגעבן. זי האָט מיט אַ פאַרשטיקטן האַלז אַ שעפּטשע-געטון:

— טשעפּע דיך אָפּ, גריגאָרי... איך בין נישט בייז... איך... — און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער פאַרוואונדערטער גריגאָרי האָט דעריאָגט מיטקען ביים טויער.

— ווענסט קומען היינט אויף דער פאַרוויילונג? — האָט יענער געפרעגט.

— ניין.

— פאַרוואָס? זי האָט דיך אפשר פאַרבעטן אויף נאַכטלעגער?

גריגאָרי האָט זיך אַ רייב געטון דעם שטערן מיט דער האַנט און נישט געענטפערט.

IX

נאָכן יום־טוב פון דער דריי־אייניקייט איז אין די הויפן פון כוטאָר געבליבן נישט מער, ווי דער פאַרטרוקנטער אַאיר, וואָס איז אויסגעשפרייט געווען אויף די דילן, דער שטויב פון די צעריבענע בלעטער און דאָס גרינצלטע, טויטע גרינס פון די אָפּגעהאַקטע דעמבענע און יעשיאָנאָווע צווייגן, מיט וועלכע עס זענען באַצירט געווען די טויערן און גאַנקעס.

נאָך דעמדאָזיקן יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן דער היי־שניט. באַלד באַגינען האָט די לאָנקע זיך צעבליט מיט יום־טובדיקע ווייבערישע קליידער, העל־געבלימטע פאַרטוכער, בונטפאַרביקע טיכער. צום היי־שניט זענען אַרויס אַלע איינוואוינער פון כוטאָר. די שניטערס און גראַביערקעס האָבן זיך אָנגעטון, ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. דאָס איז געווען אַ מנהג פון פאַרצייטנס. פון דאָן ביז די ווייטע אָלכע־וועלדלעך האָט די לאָנקע זיך באַוועגט און געאָטעמט אונטערן גלאַנץ פון די קאָסעס.

די מעליעכאָווס האָבן זיך פאַרשפעטיקט. זיי זענען אַרויסגעפאָרן צום היי־שניט, ווען אויף דער לאָנקע איז שוין געווען כמעט אַ האַלבער כוטאָר.

— דו שלאָפסט צו לאַנג, פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש! — האָבן געשריגן די שניטערס, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך צו דערשוויצן.

— נישט איך, די ווייבער זענען שולדיק! — האָט דער אַלטער געשמייכלט און אונטערגעטריבן די אָקסן מיטן געפלאָכטענעם רעמעט.

— אַ געזונט אייך, שכן! זיך פאַרשפעטיקט, ברידערל, זיך פאַרשפעטיקט... — דער הויכער קאַזאַק אין שטרויענעם הוט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך צורעכטמאַכנדיק די קאָסע ביים וועג.

— וואָסי, דאָס גראָז וועט אויסגעטרוקנט ווערן?

— וועסט פאָרן שנעלער — וועסטו באַוויזן, אויב נישט — וועט עס טאַקע אויסגעטרוקנט ווערן. וואו געפינט זיך דיין חלק?

— לעבן רויטן יאַר.

— נוּ, נוּ, טרייב־זשע אונטער די עקסלעך, וואָו׳ים, צוּ נישט, וועסטוּ היינט נישט אָנקומען.

פון הינטן איז אויף דער אַרבע געזעסן אַקסיניאַ, פאַרהילט דאָס גאַנצע פנים אין אַ טיכל פאַר דער זון. דורכן שמאָלן שפאַלט, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר די אויגן, האָט זי געקוקט אויף גריגאָריען, וואָס איז געזעסן קעגן איר, גלייכגילטיק און שטרענג. דאַריאַ, אויך אַן איינגעהילטע און אויסגעשלייערטע, מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס פון דער אַרבע, האָט געזייגט מיט דער לאַנגער אָדערדיקער ברוסט דאָס איינגעשלאָפענע קינד אויף די הענט. דוניאַשקאַ איז אונטערגעשפרונגען אויף דער לייטער פון דער אַרבע, קוקנדיק מיט גליקלעכע אויגן אויף דער לאָנקע און די באַגעגנטע מענטשן אויפן וועג. איר פריילעך פנים, לייכט אָפּגעברענט און באַדעקט מיט זומערשפרענקעלעך אונטער די אויגן, האָט, דאַכט זיך, אויסגעדריקט: „מיר איז פריילעך און גוט דערפאַר, וואָס דער טאָג מיט דעם בלויען הימל אָן וואָלקנס איז אויך פריילעך און גוט; דערפאַר, וואָס אויף דער נשמה איז אויך אַזאַ בלויע רויִקייט און זויבערקייט. מיר איז פריילעך און מער וויל איך גאָרנישט. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַראָפּגעצויגן אויף דער האַנט דעם אַרבל פון באַנוולנעם העמד און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז אים גערונען פון אונטערן דאַשיק אַפּער. זיין אָנגעבויגענער רוקן, נעט אַרומגענומען פון העמד, האָט זיך גע־טונקלט פון פאַרשוויצטקייט. די זון האָט דורכגעדרונגען דעם גרויען קאַראַקול פון די וואָלקנס און אויסגעשפרייט אַ פעכער פון מאַטע, איבערגעבראָכענע שטראַלן, איבער די ווייטע זילבערנע בערג אויף דער צווייטער זייט דאָן, איבערן סטעפּ, איבער דער לאָנקע און איבערן כוטאָר.

דער טאָג איז געווען אַ חמימהדיקער. די וואָלקנדלעך, אַרומגעצוימטע פון ווינט, זענען געקראָכן פויל, נישט איבעריאָגנדיק פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס אָקסן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויפן וועג. ער אַליין האָט שווער אויפגעהויבן די בייטש, געפּאָכעט מיט

איר, ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן: יאָ אָדער נישט אַ שמייס צו טון איבער די שאַרפֿע אָקסישע לענדן. די אָקסן, וואָס האָבן דאָס אַפּנים פֿאַרשטאַנען, האָבן נישט צוגעאײַלט דעם טריט, נאָר ווייטער אַזוי פּאַמעלעך און טאַפּנדיק געשטעלט זייערע שווערע פֿיס, פּאָכענדיק מיט די ווײַדלען. אַ שטויביק־גאָלדיקער, אָראַנזש־גלאַנציקער זשוק האָט זיך געדרייט איבער זיי.

די לאָנקע, וואָס איז שוין אָפּגעשניטן געווען לעבן די כוטאָר־שייערס, האָט געלויכטן מיט די העל־גרינע פֿלעקן; דאָרט, וואו מען האָט דאָס גראָז נאָך נישט געהאַט אַראָפּגענומען, האָט אַ ווינטל געשווי־בערט דאָס גרינע טונקל־גלאַנציקע זײַדנס פֿון גראָז.

— אָט איז אונזער חלק. — פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ וויַיז־געטון מיט דער בײַטש.

— פֿון וואַלד וועלן מיר אָנהייבן? — האָט גריגאָרי געפֿרעגט.

— מ׳קאָן אויך פֿון דער זייט. דאָ האָב איך מיט דער לאָפּעטע אַ צייכן געמאַכט.

גריגאָרי האָט אויסגעשפּאַנט די מידע אָקסן. פֿינקלענדיק מיטן אויערינגל, איז דער אַלטער געגאַנגען זוכן דעם סימן, וואָס ער האָט אין עק אויסגעהאַקט מיט דער לאָפּעטע.

— נעם די קאָסע! — האָט ער באַלד אַ געשריי־געטון, אַ פּאָך־געגעבנדיק מיט דער האַנט.

גריגאָרי איז געגאַנגען, אײַנבייגנדיק דאָס גראָז. פֿון דער אַרבע האָט גענומען פֿליסן הינטער אים אַ צעוויגטער שפּאָר. פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך איבערגעצלמט אין דער זייט פֿון ווייטן ווייסן גלאָקן־טורעם און גענומען די קאָסע. זײַן געהאָרבעטע נאָז האָט געגלאַנצט, ווי זי וואָלט ערשט אָפּלאַקירט געוואָרן, אין די גריבער פֿון זײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַקן האָט זיך געזען שווייס. ער האָט אַ שמייכל געטון, אויפֿדעקנדיק אין זײַן שוואַרצער באָרד אַן אומצייליקע צאָל ווייסע, מיט שפּייעכץ באַזאַפּטיקטע, געדיכטע ציין, און אויפֿגעהויבן די קאָסע, אויסדרייענדיק דעם געפֿאַלדעטן האַלז רעכטס. אַ קלאַפּטערדיקער האַלב־קרייז פֿון אָפּגעשניטן גראָז האָט זיך אַ לייג־געטון צו זײַנע פֿיס.

גריגאָרי איז אים פוס-טריט נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, אומלייגנדיק דאָס גראָז מיט דער קאָסע. פאָרויס האָבן אין אַ געבראָכענעם רעגנבויגן געבליט די ווייבע-רישע פאַרטוכער, נאָר ער האָט מיט די אויגן געזוכט בלויז איין ווייס פאַרטיכל מיט אַן אויסגענייטן זוים; ער האָט אַ קוק-געטון אויף אַקסיניען און ווידער זיך צוגעפּאַסט צום פאָטערס טריט, פאָכנדיק מיט דער קאָסע.

אַקסיניאַ האָט כסדר פאַרנומען זיינע געדאַנקען; ער האָט אין רעיון זי געקושט מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, איר געזאָגט הייסע און צערטלעכע ווערטער, וואָס זענען אים פון ערגעץ-וואו פּלוצ-לינג אויף דער צונג אַרויפגעקומען, דערנאָך האָט ער דאָס אַלץ אַוועקגעוואָרפן און געשפּאַנט, ציילנדיק – איינס, צוויי, דריי, דער זכרון האָט אים אונטערגערוקט שטיקלעך אָפּגעריסענע דערינערונ-גען: „זיי זענען געזעסן אונטער דער נאַסער היי-קופּע... אין קריגל האָט געטשירקעט אַ גריל... די לבנה איבער דער לאָנקע... און פון קוסטן אין דער קאַלוזשע אַריין טריפן איינצלנע טראָפּנס אויך אַזוי – איינס, צוויי, דריי... אַך, ווי גוט ס׳איז געווען!...“

לעבן וואָגן האָט מען זיך צעלאַכט. גריגאָרי האָט זיך אומ-געקוקט: אַקסיניאַ האָט, אַן אָנגעבויגענע, עפּעס געזאָגט דאַריען, וואָס איז געלעגן אונטער דער אַרבע, יענע האָט אָנגעהויבן פאָכען מיט די הענט, און זיי האָבן זיך ווידער ביידע צעלאַכט. דוניאַש-קאַ איז געזעסן אויפן דישעל און מיט אַ דין קולעכל עפּעס גע-זונגען.

„ווען איך וועל צוקומען צו יענעם קוסט, וועל איך אָנ-שאַרפן די קאָסע“, – האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון און דערפילט, ווי די קאָסע איז דורכגעגאַנגען דורך עפּעס זומפּיקס. ער האָט זיך אָנגעבויגן אַ קוק-טון: אַ קליין ווילד קאַטשקעלע האָט פון לעבן זיינע פיס מיט אַ פּישטשעריי אַוועקגעלאָמט אין גראָז אַריין. לעבן גריבל, וואו ס׳האָט זיך געפונען די נעסט, האָט זיך געוואַלגערט אַ צווייטס, אַן איבערגעשניטנס אויף דער העלפט און די איבערי-קע האָבן מיט אַ פּישטשעריי זיך צעשיט איבערן גראָז. גריגאָרי

האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף דער האַנט דאָס איבערגעשניטענע קאַטשקעלע. בראָנזיק־געל, ערשט די טעג זיך אַרויסגעפּיקט פון איי, האָט עס נאָך אויפגעהאַלטן די לעבעדיקע וואַרימקייט אין פוך. אויפן פלאַכן געעפנטן שנעבעלע — אַ ראָזינקע בלעזעלע בלוט, דאָס פערלדיקע אייגל — האַלב־צונויפגעלענט, אַ לייכט ציטערן פון די נאָך הייסע פיסלעך. גריגאָרי האָט מיט אַן אומגעריכטן שאַרפן רחמנות־געפיל געקוקט אויף דעם טויטן קנוילעכל, וואָס איז געלעגן אויף זיין האַנט.

— וואָס האָסטו געפונען, גרישונקאַ?

דוניאַשקאַ איז אונטערשפּרינגענדיק געלאָפן איבער די אָפּגעשניטענע רייען. אויף איר ברוסט האָבן אַרומגעצאַפּלט די דין־פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך. גריגאָרי האָט אַ פאַרקרימטער אַראָפּגעלאָזט די קאַטשקעלעך, בייז אַ פאָך־געטאָן מיט דער קאָסע.

נאָך מיטאָג האָבן די ווייבער אָנגעהויבן גראַביען. דאָס אָפּגעשניטענע גראָז האָט געוועלקט און זיך געטרוקנט, אויסטיילנדיק אַ געדיכטן, פאַרשיכּורנדיקן אַראָמאַט. דאָס מיטאָג האָט מען געגעסן כאַפּנדיק. חזיר־פעטס און דאָס קאָזאַקישע מאכל — צוואָרעכטס, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין אַ טאָרבע פון דער היים, פון דעם איז באַשטאַנען דאָס גאַנצע מיטאָג.

— אַהיים איז נישטאָ נאָכוואָס צו פאָרן — האָט פאַנטעלעיִ פּראָקאָפיעוויטש געזאָגט ביים מיטאָג, — זאָלן די אָקסן זיך צופּאַשען אין וואַלד און מיר וועלן מאָרגן, ווי נאָר די זון וועט זיך באַווייזן, אָפּשניידן די רעשט.

ס׳האָט אָנגעהויבן שוין טונקל ווערן, ווען מ׳האָט אויפגעהערט שניידן. אַקסיניאַ האָט צוגעגראַביעט די לעצטע רייען און אַוועקגעגאַנגען צום וואָגן קאָכן קאַשע. דעם גאַנצן טאָג האָט זי גריגאָריען בייז אויסגעלאַכט, געקוקט אויף אים מיט פאַראַכטנדיקע אויגן, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס אַ גרויסער, אומפאַרגעסלעכער באַליידיקונג זיך נוקם געוועזן. גריגאָרי האָט, אַן אָנגעכמורעטער און ווי פאַרוועלקטער, אַוועקגעטריבן די אָקסן אָנטרינקען צום דאָן. דער פאָטער האָט די גאַנצע צייט אַכטונג געגעבן אויף אים מיט

אַקסיניען. ער האָט אומפריינטלעך אַ קוק-געטון אויף גריגאָריען און געזאָגט:

— עס אָפּ נאַכטעסן און דערנאָך גיב אַכטונג אויף די אָקסן. זע, זיי זאָלן נישט אַריין אין גראָז. נעם מיט מיין זיפּון.

דאַריע האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אונטער דער אַרבע און מיט דוניאַשקען געגאַנגען נאָך צווייגלעך אין וואַלד אַריין.

איבער דער לאָנקע, איבערן שוואַרצן נישט צוטריטלעכן הימל, איז זייטיק געגאַנגען די נישט פולע לבנה. איבערן פייער האָט געפּרושעט אַ זאַוויערוכע פון נאַכט-פלאַטערלעך. אויף אַן אויסגעשפּרייטער דערע האָט מען געגרייט צום נאַכטעסן. אין פאַר-סאַדזעטן פעלד-קעסל האָט זיך געקאָכט די קאַשע. דאַריע האָט מיטן ברעג פון אונטערקלייד אָפּגעווישט די לעפל, אַ רוף-געטון גריגאָריען:

— קום אויף נאַכטעסן!

גריגאָרי איז מיטן אָנגעהאָנגענעם זיפּון אויפן אַקסל אַרויס-געקראָכן פון דער פינסטערניש, צוגעקומען צום פייער.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזאַ אָנגעכמורעטער? — האָט דאַריאַ געשמייכלט.

— עס ברעכט מיך אין רוקן, עס וועט אַפּנים זיין אַ רעגן, — האָט גריגאָרי געפּרווט מיט אַ וויץ זיך אַרויסדרייען.

— בנאמנות, ער וויל די אָקסן נישט היטן. — דוניאַשקאַ האָט אַ שמייכל-געטון, זיך אַוועקגעזעצט לעבן ברודער, פאַרפירט אַ שמועס מיט אים, נאָר דער שמועס האָט זיך עפּעס נישט גע-קלעבט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט ערנסט געגעסן די קאַשע, די פאַרבלאָנדזשעטע נישט דערקאָכטע הירזש-קערנער האָבן גע-קנאַקט צווישן זיינע ציין. אַקסיניאַ האָט געגעסן מיט אַראָפּגע-לאָזטע אויגן, אויף דאַריעס וויצן אומגערן געשמייכלט. עס האָט זי דורכגעגליט אַן אומרויִקע רויטקייט, איבערגייענדיק אין אַן אַש-קאָליר אויף אירע באַקן.

ריגאָרי איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער, אַוועקגעגאַנגען צו די אָקסן.

— גיב אַכטונג, זאָלן זיי נישט אַריין עמעצן אין שאָדן! — האָט אים דער פאָטער נאָכגעשריגן, און זיך פאַרכלינעט מיט דער קאַשע — האָט ער לאַנג און טרוקן געהוסט.

דוניאַשקאַ האָט אָנגעבלאָזן אירע באַקן, זיך שטיקנדיק פון געלעכטער. דאָס פייער האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין. די טליִענדיקע צווייגלעך האָבן איינגעהילט די זיצנדיקע אין אַ האָניג־ריח פון די צוגעברענטע בלעטער.

אין מיטן דער נאַכט האָט גריגאָרי זיך צוגעגנבעט צום פונקט, ער איז שטיין געבליבן אַ צען טריט ווייט. פון דער אַרבע האָט זיך געטראָגן פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס רעגלמעסיקע כראַפּען. פון אַש האָט, ווי אַ גאָלדן פאַווע־אייגל, אַרויסגעקוקט דאָס פייער, וואָס איז פאַרן שלאָפן גיין נישט פאַרלאָשן געוואָרן.

פון דער אַרבע האָט זיך אָפּגעטיילט אַ גרויע פאַרהילטע פיגור און מיט זיגזאַגישע טריט פאַמעלעך זיך דערנענטערט צו גריגאָריען. זי איז שטיין געבליבן אַ צוויי, דריי טריט פון אים. אַקסיניאַ. זי. גריגאָריעס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק און הויך קלאַפּן; ער האָט זיך אַ זעץ־געטון, מאַכנדיק אַ טריט פאָרויס, פונאַנדערגעוואָרפן די פאָלעס פון זיפון און זי צוגעדריקט צו זיך, אַ געהאָרכזאַמע, אַ הייס־צעפלאַקערטע. אירע פיס האָבן אין די קניען זיך געבראָכן. זי האָט אינגאַנצן געציטערט, געטרייסלט זיך און געקלאַפּט מיט די ציין. גריגאָרי האָט זי אַ כאַפּ־געטון אויף די הענט — אַזוי פאַרוואַרפט אַ וואָלף אַ פאַרציקט שעפּעלע אויף זיין רוקן — און אָנגעהויבן לויפן, פלאָנטערנדיק זיך אין די פאָלעס פון צעכראַסטעטן זיפון און שווער סאַפּענדיק.

— אוי, גרי־שאַ־אַ!... גרי־שענ־קאַ!... דער טאַטע...

— שווייג!...

אַרויסרייסנדיק זיך, שווער אָטעמענדיק אין זויערן ריח פון

שעפּסן-פּעלץ, שטיקנדיק זיך פון געוויסנסביסן, האָט אַקסיניאַ מיט אַ שטיל, קרעכצנדיק קול כמעט אויסגעשריגן:

— לאָז אָפּ! שוין אַלץ איינס אַצינד... איך וועל אַליין גיין...

X

נישט ווי דער ווילד-צעוואַקסענער טוליפּאַן, נאָר ווי דער דורנאָפּיאַן, וואָס וואַקסט ביים וועג, בליט די שפּעטע ווייבערישע ליבע.

זינט דעם היי-שניט האָט אַקסיניאַ אינגאַנצן זיך געענדערט. ווי ס'וואָלט ווער געמאַכט אַ צייכן, אויסגעברענט אַ חתימה אויף איר פּנים. די ווייבער האָבן גיפטיק געשטשירעט די ציין ביים באַגעגענען זיך מיט איר, געשאָקלט מיט די קעפּ, די מיידלעך האָבן זי מקנא געווען, אָבער זי האָט שטאָלץ און הויך געטראָגן איר גליקלעכן, מיט שאַנד-באַדעקטן קאָפּ.

באַלד זענען וועגן גרישקאַס פאַרבינדונגען אַלע געוואויר געוואָרן. לכתחילה האָט מען גערעדט וועגן דעם שושקענדיק, — יאָ געגלייבט און נישט געגלייבט, — אָבער נאָכדעם ווי דער כו-טאָר-פּאַסטוך קוזקאַ מיט דער פאַרריסענער נאָז האָט זיי פאַרטאָג געזען ליגן לעבן דער ווינטמיל אין יונגן קאָרן אונטער דער לבנה, האָט דאָס גערעדריי, ווי אַ טריבע כוואַליע אַ פלייץ-געטון.

ס'איז דערגאַנגען אויך צו פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן. איינמאָל אין אַ זונטיק איז ער אַריינגעגאַנגען צו מאָכאָוון אין געוועלב. עס איז געווען אַן עולם — זיך נישט צו דערפּאַקן. ווען ער איז אַריינגעקומען — האָט מען מיט שמייכלעך אויף די פּנימער כלומרשט זיך צערוקט. ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט צו דער טובאַנק, וואו מען האָט פאַרקויפט מאַנופאַקטור. אים פאַרקויפן — האָט זיך גענומען דער באַלעבאָס אַליין, סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש.

— וואָס זעט מען דיך עפּעס נישט אַזוי לאַנג, פּראָקאָפּיטש?

— געשעפטן אַלץ. אומאָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקייט.

— וואָסי? אַזעלכע זין, און נאָך אַלץ אומאָרדענונג!

— וואָס האָב איך פון די זין? פיאָטער איז אַוועק אין לאַגער אַריין — מוז איך מיט גריגאָריען אַליין אַלץ באַזאָרגן.

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט אויף צווייען צעטיילט זיין געקרייזלט קאַשטאַן-בערדל און כיטרע אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף די פאַרזאַמלטע קאָזאַקן.

— און וואָס האָסטו, האַרצינקער, אַזוי דאָס מויל פאַרשלאָסן?

— וואָס איז דען?

— וואָס הייסט — וואָס איז? דו מאַכסט דעם זון חתונה און שווייגסט גאָר...

— וואָסער זון?

— גריגאָרי איז דאָך אַ בחור.

— דערוויילּ פאַלט מיר נאָך אפילו נישט איין אים חתונה צו מאַכן.

— און איך האָב געהערט, אַז דו האַלסט ביי נעמען פאַר אַ שנור... סטעפאַן אַסטאַכאָווס אַקסיניע.

— איך? דער מאַן לעבט דאָך... וואָס-זשע, פּלאַטאָניטש, דו מוזט אוודאי חוזק מאַכן? האַ?

— וואָסער חוזק, איך האָב פון מענטשן געהערט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ גלעט געטון דאָס אויסגעשפּרייטע שטיק סחורה אויף דער טובאַנק, האָסטיק זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעהינקט צום אַרויסגאַנג. ער האָט זיך געלאָזט גיין גלייך אַהיים. ער איז געגאַנגען מיט אַן אָקסיש געזונקענעם קאָפּ, פאַרדריקנדיק דאָס בינטל אָדערדיקע פינגער אין אַ פויסט און אונטערהינקענדיק אויפן לאָמען פוס. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַסטאַכאָווס הויף, האָט ער אַ קוק געטון דורכן פּלויט: אַן אויסגעשלייערטע, אַ פאַרייִנגערטע, זיך וויגנדיק אין די היפטן, איז אַקסיניאַ מיט אַ ליידיקן עמער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער כאַטע.

— העי, וואַרט נאָר צו!...

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז שנעל אַריין דורכן טירל. אַקסיניאַ איז געשטאַנען און צוגעוואַרט אויף אים. זיי זענען

אריינגעגאנגען אין דער כאַטע. דער ריין־פאַרקערטער ליימענער דיל איז אויסגעשיט געווען מיט רויטלעך זאַמד. אין פעדערשטן ווינקל זענען אויף אַ באַנק געלעגן נאַר־וואָס פון אויוון אַרויסגע־נומענע ראָגלעס. פון שטוב טראָגט זיך אַ ריח פון אַלטע מלבושים און קנאָבל.

צו פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס פיס איז צוגעקומען זיך אַ לאַשטשע טון אַ געפלעקטע גרויס־קעפּיקע קאַץ. זי האָט אָנגע־האָרבעט דעם רוקן און פריינטלעך זיך אַ רייב געטון אָן זיין שטיוול. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זי אַ שליידער געטון אָן דער באַנק און זיך צעשריגן, קוקנדיק אַקסיניען גלייך אין די ברעמען אריין:

— וואָס מיינסטו מיט דיר ?... האַ ?... דעם מאַנס שפּור איז נאָך נישט אויסגעטרוקנט געוואָרן, און האָסט שוין דעם ווידל פאַרהויבן! גרישקען וועל איך פאַר דעם צעממיתן, און סטעפּאַנען דיינעם אָנשרייבן !... זאָל ער וויסן !... אַט דאָס הייסט אַ הור — מען האָט דיך אַפּנים נאָך ווייניק געשלאָגן !... פון היינטיקן טאָג אָן זאָל דיין פוס מער מיין הויף נישט באַטרעטן! זיך אריינגע־לאָזט אין ליבענישן מיטן בחור, און אַז סטעפּאַן וועט קומען, וועל איך דאַרפן...

אַקסיניאַ האָט זיך צוגעהערט מיט פאַרשמעלערטע אויגן. און פלוצלינג האָט זי אומפאַרשעמט אַ טרייסל געטון מיטן בויך, אַ ווייע געטון אויף פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן מיט אַ ריח פון ווייבערישע קליידער און מיט דער ברוסט פאָרויס געגומען גיין גלייך אויף אים, פאַרקרומענדיק זיך און שטשירענדיק די ציין.

— וואָס ביסטו מיינס, אַ שווער ? האַ ? אַ שווער ? וואָס לערנסטו מיך ? גיי לערן דיינע, מיטן ברייטן הינטן! אויף דיין אייגענעם הויף זאָג דעות !... איך וויל דיך דאָ, דו לאָמער טייוול, דו קריפּל איינער, אפילו פאַר די אויגן נישט זען !... טראָג דיך אָפּ פונדאַנען, וואָרטשע נישט אומזיסט ווי אַ חזיר, וואָרים איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט !...

— וואָרט-צו, חמור-קאָפּ דו!

— נישט דיין זאַך, דיך וועט מען פאַר מיר נישט שמייסן!... טראַג דיך, פונוואַנען דו ביסט געקומען! און דיין גרישקען, אויב ס'וועט זיך מיר גלוסטן — וועל איך אים מיט די ביינער אויפעסן און פון אַלע זיך אויסלאַכן!... נאַדיר! פאַרזוך! נו, איך האָב טאַקע ליב גרישקען. נו, איז וואָס? וועסטו דיך אפשר נעמען שלאָגן?... דעם מאַן אָנשרייבן?... שרייב דיר אפילו צום אַטאַמאַן, און גרישקאַ איז מיין! מיין! מיין! איך הערש איבער אים און וועל הערשן!...

אַקסיניאַ איז מיט דער ברוסט פאָרויס אַלץ אָנגרייפעריש אַרויסגעטרעטן קעגן איבערגעשראָקענעם פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש (די ברוסט האָט, ווי אַ חיה אין אַ נעץ, זיך געצאַפּלט אין שמאָלן קאַפּטנדל), געפייערט אויף אים מיטן פלאַם פון אירע שוואַרצע אויגן, געהאָגלט מיט ווערטער — איינס שרעקלעכער און אומ-פאַרשעמטער פאַרן צווייטן. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט גע-ציטערט מיט די ברעמען, זיך גערוקט צום אַרויסגאַנג, אָנגעטאַפּט דעם שטעקן אין ווינקל און, זיך אָפּיאָגנדיק מיט אַ האַנט, הינטער-ווייַלעכטס געעפנט די טיר. אַקסיניאַ האָט אים אַרויסגעשטופּט פון הויז, כסדר פאַרשטיקט און פאַרצווייפלט שרייענדיק:

— פאַרן גאַנצן ביטערן לעבן מיינעם וועל איך מיך אָנליבן!... און דערנאָך מעגט איר מיך אפילו דערהרגענען! גרישקאַ איז מיינער! מיינער!

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט, בורטשענדיק זיך עפּעס אין דער באָרד אַריין, אַוועקגעהינקט אַהיים.

גרישקען האָט ער געטראָפן אין שטוב. נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער אים דערלאַנגט מיטן שטעקן איבערן רוקן. גריגאָרי האָט זיך אַ בייג געטון און געבליבן הענגען אויפן פאָ-טערס האַנט.

— פאַרוואָס, טאַטע?

— פאַר דעם, צויגן-זון!...

— פאַרוואָס?

— מאַך נישט אָןביים שכן! פאַרשעם נישט דעם טאַטן! לויף נישט נאָך, ווי אַ הונט נאָך דער צויג! — האָט פאַנטעלעי פּראָ־קאָפּיעוויטש געכריפּעט, אַרומשלעפנדיק גריגאָריען איבער דער שטוב און באַמיִענדיק זיך אים דעם שטעקן אַרויסצורייסן.

— שלאָגן וועל איך מיך נישט לאָזן! — האָט גריגאָרי טויב געסאָפּעט און, צונויפדריקנדיק די קינבאַקן, אַרויסגעריסן דעם שטעקן. ער האָט אים אַ נעם געטון אויף דער קני — דער שטעקן האָט זיך איבערגעבראָכן!...

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ זעץ געטון דעם זון מיט דער מעכטיקער פויסט איבערן נאַקן.

— איך וועל דורך דער פאַרזאַמלונג דיך הייסן צום טויט פאַרשמייסן*. אַך, דו הונטישע זרע, פאַרשאָלטענער זון! — ער האָט אַרומגעשאַרט מיט די פיס, באַמיִענדיק זיך אים נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ צו געבן. — מיט דער משוגענער מאַרפושקאַ וועל איך דיך חתונה מאַכן!... פאַר אַ מאָנאַך אָפּגעבן!... איז דען נאָך אַזוינס געהערט געוואָרן!...

אויף דעם געשריי איז אָנגעלאָפן די מוטער.

— פּראָקאָפּיטש, פּראָקאָפּיטש!... באַרויִק דיך אַ רגע!... וואַרט צו!...

אָבער דער אַלטער האָט זיך צעפלאַקערט נישט אויף קיין שפּאַס: אַ קלאַפּ געגעבן דעם ווייב, איבערגעקערט דאָס טישל מיט דער ניי־מאַשין, אַרויסגעלאָפן אויפן הויף. גריגאָרי האָט נישט באַ־וויזן אויסצוטון דאָס העמד מיטן צעריסענעם אַרבל פון געראַנגל, ווי די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אויף דער שוועל איז ווי־דער ווי אַ שוואַרצער וואָלקן שטיין געבליבן פאַנטעלעי פּראָקאָ־פּיעוויטש.

— חתונה מאַכן אים, דעם צויגן־זון!... — ער האָט ווי אַ פערד

* אַ פאָטער האָט געקאָנט בעטן ביי דער דאָרפישער פאַרזאַמלונג, מען זאָל דעם זון שמייסן.

אַ קלאַפּ געטון מיטן פוס און איינגעגראָבן דעם בליק אין גריגאָריצ מוסקולירטע פלייצעס. — חתונה מאַכן וועל איך אים !... — שוין מאָרגן פאָר איך שדכענען! שיין דערלעבט, אַז מענטשן זאָלן צוליבן זון אין די אייגענע אויגן פון מיר חוזק מאַכן!

— לאָמיך נאָר דערווייל דאָס העמד אָנטון, וועסטו מיך דערנאָך חתונה מאַכן.

— חתונה מאַכן וועל איך דיך !... מיט דער משוגענער חתונה מאַכן !... — ער האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער טיר, זיינע טריט האָבן אָפּגעקלונגען אויפן גאַנעק און שטיל געבליבן.

XI

נאָכן סעטראַקאָווער כוטאָר האָבן אין סטעפּ אין רייען זיך אויסגעצויגן די פירלעך מיט די ברעזעווענע בײדלעך. אומגעהייער שנעל איז אויסגעוואַקסן אַ שטעטל מיט ווייסע דעכלעך, גלייכע געסלעך און נישט גרויסן פלאַץ אין צענטער, איבער וועלכן ס׳האָט הין און צוריק זיך געדרייט אַ וועכטער.

אין לאַגער איז דאָס לעבן געגאַנגען מיט זיין געוויינטלעכן סדר ווי אַלע יאָר אין חודש מאַי. באַגינען האָט די קאָזאַקן-אָפּטיילונג, וואָס האָט געהיטן די פערד אויף דער פאַשע, זיי געברענגט אין לאַגער אַריין. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רייניקן, דאָס זאָטלען, דער אַפּעל, די מושטירונג. מיט אַ קלונגענדיק קול האָט אַרויסגעגעבן זיינע באַפעלן דער אָנפירער פון לאַגער דער שטאַב-אָפיציר, דער טומלדיקער מיליטערישער עלטסטער, פּאָפּאָוו. עס האָבן געליאַרעמט, מושטירנדיק די יונגע קאָזאַקן, די אונטעראָפיצירן. נאָכן בערגל איז מען זיך צונויפגעגאַנגען אין אַטאַקעס, כיטרע אַרומגערינגלט און זיך באַמיט אויסצומיידן דעם „שונא”. מען האָט זיך געלערנט שיסן אין ציל מיט אַלטפּרענקישע ביקסן. די יינגערע קאָזאַקן האָבן גערן זיך געאיבט אין פעכטעריי. די עלטערע האָבן זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון די איבונגען.

די מענטשן זענען הייזעריק געוואָרן פון דער היץ און פון בראָנפן,

און איבער די לאַנגע רייען פון די געדעקטע פירלעך איז געפלאָסן דער שמעקנדיקער אויפרייצנדיקער ווינט, האָבן פונוווייטנס געפייפט די פעלד-גרילן, און דער סטעפּ האָט געלאָקט ווייטער אַוועק פון די באַוואוינטע ערטער, פון דעם רויך פון די אָפּגעווייסטע כאַטעס.

אַ וואָך פאַרן אַוועקגיין פון לאַגער איז צו אַנדרעי טאָמילין, דעם אַרטילעריסט איוואַנס אייגענעם ברודער, געקומען זיין ווייב. זי האָט מיטגעברענגט היימישע באַטעמטע שטריצן, אַ סך אַנדערע שפּייז-זאַכן און אַ באַרג נייעסן פון כוטאָר.

צומאָרגנס באַגינען איז זי אַוועקגעפאָרן און מיטגענומען פון די קאָזאַקן גרוסן און אָנווייזונגען פאַר די קרובים און היימישע. בלויז סטעפּאַן אַסטאַכאָוו האָט דורך איר גאָרנישט איבערגעשיקט. ער איז מיט אַ טאָג פריער קראַנק געוואָרן, זיך געהיילט מיט בראָנפן און נישט געזען בלויז טאָמילינס ווייב, נאָר אַפילו די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן. אויף מושטירונג איז ער נישט גע-גאַנגען; אויף זיין בקשה האָט דער פעלדשער אים געלאָזט בלוט, אַוועקגעשטעלט אַ טוץ פּיעווקעס אויף זיין ברוסט. סטעפּאַן איז אין בלויזן העמד געזעסן אונטערן ראָד פון זיין בריטשקע, — דער ווייסער שפּיץ פון זיין הוט איז געוועז אויסגעשמירט מיטן פעך פון ראָד, — מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן געקוקט, ווי די פּיעוו-קעס זויגן זיך איין אין די בולטע האַלב-קרייזן פון זיין ברוסט, ווערן אָנגעשוואָלן מיט שוואַרץ בלוט און וואַקסן אין דער ברייט.

לעבן אים איז געשטאַנען דער פעלדשער פון פּולק און גע-רייכערט, דורכזייענדיק דעם רויך דורך די שיטערע ציין.

— ס'ווערט גרינגער?

— עס ציט ביי דער ברוסט, אויפן האַרץ ווערט, דאַכט זיך, לייכטער...

— פּיעווקעס — איז דאָס בעסטע מיטל!

צו זיי איז צוגעקומען טאָמילין. ער האָט אַ זשמורע געטון מיט אַן אויג.

— סטעפּאַן, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן.

— זאָג.

— קום אויף אַ רגע.

סטעפּאַן האָט אַ הוסט געטון, זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעגאַנגען מיט טאָמילינען.

— נו, רעד.

— מיין ווייב איז דאָ געווען... איז היינט אַוועקגעפאָרן.

— האַ...

— וועגן דיין ווייב שמועסט מען עפּעס איבערן כוטאָר...

— וואָס?

— גאָרנישט קיין גוטס.

— נו?

— זי האָט מיט גרישקאַ מעליעכאָוו זיך פאַרפלאָנטערט. אָפן פאַר יעדן.

סטעפּאַן איז בלייך געוואָרן, געריסן די פּיִעווקעס פון דער ברוסט, זיי געטרעטן מיטן פוס. די לעצטע האָט ער צעקוועטשט, פאַרקנעפּלט דעם קאָלנער פון העמד און, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, צוריק אים אויפגעקנעפּלט... זיינע ליפּן — ווייסע ווי קרייד — האָבן זיך נישט געקאָנט באַרויקן: זיי האָבן געציטערט, זיך פאַרקרומט אין אַן אומגעלומפּערטן שמייכל, זיך געבלאָזן, זיך צונויפגענומען אין אַ בלוילעך קניילעכל... טאָמילינען האָט זיך געדאַכט, אַז סטעפּאַן קייעט עפּעס האַרטס, וואָס לאָזט זיך נישט בייקומען דורך די ציין. ביסלעכווייז האָט דאָס פּנים צוריק באַקומען זיין נאַטירלעכע קאָליר און די ליפּן, פון אינעווייניק פאַרביסן דורך די ציין, זענען פאַרשטיינערט געבליבן אין אומבאַוועגלעכקייט. סטעפּאַן האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, מיטן אַרבל צעשמירט איבערן ווייסן שפּיץ דעם פלעק פון פעך, מיט וועלכן דאָס ראָד איז געשמירט געווען, און הויך אַ זאָג געטון:

— אַ דאַנק פאַר די נייעס.

— איך האָב דיך געוואָלט וואָרענען... דו האָב קיין פאַריבל נישט... אַזוי און אַזוי, הייסט עס, קומט פאָר אין דער היים...

טאָמילין האָט מיט באַדויערונג זיך אַ קלאַפּ געגעבן איבער די הויזן און אַוועקגעגאַנגען צום נישט אויסגעזאָטלטן פערד. דער

לאַגער טומלט זיך אין קולות. עס זענען צוריקגעקומען פון די פעטש־איבונגען די קאָזאַקן. סטעפּאַן איז אַ ווײַלע געשטאַנען, קאָנצענטרירט און שטרענג געקוקט אויפן שוואַרצן פלעק פון זײַן הוט. אויף זײַן שטיוול איז געקראָכן אַ האַלב־צעקוועטשטע פּיִעווקע, וואָס האָט געהאַלטן אין פּגרן.

XII

עס זענען געבליבן אַנדערהאַלבן וואָכן ביזן צוריקקומען פון די קאָזאַקן אין כוטאָר אַרײַן.

אַקסיניאַ האָט ביז משוגעת זיך פאַרגעסן אין איר שפּעטער ביטערער ליבע. נישט געקוקט אויף די דראָונגען פון פאָטער, האָט גריגאָרי אַלע נאַכט זיך אַרויסגעגנבעט און זיך אומגעקערט, ווען ס'איז שוין געווען טאָג.

אין משך פון צוויי וואָכן איז ער אויסגעשעפּט געוואָרן, ווי אַ פערד, וואָס האָט דורכגעמאַכט זייער אַ ווײַטן וועג.

פון די שלאָפלאָזע נעכט האָט די ברוינע הויט אויף זײַן קנאָכיק פּנים באַקומען אַ בלײַלעכע שאַטירונג און פון די אײַנגעפאַלענע אויגן־לעכער האָבן מיד געקוקט די שוואַרצע טרוקענע אויגן.

אַקסיניאַ איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, טרויעריק האָבן זיך געשוואַרצט אירע אײַנגעפאַלענע אויגן; אירע אָנגעשוואָלענע, לײַכט־אַרויסגעבויגענע, גיריקע ליפּן האָבן אומרויִק און עזותדיק געשמייכלט.

זייער זינלאָזע פאַרבינדונג איז געווען אַזוי אומגעוויינטלעך און אָפן, זיי האָבן בײַדע געברענט מיט אַזאַ וואַנזיניקן אומפאַרשעמטן פלאַקער, זיך נישט זשענירנדיק און נישט פאַרבאָרגנדיק פאַר מענטשן, דאַר און שוואַרץ געוואָרן אויף די פּנימער אין די אויגן פון זייערע שכנים, אַז אַצינד האָבן מענטשן ביים באַגעגענען זיך געשעמט צו קוקן אויף זיי.

גריגאָריעס חברים, וואָס האָבן פריער חוזק געמאַכט פון

אים צוליב זיין פֿאַרבינדונג מיט אַקסיניען, האָבן אַצינד געשוויגן און זיך געפּילט אין גריגאָריעס געזעלשאַפט אומבאַקוועם, געבונדן. די ווייבער האָבן, מיט קנאה אין האַרץ, פֿאַראורטיילט אַקסיניען, מיט שאָדנפֿרייד געוואַרט אויף סטעפּאַנס קומען, אויפגעפּרעסן געוואָרן פֿון חיהשער נייגעריקייט ווי אַזוי דאָס וועט זיך פֿאַרענדיקן.

ווען גריגאָרי וואָלט געגאַנגען צו דער זעלנערקע אַקסיניאַ, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער היט זיך פֿאַר מענטשן; ווען די זעלנער-קע אַקסיניאַ וואָלט געלעבט מיט גריגאָריען, האַלטנדיק דאָס אויף אַ געוויסן אופן בסוד און וואָלט אין דער זעלבער צייט נישט אָפּגעזאָגט אויך אַנדערע, וואָלט אין דעם נישט געווען קיין שום אומגעוויינטלעכס, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין. דער כוטאָר וואָלט אַ ביסל גע-רעדט און אויפגעהערט. אָבער זיי האָבן געלעבט כמעט נישט היטנדיק זיך, עס האָט זיי פֿאַראייניקט עפּעס אַ גרויס געפֿיל, וואָס איז גאָר-נישט ענלעך אויף אַ קורצע פֿאַרבינדונג, דעריבער האָט מען אין כוטאָר באַשלאָסן, אַז דאָס איז — פֿאַרברעכעריש, אוממאָראַליש, און דער כוטאָר איז פֿאַרשטומט געוואָרן אין דער מיאוסער אָפּוואַרטונג: סטעפּאַן וועט קומען — וועט ער דעם קנופּ אויפּלאָנטערן.

אין שטוב איז איבערן בעט פֿאַרצויגן אַ שטריקל. אויפֿן שטריקל זענען אויפגעצויגן ווייסע און שוואַרצע ליידיקע שפּולערס. זיי הענגען צוליב שיינקייט. אויף זיי נעכטיקן פֿליגן, און פֿון זיי זענען אויך צום סופיט פֿאַרצויגן שפּינוועבּ-פֿעדים. גריגאָרי ליגט אויף אַקסי-ניעס נאַקעטער קילער האַנט און קוקט אויפֿן סופיט אויף דעם קייטל פֿון די שפּולערס. אַקסיניאַ קרייזלט מיט דער צווייטער האַנט — מיט די פֿאַרגרעבטע פֿינגער פֿון דער אַרבעט — די ווי-פּערדישע האָר האַרטע קרייזלעך אויף גריגאָריעס פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ. אַקסיניעס פֿינגער שמעקן מיט וואַרימע קי-מילך; ווען גרי-גאָרי דרייט אויס דעם קאָפּ, זיך איינגראָבנדיק אַקסיניען מיט דער נאָז אונטערן אָרעם, — גיט אים אַ שלאָג אין די נאָזלעכער, ווי נישט אויסגעוועפּטער אַלקאָהאָל, דער שאַרפֿער זיסלעכער ריח פֿון ווייבערישן שוויס.

חוץ דעם הילצערנעם געפֿאַרבטן בעט מיט די געטאָקטע

קויל'ן אין די זייטן, שטייט אין שטוב לעבן דער טיר אַ געקאָוועטער גרויסער קופערט מיט אַקסיניעס נדן און אירע מלבושים. אין פעדערשטן ווינקל — אַ טיש, אַ צעראַטע מיטן גענעראַל סקאָבעלעוו, וואָס גאַלאָפּירט אויף אַ פערד — קעגן פאַר אים אָנגעבויגענע באַפרענזלטע שטאַנדאַרן; צוויי שטולן, אין דער הייך — בילדער אין פאַפּירענע העלע אָרעאָלן. אין דער זייט, אויף דער וואַנט — דורך פליגן באַפּינטלטע פאָטאָגראַפּיעס. אַ גרופּע קאָזאַקן, — באַטשופּרינטע קעפּ, אַרויסגעפּרעגטע ברוסטן מיט קייטלעך פון די זייגערס, גאָלע שווערדן, — סטעפּאַן מיט חברים נאָך פון דער רעגולערער דינסט. אויפן הענגער — פּטעפּאַנס נישט אויפגערוימטער מונדיר. די לבנה קוקט אַריין דורכן פענסטערל, באַטאַפּט אומצוטרויליך די צוויי ווייסע אונטעראָפיצירישע שעך־בענדלעך אויף דער שליפע פון מונדיר.

אַקסיניאַ זיפצט און קושט גריגאָריען אונטערן שטערן, דאָרט וואו די ברעמען צעגייען זיך.

— גרישאַ, זאַנגעלע מיינס...

— וואָס ווילסטו?

— עס זענען געבליבן ניין טעג...

— דאָס איז נישט אַזוי גיך.

— וואָס וועל איך טון, גרישאַ?

— איך ווייס?

אַקסיניאַ האַלט איין אַ זיפץ און גלעט ווידער און צענעמט ווידער גרישעס פאַרפּלאָנטערטע טשופּרינע.

— ער וועט מיך דערהרגענען סטעפּאַן... — ס'איז נישט צו וויסן צי זי פרעגט דאָס, אָדער זאָגט דאָס אַרויס ווי אַ באַשטעטיקונג.

גריגאָרי שווייגט. אים ווילט זיך שלאָפן. ער רייסט מיט אָנשטרענגונג אויף די צונויפגעקלעבטע וויעס, גלייך איבער אים שימערט די בלווילעכע טונקלקייט פון אַקסיניעס אויגן.

— דער מאַן וועט קומען, וועסטו מיך מסתמא אַוועקוואַרפן? דו וועסט מורא האָבן?

— וואָס האָב איך פאַר אים מורא צו האָבן, דו — ביסט זיין ווייב, האָב פאַר אים מורא.

— מיט דיר צוזאַמען האָב איך נישט קיין מורא, אָבער טייל־מאָל בייטאָג, אַז איך גיב אַ טראַכט, נעמט מיך אַ שוידער אַרום...

גריגאָרי געגעצט, לייגט איבער דעם קאָפּ און זאָגט:

— דאָס, וואָס סטעפּאַן וועט קומען — איז נאָך גאָרנישט. אָבער דער טאַטע, זעסטו, קלויבט זיך מיך חתונה צו מאַכן.

גריגאָרי שמייכלט, וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר פילט, ווי אַקסיניעס האַנט אונטער זיין קאָפּ הייבט פּלוצלינג אָן שלאַבעריק ווערן, דריקט זיך אַריין אין קישן. דאָס געדויערט אַזוי אַ סעקונ־דע — זי גיט אַ ציטער און הייבט ווידער אָן שטייף צו ווערן, נעמט אָן די פריערדיקע פּאָזע.

— וועמען האָט מען דיר אויסגעשדכנט? — פרעגט אַקסיניאַ מיט אַ טויב קול.

— מען קלויבט זיך ערשט צו פאָרן. די מאַמע האָט, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז צו די קאָרשונאָווס, צו זייער נאַטאַליען.

— נאַטאַליאַ... נאַטאַליאַ — איז אַ שיין מיידל... זייער אַ שיינע... מילא, האָב חתונה... איך האָב זי אַנומלט געזען אין צער־קווע... אַזוי אויסגעשלייערט געווען...

אַקטיניאַ רעדט גיך, נאָר אירע טויטע פאַרבלאָזע ווערטער צעקריכן זיך, דערגרייכן נישט צום אויער.

— איר שיינקייט גייט מיך נישט אָן. איך וואָלט מיט דיר חתונה געהאַט.

אַקסיניאַ רייסט אַפּער איר האַנט פון אונטער גריגאָריעס קאָפּ, קוקט מיט טרוקענע אויגן אין פענסטער אַריין. איבערן הויף — איז אויסגעשפּרייט אַ געלע נאַכטיקע שיין. פון שייער — פאַלט אַ שווערער שאָטן. עס טשירקען די פעלד־גרילן. ביים דאָן הודזשען די וואַסער־אָקסן, די מרה־שחורהדיקע באַסאָווע קלאַנגען קריכן דורכן פענסטערל אין שטוב אַריין.

— גרישאַ!

— האָסט עפּעס אויסגעקלערט?

אַקסיניאַ כאַפּט אָן גרישעס הענט, די נישט נאָכגיביקע, די קאַרגע אויף צערטלעכקייט, דריקט זיי צו צו איר ברוסט, צו די קאַלט־אָפּגעשטאָרבענע באַקן און שרייט מיט אַ קרעכצנדיק קול:

— וואָס האָסטו, פאַרשאָלטענער, זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? וואָס וועל איך טון?... גרי־י־שקאַ!... דו רייסט מיר די נשמה אַרויס!... איך בין אַ פאַרלוירענע... סטעפּאַן וועט קומען — וואָס פאַר אַן ענטפער וועל איך אים געבן?... ווער וועט זיך פאַר מיר אָננעמען?...

גריגאָרי שווייגט. אַקסיניאַ קוקט טרויעריק אויף זיין שיינער אויסגעבויגענער נאָז, אויף די פאַרשאָטנטע אויגן, אויף די שווייגנדיקע ליפּן... און פּלוצלינג רייסט דער קוואַל פון געפילן דורך די טאַמע פון איינגעהאַלטנקייט: אַקסיניאַ קושט ווילד זיין פּנים, זיין האַלז, זיינע הענט, דעם האַרט־געקרייזלטן שוואַרצן האָר־אָנוואוקס אויף זיין ברוסט.

זי שעפּטשעט אַלע ווײַלע, מיט אַ פאַרשטיקט קול, און גרי־גאָריען גיט זיך איבער איר פיבערן.

— גרישאַ, האַרציקער פריינט מיינער... איינציקער... לאָמיר אַוועקגיין. ליבער מיינער! לאָמיר אַלץ איבערלאָזן און אַוועקגיין. איך וועל דעם מאַן און אַלץ איבערלאָזן, אַבי דו זאָלסט זיין מיט מיר... לאָמיר צו די גראָבנס אַוועקגיין, ווייט. איך וועל דיך ליב האָבן, אָפּהיטן. אין די פאַראַמאָנאָווער גראָבנס דינט אַ פעטער מיינער אַלס וועכטער, ער וועט אונז העלפן... גרישאַ, כאָטש איין וואָרט רעד אַרויס.

גריגאָרי פאַרקנייטשט ווינקלדיק זיין לינקע ברעם, טראַכט, און עפנט פּלוצלינג אויף זיינע הייסע, נישט רוטישע אויגן. זיי לאַכן. זיי קוקן שפּאָטיש.

— דו ביסט אַ נאַר, אַקסיניאַ, אַ נאַר ביסטו! דו רעדסט, און דיינע רייד האָבן קיין ווערט נישט. נו, וואוהין וועל איך אַוועקגיין פון דער באַלעבאַטישקייט? איך דאַרף אויך דאָס יאָר גיין דינען. עס טויג נישט אַזוי... פון דער ערד וועל איך מיך אין ערגעץ נישט אַוועקרירן. דאָ איז דער סטעפּ, ס'איז דאָ מיט

וואָס אַן אָטעם צו טון, און דאָרט? פאַראַיאָרן ווינטער בין איך מיטן טאַטן צו דער סטאַציע מיטגעפאָרן, בין איך שיער נישט אומגעקומען. די לאָקאָמאָטיוון ברומען, די לופט איז אַ שטיקנדיקע פון די שטיינקוילן. ווי אַזוי מענטשן לעבן דאָרט — ווייס איך נישט. אפשר זענען זיי צו דעם טשאַד שוין צוגעוואוינט... — גריגאָרי שפּייט אויס און זאָגט נאָכאַמאָל: — איך וואָלט פון כוטאָר אין ערגעץ נישט אַוועקגיין.

הינטערן פענסטער ווערט טונקל, אויף דער לבנה איז אַרויפגעשוואומען אַ וואָלקנדל. עס לעשט זיך די געלע שיין, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבערן הויף, עס ווערן אָפּגעמעקט די געדיכטע שאָטנס, און ס׳איז שוין נישט צו וויסן, וואָס עס טונקלט זיך הינטערן פאַרקן: די פאַראַיאָרן אָנגעהאַקטע צווייגן אָדער דאָס ווילד אָנגעוואַקסענע גראָז ביים פּלויט.

אין שטוב ווערט אויך די טונקלקייט געדיכטער, עס בלישטשען אָפּ די אונטעראָפיצירישע בענדלעך אויפן קאָזאַקישן מונדיר, וואָס הענגט ביים פענסטער, און אין דער גרויער געדיכטער טונקלקייט זעט נישט גריגאָרי, ווי אַקסיניעס אַקסלען ציטערן אין לייכטן פיבער און איר קאָפּ, צונויפגעדריקט איז די הענט, שפּרינגט אונטער אויפן קישן.

XIII

פון דעם טאָג אָן, וואָס טאָמילינס ווייב איז געקומען, איז סטעפּאַן אָפּגעמאָגערט געוואָרן אויפן פּנים. זיינע ברעמען זענען אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויגן, אַ טיפער, רויער קנייטש האָט קרימלעך זיך איינגעשניטן אין שטערן. ער האָט וויניק גערעדט מיט די חברים, צוליב נאַרישקייטן אַריינגעפאַלן אין צאָרן און פאַרפירט קריגערייען, פלוצלינג זיך דורכגעזידלט מיטן וואַכמייסטער פליעשאַקאָוו, אויף פּיאָטר מעליעכאָוו כמעט נישט געקוקט. דאָס געשפּאַן פון פריינטשאַפט, וואָס האָט זיי פריער געהאַלטן צוזאַמען, האָט געפּלאַצט. סטעפּאַן האָט אין זיין שווערן צעזאָטענעם

כעס זיך אַ טראָג געטאָן ווי אַ פערד באַרג־אַרויף מיט אַ רייטער. אַהיים האָבן זיי זיך אומגעקערט ווי שונאים.

און אָט איז געשען אַ פאַל, וואָס האָט צוגעאײַלט צו דער אַנטשיידונג פון די אומבאַשטימטע און פרײַנטלעכע באַציִונגען, וואָס האָבן די לעצטע צייט צווישן זיי זיך אײַנגעשטעלט. פון לאַגער זענען זיי, ווי פריער, געפאָרן זאַלבעפינפט. אין דער ברישקע האָט מען אײַנגעשפּאַנט פּיאָטערס און סטעפּאַנס פערד. כריסטאָניאַ איז געריטן אויף זײַנעם. אַנדרעי טאָמילין האָט זיך געטרייסלט אין פיבער, ער איז געלעגן אין דער בויד, צוגעדעקט מיטן שינעל. פעדאָט באָדאָווסקאָוו האָט זיך געפוילט אָנצוטרײַבן, איז דעריבער געזעסן אַלס פורמאַן פּעטראָ. סטעפּאַן איז געגאַנגען לעבן דער ברישקע, אַראָפּקלאַפּנדיק מיטן בײַטשל די פּאַמסענע קעפּ פון וועג־בריעכץ. עס האָט גערעגנט. די געדיכטע שוואַרץ־ערד האָט ווי פּעך זיך געשמירט אויף די רעדער. דער הימל, פאַרצויגן מיט וואָלקנס, האָט האַרבסטיק זיך געכמורעט. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. וויפיל זיי האָבן נישט אָנגעשטרענגט די אויגן צו געפינען אַ פייערל פון אַ כוטאָר — איז דאָס אַלץ געווען אומזיסט. פּעטראָ האָט נישט געקאַרגט די בײַטש פאַר די פערד. און אָט האָט סטעפּאַן אין דער פינסטערניש זיך צעשריגן:

— וואָס מיינסטו עס מיט דיר... דײַן פערד שוינסטו, און פון מײַנעם גייט די בײַטש נישט אַראָפּ?

— קוק בעסער. ווען עס ציט נישט, דעמס טרײַב איך אונטער.

— זע נאָר איך זאָל דיך אַמאָל נישט אײַנשפּאַנען. די טערקן — שלעפּן גוט...

פּעטראָ האָט אַוועקגעוואָרפן די לייצן.

— וואָס ווילסטו?

— זיץ שוין, שטיי נישט אויף.

— רעד־זשע נישט.

— וואָס האָסטו דיך צוגעטשעפּעט צו אים? — האָט כריסטאָניאַ אַ הודזע געטאָן, צורייטנדיק צו סטעפּאַנען.

סטעפּאַן האָט געשוויגן. אין דער פינסטערניש האָט זיך נישט געזען זיין פּנים. קעגן אַ האַלבע שעה זענען זיי געפאָרן שווייגנ-דיק. די רעדער האָבן זיך געשניטן אין דער בלאָטע. שלעפעריק האָט געפּויקט אין דעכל פוןביידל דער רעגן, ווי עס וואָלט אים עמעצער דורך אַ זיפּ געזייעט. פּעטראָ האָט נאָכגעלאָזט די לייצן און גערייכערט. ער האָט צוגעגרייט אין געדאַנק די אַלע ווערטער פון באַליידיקונג, וואָס ער וועט אין נאָענטסטן צוזאַמענשטויס זאָגן סטעפּאַנען. דער כּעס האָט געברענט אין אים. אים האָט זיך גע-גלוסט שאַרף אויסזידלען דעמדאָזיקן מנוול סטעפּאַן, אויסלאַכן אים.

— רוק דיך אָפּ. לאָז מיך אַריין אין ביידל. — סטעפּאַן האָט לייכט אָפּגעשטופּט פּיאָטערן, אַרויפשפּרינגענדיק אויפן טרעפּל.

דאָ האָט די ברישקע פּלוצלינג זיך אַ טרייסל געטון און שטיין געבליבן. גליטשנדיק זיך אין דער בלאָטע, האָבן די פערד אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פיס אויף איין אָרט, פון אונטער זייערע פּאָד-קאָוועס האָבן אַ שפּריץ געטון פונקען. עס האָט אַ גרילץ געטון דער אָנגעצויגענער אָרטשיק.

— טררר!... — האָט פּעטראָ אויסגעשריגן און אַראָפּגע-שפּרונגען פון דער ברישקע.

— וואָס איז דאָרט אַזוינס? — האָט סטעפּאַן זיך אַ כאַפּ געטון.

כריסטאָניאַ איז צוגעריטן.

— זיי האָבן עפּעס צעבראָכן, די טייוולאָנים?...

— צינד אָן פייער.

— ווער האָט שוועבעלעך?

— סטעפּאַן, גיב אַהער די שוועבעלעך!

פּאָרויס האָט שנאָרכנדיק זיך געשליידערט אַ פערד. עמעצער האָט אָנ-געריבן אַ שוועבעלע. אַ רעדעלע ליכט פון אָראַנזש-קאָליר — און ווידער דאָס זעלבע השכות. פּעטראָ האָט מיט ציטערדיקע הענט באַטאַפּט דעם רוקן פון געפאַלענעם פערד. אַ שלעפּ-געטון ביי דער צוים.

— נו !...

דאָס פערד האָט שנאָרכנדיק זיך אַ לייג געגעבן אויף אַ זייט, דער דישעל האָט אַ גרילץ געטון. סטעפּאַן איז צוגעלאָפן און אָנגעצונדן עטלעכע שוועבעלעך מיטאַמאָל. זיין פערד איז געלעגן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, איין פּעדערשטן פוס איינגעגראָבן ביז איבער דער קני אין דער איינגעפאַלענער נאָרע פון אַ וויעוויאָרקע.

כריסטאָניאַ האָט איליק אָפּגעטשעפּעט די שטריק.

— דעם פוס באַפריי אים!

— שפּאַן אויס פּעטראָס פערד, נו, שנעלער!

— שטיי איין, פאַרשאָלטענער! טוררר!...

— ער בריקעט, דער טייוול. אייל דיך צו!

מיט שווערקייט האָט מען אויפגעהויבן סטעפּאַנס פערד אויף די פיס. דער אויסגעשמירטער פּעטראָ האָט עס געהאַלטן ביי דער צוים, כריסטאָניאַ איז אַרומגעקראָכן אין דער בלאָטע אויף דער קני, באַטאַפּנדיק דעם מאַכטלאָז-נאָכגעהאָנגענעם פוס.

— מסתּמא צעבראָכן... האָט ער מיט אַ באַס אַ זאָג געטון.

פּעדראָט באַדאָווסקאָוו האָט מיט דער האַנט אַ פּאַטש געטון איבער דעם ציטערדיקן פערדישן רוקן.

— אַנו, פּרווו אים נאָר דורכפירן, אפשר וועט ער גיין?

פּעטראָ האָט אַ שלעפּ געטון צו זיך די לייצן. דאָס פערד האָט אַ שפּרונג געגעבן, נישט אָנטרעטנדיק אויפן לינקן פּעדערשטן פוס, און זיך צעהירזשעט. טאָמילין האָט אָנגעטון דעם שינעל אויף די אַרבל און אַ פאַרביטערטער זיך געפּאָרעט אַרום דער בריטשקע.

— זיי האָבן זיך דערשפּילט!... אַ פערד אָוועקגעלייגט, אַך!

סטעפּאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט, דאַכט זיך, אויף דעם נאָר געוואַרט: אַוועקשטופּנדיק כריסטאָניען, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף פּיאָטערן. ער האָט געצילט אין קאָפּ, נאָר געפעלט — געטראָפן אין אַקסל. זיי האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט. זיי זענען אַריינגעפאַלן אין דער בלאָטע. דאָס העמד האָט אויף עמעצן געפּלאַצט. סטעפּאַן איז געלעגן אויף פּיאָטערן און,

צודריקנדיק זיין קאָפּ מיט דער קני, געהאַמערט איבער אים מיט דער פויסט. כריסטאָניאַ האָט מיט זידלערייען זיי צעריסן.

— פאַרוואָס ?... — האָט פּעטראָ געשריגן, שפּייענדיק מיט בלוט.

— ער איז גערעכט, נבלה דו, זע וואו דו פּאָרסט !...

פּעטראָ האָט זיך אַ ריס געטון פון כריסטאָניעס הענט.

— נו־נו־נו ! ביי מיר וועסטו דאָך זיין אַ שטאַרקער !... — האָט כריסטאָניאַ געהודזשעט, צודריקנדיק אים מיט איין האַנט צו דער בריטשקע.

אין דער פּאָר האָט מען צו פּעטראָס פערד צוגעשפּאַנט פּעדאָט באָדאָווסקאָוס קליינע, נאָר שטאַרקע פערדל.

— זעץ דיך אַרויף אויף מיינעם ! — האָט כריסטאָניאַ באַפוילן סטעפּאַנען.

ער אַליין איז אַריינגעקראָכן אין ביידל צו פּיאָטערן.

ערשט האַלבע נאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין גנילאָוועער כוטאָר אַריין. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער כאַטע.

כריסטאָניאַ איז געגאַנגען זיך איינבעטן אויף נאַכטלעגער.

נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן הונט, וואָס האָט אים געריסן ביי די פּאָלעס פון שינעל, האָט ער זיך צוגעקריגן צום פענסטער, געעפנט דעם לאָדן און אַ ראַץ געטון מיט אַ נאָגל איבער דער שויב.

— באַלעבאָס !

דאָס גערויש פון רעגן און איינגעגעסענע בילן פון הונט.

— באַלעבאָס ! העי, גוטע מענטשן ! לאָזט אַריין, ווי גאָט איז אייך ליב, איבערנעכטיקן. הא ? פון מיליטער, פון לאַגער. וויפיל ? פינף זענען מיר. אַהאַ, נו, זאָל אייך גאָט באַצאָלן.

— פאָר אַריין ! — האָט ער אַ געשריי געטון, זיך אויסדרייענדיק צום טויער.

פּעדאָט האָט אַריינגעפירט די פערד אין הויף. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ חזירישער קאָריטע, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין מיטן הויף, און זיך אויסגעזידלט. די פערד האָט מען

אַוועקגעשטעלט אונטער דער שאַפּע. טאָמילין איז, קלאַפּנדיק מיט די ציין, אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע.

אין ביידל זענען געבליבן פּעטראָ מיט כריסטאָניען.

פאַרטאָג האָט מען זיך פאַרנומען צום פאָרן. סטעפּאַן איז אַרויסגעקומען פון דער כאַטע, אים איז נאָכגעגאַנגען אַ צעקנייטשטע געהאָרבעטע אַלטיטשקע. כריסטאָניאַ, וואָס האָט געשפּאַנט די פערד, האָט זי אָנגעהויבן באַדויערן.

— עך, באָבעשי, ווי איינגעבויגן דו ביסט געוואָרן! דאָס איינציקע גוטע כאָטש, וואָס דו קאָנסט אין צערקווע לייכט מיטן שטערן דעם דיל אָנקלאַפּן, זיך אַ האָרעלע אַ בויג געטון — און שוין איז דער דיל.

— אָדלער מיינער, אַטאַמאַניעץ דו, מיר — איז באַקוועם מיטן שטערן דעם דיל אָנצוקלאַפּן, און אויף דיר — וואָלט באַקוועם געווען הינט צו הענגען... איטלעכער — פאַר דאָס זייניקע. — די אַלטע האָט שטרענג אַ שמייכל געטון און פאַרוואונדערט כריסטאָניען מיט דער גערדיכטער שורה פון אירע געזונטע קליינע ציין.

— קוקסט אַ מויל ציין זי האָט, אַן אמתער העכט. וואָלסט מיר אין מיין אָרימקייט כאָטש אַ צענדלינג אַוועקגעשענקט. אַ יונגער נאָך, און האָב נישט מיט וואָס צו קייען.

— און איך ביי וואָס וועל בלייבן, קלוגער מיינער?

— דיר, באָבעשי, וועלן מיר פערדישע אַריינשטעלן. וועסט דאָך סיי־ווי שטאַרבן, און אויף יענער וועלט קוקט מען נישט אין די ציין אַריין: גאָטס אויסדערוויילטע — זענען נישט קיין ציגיינער.

— פּלאַפּל, פּלאַפּל, — האָט טאָמילין אַ שמייכל געטון, זיך אַריינזעצנדיק אין דער בריטשקע.

די אַלטע איז מיט סטעפּאַנען אַרונטערגעגאַנגען אונטער דער שאָפּע.

— וועלכעס איז עס?

— דאָס שוואַרצע, — האָט סטעפּאַן אַ זיפץ געטון.

די אַלטע האָט אויף דער ערד אַוועקגעלייגט איר שטעקן און

מיט אַ מענערישער, זיכערער, שטאַרקער באַוועגונג אונטערגעהויבן דעם קראַנקן פוס פון פערד. זי האָט מיט אויסגעבויגענע דינע פינגער לאַנג באַטאַפּט דעם קני-ביין. דאָס פערד האָט אומגעלייגט די אויערן, שטשירענדיק דעם בראָנזיקן באַלדאַכין פון די ציין, זיך אַראָפּזעצנדיק אויף די הינטערשטע פיס פאַר ווייטיק.

— נישט צעבראָכן, קאָזאַקל, ניין. לאָז איבער, כ'וועל אויסהיילן.

— וועט עפּעס זיין פון דעם, באָבעשי?

— צי ס'וועט עפּעס זיין? ווער ווייסט, ליבינקער מיינער... מסתמא וועט זיין.

סטעפּאַן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַוועקגעגאַנגען צו דער בריטשקע.

— וועסטו איבערלאָזן, צי נישט? — האָט די אַלטע אים נאָכגעזשמורעט מיט די אויגן.

— זאָל עס בלייבן.

— זי וועט עס אויסהיילן: האָסט איבערגעלאָזט מיט דריי פיס — וועסטו אָפּנעמען אינגאַנצן אָן פיס. אַ וועטערינאַר מיט אַ האָרב זיך געפינען, — האָט כריסטאָניאַ געלאַכט.

XIV

— ...איך בענק נאָך אים, ליבע באָבעשי, כ'ווער צוזעענדיק אויסגעטרוקנט. איך באַווייז נישט דאָס קלייד איינצונעמען — עס ווערט אַלע טאָג לויזער... ער גייט פאַרביי פאַרן הויף, ווערט אין מיר דאָס האַרץ אויפגעצאַפּלט... איך וואָלט צו דער ערד צוגעפאַלן, די שפּורן פון זיינע טריט געקושט... אפשר האָט ער מיר כישוף געטון?... העלף, באָבעשי! מען וויל אים חתונה מאַכן... העלף, טייערינקע. וויפיל דו וועסט וועלן — וועל איך דיר באַצאָלן. אַפילו דאָס לעצטע העמד אויסטון, אָבי העלף!

די באָבע דראָזדיכאַ קוקט אויף אַקסיניען מיט העלע, אין אַ

נעץ פון די קנייטשעלעך איינגעוועבטע אויגן, שאָקלט מיטן קאָפּ און הערט זיך איין אין איר ביטער דערציילן.

— ווער־זשע איז ער דער בחור?

— פּאַנטעלעי מעליעכאָווס.

— דעם טערקס?

— יאָ.

די באָבע קייעט מיטן איינגעפאַלענעם מויל, ענטפערט נישט באַלד.

— קום, ווייבעלע, מאָרגן באַגינען. ווי נאָר עס וועט זיך אויף טאָג פאַרנעמען, קום. צום דאָן וועלן מיר גיין, צום וואַסער. דיין האַרץ־ווייטיק אויסגיסן. אַ ביסעלע זאַלץ פון דער היים נעם מיט. יאָ־יאָ.

אַקסיניאַ פאַרהילט אין געלן טיכל איר פּנים און גייט אַרויס אַ געהאָרבעטע פון טויער.

איר טונקעלע פיגור ווערט איינגעזויגן אין דער נאַכט. טרוקן שאָרכן די זוילן פון אירע שיך. אירע טריט ווערן פאַרשוויגן. ער־געץ אין עק כוטאָר גייט אָן אַ ראַנגלעניש פון די בחורים, מען זינגט לידער.

מיטן טאָג צוגלייך שטייט אַקסיניאַ, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, ביי דער דראָזדיכעס פענסטער.

— באָבעשי!

— ווער איז דאָרט?

— איך, באָבעשי, שטיי אויף.

— איך טו מיך שוין אָן.

זיי גייען מיט הינטערוועגלעך אַראָפּ צום דאָן. ביים ברעג, לעבן בריקל ווייקט זיך אין וואַסער אַן אַריינגעוואָרפענע פעדער־שטע טייל פון אַן אַרבע. דאָס זאַמד ביים ברעג שטעכט מיט איי־זיקער קאַלטקייט. פון דאָן טראָגט זיך אַ פייכטער, קאַלטער נעפּל.

די דראָזדיכאַ נעמט אָן מיט איר ביינִיקער האַנט אַקסיניעס האַנט, און פירט זי צום וואַסער.

— זאָלסט האָבן מיטגענומען? גיב עס אַהער. צלם דיך אויף מזרח.

אַקסיניאַ צלמט זיך. קוקט פאַרדראָסיק אויף דער גליקלעכער פאַררויטלטקייט פון מזרח.

— שעפּ אָן וואַסער מיט די הענט. טרינק אויס, — קאָמאַנ־דעוועט די דראָזדיכאַ.

אַקסיניאַ האָט אויסגעטרונקען, זיך איינגעצנדיק די אַרבל פון קאַפּטנדל. די באָבע האָט ווי אַ שוואַרצע שפּין זיך אָנגעבויגן איבערן פוילן וואַסער, אַראָפּגעזעצט טשיפּקע, געגומען שעפּטשען:

— שטראָמען קילע, פון גרונט פּליסנדיקע... הייס לייב... חיה אין האַרץ... אומעט פאַרפּירערישער... מיטן קרייץ דעם הייליקן... אַלערזויבערסטע, אַלערהייליקסטע... דעם דינער פון גאָט גריגאָריען... — האָט צו אַקסיניעס געהער זיך דערטראָגן.

די דראָזדיכאַ האָט באַשיט מיט זאַלץ דאָס פייכטע זאַמד אונטער די פיס, אַריינגעשיט אַ ביסל אין וואַסער, די רעשט אַקסיניען אונטערן אָרעם.

— אַצינד גיב אַ גאָס אַ ביסל וואַסער איבערן אַקסל. שנעלער!

אַקסיניאַ האָט דאָס געטון. מיט ווייטיק און פאַרדראָס האָט זי געקוקט אויף דער דראָזדיכעס ברוינלעכע באַקן.

— שוין אַלץ?

— גיי, ליבינקע, שלאָף דיך איבער. שוין אַלץ.

אַ פאַרסאָפּעטע, איז אַקסיניאַ אַהיימגעלאָפן. אויפן הויף האָבן געמרושעט די בהמות. דאַריאַ מעליעכאָוו האָט, אַ פאַרשלאָפענע און פאַררייטלטע, מיט פאַרהויבענע שיינע ברעמען ווי בויגנס, אַריינגעטריבן אירע קי אין טאַבון. זי האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף אַקסיניען, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן

— ביסט עפּעס גוט געשלאָפן, שכנטע?

— דאַנקען גאָט.

— און וואו ביסטו עס געווען אַזוי פרי?

— דאָ אויף אַן אָרט עפּעס באַזאָרגט.

מען האָט גענומען קלינגען צו דער מאָרגן־תפילה. קרישל־

דיק און אָפּגעבראָכן זענען געפאַלן די קופּער־קלאַנגען פון די גלאָקן. דער פּאַסטוך האָט געקנאַקט מיט דער בייטש אין געסל.

אַקסיניאַ האָט איילִיק אַרויסגעטריבן די בהמות, אַריינגע־טראָגן אין הויז די מילך צום דורכזייען. זי האָט אָפּגעווישט די הענט אָן פאַרטוך און מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די עלנבויגנס, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַן אייגענער זאַך, געפליעסקעט די מילך דורכן פאַרשוימטן זייער.

אין דרויסן האָט זיך דערהערט אַ גרילצן פון רעדער. אַ הירזשען פון פערד. אַקסיניאַ האָט אַוועקגעשטעלט דעם עמער און געגאַנגען אַ קוק טון דורכן פענסטער.

צום טירל, זיך אונטערהאַלטנדיק די שווערד, איז געגאַנגען סטעפּאַן. איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, זענען אויפן פּלאַץ זיך צונויפגעפאָרן די קאָזאַקן. אַקסיניאַ האָט צונויפגעקנאָדערט צווישן די פינגער דאָס פאַרטוך, און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. טריט אויפן גאַנעק... טריט אין הויז... טריט ביי דער טיר...

סטעפּאַן איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל, אַן אָפּגעמאָ־גערטער און פרעמדער.

— נו...

וויגנדיק זיך מיט איר היפּשן פולן קערפּער, איז אַקסיניאַ אים אַקעגנגעגאַנגען.

— שלאָג! — האָט זי אויסגעצויגן געזאָגט און שטיין גע־בליבן זייטיק צו אים.

— נו, אַקסיניאַ...

— איך לייקן נישט, — איך האָב געזינדיקט. שלאָג, סטעפּאַן!

זי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די אַקסל, זיך איינ־געקורטשעט אין אַ קנויל און, באַשיצנדיק בלויז דעם בויך מיט די הענט, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים. פון טעמפּן, דורך שרעק צעקרימטן פּנים האָבן, נישט מרוגענדיק, געקוקט די שוואַרץ אַרומגערעמטע אויגן. סטעפּאַן האָט זיך אַ וואַקל געטון און פאַרביי־געגאַנגען. ס'האָט אַ ווייע געטון מיט אַ ריח פון מענערישן שוויס און ביטערן וועג־פּיאָלון פון נישט געוואַשענעם העמד. ער האָט

נישט אויסגעטון דעם הוט און זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט. ער איז געלעגן אַ ביסל, מיט אַ באַוועגונג פון אַקסל אַראָפגעוואָרפן דעם פּאַסיק פון דער שווערד. זיינע בלאָנדע וואָנסעס, תמיד וואוילעריש פאַרדרייטע, זענען נאַכלעסיק אַראָפּגעהאָנגען. אַקסי־ניאַ האָט זייטיק געקוקט אויף אים, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. זי האָט אַלע ווײלע אויפגעציטערט. סטעפּאַן האָט אַרויפגעלייגט די פיס אויפן ווענטל פון בעט. פון זיינע שטיוול האָט געטריפט מיט בלאָטע אויפן דיל. ער האָט געקוקט אויפן סופיט, געקנייטשט מיט די פינגער דעם רעמעט פון דער שווערד.

— האָסט נאָך נישט אָפּגעקאָכט?

— ניין...

— גיב־זשע אַזוי עפּעס צו עסן.

ער האָט געזיפּט פון טעפּעלע מילך, אָפּנאָגנדיק די וואָנסעס. דאָס ברויט האָט ער געקייעט לאַנג, אויף די באַקן האָבן זיך באַ־וועגט די מוסקולן, איבערגעצויגענע מיט אַ ראָזער הויט. אַקסיניאַ איז געשטאַנען ביים אויוון. מיט פלאַטערדיקער שרעק געקוקט אויפן מאַנס קליינע האַרטע אויערן, וואָס האָבן ביים עסן זיך באַ־וועגט אַרויף און אַראָפּ.

סטעפּאַן איז אַפּערגעגאַנגען פון הינטערן טיש, זיך איבער־געצלמט.

— דערציילן, ליבינקע, — האָט ער קורץ אַ בעט געטון.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, האָט אַקסיניאַ אַראָפּגענומען פון טיש. זי האָט געשוויגן.

— דערצייל, ווי אַזוי דו האָסט אויפן מאַן געוואַרט, דעם מאַנס ערע אָפּגעהיטן? נו?

אַ שרעקלעכן קלאַפּ איבערן קאָפּ האָט אַפּערגעריסן די ערד פון אונטער די פיס, אַ שליידער געטון אַקסיניען צו דער שוועל. זי האָט מיטן רוקן זיך אָנגעקלאַפּט אָן ביישטידל פון דער טיר און פאַרשטיקט אַרויסגעקרעכצט.

נישט בלויז אַ פרוי מיט ווייניק קראַפט אין די ביינער, נאָר אויך פעסטע קנאָכיקע אַטאַמאַנצעס האָט סטעפּאַן געקאָנט מיט

איין פלינקן קלאַפּ איבערן קאָפּ צו דער ערד וואַרפן. נישט צו וויסן, צי די שרעק אָדער די האַרטע ווייבערישע נאַטור האָט צו דעם גורם געווען, — ליגנדיק אַ ביסל און אָפּסאָפּענדיק, האָט אַקסיניאַ אויף אַלע פיר זיך אויפגעהויבן.

סטעפּאַן האָט פאַררייכערט אינמיטן דער כאַטע און פאַרזען, ווי זי איז אויפגעשטאַנען און פון שטוב אַרויסגעלאָפן. ער האָט אַ וואָרף געטון דעם טיטון-בײַטל אויפן טיש, אָבער אַקסיניאַ האָט שוין די טיר צוגעקלאַפּט. ער האָט זי נאָכגעיאָגט.

אַקסיניאַ, אַ באַגאָסענע מיט בלוט, האָט ווי אַ ווינט זיך געטראָגן צום פּלויט, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייער הויף פון די מעליכאָווס. סטעפּאַן האָט זי דעריאָגט בײַם פּלויט. זיין שוואַרצע האַנט איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר קאָפּ ווי אַ שפּאַרבער. זיינע פינגער האָבן זיך איינגעפלאָנטערט אין אירע האָר. ער האָט אַ ריס געטון און זי אומגעוואָרפן אויף דער ערד, אין אַש אַריין, — אין זעלבן אַש, וואָס אַקסיניאַ האָט נאָכן הייצן דעם אויוון אַלע טאָג בײַם פּלויט אויסגעשיט.

וואָס גייט עס ווען אָן, וואָס אַ מאַן מיט פאַרלייגטע הענט אויפן רוקן טרעט זיין ווייב מיט די שטיוול?... עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַליאָשקאַ שאַמיל אָן דער האַנט, אַ קוק געטון, אַ מרוגע געטון און צענומען זיין קוסטאַרטיק בערדל מיט אַ שמייכל; ס'איז זייער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס סטעפּאַן איז אַזוי מכבד זיין ווייב.

שאַמיל וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טון (ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דאָך טשעקאַווע) — צי וועט ער זי צום טויט דערהרגענען, אָדער נישט, — אָבער דאָס געוויסן דערלויבט אים נישט. ער איז דאָך נישט קיין באַבע.

ווען מען זאָל אַזוי פונוויטנס אויף סטעפּאַנען אַ קוק טון — וואָלט דאָס אויסגעזען, ווי דער מענטש טאַנצט אַ קאָזאַטשאָק. אַזוי האָט טאַקע גרישקאַ געטראַכט, דערזעענדיק דורכן פענסטער פון שטוב, ווי סטעפּאַן שפּרינגט אונטער. אָבער ווען ער האָט זיך נענטער צוגעקוקט — איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב. צום פּלויט איז ער געלאָפן אויף די שפּיץ פינגער, פעסט צודריקנדיק צו דער

ברוסט די פאַרשטייפטע פויסטן; אים איז נאָכגעלאָפן פעטראָ, שווער טופּענדיק מיט די שטיוול.

איבערן הויכן פּלויט איז גריגאָרי אַריבער ווי אַ פויגל. ער האָט אין אימפּעט פון לויפן פון הינטן אַ זעץ געטון דעם פאַרנומענעם סטעפּאַנען. סטעפּאַן האָט זיך אַ וואַקל געטון, אויסגעדרייט און ווי אַ בער געטומען גיין אויף גרישקען.

די ברידער מעליעכאָוו האָבן זיך געשלאָגן מיט פאַרביסנקייט. זיי האָבן געפּיקט סטעפּאַנען, ווי רויב-פייגל אַ נבלה. עטלעכע מאָל איז גרישקאַ אַ פאַל געטון צו דער ערד, אומגעוואָרפן דורך סטעפּאַנס בלייערנער פויסט. ער איז געווען צו שלאַבעריק קעגן דעם פאַרהאַרטעוועטן סטעפּאַן, אָבער דער נידעריקער פלינקער פעטראָ האָט זיך געבויגן הינטער די קלעפּ, ווי אַ ראָר-שטעקן אונטערן ווינט, און דאָך פעסט שטיין געבליבן אויף די פיס.

פינקלענדיק מיט איין אויג (דאָס צווייטע איז אים אויפגעלאָפן ווי אַ נישט צייטיקע פלוים), האָט סטעפּאַן אָפּגעטרעטן צום גאַנעק.

עס האָט זיי צעטומען כריסטאָניאַ, וועלכער איז געקומען צו פּיאָטערן נאָך אַ ציימל.

— צעגייען זיך! — ער האָט געפאָכעט מיט זיינע קלאַמערהאַפטע הענט. — צעגייען זיך, וואָרים איך פיר אייך אַוועק צום אַטאַמאַן!

פעטראָ האָט זאָרגעוודיק אויסגעשפּיגן בלוט מיט אַ האַלבן צאָן אויף דער האַנט און הייזעריק געזאָגט:

— קום, גרישקאַ. מיר וועלן אים נאָך ערגעץ פּאַקן...

— דו וועסט מיר נאָך אין די הענט אַריינפאַלן! — האָט פון גאַנעק געדראָעט סטעפּאַן, וואָס זיין פּנים איז געווען בלוי, אויפגעלאָפן.

— גוט, גוט!

— איך וועל אָן דיין גוט זאָגן דיר אַזוי אויך די נשמה מיט די קישקעס אַרויסלאָזן.

— דו מיינסט עס ערנסט, צי דו זאָגסט נאָר אַזוי?

סטעפּאַן איז שנעל אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק. גרישקאַ האָט זיך אַ ריס געטון אים אַקעגן, נאָר כריסטאָניאַ האָט אים אַריינגע־שטופּט אין טירל, צוזאָגנדיק:

— הייב נאָר אָן — כ׳וועל דיך פּענטען, ווי אַ הינדל!

פון דעם טאָג אָן האָט צווישן די מעליעכאָווס מיט סטעפּאַן אַסטאַכאָוון זיך פאַרפּלאָנטערט אַ שווערער קנופּ פון שנאה.

גריגאָרי מעליעכאָוון איז באַשערט געווען דעמדאָזיקן קנופּ אויפצופּלאָנטערן מיט צוויי יאָר שפּעטער אין מזרח־פּרייסן, הינ־טער דער שטאָט סטאָליפּין.

XV

זאָג פּיאָטערן ער זאָל איינשפּאַנען די קאָבילע מיט זיין פערד.

גריגאָרי איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. פּעטראָ האָט אַרויסגעשלעפּט די ברישקע פון שפּייכלער.

— דער טאַטע הייסט איינשפּאַנען די קאָבילע מיט דיינעם.

— איך ווייס אָן אים! — האָט פּעטראָ זיך אָנגערופן, אָנ־דרייענדיק דעם דישעל.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פייערלעך, ווי אַן אָנגעזע־ענער נדבן ביי דער מיטאָג־תּפילה, אויסגעזופּט דאָס לעצטע ביסל באָרשטש, זיך באַגיסנדיק מיט הייסן שווייס.

דוניאַשקאַ האָט שטיפעריש אַ קוק געטון אויף גריגאָריען, באַהאַלטנדיק דעם מיידלישן שמייכל ערגעץ אין דער שאָטנדיקער קילקייט פון אירע אויסגעבויגענע ווי׳עס. איליניטשנאַ האָט, אָן אָנגעבלאָזענע און חשיבודיקע, אין איר העלער יום־טובדיקער שאַל, פאַרבאָרגנדיק איר מאַמעשי אומרויקייט אין די ווינקלען ליפּן, זיך אומגעקוקט אויף גריגאָריען און אַ זאָג געטון צום אַלטן:

— הער שוין אויף, פּראָקאָפּיטש, זיך אָנצופּאַקן. עס זעט אויס, ווי דו וואָלסט דריי טעג נישט געגעסן.

— אַן אמתער רוח. אפילו אָפּעסן לאָזט זי נישט!

פּעטראָס לאַנגע וואָנסעס פון געלן ווייץ־קאָליר האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר.

— ביטע, דער פייעטאָן איז פאַרפאָרן.

דוניאַשקאַ האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער און זיך פאַרשטעלט מיטן אַרבל.

דאַריאַ איז דורכגעגאַנגען די קיך, זיך אַ שפּיל געטון מיט די דינע בויגנס פון אירע ברעמען, באַטראַכטנדיק דעם חתן.

אַלס שדכן איז געפאָרן איליניטשנאַס מומע, די אלמנה וואַסיליסאַ, שוין איינמאָל אַ כוואַט אַ באַבע. זי האָט די ערשטע זיך באַזעצט אין דער בריטשקע, מיט געלעכטער געדרייט מיטן קיילעכדיקן קאָפּ, ווי אַ גלאַטער טייך־שטיין, און געוויזן די קרומע שוואַרצע ציין פון צווישן די ליפּן אַרויס.

— דו, וואַסיענקאַ, זאָלסט מיר דאָרט אַזוי נישט שטשירען, — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געוואָרנט, — דו קאָנסט צוליב דיין מויל דאָרט אַלץ קאַליע מאַכן... די ציין דיינע זיצן ביי דיר אין מויל ווי שיכּורע: איינער — קרימלעך אַהער, דער צווייטער — גאָר אין דער פאַרקערטער זייט אַריין...

— עך, פריינט מיינער, נישט מיר פאָרט מען דאָך שדכענען, נישט איך בין דאָך דער חתן.

— דאָס איז טאַקע אמת, אָבער פונדעסטוועגן האַלט דיך בעסער איין און לאַך נישט. שוין צו מיאוס זענען די ציין דיינע... אַ שוואַרצקייט, אַז ס׳איז אַן איבל אפילו אַ קוק צו טון.

וואַסיליסאַ האָט זיך באַליידיקט און פּעטראָ האָט דערווייל געעפנט דאָס טויער. גריגאָרי האָט צענומען די שמעקנדיקע רעמענטענע לייצן און איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן געזעס. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מיט איליניטשנען האָבן זיך געזעצט אויפן הינטערשטן געזעס, ממש אַ פּאָר — צו דער חופּה צו פירן.

— גיב זיי אַ בייטש! — האָט פּעטראָ אויסגעשריגן, אַרויסלאָזנדיק די לייצן פון דער האַנט.

— שטעל אַ פוס, טייוול! — גרישאַ האָט פאַרביסן אַ ליפּ,

און — מיט דער בייטש דערלאַנגט דעם פערד, וואָס האָט געדרייט מיט די אויערן.

די פערד האָבן אַ צי געטון די שטריק און הייטער געריקט פון אָרט.

— גיב אַכטונג! וועסט פאַרטשעפּען!... — האָט דאַריאַ אויסגעשריגן, נאָר די בריטשקע האָט האַסטיק זיך פאַרקירעוועט און, אונטערשפּרינגענדיק איבערן געבערגלטן וועג, אַוועק מיט גערויש איבער דער גאַס.

זיצנדיק זייטיק, האָט גריגאָרי מיט דער בייטש גערייצט פּעטראָס פּראָנט-פערד, וואָס איז געגאַנגען טאַנצנדיק אין געשפּאַן. פּאַנטעליי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיט דער האַנט זיך צוגעהאַלטן די באָרד, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער ווינט זאָל זי נישט אַ כאַפּ טון און אַוועקטראָגן.

— דער קאָבילע דערלאַנג! — האָט ער הייזעריק געזאָגט, קוקנדיק מיט די אויגן אין אַלע זייטן אַריין און אָנבייגנדיק זיך צו גריגאָריעס רוקן. איליניטשנאַ האָט מיטן געהאָפּטענעם אַרבל פון איר קאַפּטן זיך אויסגעווישט דאָס טרערעלע, וואָס איז צוליבן ווינט אין איר אויג אַנגעלאָפן, און מרוגענדיק געקוקט, ווי די געהאָרבעטע, פון ווינט-אָנגעבלאָזענע, בלויע סאַטינענע בלוזע פלאַטערט אויף גריגאָריעס רוקן. די באַגעגנטע קאָזאַקן האָבן אָפּגעטרעטן אין דער זייט און לאַנג נאָכגעקוקט. די הינט, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די הייף, האָבן זיך געוואָרפן די פערד אונטער די פיס. קיין בילן האָט זיך נישט געהערט צוליבן גערויש פון די ניי-געקאָוועטע רעדער.

גריגאָרי האָט נישט געקאַרגט נישט די בייטש, נישט די פערד, און אין צען מינוט אַרום איז דער כוטאָר געבליבן פון הינטן. איבערן וועג האָבן גרין זיך צעשימערט די סעדער פון די לעצטע הויפן.

די רחבותדיקע נחלה פון די קאָרשונאָווס. אַ פּאַרקן פון ברעטער. גריגאָרי האָט אַ פאַרצי געטון די לייצן, און איבעררייסנדיק אינמיטן וואָרט דאָס אייזערנע גערויש פון איר דערציילן,

איז די בריטשקע שטיין געבליבן ביים געפּאַרבטן מיט שניצערייען באַדעקטן טויער.

גריגאָרי איז געבליבן ביי די פערד, און פּאַנטעלעי פּראָקאָ־פיעוויטש האָט אַוועקעהינקט צום גאַנעק. אים זענען, רוישנדיק מיט די קליידער, נאָכגעשוואומען איליניטשנאַ, אַ רויטע ווי אַ מאָן־בלום, און וואַסיליסאַ, מיט פעסט־צונויפגעדריקטע ליפּן. דער אַלטער האָט זיך געאײַלט, מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די דרייסט־קייט, וואָס ער האָט אויפן וועג אָנגעזאַמלט. ער האָט זיך פאַר־טשעפּעט אָן הויכן טרעפּל, זיך צעקלאַפּט דעם לאָמען פוס און, אַ פאַרקרימטער פון ווייטיק, שנעל אָנגעהויבן טרעטן איבער די פריש־געוואַשענע טרעפּלעך.

ער איז אַריינגעקומען אין דער כאַטע כמעט צוזאַמען מיט דער איליניטשנאַ, אים איז נישט באַקוועם געווען צו שטיין לעבן ווייב, זי איז העכער געווען פון אים אויף היפּשע עטלעכע צאָל, דעריבער האָט ער אָפּגעטרעטן אַ ביסל פון דער שוועל, שטיין געבליבן ווי אַ האָן מיטן פאַרהויבענעם הינקענדיקן פוס אונטער זיך, און, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, זיך איבערגעצלמט אין דער זייט פון דער שוואַרצער, נעפּלהאַפט־געמאָלענער איקאָנע.

— וואָס מאַכט איר מיטן געזונט ?

— גאָט צו דאַנקען, — האָט אויפשטייענדיק פון דער שטול געענטפערט דער באַלעבאָס, אַ נידעריקער פיעגוואַטער אַלטער קאָזאַק.

— מיר זענען געקומען צו דיר צו גאַסט, מיראָן גריגאָריע־וויטש !

— אַדרבה, געסט זענען ביי אונז תמיד אָנגעלייגט. מאַריאַ, גיב די מענטשן אויף וואָס צו זעצן זיך.

די געעלטערטע באַלעבאָסטע מיט דער פלאַכער ברוסט האָט כלומרשט אָפּגעבלאָזן דעם שטויב פון די טאַבורעטן און זיי צוגע־רוקט די געסט. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך געזעצט אויף אַ ברעג, אָפּווישנדיק מיט דער פאַטשיילע דעם שוויס פון ברוינעם שטערן.

— מיר זענען געקומען צו אייך וועגן אַן ענין, — האָט ער אָנגעהויבן אָן הינטערוועגלעך.

דאָ האָבן איליניטשנאַ און וואַסיליסאַ פאַרהויבן די קליידער און אויך זיך אַוועקגעזעצט.

— אדרבה : וועגן וואָס פאַר אַן ענין ? — האָט דער באַלע־באָס אַ שמייכל געטון.

ס׳איז אַריינגעקומען גריגאָרי. זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב.

— וואָס מאַכט איר מיטן געזונט ?

— גאָט צו דאַנקען, — האָט די באַלעבאָסטע מאָנאָטאָן גע־ענטפערט.

— גאָט צו דאַנקען, — האָט דער באַלעבאָס באַשטעטיקט. אַ בראָנזיקע רויטקייט איז אַרויסגעטרעטן צווישן די זומערשפּרענ־קעלעך, וואָס האָבן געדיכט באַדעקט זיין פּנים : ער האָט אַצינד זיך ערשט משער געווען, נאָכוואָס די געסט זענען געקומען.

— זאָג דאָרט, מען זאָל די פערד זייערע אַריינפירן אין הויף. מען זאָל זיי געבן היי, — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב. זי איז אַרויסגעגאַנגען.

— מיר האָבן אַ קליינעם ענין צו אייך... — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש ווייטער גערעדט. ער האָט געקרייזלט זיין גע־לאָקטע פעכיקע באָרד און אַלע מאָל זיך אַ ריס געטון ביים אויער־רינגל פון אויפרעגונג.

— איר — האָט אַ מיידל, אַ כּלה, מיר — האָבן אַ חתן... צי וואָלט נישט כּדאַי געווען, מיר זאָלן אַ שמועס טון ? צי האָט איר בדעה זי שוין אויסצוגעבן, צי נישט ? וואָרים אַזוי וואָלטן מיר זיך אפשר משדך געווען ?

— איך ווייס... — האָט דער באַלעבאָס זיך אַ קראַץ געטון אין פליכיקן קאָפּ. — דעם אמת צו זאָגן, האָבן מיר היי־יאָר נישט געטראַכט זי אויסצוגעבן. אַזוי פיל אַרבעט אין דער היים, און זי איז נאָך נישט אַזוי אַלט אויך. דער אַכצנטער פרילינג ערשט אַריבער. האַ, מאַריאַ ?

— אוודאי.

— זי זאָל אַפילו זיין ווי דער מאָרגן־רויט יונג, איז אויך נישט גלייך היינטיקע צייטן צו האַלטן, — וויניק פאַרעלטערטע מיידלעך זיצן אין דאָרף ? — איז די וואַסיליסאַ אַרויסגעטרעטן, נישט קאָנענדיק רויִק איינזיצן אויפן טאַבורעט (עס האָט זי גע־שטאָכן דער געגנבעטער בעזים אין הויז, וועלכן זי האָט זיך אַריינגערוקט הינטערן קאַפטן — מען שמועסט, אַז שדכנים, וואָס גנבענען צו אַ בעזים ביי דער כלה, באַקומען נישט קיין אָפּזאָג).

— אונזערע וועט נישט פאַרזיצן. צו איר איז מען נאָך אין פרילינג געקומען זיך שדכענען. אַ מיידל — ווער מיר גוטס גינט — צו אַלעם טאָקע : סיי אין פעלד, סיי אין שטוב...

— פונדעסטוועגן, ווען עס זאָל אונטערקומען אַ לייטישער מענטש, דאַרף מען אויסגעבן, — איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַריינגעפּאַלן אין געפּלאַפּל פון די ווייבער.

— אויסגעבן איז נישט קיין שווערע זאַך, — האָט דער באַ־לעבאָס זיך געקראַצט אין קאָפּ, — אויסגעבן קאָן מען שטענדיק.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ טראַכט געטון, אַז מען זאָגט זיי אָפּ, — און ער האָט זיך אָנגעצונדן.

— פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אייער זאַך... אַ חתן איז ווי אַ דזשאַד : גיי דיר, אַלטיטשקער, ערגעץ אַנדערש בעטן. אויב איר זוכט, למשל, אַ חתן פון סוחרישן שטאַנד, אָדער עפּעס ענלעכס, איז זייט־זשע מוחל, איז דאָס שוין עפּעס אַנדערש.

עס וואָלט זיכער זיך פאַרענדיקט מיט גאָרנישט : פאַנטע־לעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געסאָפּעט און רויט געוואָרן ווי אַ בו־ראַק, דער כלהס מאַמע האָט געקוואָקעט ווי אַ הון אויף אייער, ווען זי באַמערקט אַ שאָטן פון אַ שפּאַרבער, — איז אָבער אין דער געהעריקער מינוט צוהילף געקומען וואַסיליסאַ. זי האָט גע־נומען דריבנע שעפּטשענדיק שיטן, ווי זאַלץ אויף אַן אָפּגעבריט אָרט, און צוריק צוניפגעבונדן דעם איבערגעריסענעם פאָדים.

— וואָס רעדט איר, טייערע מיינע ! אויב איר האָט שוין אָנגעהויבן וועגן דעם צו שמועסן, מוזט איר שוין פאַרענדיקן ווי

עס געהער צו זיין און ווי דאָס גליק פון אייער קינד פאָדערט...
כאָטש נאטאליא — אַזעלכע מיידלעך געפינט מען דאָך נישט אין
אַ האַלבער וועלט! די אַרבעט ווערט דאָך איר אונטער די הענט
פאַרברענט: ווי זעט מען נאָך אַזאַ העפטערין! אַזאַ באַלעבאָסטע!
מילא, איר זעט דאָך אַליין, גוטע מענטשן, — האָט זי נחתדיק
מיט די הענט אַ צעפיר געטון, זיך ווענדנדיק צו פאַנטעלעי פראָ-
קאָפיעוויטשן און דער אָנגעבלאָזענער איליניטשנען. — אָבער דער
חתן איז אויך אַ זעלטענער בחור. ווען איך קוק אויף אים, ווערט
אין מיר דאָס האַרץ צעגאַנגען. אינגאַנצן אין מיין פאַרשטאָרבענעם
דוניאַשקען אַריינגעראָטן... און די גאַנצע משפּחה זייערע איז אַן
אַרבעטזאַמע. ווער ווייסט נישט וועגן פּראָקאָפיטשן אין דער גאַנ-
צער געגנט — אַזאַ גוטער מענטש, אַזאַ וואוילטוער... מיר וואָלטן
געדאַרפט זיין שונאים פון אונזערע קינדער און וועלן זיי שלעכטס
טון...

דער שדכנטעס מירמלענדיק קולעכל איז געפלאָסן ווי פּאַטאָקע
פאַנטעלעי פראָקאָפיעוויטשן אין די אויערן אַריין. דער אַלטער מע-
ליעכאָוו האָט זיך צוגעהערט, אויסרייסנדיק מיט צוויי פינגער די
שווארצע, ווילדע האָר, וואָס זענען אָנגעוואַקסן אין דער אייבי-
קער פינסטערניש פון זיינע נאָזלעכער, און מיט אַנטציקונג גע-
טראַכט: „עך, אַ טייוול, זי האַקט שוין איינמאָל מיטן פּיסק! אַ
שפּינדל דרייט זיך. זי בייטלט — אַז ס'איז גאָרנישט מעגלעך
מיטן אויער צו דערכאַפּן און פאַרשטיין, וואָס זי וויל. נישט איין
באַבע קאָן מיט רייד אפילו אַ קאָזאַק די ציין פאַרררייבן... זע נאָר,
זע, אַן אמתער מזיק אין אַ קליידל!“ — ער האָט זיך געקוויקט
מיט דער שדכנטע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו לויבן די
כּלה און דער כּלהס משפּחה, ביז אין פינפטן דור אַריין.

— וואָס איז דאָ צו טענהן, קיין שלעכטס ווילן מיר נישט
פאַר אונזער קינד.

— איך קלער בלויז, אַז ס'איז אפשר צו-פרי פאַר איר, —
האָט דער באַלעבאָס שוין פרידלעכער געזאָגט, בלישטשענדיק מיט
זיין שמייכל.

— נישט פרי! נישט פרי! ווי גאָט איז אייך ליב, נישט פרי! — האָט אים פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש צוגערעדט.

— פריער, צי שפּעטער, — שיידן וועט מען זיך מוזן... — האָט די באַלעבאָסטע אַרויסגעכליפּעט האַלב אין אָנשטעל, האַלב ערנסט.

— גיב אַ רוף די טאָכטער, מיראָן גריגאָריעוויטש, לאָמיר זי זען.

— נאַטאַליאַ!

אין דער טיר האָט נישט דרייסט זיך באַוויזן די כּלה, פאַרלוירן קנייטשנדיק מיט טונקעלע פינגער דעם ברעג פון איר פאַרטוך.

— קום אַריין, קום אַריין! זעסט ווי זי האָט זיך פאַרשעמט, — האָט איר די מוטער מוט אונטערגעגעבן און אַ שמייכל געטון מיט די פאַרטרערטע אויגן.

גריגאָרי, וואָס איז געזעסן לעבן שווערן קופערט מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע בלויע בלומען, האָט זיך אומגעקוקט אויף איר.

פון אונטער שוואַרצע זיידענע ווייעס קוקן גרויע דרייסטע אויגן. אין דער קיילעכיקער באַק ציטערט פון פאַרשעמטקייט און איינגעהאַלטענעם שמייכל אַ נישט טיף, זיך רייטלענדיק חן־גריבעלע. גריגאָרי האָט איבערגעפירט דעם בליק אויף אירע הענט: זיי זענען געווען גרויסע, צעלאַבעוועטע פון דער אַרבעט. פון אונטערן גרינעם קאַפטנדל, וואָס האָט נעט אַרומגענומען איר קרעפטיקן קערפּער, האָבן נאַיוו און שעמעוודיק זיך אַרויסגערוקט, פאַרהויבן אין דער הייך און אין ביידע זייטן אַריין, נישט גרויסע מיידליש־קערנדיקע ברוסטן; ווי קנעפּלעך האָבן געשטאַרט די שאַרפע וואָרצלען.

גריגאָריעס אויגן האָבן אין איין מינוט זי אינגאַנצן אַרומגענומען — פון קאָפּ ביז די הויכע שיינע פיס. ער האָט זי באַקוקט, ווי אַ פערדהענדלער באַקוקט אַ ראַסאָווע קאָבילע פאַרן קויפן, אַ טראַכט געטון: „זי איז גוט" און זיך באַגעגנט מיט אירע אויגן, וואָס זענען עקשנותדיק געווען אָנגעשטעלט אויף אים. איר

פּשוטער, אַ ביסל צעמישטער, אויפריכטיקער בליק האָט אַזוי ווי גע־
זאָגט: „דאָס בין איך אינגאַנצן. און טראַכט וועגן מיר, ווי דו ווילסט". —
„אַ וואונדערבאַרע", — האָט גריגאָרי געענטפערט מיט די אויגן
און מיטן שמייכל.

— נו, גיי שוין, — האָט דער באַלעבאָס אַ פּאָכע געגעבן
מיט דער האַנט.

פאַרן פאַרמאַכן די טיר, האָט נאָך נאַטאַליאַ אַ קוק געטון
אויף גריגאָריען, נישט פאַרבאָרגנדיק איר שמייכל און גייגעריקייט.

— אָט וואָס, פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, — האָט דער באַ־
לעבאָס אָנגעהויבן, איבערקוקנדיק זיך מיטן ווייב, — שמועסט איר
זיך דורך, און מיר וועלן אויך אין דער היים זיך דורכשמועסן,
ווי עס פּירט זיך. און דערנאָך וועלן מיר שוין באַשטימען, צי מיר
וועלן יאָ זיין מחותנים, אָדער נישט.

אַראָפּגייענדיק פון גאַנעק, האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש
נאָך צוגעגעבן:

— איבעראַכטאָג זונטיק וועלן מיר מסתמא אַריינפאַלן צו
אייך.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט זיי באַגלייט צום טויער, האָט
בכיוון פאַרשוויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט.

XVI

ערשט נאָכדעם ווי ער איז געוואויר געוואָרן פון טאָמילינען
וועגן אַקסיניען, באַגראָבנדיק אין זיין האַרץ די פּיין און פאַראַכ־
טונג, האָט סטעפּאַן פאַרשטאַנען, אַז נישט געקוקט אויף זיין שלעכט
לעבן מיט איר און אויף דער אַמאָליקער באַליידיקונג, האָט ער
זי דאָך ליב מיט אַ שווערער, פאַראַכטנדיקער ליבע.

ער איז אין די נעכט געלעגן אויפן וואָגן, צוגעדעקט מיטן
שינעל, די הענט פאַרבראָכן אונטערן קאָפּ, געטראַכט, ווי אַזוי ער
וועט אַהיימקומען, ווי אַזוי דאָס ווייב וועט אים אויפנעמען, און
געפילט, ווי אָנשטאָט דעם האַרץ, באַוועגט זיך אַ האָריקע שפּין

אין זיין ברוסט... מיט אַראָפּגעלאָזטע בלוי-געוואָרענע אויגנלעד-לעך איבער די אויגן, איז ער געלעגן, צוגרייטנדיק אין געדאַנק טויזנטער איינצלהייטן פון אָפּרעכענונג, און געפילט, ווי ער וואָלט געהאַט גראָב זאַמד צווישן די ציין. ער האָט אָפּגעקילט זיין כעס אין געשלעג מיט פּיאָטערן און אַהיימגעקומען אַן אַפּאַטישער, דער-פאַר טאַקע האָט אַקסיניאַ אַזוי לייכט אָפּגעשניטן.

פון דעם טאָג אָן האָט אין דער כאַטע פון די אַסטאַכאָווס ווי אין געהיים זיך באַזעצט אַ טויטער. אַקסיניאַ איז אַרומגעגאַנ-גען אויף די שפּיץ-פינגער, גערעדט שעפּטשענדיק, אָבער אין אירע אויגן. באַדעקט מיט אַש פון שרעק, האָט קוים באַמערקבאַר נאָך גע-טליִעט אַ קויל פון דעם פייער, וואָס גרישקאַ האָט אָנגעצונדן.

זיך איינקוקנדיק אין איר, האָט סטעפּאַן גיכער דאָס גע-פילט, איידער געזען. ער האָט זיך געפּייניקט. אין די נעכט, ווען די סטאַדע פליגן איז אויפן קוימען איינגעשלאָפן און אַקסיניאַ האָט מיט ציטערדיקע ליפּן געגומען אויסבעטן דאָס געלעגער, האָט סטעפּאַן זי געשלאָגן, פאַרשטופּנדיק איר מויל מיט זיין שוואַרצער האָריקער פויסט. ער האָט זי אומפאַרשעמט און אויספירלעך אויס-געפרעגט וועגן איר פאַרבינדונג מיט גרישקען. אַקסיניאַ האָט זיך געוואָרפן אויפן האַרטן געלעגער, דעם אָנגעזאַפּטן מיטן ריח פון שעפּסן-פעלן, און שווער געאָטעמט. סטעפּאַן, אַ פאַרמאַטער-טער פון פייניקן איר קערפּער, דעם ווייכן, ווי אויפגעיורן טייג, האָט אַרומגעפירט זיין האַנט איבער איר פּנים, זוכנדיק טרערן. אָבער אַקסיניאַס באַקן זענען געווען הייס און טרוקן און איר קין האָט זיך באַוועגט אונטער סטעפּאַנס פינגער.

— ווּעסט זאָגן ?

— ניין !

— וועל איך דיך דערהרגענען.

— דערהרגע ! דערהרגע, ווי גאָט איז דיר ליב... וועט דאָס איינמאָל אַ סוף נעמען... וואָרים אַזוי איז קיין לעבן נישט...

מיט פאַרהאַקטע ציין, האָט סטעפּאַן צונויפגעדריקט די די-נע, פון שווייט קילע הויט אויפן ווייבס ברוסט.

אַקסיניאַ האָט געציטערט, געקרעכצט.

— ס׳טוט ווי, וואָס ? האָט סטעפּאַן זיך פריילעך געמאַכט.

— ס׳טוט ווי.

— און מיר, מיינסטו, האָט נישט ווי געטון ?

ער פלעגט שפּעט איינשלאָפן. אין שלאָף צונויפדריקן און באַוועגן מיט די שוואַרצע, אין די געלענקען אָנגעדראָלענע פינ-גער. אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, פלעגט אַקסיניאַ לאַנג קוקן אויפן שיינעם, אין שלאָף געענדערטן פּנים פון איר מאַן, אַראָפּ-לאָזן דעם קאָפּ און עפּעס שעפּטשען.

גרישקען האָט זי כמעט נישט געזען. איינמאָל האָט זי צו-פעליק זיך באַגעגנט מיט אים ביים דאָן. גריגאָרי האָט געטריבן די אָקסן צום טרינקען. גייענדיק באַרג אַרויף, האָט ער זיך צוגע-פּאַכעט מיט אַ ווערבע-צווייגל און געקוקט אויף דער ערד אַראָפּ. אַקסיניאַ איז אים אַקעגנגעגאַנגען. זי האָט אים דערזען און דער-פילט, ווי די קאָראָמיסלע איז קאַלט געוואָרן אין אירע הענט און אַ היץ האָט אָנגעהויבן האַמערן אין אירע שלייפן.

שפּעטער, ווען זי האָט זיך דערמאַנט אָן דער באַגעגעניש, האָט זי געקאָסט נישט ווייניק אָנשטרענגונג זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס איז געווען אויף דער וואָר. גריגאָרי האָט זי דערזען, ווען זי איז שוין כמעט געווען לעבן אים. אויפן אַרויספּאָדערנדיקן סקריפּען פון די עמערס, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ ציטער געגעבן מיט די ברעמען און נאַריש אַ שמייכל געטון. אַקסי-ניאַ איז געגאַנגען, קוקנדיק איבער זיין קאָפּ אַריבער אויפן גרי-נעם, צעכוואַליעטן דאָן, נאָך ווייטער — אויף דער קאָם פון זאַמ-דיקן ברעג.

די רויטקייט האָט אַרויסגעדריקט טרערן פון אירע אויגן.

— קסיושאַ !

אַקסיניאַ איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און שטיין געבליבן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ קלאַפּ. גריגאָרי האָט מיטן צווייגל בייז אַ שמיץ געטון אַן אָפּגעשטאַנענעם געשטרייפטן אָקס און אַ זאָג געטון, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ :

— ווען פאָרט סטעפאַן דאָס קאָרן שניידן?

— באַלד... ער שפּאַנט שוין איין.

— וועסט אים אַרויסבאַגלייטן — גיי אויף דער פאַשע, וואו עס געפינען זיך אונזערע ביר־רויזן, איך וועל אויך קומען.

סקריפּענדיק מיט די עמערס איז אַקסיניאַ אַראָפּגעגאַנגען צום דאָן. ביים ברעג האָט, ווי אַ געלער פּרעכטיקער האַפט, זיך געשלענגלט די שוים איבערן גרינעם ליווונט פון טייך. ווייסע מעוועס האָבן מיט געשריי זיך געטראָגן איבערן דאָן.

ווי אַ זילבערנער רעגן האָבן קליינע פישלעך אַרומגעצאַפּלט איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער. פון דער צווייטער זייט, איבערן העלן זאַמדיקן ברעג, האָבן די אַלטע טאָפּאָלן מאַיעסטע־טיש און שטרענג געוויגט זייערע גרויע קעפּ אין ווינט. אָנשעפּנ־דיק וואַסער, האָט אַקסיניאַ אַראָפּגעלאָזט אַן עמער. זי האָט מיט דער לינקער האַנט אונטערגעהויבן דאָס קלייד און אַריינגעגאַנגען ביז איבער די קניען אין וואַסער. דאָס וואַסער האָט זי גענומען קיצלען אין די אָפּגעריבענע לידקעס פון די זאָקנבענדלעך, און אַקסיניאַ האָט דאָס ערשטע מאָל נאָך סטעפּאַנס קומען שטיל און אומזיכער זיך צעשמייכלט.

זי האָט זיך אומגעקוקט אויף גרישקען: ער האָט ווידער, ווי פריער, זיך צוגעפּאָכעט מיטן צווייגל, ווי אָפּטרייבנדיק די פליגן, און מיט אַ פּאַמעלעכן טריט געגאַנגען באַרג אַרויף.

אַקסיניאַ האָט מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק פון די אָנגעלאָפענע טרערן אין אירע אויגן געצערטלט זיינע שטאַרקע פיס, וואָס האָבן מיט זיכערקייט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער ערד. גרישקעס ברייטע שאַראָוואַרן, אַריינגעמאַכט אין די ווייסע וואָלענע זאָקן, האָבן זיך געריטלט מיט די ליאַמפּאַסן. אויף זיין רוקן, לעבן אַקסל־ביין, איז דאָס שמוציקע העמד געווען פריש איינגעריסן און עס האָט טונקל זיך געגעלט אַ דריי־עק פון זיין נאַקעט לייב. אַקסיניאַ האָט מיט די אויגן געקושט דאָסדאָזיקע קליינע שטיקל לייב פון דעם געליבטן קערפּער, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו איר; טרערן זע־נען געפאַלן אויף אירע שמייכלענדיקע בלייך־געוואָרענע ליפּן.

זי האָט אַראָפּגעשטעלט די עמערס אויפן זאַמד און דערזען אַ שפּור, וואָס איז געבליבן פון גרישקעס שפּיציקן שוך. זי האָט פלינק זיך אַרומגעקוקט — ס'איז קיינער נישט געווען, בלויז אויפן ווייטן ברעג האָבן זיך געבאָדן קינדער. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט, מיט אַ האַנט צוגעדעקט דעם שפּור, דערנאָך פאַרוואָרפן די קאָראָ־מיסלע און, שמייכלענדיק פון זיך אַליין, מיט איילִיקע טריט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

איבערן כוטאָר איז געהאָנגען די זון, אַ פאַרצויגענע אין אַ לייכטן מושלינענעם נעפּל. ערגעץ־דאָרט, הינטערן געקרייזלטן טאַבון פון ווייסע וואָלקנדלעך, האָט העל געלויכטן אַ טיפע ווייטע קילקייט, ווי אַ בלויע לאַנקע, און איבערן כוטאָר, איבער די אָנגע־גליטע בלעכענע דעכער, איבער די פוסטע שטויביקע גאַסן, איבער די הויפן מיטן געלן, פאַרברענטן גראָז איז געשטאַנען אַ טויטע חמימה.

וויגנדיק זיך און פאַרגיסנדיק וואַסער פון די עמערס אויף דער געפּלאַצטער ערד, איז אַקסיניאַ צוגעקומען צום גאַנעק. סטע־פאַן האָט אין אַ ברייטן שטרויענעם הוט איינגעשפּאַנט די פערד אין דער שניט־מאַשין. ער האָט גלייך געמאַכט די לייץ אויף דער קאָבילע, וואָס האָט געדרימלט אין כאָמוט, און אַ קוק געטון אויף אַקסיניען.

— גיס אָן וואַסער אין דער פעלד־פלאַש.

אַקסיניאַ האָט אַריינגעגאָסן אָן עמער וואַסער אין דער פלאַש, זיך בריִענדיק די הענט אין די אייזערנע פריש־באַשלאָגענע רייפן.

— מען וואָלט געדאַרפט אַ שטיקל אייז. דאָס וואַסער וועט וואַרים ווערן, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויפן מאַנס נאַסן רוקן פון שוויס.

— גיי, נעם ביי די מעליכאָווס... גיי נישט!... — האָט סטעפּאַן אַ געשריי געטון, זיך דערמאַנענדיק.

אַקסיניאַ איז געגאַנגען פאַרמאַכן דאָס אָפן געלאָזענע טירל. סטעפּאַן האָט אַ כאַפּ געטון די בייטש, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

— וואוהין?...

— דאָס טירל פֿאַרמאַכן.

— גיי צוריק, נבֿלה... מען האָט דיר געזאָגט — דו זאָלסט נישט גיין!

זי איז איילִיק צוגעגאַנגען צום גאַנעק, געוואָלט אויפהענגען די קאָראָמיסלע, אָבער אירע ציטערדיקע הענט האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו פֿאָלגן, די קאָראָמיסלע האָט זיך אַראָפּגעקייקלט איבער די טרעפּ.

סטעפּאַן האָט אַרויפגעוואָרפן אויפן פעדערשטן געזעס זיין ברעזענטענעם פּלאַשטש; זיך אַוועקגעזעצט און גענומען די לייצן אין דער האַנט אַריין.

— עפן דאָס טויער.

נאָכן עפענען דאָס טויער האָט אַקסיניאַ געוואַגט צו פרעגן:

— ווען וועסטו קומען?

— פאַרנאַכט. איך וועל שניידן מיט אַניקושקען. טראָג אים אַהין עסן. ער וועט קומען פון דער קוזשניע — וועט ער פאָרן אין פעלד אַריין.

די קליינע רעדלעך פון דער שניט־מאַשין האָבן געפּישטשעט, זיך אַריינשניידנדיק אין גרויען פּליושענעם שטויב און אַרויסגע־פאָרן פון טויער. אַקסיניאַ איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, געשטאַ־נען אַ ווײַלע מיט צוגעדריקטע הענט צום האַרץ, און, אַ כאַפּ געבנדיק אַ טיכל אויפן קאָפּ, איז זי אַוועקגעלאָפן צום דאָן.

„און אויב ער וועט צוריקקומען, וואָס וועט דעמאָלט זיין?" — האָט זי אַ ברי געטון אין געדאַנק. זי איז שטיין געבליבן, ווי זי וואָלט דערזען אַ טיפן גרוב אונטער די פיס, זיך אומגעקוקט און — כמעט לויפנדיק אַוועק לענגאויס דעם דאָן צו דער פאַשע.

פּלויטן. גערטענער. געלער גלאַנץ פון ביר־רויזן, וואָס קוקן דער זון גלייך אין די אויגן אַריין. גרינע ווייס־צעבליטע קאַרטאָפל־בייטן. אָט רוקן זיך שאַמילאָווס באַבעס, וואָס פאַרענדיקן דאָס אַרומגראָבן זייערע קאַרטאָפלעס; געבויגענע רוקנס אין ראָזע העמ־דער, אַ האַסטיק הייבן זיך פון מאָטיקעס, וואָס פאַלן איבער דער גרויער ערד. אַקסיניאַ איז שווער־סאָפּענדיק אָנגעקומען צום גאָרטן

פון די מעליעכאָווס. זי האָט זיך אַרומגעקוקט; אַראָפּגענומען די געפלאָכטענע פּעטליע פון האָק, געעפנט דאָס טירל. זי איז איבערן אויסגעטרעטענעם שטעגעלע צוגעגאַנגען צו דער שטאַנגן־פּאַרצוימונג פון די געדיכט־אָנגעשטעלטע ביר־רויזן. זי האָט זיך אָנגעבויגן, אַריינגעקראָכן אין דער סאָמער געדיכטעניש, אויסשמירנדיק זיך דאָס פּנים אין גאָלדיקן בליאונגס־שטויב; פאַרנומען דאָס קלייד און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גרין־באַהאָפּטענער ערד.

זי האָט זיך איינגעהערט: אַ שטילקייט, אַז עס קלינגט אין די אויערן. ערגעץ דאָרט אין דער הייך זשוזשעט איינזאַם אַ פעלד־בין. די הוילע שטאַנגען פון די ביר־רויזן, באַדעקטע מיט שטעכיקע הערעלעך, זייגן שווייגנדיק די ערד.

זי איז געזעסן קעגן אַ האַלבע שעה, געפייניקט פון צווייפל, — צי ער וועט קומען אָדער נישט. זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, זיך אויפגעהויבן, אַרונטערמאַכנדיק אונטערן טיכל די האָר. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פון טירל. טריט.

— אַקסיוטאַ!

— אַהער גיי...

— אַהאַ, ביסט געקומען.

רוישנדיק מיט די בלעטער, איז גריגאָרי צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט דערלעבן. זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

— וואָס האָסטו דאָ אויף דער באַק?

אַקסיניאַ האָט מיטן אַרבל צעשמירט דעם געלן שמעקענדיקן שטויב.

— מסתמא פון אַ ביר־רויז.

— נאָך דאָ, לעבן אויג...

זי האָט אָפּגעווישט. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן. און, ענטפערנדיק אויף גרישקעס שטומען פרעגן, האָט זי זיך צעוויינט.

— איך האָב שוין קיין כּוח נישט... איך בין פאַרלוירן, גרישאַ.

— וואָס טוט ער דיר?

אַקסיניאַ האָט האַסטיק אַ ריס געטון דעם קאָלנער פון

קאַפּטנדל. אויף אירע אַרויסגעקוואָלענע ראָזע, מיידליש־קערנדיקע בּרוסטן זענען געווען אַ סך בּרוינע און בּלויע פלעקן.

— דו ווייסט נישט וואָס?... ער שלאָגט מיך יעדן טאָג!... זייגט דאָס בּלוט מיר אויס!... און דו בּיסט אויך זייער גוט... האָסט אָנגעמאַכט, ווי אַ הונט, און זיך אָפּגערוקט... אַלע זענט איר אַזעלכע... — זי האָט מיט ציטערנדיקע פינגער זיך פאַרקנעפּלט און דערשראָקן, — צי ער האָט זיך נישט בּאַליידיקט, — געקוקט אויף גריגאָריען, וואָס האָט זיך אַוועקגעדרייט.

— דו זוכסט דעם שולדיקן? — האָט ער מאָנאָטאָן געזאָגט, איבּעררייסנדיק אַ גרעזעלע.

זיין רויִק קול האָט אַקסיניען אַ בּרי געטון.

— דו בּיסט אפשר נישט שולדיק? — האָט זי זיך אָנגעצונדן.

— אַז די צויג וועט זיך דינגען, וועט דער הונט נישט אַרויפשפרינגען.

אַקסיניאַ האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. ווי אַ שטאַרקער, גוט אויסגערעכנטער קלאַפּ איז די בּאַליידיקונג אַ פאַל געטון.

גריגאָרי האָט זיך פאַרקרומט, קוקנדיק זייטיק אויף איר. אין בּלייז צווישן איר וויַיז־פינגער און מיטל־פינגער איז דורכגעקוואָלן אַ טר

אַ שטויבּיקער זונען־שטראַל, אַ צעקרומטער אין דער געדיכטער פאַרוואַקסעניש פון די בּיר־רויזן, האָט אָנגעצונדן דאָס דורכזיכטיקע טראָפּנדל, געטרוקנט דעם פייכטן שפּור, וואָס איז אויף דער הויט געבּליבּן.

גריגאָרי האָט נישט פאַרטראָגן קיין טרערן. ער האָט אומרויִק זיך אָנגעהויבּן דרייען אויף דער ערד, בּייז אַראָפּגעטרייסלט אַ בּרוינע מוראַשקע פון זיינע הויזן און ווידער האַסטיק אַ קוק געטון אויף אַקסיניען. זי איז געזעסן אין דער זעלבּער פּאָזע, נאָר אָנשטאָט איין טרער, האָבּן שוין אַצינד דריי טרערעלעך זיך געקייקלט איבּער דער לינקער זייט פון איר האַנט, איבּעריאָגנדיק איינס דאָס צווייטע.

— וואָס ווילסטו? איך האָב דיך באַליידיקט? קסיושאַ! נוּ, וואַרט צו... שטיי נאָר, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

אַקסיניאַ האָט אַוועקגענומען די הענט פון איר נאַס פּנים.

— איך בין נאָך אַן עצה געקומען... פאַרוואָס־זשע?... מיר איז אַזוי אויך ביטער... און דו...

„ווי איך וואָלט אַ געפאַלענעם אַ שטויס געטון...” גריגאָרי איז רויט געוואָרן.

— קסיושאַ... איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, נוּ, זיי נישט באַליידיקט...

— איך בין נישט געקומען זיך אָנוואַרפן... האָב נישט קיין מורא!

אין דער מינוט האָט זי אַליין געגלייבט, אַז זי איז נישט געקומען, כּדי זיך אָנצוּוואַרפן גריגאָריען; אָבער ווען זי איז געלאָפן לענגאויס דעם דאָן צו דער פּאַשע, האָט זי געטראַכט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין קלאָרן חשבון: „איך וועל אים אָפּרעדן! זאָל ער נישט חתונה האָבן. וואָס וועט מיר בלייבן!?” זי האָט זיך דעמאָלט דערמאַנט אָן סטעפּאַנען און האַסטיק אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, ווי אָפּיאָגנדיק זיך פון אַ געדאַנק, וואָס איז איר נישט אין דער געהעריקער מינוט אויפן רעיון געקומען.

— הייסט עס, אַז אונזער ליבע איז פאַרענדיקט? — האָט גריגאָרי געפרעגט און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס און אויסשפּייענדיק די ראָזע בלומען־בלעטלעך, וואָס ער האָט בשעת דעם שמועס געקייעט.

— וואָס הייסט פאַרענדיקט? — האָט אַקסיניאַ זיך דערשראָקן. — וואָס הייסט דאָס? — האָט זי איבערגעפרעגט, באַמיענדיק זיך אים אַרייַנצוקוקן אין די אויגן.

גריגאָרי האָט געדרייט מיט די בלויע בולטע ווייסלען פון זיינע אויגן און געקוקט אין אַ זייט.

די אויסגעוועפּטע, אויסגעמאָגערטע ערד האָט געשמעקט מיט פאַרדומפּיקייט, מיט זון. דער ווינט האָט געשאָרכט, איבערקערנדיק די גרינע בלעטער פון די ביר־רויזן. אויף אַ מינוט האָט די

זון זיך פאַרנעפּלט, פאַרשטעלט דורכן געקרייזלטן רוקן פון אַ וואָלקן, און אויפן סטעפּ, אויפן כוטאָר, אויף אַקסיניעס געזונקענעם קאָפּ, אויפן ראָזן בעכערל פון אַ בלום, איז קרייזלענדיק געפאַלן אַ רויכיקער שאָטן, זיך איינגעקנוילט און אַוועקגעשוואומען.

גריגאָרי האָט אַ זיפץ געטון, — מיט אַ פערדישן, שנאָרכנדיקן זיפץ, — זיך געלייגט אויפן רוקן, צודריקנדיק די פּלייצע צו דער הייסער ערד.

— אָט וואָס, אַקסיניאַ, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן פּאַמעלעך, ציילנדיק יעדעס וואָרט, — ס'איז מיר איבלדיק, עס נאָגט מיך אַזוי אין דער ברוסט... איך האָב אויסגעטראַכט...

איבערן גאָרטן האָט פּישטשענדיק זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון אַן אַרבע.

— צאָב, פּליכיקע ! צאָבע ! צאָבע !...

דער אויסגעשריי האָט אויסגעזען אַקסיניען אַזוי הויך, אַז זי איז ווי אַ פּלאָץ אַ פאַל געטון אויף די הענט. גריגאָרי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ שעפּטשע געטון :

— דאָס טיכל טו אויס. עס בלייכט זיך. מען קאָן נאָך דערזען.

אַקסיניאַ האָט אויסגעטון דאָס טיכל. דער הייסער ווינט, וואָס האָט געוויי‏עט צווישן די ביר־רויזן, האָט זיך גענומען שפּילן מיט די קרייזלעך פון גאָלדיקן פוך אויף איר האַלז. דאָס פּישטשען פון דער אַוועקפאָרנדיקער אַרבע האָט זיך איינגעשטילט.

— אָט וואָס איך האָב אויסגעטראַכט, — האָט גריגאָרי אָנגעהויבן און הייטער געוואָרן : — וואָס ס'איז געווען, ווערט זיך שוין נישט אומקערן, צוואָס־זשע דאָ זוכן דעם שולדיקן ? מען דאַרף זען ווי אַזוי ווייטער צו לעבן...

אַקסיניאַ האָט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט און געוואַרט, צעברעכנדיק דאָס גרעזל, וואָס זי האָט צוגענומען ביי אַ מוראַשקע.

זי האָט אַריינגעקוקט גריגאָריען אין פּנים — אויפגעכאַפּט דעם טרוקענעם און אומרויקן גלאַנץ פון זיינע אויגן.

— ... איך האָב אויסגעטראַכט... לאָמיר פאַרענדיקן...

אַקסיניאַ האָט זיך אַ וואַקל געטון. מיט אויסגעבויגענע פינ־גער זיך איינגעטשעפּעט אָן דער אָדערדיקער פּאַרוואַקסעניש. מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער געוואַרט אויפן סוף פון דער פראַזע. אַ פייער פון שרעק און אומגעדולד האָט גיריק געלעקט איר פּנים, אויסגעטרוקנט דאָס שפּייעכץ אין איר מויל. זי האָט געמיינט, גרי־גאָרי וועט זאָגן: „... לאָמיר פאַרענדיקן מיט סטעפּאַנען", אָבער ער האָט פאַרדראָסיק אָפּגעלעקט זיינע ליפּן (זיי האָבן זיך שווער באַוועגט) און געזאָגט:

— ... לאָמיר פאַרענדיקן די געשיכטע. האַ?

אַקסיניאַ איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנשטויסנדיק מיט דער ברוסט אָן די געלע צעוויגטע קעפּ פון די ביר־רויזן, און זיך גע־לאָזט גיין צום טירל.

— אַקסיניאַ! — האָט גריגאָרי מיט אַ פאַרשטיקט קול אַ רוף געטון.

אַלס ענטפער האָט זיך דערהערט בלויז דער מאָנאָטאָנער סקריפּ פון טירל.

XVII

נאָכן קאָרן — איידער מען האָט נאָך באַוויזן עס אָפּצופירן אין שייער אַריין — איז צייטיק געוואָרן דער ווייץ אויף די ליי־מיקע ערטער, איבער די בערגלעך האָבן די בלעטער זיך געגעלט, צונויפגעדרייט אין אַ רערל און די אָפּגעלעבטע שטענגלעך זענען פאַרטרוקנט געוואָרן.

די מענטשן האָבן גערימט דאָס גערעטעניש. די זאַנג איז אַ שפּאָרעוודיקע, די קערנער זענען שווערע, פוכיקע.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך בעראַטן מיט איליניטש־נען און זיי האָבן ביידע באַשלאָסן, אַז אויב דער שידוך וועט גע־שלאָסן ווערן מיט די קאָרשונאָווס, זאָל מען די חתונה אָפּלייגן ביזן נאָענטסטן כריסטוס־יום־טוב.

נאָכן ענטפער איז מען נאָך נישט געפאָרן: ס'איז אונטער־

געקומען דער שניט, דערנאָך האָט מען זיך געגרייט צום יום־טוב.

שניידן איז מען אַרויסגעפאָרן פרייטיק. אין דער שניט־מאַשין האָט מען איינגעשפּאַנט דריי פערד. פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש האָט צוגעטעסעט קלאָניצעס פאַר דער אַרבע, גרייט געמאַכט אָרט פאַרן פירן די תּבואה. צום שניט זענען אַרויסגעפאָרן פּעטראָ מיט גריגאָריען.

גריגאָרי איז געגאַנגען, זיך אָנהאַלטנדיק אָן פּעדערשטן געזעס, אויף וועלכן פּעטראָ איז געזעסן; ער איז געזעסן אָנגעכמורעט. פון אונטערשטן קין, קרימלעך צום באַקנביין, האָבן כוואַליענדיק געציטערט זיינע מוסקולן. פּעטראָ האָט געוואוסט — דאָס איז דער ריכטיקער סימן, אַז גריגאָרי איז אָנגעלאָדנט און גרייט אַלץ אָפּצוטון, אָבער ער האָט כסדר גערייצט זיך מיטן ברודער, שמייכלענדיק אין זיינע וואָנסעס אַריין פון העלער ווייץ־קאָליר.

— בנאמנות, זי האָט דערציילט!

— נו, זאָל זי דערציילן, — האָט גריגאָרי געבורטשעט, בייסנדיק דעם פּוכיקן שפּיץ פון זיין וואָנסע.

— „איך גיי, — זאָגט זי, — פון גאָרטן און הער, דאַכט זיך, צווישן מעליעכאָווס ביר־רויזן מענטשלעכע שטימען.“

— פּעטראָ, הער אויף!

— יאָ טאַקע... מענטשלעכע שטימען. „האָב איך מיר דורכן פּלויט אַריינגעקוקט.“

גריגאָרי האָט שנעל אָנגעהויבן צו מרוגען מיט די אויגן.

— וועסט אויפהערן? ניין?

— דאָס הייסט אַ מאָדנע מענטש, לאָמיך פאַרענדיקן!

— געדענק, פּעטראָ, מיר וועלן זיך שלאָגן, — האָט גריגאָרי געזאָגט, בלייבנדיק אַ ביסל הינטערשטעליק.

פּעטראָ האָט אַ רודער געטון מיט די ברעמען און זיך איבערגעזעצט מיטן רוקן צו די פערד און מיטן פּנים צו גריגאָריען, וואָס איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

— „איך קוק מיר אַזוי דורכן פּלויט, און זיי, די געליבטע, ליגן זיך אַרומגענומען.“ — „ווער?“ — פרעג איך, און זי ענט־

פערט מיר: — „אַקסיוטאַ אַסטאַכאָוואַ מיט דיין ברודער." — „זאָג איך..."

גריגאָרי האָט ביים הענטל אַ כאַפּ געטון אַ קורצן היי־גאָפּל, וואָס איז געלעגן אין דער הינטערשטער טייל פון דער שניט־מאַשין און זיך געוואָרפן אויף פּיאָטערן. פּיאָטער האָט נאָכגעלאָזט די לייצן, אַראָפּגעשפּרונגען פון געזעס און אַנטלאָפן פאָרויס די פערד.

— משוגע געוואָרן, דער פאַרשאָלטענער!... פּיו, פּיו! קוק אים נאָר אָן...

גריגאָרי האָט אויסגעשטשירעט די ציין ווי אַ וואָלף און אַ וואָרף געטון דעם היי־גאָפּל. פּעטראָ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די הענט און דער היי־גאָפּל איז אַריבערגעפלויגן איבער אים, אויף עטלעכע צאָל זיך איינגעגראָבן אין דער האַרטער פאַרטרוקנטער ערד און קלינגענדיק אָנגעהויבן ציטערן.

פּעטראָ האָט מיט אַ טונקל־געוואָרן פּנים געהאַלטן ד איבערגעשראָקענע פערד ביי דער צוים און געזידלט.

— אַזאַ נבלה! ער האָט מיך שיער נישט דערהרגעט!

— איך וואָלט דיך טאַקע דערהרגעט!

שוטה דו! טייוול משוגענער! אײַנגאַנצן דעם טאַטנס בלוט אין זיך!

גריגאָרי האָט אַרויסגעריסן דעם היי־גאָפּל און נאָכגעגאַנגען דער שניט־מאַשין, וואָס האָט געווירט.

פּעטראָ האָט אים צוגעוואַרט מיט אַ פינגער.

— קום נאָר אַהער. גיב מיר נאָר דעם היי־גאָפּל.

ער האָט איבערגעלייגט די לייצן אין דער לינקער האַנט אַריין און אָנגענומען דעם היי־גאָפּל ביים גלאַנציקן שפּיץ.

ער האָט אומגעריכט אַ צי־געגעבן מיטן הענטל גריגאָריען איבערן רוקן.

— איינמאָל איז ווייניק! — האָט ער באַדויערט, אַ קוק געבנ־דיק אויף גריגאָריען, וועלכער איז אָפּגעשפּרונגען אָן דער זייט.

אין אַ מינוט אַרום האָבן זיי ביידע פאַרדרייכערט, זיך אָנגעקוקט אין די אויגן אַריין און זיך צעלאַכט.

כריסטאָניעס ווייב, וואָס איז געפאָרן מיט אַ זייטיקן וועג אין איר וואָגן, האָט געזען ווי גרישקאַ האָט אַ וואָרף געטון דעם היי־גאָפּל אויפן ברודער. זי האָט זיך אויפגעשטעלט אין וואָגן, אָבער נישט געקאָנט זען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן די מעליעכאָוווס, — די שניט־מאַשין מיט די פערד האָבן פאַרשטעלט. זי האָט קוים באַוויזן אַרייַנצופאָרן אין געסל צווישן די כאַטעס און שוין אַ געשריי געטון צו אַ שכנטע:

— קלימאָווגאַ! לויף צו און זאָג פּאַנטעלעיען — דעם טערק, אַז זיינע זין האָבן זיך צעשטאָכן מיט די היי־גאָפּלען לעבן טאַטעס רישן בערגל. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן, און גרישקאַ — ער איז דאָך אַ היציקער! — האָט ער דאָס געגעבן אַ זעץ אַריין דעם היי־גאָפּל פּיאָטערן אין דער זייט, און פּיאָטער ווידער — אים צוריק... דאָרט איז אַזוי פול בלוט אָנגערינען — אַז ס'איז אַ שרעק!

פּעטראָ איז שוין הייזעריק געוואָרן פון אָנטרייבן די מידע פערד און בלויז מאָנאָטאָן געפייפט. גריגאָרי האָט מיטן שוואַרצן פוס פון שטויב אַראָפּגעשאַרט די אָנגעטראָגענע קופּעס תבואה פון דער שניט־מאַשין.

די פערד, ביז בלוט צעביסן דורך די פליגן, האָבן געפאָכעט מיט די ווידלען און אַלע מאָל אַ ריס געטון די שטריק.

איבערן סטעפּ, אַזש ביזן בלויען ראַנד פון האָריזאָנט, האָט געשוויבלט מיט מענטשן. עס האָבן געקלונגען און געסקריפּעט די מעסערס פון די שניט־מאַשינען, עס האָט זיך געבערגלט דער סטעפּ פון דער אָפּגעשניטענער תבואה. עס האָבן אין די קעמפּעס געפייפט די וויעוויאָרקעס, ווי נאָכשפּעטנדיק די אָנטרייבערס.

— נאָך צוויי בייטן — און מיר וועלן פאַרדרייכערן! — האָט פּעטראָ, זיך אויסדרייענדיק, איבערגעשריגן דאָס פייפן פון די פליגל און קלינגען פון די מעסערס.

גריגאָרי האָט בלויז מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון. די פון ווינט

געפלאַצטע ליפּן איז שווער געווען צו עפענען. ער האָט נידעריקער אָנגענומען דאָס הענטל פון היי־גאָפּל, כדי ס'זאָל אים לייכטער זיין אַראָפּצוואַרפן די שווערע קופּעס תבואה, און האַסטיק געאָטעמט. אין דער נאַסער פאַרשוויצטער ברוסט האָט געביסן. פון אונטערן הוט אָפּער איז געריגען הייסער שווייס, אַריינטריפנדיק אין די אויגן און רייסנדיק, ווי זייף. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די פערד, אַ טרונק געטון און פאַררייכערט.

— איבערן שליאַך רייט עמעצער, — האָט פעטראָ אַ זאָג געטון, קוקנדיק פון אונטער דער האַנט אַפּער.

גריגאָרי האָט זיך איינגעקוקט און מיט פאַרוואונדערונג פאַרהויבן די ברעמען.

— דאָס איז זיכער דער טאַטע.

— ביסט דול געוואָרן! אויף וואָס וועט ער רייטן, אַז די פערד זענען איינגעשפּאַנט אין דער שניט־מאַשין.

— דאָס איז ער.

— עס חלומט זיך דיר, גרישקאַ!

— בנאמנות — ער!

אין אַ מינוט אַרום האָט מען שוין דייטלעך געזען דאָס פערד, וואָס האָט זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ, און דעם רייטער...

— דער טאַטע... — האָט פעטראָ דערשראָקן און פאַרוואונדערט עטלעכע מאָל אַ טופּע געטון אויף דער ערד.

— אין דער היים האָט געמוזט עפּעס פּאַרקומען... — האָט גריגאָרי אַרויסגעזאָגט אַן השערותדיקן געדאַנק.

פּאַנטעליי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פון אַ הונדערט קלאַפטער פאַרהאַלטן דאָס פערד און אָנגעהויבן רייטן פּאַמעלעכער.

— איך וועל צעממיתן, הינטישע זין!... — האָט ער אַ ברום געטון נאָך פון דער ווייטנס און גענומען פאָכען מיטן רעמענטענעם ראַפּניק איבערן קאָפּ.

— וואָס מיינט ער? — איז פעטראָ שוין אינגאַנצן פאַרחידושט געוואָרן, אַריינרוקנדיק ביז אין דער העלפט זיין ווייצקאָליריקע וואָנסע אין מויל.

— באַהאַלט דיך אונטער דער שניט־מאַשין! גאָט מיין איינ־ציקער, ער וועט מיטן ראַפּניק אַ ריס טון, איידער מיר וועלן עפּעס אויפקלערן, וועט ער דערוויילּ צעמיתן... — האָט גריגאָרי לאַכנדיק געזאָגט און אויף יעדן פאַל איבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט אַריין פון דער שניט־מאַשין.

דאָס פאַרשוימטע פערד האָט זיך געטראָגן איבערן אָפּגע־שניטענעם פעלד אין לייכטן, זיך טרייסלענדיקן גאַלאָפּ. פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש האָט געשאָקלט מיט די פיס (ער איז געריטן אָן אַ זאָטל) און געפאָכעט מיטן ראַפּניק.

— וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטון, טייוואָלאָנישע זרע?!

— מיר שניידן... — פּעטראָ האָט צעשפּרייט די הענט און מיט פאַרזיכטיקייט זייטיק געקוקט אויפן ראַפּניק.

— ווער וועמען האָט געשטאָכן מיטן היי־גאָפּל? פאַרוואָס האָט איר זיך געשלאָגן?...

אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פאָטער, האָט גריגאָרי שעפּטשענ־דיק געציילט די וואָלקנס, וואָס זענען געטריבן געוואָרן דורכן ווינט.

— וואָס מיינסטו? מיט וואָסער היי־גאָפּל? ווער האָט זיך געשלאָגן?... — פּעטראָ האָט מרוגענדיק געקוקט אויפן פאָטער פון אונטן אַרויף, איבערטרעטנדיק פון איין פוס אויפן צווייטן.

— וואָס־זשע איז יענע, דער טייוול זאָל זי ויסן, געקומען צו לויפן און יעלהוועט: „די יונגען אייערע האָבן זיך מיט די היי־גאָפּלען צעשטאָכן". האַ? ווי אַזוי איז דאָס געווען?... פאַנטע־לעי פּראָקאָפיעוויטש האָט רוגזהדיק אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און, אַוועקוואַרפנדיק די לייצן, אַראָפּגעשפּרונגען פון פאַרסאַפּעטן פערד. — איך האָב אַ כאַפּ געטון אַ פערד ביי פיעדקאַ סימישקין און זיך אַ לאָז געטון אין גאַלאָפּ. האַ?...

— ווער האָט דאָס געזאָגט?

— אַ באַבע!...

— זי זאָגט ליגנט ווי אַ הונט, טאַטע! זי איז געשלאָפן אויפן וואָגן, די פאַרשאָלטענע, און דאָס האָט זיך איר זיכער גע־חלומט.

— אַ באַבע! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש קוויטשנ־דיק געשריגן, זיך נוקם זייענדיק אין זיין אייגענער באָרד. — דאָס איז די קלימאָווא, די הור! אַך, דו, גאַט מיינער!... האַ? איך וועל זי צעממיתן, די צויג!... — האָט ער געטופּעט, אונטער־הינקענדיק מיטן לינקן לאָמען פוס.

גריגאָרי האָט געקוקט אויף דער ערד אַראָפּ און זיינע אַקסלען האָבן געציטערט פון פאַרשטיקטן לאַכן. פּעטראָ האָט זיך געגלעט דעם פאַרשוויצטן קאָפּ און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון פאָטער.

— פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אָנגעכעסט און שטיל געבליבן. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער שניט־מאַשין, דורכ־געפאָרן און אָפּגעשניטן צוויי בייטן און, שעלטנדיק, זיך אַרויפגע־זעצט אויפן פערד. ער איז אַרויסגעריטן אויפן שליאַך, איבערגע־יאָגט צוויי פורן תבואה און, אויפהייבנדיק אַ שטויב הינטער זיך, אַוועקגאַלאָפּירט אין כוטאָר אַריין. אין דער אַקער־סטעזשקע איז געבליבן זיין פאַרגעסענער דין־געפלאָכטענער ראַפּניק, מיטן שיי־נעם טרעלזועלע. פּעטראָ האָט אים געדרייט אין דער האַנט, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט צו גרישען:

— מיר וואָלטן שוין איינמאָל געווען אַריינגעכאַפּט. דאָס איז דען אַ ראַפּניק? מיט דעם, ברודער, קאָן מען דאָך פאַר אַ קאַליקע מאַכן, — דעם קאָפּ אָפּהאַקן!

XVIII

די קאָרשונאָווס האָבן געשמט פאַר די גרעסטע גבירים אין טאָטערישן כוטאָר. פערצן פאַר אָקסן, אַ מחנה פערד, ראַסאָווע קאָבילעס פון די פּראָוואַלסקער שטאַלן, אַנדערהאַלבן צענדליג בהמות, אַ מענגע קעלבער, עטלעכע הונדערט שעפסן. און אַזוי איז אויך דאָ אויף וואָס צו קוקן: אַ הויז נישט ערגער פון מאַכאָווס, מיט זעקס שטובן, מיט אַ בלעכענעם דאַך, געשאַלעוועט מיט ברע־טער. די הויף־בנינים זענען געדעקט מיט שיינע נייע דאַכעוקעס;

אַ סאָד — פֿון העכער אַנדערהאַלבן דיעסאַטין. וואָס־זשע נאָך דאַרף אַ מענטש?

דעריבער טאַקע איז פֿאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפֿאָרן דאָס ערשטע מאָל שדכנענען דעם שידוך אומדרייסט און מיט באַהאַלטע־נער אומרויִקייט. די קאָרשונאָווס האָבן פֿאַר זייער טאָכטער גע־קאָנט געפֿינען אַ בעסערן חתן, ווי גריגאָרי איז געווען. פֿאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט דאָס געוואוסט, מורא געהאַט פֿאַר אַן אָפּ־זאָג, נישט געוואָלט זיך נייגן פֿאַר דעם קאַפּריזן קאָרשונאָוו; אָבער איליניטשנאַ האָט אים געגעסן, ווי זשאַווער עסט אייזן, און סוף־כל־סוף איינגעביסן דעם אַלטן. פֿאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מסכּים געווען און געפֿאָרן, שעלטנדיק אין זיין האַרץ סיי גרישקען, סיי איליניטשנען, סיי די גאַנצע וועלט.

מען האָט געדאַרפֿט פֿאָרן דאָס צווייטע מאָל נאָכן ענטפֿער: מען האָט געוואַרט אויפֿן זונטיק. דערווייל האָט אונטערן בלעכע־נעם דאַך פֿון קאָרשונאָווס כאַטע זיך צעפֿלאַקערט אַ מחלוקה צווישן די אייגענע. נאָכן אַוועקפֿאָרן פֿון די מחותּנים האָט די כּלה אויף דער מוטערס פֿראַגע געענטפֿערט:

— גרישקאַ איז מיר געפֿעלן, און מיט קיין אַנדערן וועל איך נישט חתונה האָבן!

— זיך געפֿינען אַ חתן, די טפּשה, — האָט דער פֿאָטער אָפּ־געדעדט, — זיין גאַנצע מעלה איז, וואָס ער איז שוואַרץ, ווי אַ ציגיינער. איך וועל פֿאַר דיר, יאַגדעלע מיינס, אַ בעסערן חתן געפֿינען.

— איך וויל נישט, טאַטע, קיין אַנדערן... — נאַטאַליאַ האָט זיך געריייטלט און אירע אויגן זענען פֿול געוואָרן מיט טרערן. — איך וועל אינגאַנצן נישט חתונה האָבן, איר מעגט מיר גאָרנישט שדכנענען. איר מעגט מיך אפֿילו קיין אוסט־מעדוויעצק אין מאָנאַס־טיר אַריין אַוועקפֿירן...

— אַן אויסגעלאַסענער, אַ ווייבערניק, שלעפּט זיך מיט די זעל־נערקעס אַרום, — איז דער פֿאָטער מיטן לעצטן טרומף אַרויסגע־פֿאָרן, — דער גאַנצער כוטאָר רעדט פֿון אים.

— זאָל מען רעדן!

— מילא, אויב דו זאָגסט: זאָל מען רעדן — קאָן איך אויך באַשטיין! ווינציקער מיט אַ זאַק מעל אויפן וואָגן, אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי...

נאַטאַליאַ — די עלטסטע טאָכטער — איז געווען דעם פאָטערס ליבלינג, דערפאַר האָט ער איר נישט געשטערט אין אויסקלויבן. נאָך אין די טעג פון פאַראַיאָריקן תענית זענען אָנגעפאָרן שדכנים פון דער ווייט, פון לעבן טייכל צוצקאַן, אומפאַרגלייכלעך רייכערע, קאָזאַקן אַלטגלויביקע; עס זענען אויך געקומען שדכנים פון לעבן כאָפּער און פון לעבן טשיר, נאָר די חתנים זענען נאַטאַליען נישט געפעלן געוואָרן, און די שדכנים האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטון.

טיף אין האַרץ איז מיראָן גריגאָריעוויטשן גרישקאַ געפעלן געוואָרן פאַר זיין קאָזאַקישער דרייסטקייט, פאַר זיין ליב האָבן די באַלעבאַטישקייט און די אַרבעט. דער אַלטער האָט אים אויסגעטיילט פון דער גאַנצער מחנה בחורים אין דער סטאַניצע נאָך דעמאָלט, ווען גרישקאַ האָט אויף די געיעגן גענומען דעם ערשטן פריז פאַר דזשיגיטירן; אָבער עס האָט אים אויסגעזען ווי אַ באַליידיקונג אויסצוגעבן די טאָכטער פאַר אַ חתן נישט קיין רייכן און דערצו נאָך מיט אַ שלעכטן שם.

— אַ בחור, וואָס האָט ליב צו אַרבעטן, און אַ שייַנקער איז ער אויך... — האָט אים דאָס ווייב אין אויער אַריינגעשעפטשעט, גלעטנדיק זיין האַנט, וואָס איז מיט זומער-שפּרענקעלעך און האַרטע געלע האָר באַדעקט געווען, — און נאַטאַליאַ גייט אויס נאָך אים... ער איז איר אין האַרץ איינגעבאַקן.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום ווייבס קאַלטן האַרץ-ברעט און בייז געבורטשעט:

— טשעפּע דיך אָפּ! מאַך זי חתונה אפילו מיטן משוגענעם פּאַשאַ, וואָס גייט דאָס מיך אָן? דאָס הייסט, אַז גאָט וויל איינעם דעם שכל צונעמען! „און אַ שייַנקער איז ער אויך"... — האָט ער איר נאָכגעשפּעט, — וואָסי, וועסט פון זיין פּרצוף אַ גערעטעניש אַראָפּנעמען?...

— דו ווילסט באַלד אַ גערעטעניש...

— אוודאי, וואָס דאַרפסטו זיין שיינקייט ? וואָלט ער געווען אַ מענטש ווי עס געהער צו זיין. און מיר איז אויך אַ חרפּה, אויב דו ווילסט שוין וויסן, אויסצוגעבן אַ טאָכטער צו די טערקן. זיי וואָלטן כאָטש געווען מענטשן, ווי אַנדערע... — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך געבלאָזן, דרייענדיק זיך אויפן געלעגער.

— אַ משפּחה, וואָס האָט ליב צו אַרבעטן, און אַ גאַנץ פּאַר־מעגלעכע... — האָט דאָס ווייב געשעפּטשעט, זיך צורוקנדיק צום מאַנס קיילעכיקע פּלייצעס און מיט באַרויִקונג זיין האַנט געגלעט.

— אפשר וואָלסטו דיך אָפּגערוקט, טייוול ! ווי דו וואָלסט גאָר קיין אָרט נישט געהאַט ! וואָס גלעטסטו מיך, ווי אַ קעלביקע קו ? און מיט נאַטאַליען מעגסטו דיר טון ווי דו ווילסט. קאָנסט זי חתונה מאַכן אַפילו מיט אַ הונט־שלעגער !...

— מען דאַרף אויך אַן אייגן קינד רחמנות האָבן. רייכקייט — איז גאָרנישט... — האָט לוקיניטשנאַ הייזעריק אַריינגערעדט אין מיראָן גריגאָריעוויטשס מיט האָר פאַרוואַקסענעם אויער.

מיראָן האָט געוואָרפן מיט די פיס, זיך איינגעקלעבט אין דער וואַנט און פּלומרשט געשנאָרכט, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן.

די מחותנים זענען געקומען אומגעריכט. נאָך דער מיטאָג־תּפילה זענען זיי פאַרפאָרן אויף אַ טאַראַנטאַס פאַרן טויער. איליניטש־נאַ האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויפן טרעפּל און שיער נישט איבערגע־קערט דעם טאַראַנטאַס, און פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש איז אַראָפּגע־שפּרונגען ווי אַ יונגער האָן פון געזעס ; כאָטש ער האָט זיך צע־קלאַפּט די פיס, האָט ער זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט און וואוילע־ריש צום הויז אַוועקגעהינקט.

— אָט זענען זיי ! דער טייוול האָט זיי אָנגעטראָגן ! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אַ בורטשע געטון, אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער.

— אוי, טאַטעלעך, כ'האָב אפילו נאָכן קאָרן נישט באַוויזן דאָס וואָכעדיקע קלייד פון מיר אַראָפּצוּוואַרפן ! — האָט די באַלע־באָסטע זיך צעקוואָקעט.

— אַזוי אויך גוט! נישט דיך איז מען דאָך געקומען שדכענען! ביסט זיי אַזוי נייטיק, ווי אַ פליג דעם פערד!...

— אין דער יוגנט אַ נבול־פּהניק, איז ער אויף דער עלטער נאָך ערגער געוואָרן.

— נו, נו, שוויג בעסער!

— אַ קלאָר העמד האָסטו איבערגעטון. ס'איז דאָך אינגאַנצן אויף דער פּלייצע איינגעריכט, דו שעמסט זיך גאָרנישט? ווילדע ברואה וואָס דו ביסט! — האָט דאָס ווייב געזידלט, באַטראַכטנ־דיק מיראָן גריגאָריעוויטשן, בשעת די מחותנים האָבן זיך דער־נענטערט צום הויז.

— נשקשה, זיי וועלן מיך אין דעם אויך דערקענען. איך זאָל אפילו אַ זאַק אָנטון, וועלן זיי אויך באַשטיין.

— אַ געזונט אין אייער הויז אַריין! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַרויסגעקרייעט, זיך שטרויכלענדיק אָן דער שוועל און, זיך פאַרשעמט פאַר זיין הויך קול, האָט ער נאָך אַמאָל קעגן דער איקאָנע זיך איבערגעצמלט.

— וואָס מאַכט איר גוטס, — האָט דער באַלעבאָט באַגריסט, קוקנדיק מיט אַ בייז אויג אויף די מחותנים.

— אַ גוט וועטער האָט גאָט געגעבן.

— עס האַלט זיך, דאַנקען גאָט.

— וועלן מענטשן כאָטש אַ ביסל צו זיך קומען.

— וואָס אמת איז אמת.

— י־אָ־אָ־אָ!

— הם.

— איז זענען מיר, הייסט עס, געקומען, מיראָן גריגאָריע־וויטש, געוואויר ווערן, וואָס איר האָט צווישן זיך אָפּגעטראַכט, און צי מיר וועלן זיך יאָ משדך זיין, אָדער נישט...

— קומט אַריין, קומט אַריין, ביטע, זעצט אייך, — האָט די באַלעבאָסטע איינגעלאַדן, זיך נייגנדיק און פאַרקערנדיק מיטן ברעג פון איר לאַנג געפאַלדעט קלייד דעם דיל, וואָס איז אָנגעריבן גע־ווען מיט רויטן ציגל.

— באַאומרויִקט אייך נישט, באַאומרויִקט אייך נישט.

אילינישנאַ האָט זיך געזעצט, שאָרכנדיק מיטן פּאָפּעלין פון איר פאַרהויבן קלייד. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אָנגע־שפּאַרט מיטן עלנבויגן אָן טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ נייער צעראַטע, און געשוויגן. פון דער צעראַטע האָט זיך גע־טראָגן אַ שלעכטער ריח פון פייכטער גומע מיט נאָך עפּעס; ערנסט האָבן געקוקט די פאַרשטאָרבענע קיסריים און קייסערינעס פון די ווינקלען פון שלאַק, און אינמיטן האָט זיך געזען די אַלער־העכסטע טעכטער פון דער קייסערלעכער משפּחה אין ווייסע היטן און דער פון פליגן באַפינטלטער קייסער ניקאָליי אַלעקסאַנדראָוויטש.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— מילא... מיר האָבן באַשלאָסן די טאָכטער אויסצוגעבן, מיר וועלן זיך משדך זיין, אויב מיר וועלן דורכקומען...

דאָ האָט אילינישנאַ פון ערגעץ באַהאַלטענע טיפענישן פון איר לוסטרינענעם קאַפטן מיט די בופן אויף די אַרבל — ערגעץ פון הינטערן רוקן אַפער, אַרויסגעשלעפּט אַ הויך ווייס ברייטל און עס אַ וואָרף געטון אויפן טיש.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געוואָלט צוליב עפּעס זיך איבערצלמען, נאָר זיינע פאַרגרעבטע קלאַמערהאַפטע פינגער, וואָס האָבן שוין אָנגענומען די געהעריקע פּאָזע און דורכגעמאַכט דעם האַלבן וועג, האָבן פּלוצלינג געענדערט זייער פאָרם: דער גראָ־בער שוואַרץ־באַנאָגלטער פינגער האָט קעגן ווילן פון זיין באַלע־באָס אומגעריכט זיך דורכגעשטופּט צווישן וויַיז־פינגער און מיטל־פינגער, און דאָסדאָזיקע אומפאַרשעמטע בינטל פינגער האָט גנביש זיך אַ גליטש אַריין געגעבן אין דער בוזעם־קעשענע פון דעם צעעפנטן בלויען טשעקמען און פון דאָרט ביים העלדזל אַרויסגע־שלעפּט אַ פלאַש מיט אַ רויט קעפל.

— לאָמיר אַצינד, טייערע מחותּנים מיינע, אָפּזאָגן אַ תּפילה צו גאָט, אויסטרינקען און זיך דורכשמועסן וועגן אונזעריע קינדער־לעך און וועגן דעם, וואָס מיר גיבן זיי נדן...

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ געריטער געמרוגעט

מיט די אויגן, געקוקט אויפן מחותנס פּנים, דעם באַזייעטן מיט האָריקע קעמפּעלעך, און מיט זיין ברייטער האַנט, די גרייס פון אַ פערדישער קאָפּיטע, ליבלעך געקלאַפּט איבער דער דנאָ פון פלעשל.

אין אַ שעה אַרום זענען די מחותנים געזעסן אַזוי ענג צווישן זיך, אַז די פעטיקע רינגען פון מעליעכאָווס באָרד האָבן זיך אָנגע־רירט אָן די גלייכע געלע האָר־פּאַסמעס פון קאָרשונאָווס באָרד. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געאָטעמט מיט אַ זיסלעכן ריח פון זויערע אוגערקעס און אייגעטענהט:

— טייערער מחותן מיינער, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הודזשענדיק געשעפּטשעריי, — טייערער מחותן! — האָט ער באַלד געהעכערט דאָס קול ביז שרייען, — מחותן! — האָט ער אַ ברום געטון, אויפדעקנדיק זיינע שוואַרצע טעמפּע רייס־ציין. — דער אויסשטייער, וועלכן איר ווינטשט זיך, איז שוין גאָרנישט פאַר מיינע כּוחות! דו גיב נאָר אַ טראַכט, טייערער מחותן, גיב נאָר אַ טראַכט, ווי שטאַרק דו ווילסט מיך באַעוולהן: געטרעס מיט קאַלאָשן — איינס, אַ דאָנסקע שובע — צוויי, צוויי וואָלענע קליידער — דריי, אַ זיידן טיכל — פיר דאָס הייסט דאָך — רו־אי־נירן מיך!...

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט ברייט אַ צעפיר געטון די הענט, די נענט אויף דער פּלייצע פון זיין לייב־קאָזאַקישן מונדיר האָבן געקנאַקט און געלאָזט אויפגיין וואָלקנדלעך־שטויב איבער אים. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט אויף דער צעראַטע, וואָס איז פאַרגאָסן געווען מיט בראָנפן און אוגערקעס־זאַפט. ער האָט איבערגעלייענט אין דער הייך דעם גע־צאַצקעטן אויפשריפט: „די זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד". ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן נידעריקער: „זיין קייסערלעכע האָהייט, אימפּעראַטאָר ניקאָליי..." — ווייטער אַ ביסל איז געלעגן אַ שאָל פון אַ קאַרטאָפל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער צייכענונג: דעם קייסערס פּנים זעט מען נישט, עס שטייט דערויף אַ ליידיקע פלאַש פון בראָנפן. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פרום געמרוגעט מיט די אויגן און זיך באַמיט צו באַטראַכטן די פאָרם פון רייכן מונדיר

מיטן פּאַסיק, נאָר דער מונדיר איז געדיכט באַדעקט געווען מיט גלאַנציקע קערעלעך פון אוגערקעס. צווישן די איינאַרטיקע פּנימער פון די טעכטער האָט זיך געזען דאָס זעלבסטצופרידענע פּנים פון דער קייסערטע אין אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן. מיראָן גריגאָריע-וויטש האָט זיך דערפילט באַליידיקט ביז טרערן. ער האָט אַ טראַכט געטון: „אַצינד קוקסטו שטאָלץ, ווי אַ גאַנז פון אַ קיישל אַרויס, וואַרט צו אָבער, ס'וועט דיר אויסקומען אַ טאָכטער אויסצו-געבן — וועל איך דעמאָלט זען... ווי אַזוי דו וועסט טאַנצן!"

ביי זיין אויער האָט ווי אַ גרויסע שוואַרצע פעלד-בין גע-הודזשעט פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש.

קאָרשונאָוו האָט אויפגעהויבן זיינע מאַט-פאַרנעפּלטע אויגן אויף אים און זיך צוגעהערט.

— כדי מיר זאָלן מאַכן פאַר דיין טאָכטער, און אַצינד שוין אויך פאַר מיינער... פאַר דיין און מיין טאָכטערס וועגן אַזאַ אויס-שטייער... — געטערעס מיט קאַלאָשן און אַ דאַנסקע שובע... וועלן מיר דאַרפן אַלע בהמות פון הויף אויפן מאַרק אַרויספירן און פאַרקויפן.

— ס'איז דיר אַ שאָד?... — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט מיט דער פויסט אַ זעץ געטון.

— נישט — ס'איז מיר אַ שאָד...

— ס'איז דיר אַ שאָד?!

— וואַרט-צו, מחותן...

— איז אויב ס'איז דיר אַ שאָד!...

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אַ פיר געטון די שווייסיקע האַנט מיט צעשפּרייטע פינגער איבערן טיש און אַראָפּגעשאַרט די גלעז-לעך אויפן דיל.

— אָבער דיין טאָכטער וועט דאָך מוזן אויפסניי זיך אַרויס-אַרבעטן!

— זאָל זי! און אַן אויסשטייער מוזסטו געבן, אַנישט זענען מיר נישט קיין מחותנים!...

— אַזוי פיל בהמות פאַרקויפן... — פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש

האָט געדרייט מיטן קאָפּ. דאָס אויערינגל אין זיין אויער האָט גע־ציטערט און מאַט צוגעבלישטשעט.

— אַן אויסשטייער מוז זיין!... מעג זי האָבן אַ פולן קופערט מיט אייגענע מלבושים... אויב זי איז דיר געפעלן געוואָרן — מוזסטו מיך שוינען!... אַזאַ מנהג איז שוין ביי אונז קאָזאַקן. דער זיידע, דער טאַטע האָט זיך אַזוי געפירט, און מיר דאַרפן זיי נאָכטון...

— איך וועל שוינען!...

— זאָלסטו טאַקע שוינען.

— איך וועל שוינען!...

— און וואָס שייך אַרויפּאַרבעטן — טאָ זאָלן זיי זיך טאַקע אַרויפאַרבעטן, דאָס יונגע פּאָר. אויך מיר האָבן זיך אַרויפגעאַר־בעט און לעבן נישט ערגער פון אַנדערע!...

די מחותנים האָבן פאַרפלאָכטן זייערע בערד אין אַ פאַרשידן־פאַרביק געפלעכט. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרביסן דעם קוש מיט אַ ווייכער אויסגערונענער אוגערקע און זיך צעווײנט פון די פאַרשידענע געפילן, וואָס האָבן זיך אין אים צונויפגעגאָסן.

די מחותנתטעס זענען געזעסן אַרומגענומען אויפן קופערט און פאַרטייבט איינע די אַנדערע מיטן גערויש פון זייער פלוידע־ריי. איליניטשנאַ איז געווען רויט־פאַרפלאַמט, איר מחותנתטע — גרין פון בראָנפן, ווי אַ געפרוירענע ווינטער־באַרנע.

— אַזאַ קינד איז דאָך אויף דער וועלט נישט צו געפינען! עס מאַכט זיך — אַן אַנדערע איז געהאָרכזאַם, ציכטיק, און די — וועט קיין איבעריקן טריט נישט מאַכן, מיט קיין וואָרט, ליבינקע מחותנתטע, נישט אַקעגנרעדן.

— אי־י־י, טייערינקע מיינע, — האָט איר איליניטשנאַ איבערגעשלאָגן, זיך אונטערשפּאַרנדיק מיט דער לינקער האַנט די באַק און מיט דער רעכטער אונטערהאַלטנדיק דעם עלנבויגן פון דער לינקער, — וויפיל מאָל האָב איך אים שוין געזאָגט, דעם צויגן־זון! פאַראַכטאָגן זונטיק אויף דער נאַכט קלויבט ער זיך ווידער צו גיין, שיט טיטון אין בייטל אַריין, און איך זאָג אים: „ווען

וועסטו זי שוין אַמאָל אַוועקוואַרפן, אויסוואורף פאַרשאָלטענער ? ביז ווי לאַנג וועסטו מיר אויף די אַלטע יאָרן חרפּות אָנטון ? ער וועט דאָך דיר אַמאָל, סטעפּאַן, דעם קאָפּ פון קאַרק אַראָפּ־דרייען !...״

מיטקאַ האָט אַריינגעקוקט אין שטוב דורך דער אייבערשטער שפּאַלט פון דער קיך־טיר, אונטן האָבן זיך געשושקעט נאַטאַליעס צוויי יינגערע שוועסטערלעך.

נאַטאַליאַ אַליין איז געזעסן אין ווייטן ווינקל פון צימער אויפן טאַפּטשאַן, זיך געווישט די טרערן מיטן שמאָלן אַרבל פון איר קאַפּטנדל. עס האָט זי גֿעשראָקן דאָס נייע לעבן, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל, געפּייניקט דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס דערנענטערט זיך.

אין שטוב האָט מען פאַרענדיקט דאָס דריטע פלעשל בראָנפן ; די חתונה האָט מען באַשטימט אויפן ערשטן קריסטוס־יום־טוב.

XIX

אין הויז פון די קאָרשונאָווס האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. איילן האָט מען פאַרענדיקט דאָס נייען פון דער פּלהס וועש פאַרן אויסשטייער. נאַטאַליאַ איז גאַנצע אָוונטן אָפּגעזעסן ביים מאַכן די טראַדיציאָנעלע באַנד פון טונקעלע ציגן־האָר און פוטער־נע הענטשקעס פאַרן חתן.

די מאַמע אירע, לוקיניטשנאַ, איז ביז אין די נעכט אַריין אָפּגעזעסן אַ געבוויגענע איבער דער ניי־מאַשין — זי האָט צוגע־האָלפן דער שניידערין, וואָס מען האָט געבראַנגט פון דער סטאַניצע.

מיטקאַ פלעגט קומען מיטן פאָטער און די אַרבעטער פון פעלד און, נישט אָפּוואַשנדיק זיך און נישט אַראָפּוואַרפנדיק די שווערע אַרבעטס־שטיוול פון די אָפּגעריבענע פיס, אַריינגיין זיך אַוועקזעצן ביי נאַטאַליען אין שטוב. פאַר אים איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן אַריינצוברענגען די שוועסטער אין צערודערונג.

— מאַכסט! — האָט ער קורץ געפרעגט און אַ מרוגע געטון אויף די פּוכיקע פּרענזלעך פון דער באַנד.

— איך מאַך, און וואָס גייט עס דיך אָן?

— מאַך־מאַך, בהמה, ער וועט דיר דערפאַר די מאָרדע צעפּליאַסקען.

— פאַרוואָס?

— פאַר אַ גוט מאָרגן, — איך קען גרישען, מיר זענען חברים. ער איז ווי אַ בייזער הונט — ער וועט בייסן און אפילו קיין ביל נישט טון.

— פלוידער בעסער נישט! גלייך איך וואָלט אים נישט געקענט.

— איך קען אים בעסער. מיר זענען צוזאַמען אין שול אַריין געגאַנגען.

מיטקאַ האָט כלומרשט שווער געזיפצט, קוקנדיק אויף זיינע הענט, וואָס זענען צעראַצט געווען פון היי־גאָפּל, און נידעריק געבויגן זיין ברייטע פּלייצע.

— ער וועט פון דיר אַ טל מאַכן, נאַטאַשאַ! פאַרזיך בעסער. וואָס האָסטו אין אים אַזוינס דערזען? נו? אַ פּרצוף — אַז די פערד שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס, ווען זיי דערזען אים, און אַ ביסל אַ שוטה אויך... דו קוק דיך צו צו אים: אַ מיאוסער בחור!...

נאַטאַליאַ האָט זיך געבייזערט, געשלונגען די טרערן, אַראָפּגעלאָזט דאָס לאַנגע פּנים איבער דער באַנד.

— און דער עיקר — ער איז דאָך אַ שווינדזוכטיקער... — האָט מיטקאַ אומרחמנותדיק זיך געררייצט. — וואָס־זשע שרייסטו? בהמה דו, נאַטאַשקאַ. זאָג אים אָפּ! איך זאָטל שוין אָן ס׳פערד און רייט אַהין אים זאָגן: טשעפּע דיך אָפּ און וואַרף דיך מיר נישט אָן...

נאַטאַליען איז צו הילף געקומען דער זיידע גרישאַקאַ: ער פלעגט אַריינקומען אין שטוב, טאַפּנדיק מיטן סענקאַטן שטעקן די פעסטקייט פון באָדן און זיך גלעטנדיק זיין געל־פלאַקסענע פאַרפלאָנטערטע באָרד; שטאָלפּערנדיק מיטקען מיטן שטעקן, האָט ער געפרעגט:

— דו אויסוואורף — נאָכוואָס ביסטו געקומען, הא?

— סתם אַזוי, אַ ביסל שמועסן, זיידעשי, — האָט מיטקאָ זיך פאַרענטפערט.

— שמועסן? און איך הייס דיך, אויסוואורף, זיך שוין פונ־דאַנען אַרויסטראָגן. מאַרש!

דער זיידע האָט געפּאָכעט מיטן שטעקן און זיך אָנגערוקט אויף מיטקען, נישט זיכער טרעטנדיק מיט זיינע דאַרע פיס, ווי שטעקנס.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט געטרעטן אויף דער ערד ניין און זעכציק יאָר. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער טערקישער קאַמ־פּאַניע אין יאָר *1877*, געווען אָרדינאַנס ביים גענעראַל גורקאָ, זיך פאַרזינדיקט און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פּולק אַריין. פאַר זיין אויסצייכענען זיך אין די קאַמפן הינטער פּלעוונע און ראָשיט האָט ער באַקומען צוויי געאָרגי־קרייצן און אַ מעדאַל. ער איז געווען אין איין עלטער מיט פּראָקאָפּי מעליעכאָוו, פאַרבּרענגט די לעצטע יאָרן ביים זון און, געניסנדיק פון דער אַלגעמיינער אַכטונג אין כוטאָר פאַר זיין קלאָרן שכל ביז אין דער טיפער עלטער, פאַר זיין אויסגעהאַלטענער ערלעכקייט און גאַסטפריינטלעכקייט, האָט ער די קורצע רעשטלעך פון זיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר זכרונות.

זומער פלעגט ער זיצן פון באַגינען ביז זון־אונטערגאַנג אויף דער פריזבע, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צייכענען מיטן שטעקן אין זאַמד און טראַכטן מיט נישט קלאָרע בילדער און אָפּגעריסענע גע־דאַנקען, וואָס זענען געפלאָסן אין נעפּל פון פאַרגעסנהייט, ווי מאַטע אָפּשפּיגלונגען פון זיין זכרון...

פון געפּלאַצטן דאַשיק פון זיין אָפּגעבליאַקעוועט קאָזאַקיש היטל איז געפאַלן אַ שוואַרצער שאָטן אויף די שוואַרצע וויִעס פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן; פון דעם שאָטן האָבן די קנייטשן אין זיינע באַקן אויסגעזען טיפער און די גרויע באָרד האָט באַקומען אַ בלויע שאַ־טירונג. דורך די פינגער, צונויפגעקרייצטע איבערן שטעקן, דורך די געלענקען פון די הענט, דורך די בולטע שוואַרצע אָדערן איז

שלעפעריק געפלאָסן זיין בלוט, אַזוי שוואַרץ, ווי די ערד אין אַ הייל.
פון יאָר צו יאָר איז דאָס בלוט אַלץ קילער געוואָרן. דער זיי־דע גרישאַקאַ האָט זיך געקלאָגט פאַר נאַטאַליען — זיין געליבט אייניקל.
— די זאָקן זענען וואָלענע, און זיי וואַרימען נישט מיינע פיס. מאַך מיר, קינד, גרעבערע.
— וואָס רעדסטו, זיידעשי, ס'איז דאָך זומער אַצינד! — האָט נאַטאַליאַ לאַכנדיק זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּריזבע און גע־קוקט אויפן זיידנס גרויסע געל־גערינצלטע אויער.
— וואָס האָב איך דערפון, קינד מיינס, וואָס ס'איז זומער, אַז דאָס בלוט מיינס איז קאַלט, ווי די ערד אין דער טיפעניש.
נאַטאַליאַ האָט געקוקט אויף דער נעץ פון אָדערן אויפן זיידנס האַנט און זיך דערמאַנט: מען האָט געגראָבן אַ ברונעם אין הויף, און זי — דעמאָלט נאָך אַ קליין מיידעלע — האָט פון פייכטן ליים זיך געמאַכט שווערע ליאַלקעס און קי מיט קרישלענדיקע הערנער. זי האָט לעבעדיק אויפגעשטעלט אין זכרון די עמפינדונג, וואָס אירע הענט האָבן געהאַט ביים צורירן זיך צו דער טויטער, קאַלטער ערד, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער פינף־קלאַפטערדיקער טיפעניש, און שוין מיט שרעק געקוקט אויפן זיידנס הענט, באַדעקטע מיט זקנישע זומער־שפּרענקעלעך פון ליים־קאָליר.
איר האָט זיך געדאַכט, אַז דורכן זיידנס הענט פליסט נישט קיין פריילעך רויט בלוט, נאָר בלוילעך־גרויע ליימיקע ערד.
— האָסט מורא צו שטאַרבן, זיידעשי?.— האָט זי געפרעגט.
דער זיידע גרישאַקאַ האָט געדרייט מיטן דינעם, גערינצלטן און אָדערדיקן האַלז, ווי ער וואָלט אים אַרויסגעצויגן פון שטייפן קאָלנער פון זיין אָפּגעטראָגענעם מונדיר, און באַוועגט מיט די גרינלעך־גרויע וואָנסעס.
— איך וואַרט אויפן טויט, ווי אויף אַ טייערן גאַסט. צייט שוין... אי געלעבט, אי די צאַרן געדינט, אי גענוג בראָנפן אין מיין לעבן געטרונקען, — האָט ער צוגעגעבן, שמייכלענדיק מיט

זיין ווייס ציינער מויל און ציטערנדיק מיט די קנייטשלעך אַרום זיינע אויגן.

נאַטאַליאַ האָט געגלעט דעם זיידנס העמד און אַוועקגעגאַנגען, און ער איז נאָך אַלץ אַזוי אַ געהויקערטער געזעסן אויף דער פריזבע אין גרויען, אויף אַ סך ערטער פאַרצירעוועטן, מונדיר און געמאַכט ראַצן מיטן שטעקן איבער דער ערד; און יונג און עזותדיק האָבן געלאַכט די רויטע פרייַלעכע שלייפן פון זיין שטייענדיקן שטייפן קאָלנער.

די ידיעה וועגן נאַטאַליעס שידוך האָט ער אויפגענומען פֿאַרמרשט רויק, אָבער אינערלעך געליטן און געהאַט תרעומות: נאַטאַליאַ האָט תמיד ביים טיש אים אונטערגערוקט דעם בעסטן ביסן, נאַטאַליאַ האָט אים געוואַשן די וועש, געניית פאַר אים, געשטריקט זאָקן און פאַרראַכטן די הויזן מיט די העמדער, — דערפאַר האָט דער זיידע גרישאַקאַ אַ צוויי, דריי טעג געקוקט שטרענג און אָנגעברוגזט אויף איר, ווען ער איז געוואָויר געוואָרן.

— די מעליעכאָווס — זענען אויסגעצייכנטע קאָזאַקן. איך האָב געדינט אין איין פולק מיטן פאַרשטאָרבענעם פראָקאָפי. דאָס איז געווען אַ כוואַט אַ קאָזאַק. אָבער די אייניקלעך אַוואָסערע זענען? האַ?

— אויף נשקשה, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש געענטפערט אַבי יוצא צו זיין.

— גרישקאַ איז נישט קיין העפלעכער, אַן אויסגעלאַסענער. אַנומלט גיי איך פון צערקווע, באַגעגנט ער מיך און באַגריסט זיך אַפילו נישט. פאַר קיין אַלטע האָט מען גאָר היינט קיין דרך־ארץ נישט...

— ער איז אַ וואוילער בחור, — האָט לוקיניטשנאַ זיך אָנגענומען פאַרן קינפטיקן איידעם.

— האַ? אַ וואוילער זאָגסטו? מילא, הלוואי, אַבי ער איז נאַטאַשקען געפעלן געוואָרן...

אין אָפשמועסן האָט גרישאַקאַ כמעט זיך נישט באַטייליקט. ער איז אויף אַ מינוט אַרויסגעקראָכן פון זיין חדרל, געזעסן אַ

ווײַלע בײַם טיש, קוים דורכגעזיגן אַ גלעזל בראָנפן דורכן פאַר־שנורעוועטן האַלז און, זיך דערוואַרימט, פילנדיק, אַז ער הייבט אָן שיכור ווערן, אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט צוויי טעג שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו דער אויפ־געגרעגט־גליקלעכער נאַטאַליען, געקייעט די ליפּן, באַוועגט מיט די גרעבלעכע ווייסע וואָנסעס, וואָס האָבן געהאַט אַ גרינלעכן אָפּ־גלאַנץ; דערנאָך, משמעות, ווייכער געוואָרן.

— נאַטאַשקאַ! — האָט ער איינמאָל אַ רוף געטון.

נאַטאַליאַ איז צוגעגאַנגען.

— נו וואָס, אייניקל, ביסט צופרידן, האַ?

— איך ווייס אַליין נישט, זיידעשי, — האָט נאַטאַליאַ מודה געווען.

— נו־נו... נו־נו... מען ווייסט שוין... נו, גאָט איז מיט דיר. זאָל גאָט געבן, — און מיט פאַרדרוס און תרעומות פאַרגעוואָרפן: — נישט געוואָלט צוואַרטן, אויסגעלאָסענע דו, ביז איך וועל שטאַרבן, און דעמאָלט חתונה האָבן... אָן דיר וועל איך דאָ אַ ביטער לעבן האָבן.

מיטקאַ, וואָס האָט אונטערגעהערט זייער שמועס אין קיך, האָט געזאָגט:

— דו, זיידע, קאָנסט נאָך הונדערט יאָר לעבן, און זי זאָל אַזוי וואַרטן? ביסט גאָר אַ חכם.

דער זיידע גרישאַקאַ איז אַזוי רויט געוואָרן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אַן אַפּאָפּלעקסיע קריגן. ער האָט גענומען טופּען מיט די פיס און קלאַפּן מיטן שטעקן.

— שווייג, שווייג, אויסוואורף דו, הונטישער זון!... אַרויס!... אַרויס!... אַך דו, שד איינער!... האָסט אונטערגעהערט, פאַר־זעעניש!...

מיטקאַ איז לאַכנדיק אַרויס אין הויף אַריין און דער זיידע גרישאַקאַ האָט לאַנג זיך אויפגערעגט, געזידלט מיטקען, און זיינע פיס, אָנגעטועגע אין וואָלענע קורצע זאָקן, האָבן געציטערט אין די קניִען.

נאַטאַליעס ביידע ייִנגערע שוועסטערלעך — מאַרישקאַ — אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, און גריפּקאַ — אַן אַכט־יעריקע פּיפּיקע שטיפערקע — האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן טאָג פון דער חתונה.

אַן איינגעהאַלטענע פרייד האָבן אויך אַרויסגעוויזן די אַרבעטער, וואָס האָבן כסדר געוואוינט ביי די קאָרשונאָווס. זיי האָבן זיך געריכט אויף אַ רייכער מתנה פון באַלעבאָס און געהאָפט אויף עטלעכע פרייע טעג אין דער צייט פון דער חתונה. איינער פון זיי, אַ הויכער — ווי אַ ברונעם־בושעל — אַ באָגוטשאַראָווער אוקראַיִנער מיטן אויסטערלישן פאַמיליענאָמען געט־באַבאַ, פלעגט איינמאָל אין אַ האַלב יאָר זיך אָנשיכורן. ער האָט דעמאָלט פאַרטרונקען זיין גאַנץ פאַרדינסט צוזאַמען מיט אַלעם, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך. אים האָט שוין לאַנג געמאַטערט דאָס באַקאַנטע געפיל פון נאָגנדיקער פוסטקייט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן, אָפּלייגנדיק דאָס טרינקען ביז צו דער חתונה.

דער צווייטער, אַ קרענקלעכער און טונקלהויטיקער קאָזאַק פון דער מיגולינער סטאַניצע, מיטן נאָמען מיכעי, האָט געדינט ביי די קאָרשונאָווס ערשט אַ קורצע צייט; רויִנירט דורך אַ שרפה, האָט ער זיך געשטעלט אַלס אַרבעטער, זיך באַפריינדעט מיט געטקען (אַזוי האָט מען פאַרצויגן גערופן געט־באַבען) און אויך פון־צייט־צו־צייט אָנגעהויבן שיכורן. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון פערד; שיכורערהייט האָט ער געוויינט. צעשמירנדיק די טרערן איבער זיין שאַרף אָן־ברעמיק פנים, און צוגעשטאַנען צו מיראָן גריגאָריעוויטשן:

— באַלעבאָס! ליבינקער דו מיינער! וועסט חתונה מאַכן די טאָכטער — לאָז מיכעיקען די פערד אָנטרייבן. איך וועל אַזוי פאָרן, אַז אַלע וועלן גאַפן! איבער פייער אַריבער — און די פערד קיין הערעלע נישט פאַרברענען. איך אַליין האָב געהאַט פערד... עך!...

תמיד אַ מרה־שחורהדיקער און מרוקעוואַטער האָט געטקע

צוליב עפּעס זיך צוגעבונדן צו מיכעין און שטענדיק מיטן זעלבן שפּאַס אַריינגעבּרענגט אים אין צאָרן:

— הער נאָר, מיכעי! פון וועלכער סטאַניצע שטאַמסטו? — האָט ער געפרעגט, זיך רייבּנדיק די לאַנגע הענט, וואָס האָבּן דערגרייכט בּיז איבּער זיינע קניען, און אַליין מיט אַ געענדערט קול זיך געענטפערט:

— „פון מיגולעווער". — פאַרוואָס-זשע בּיסטו אַזאַ דזשאַדע-וואַטער? — „די גאַנצע זרע אונזערע איז שוין אַזעלכע".

ער האָט אומפאַרענדערט און הייזעריק געלאַכט פון דעם שפּאַס, וואָס ער האָט כּסדר איבּערגעחזרט, זיך הילכיק מיט די הענט געקלאַפּט איבּער די לאַנגע, דאַרע לידקעס, און מיכעי האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף געטקעס ראַזירט פּנים, אויף זיין האַלז-קנאָפּ, וואָס האָט זיך בּאַוועגט אַראָפּ און אַרויף, און אים אָנגערופן מיט די נעמען „סאָווע" און „געשוויר".

די חתונה האָט מען בּאַשטימט אויף קאַרנאַוואַל. ס'איז גע-בּליבּן דריי וואָכן. אין יום-טוב פון דער הייליקער מאַריע איז גרי-גאָרי געקומען אויף אַ בּאַזוך צו דער כּלה. ער איז געזעסן אין שטוב בּיים קיילעכיקן טיש, געקנאַקט בּאַניקערן און ניס מיט די מיידלעך — דער כּלהס חברהטעס — און אַוועקגעפאָרן. נאַטאַליאַ האָט אים בּאַגלייט. אונטער דער שאָפּע, וואו גרישקעס פערד מיט אַ ניי, שיין זאָטל האָט געגעסן פון זשלויבּ, האָט זי אַריינגעשטעקט די האַנט אין בּוזעם און, רויט ווערנדיק און קוקנדיק אויף גרי-גאָריען מיט פאַרליבּטע אויגן, אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַ ווייך טוכן פּעקעלע, וואָס האָט נאָך געאָטעמט מיט דער וואַרימ-קייט פון אירע מיידלישע בּריסטן. גריגאָרי האָט צוגענומען די מתּנה, אַ בּלענדט געטון מיט דער ווייסקייט פון זיינע וועלפּישע ציין און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?

— וועסט שוין זען... אַ טיטון-בּייטעלע דיר אויסגעהאָפטן.

גריגאָרי האָט נישט דרייסט זי צוגעצויגן צו זיך, געוואָלט איר אַ קוש טון, נאָר זי האָט מיט קראַפט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די

הענט אָן זיין ברוסט, פלינק זיך אויסגעבויגן צוריק און מיט שרעק א קוק געטון אויף די פענסטער.

— מען וועט זען!

— זאָל מען!

— איך שעם מיך...

— דאָס איז נאָר אינאָנהייב, — האָט גריגאָרי דערקלערט.

זי האָט געהאַלטן די לייצן, גריגאָרי האָט זשמורענדיק מיט די אויגן, אָנגעכאַפּט מיטן פוס דאָס רייט־טרעפּל. ער האָט זיך באַקוועם אַריינגעזעצט אין זאָטל און גענומען רייטן איבערן הויף. נאַטאַליאַ האָט אים געעפנט דאָס טויער, אים נאָכגעקוקט פון אונ־טער דער האַנט אַפּער: גריגאָרי איז געזעסן אויפן קאַלמיקישן שטייגער, אַ ביסל אָנגעבויגן לינקס, וואוילעריש פאָכענדיק מיטן בייטשל.

„עלף טעג זענען געבליבן”, — האָט נאַטאַליאַ אין געדאַנק איבערגערעכנט, אַ זיפץ געטון און זיך צעלאַכט.

XX

דער שאַרף־בלעטערדיקער גרינער ווייץ גייט־אויף און וואַקסט; אין אַנדערהאַלבן חדשים אַרום באַהאַלט זיך אַ שפּערל מיטן קאָפּ אין אים און מען זעט אים נישט אַרויס; דער ווייץ זייגט די זאַפטן פון דער ערד, פאַרוויקלט זיך אין זאַנגען און קוועלט אָן מיט זיסער שמעקענדיקער מילך אין די קערנער; דערנאָך הייבט ער אָן בליִען און די זאַנגען באַדעקן זיך מיט אַ גאָל־דיקן שטויב. גייט אַרויס דער באַלעבאָס אין סטעפּ אַריין — קוקט, און קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן. פּלוצלינג רייסט זיך פון ערגעץ אַריין אַ סדאַטע בהמות אין דער תבואה: צעטרעטן און דריקן אַריין די שווערע זאַנגען אין דער ערד. לאָזן איבער נאָך זיך שטיקער צעטרעטן פעלד, אַז ס׳איז שווער און פיינטלעך אַ קוק צו טון.

אַזוי איז אויך געשען מיט אַקסיניען: אויף איר געפיל,

וואָס איז אין גאָלדיקער בליִונג צייטיק געוואָרן, האָט גרישקאַ אַרויפגעטרעטן מיט זיין שווערן שטיוול. צעטרעטן, פאַראומווירדיקט — און גאָרנישט מער.

וויסט און פוסט, ווי אין אַ פאַרגעסענעם, מיט ווילדע גראָזן פאַרוואַקסענעם שייער, איז אַקסיניען געוואָרן אויף דער נשמה, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון די ביר־רויזן אין מעליעכאָווס גאָרטן.

זי איז געגאַנגען און געקייעט די שפיצן פון איר טיכל, און איר האַלז איז פול געוועזן מיט געשריי. זי איז אַריינגעקומען אין הויז, אַ פאַל געטון אויפן דיל, זיך געגומען שטיקן פון טרערן, פון פיין, פון שוואַרצער פוסטקייט, אין וועלכער איר קאָפּ איז פאַרזונקען... און דערנאָך איז עס אַריבערגעגאַנגען. ערגעץ אין די טיפענישן פון האַרץ האָט גענאָגט און געדריקט עפעס שאַרפס.

עס שטייט דאָך אויף אויף די תבואה, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן דורך די בהמות. אונטער דער ווירקונג פון טוי, פון זון שטייט אויף דאָס שטענגל, וואָס איז אַריינגעדריקט געוואָרן אין דער ערד; לכתחילה בייגט עס זיך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך איבערגעריסן פון אַ שווערער משא, דערנאָך גלייכט עס זיך אויס, הייבט אויף דעם קאָפּ, און ווידער לייכט דער טאָג און עס מירמלט דער ווינט...

אין די נעכט, צערטלענדיק איר מאַן מיט ווילדער ליידנשאַפט, האָט אַקסיניאַ געטראַכט וועגן אַ צווייטן און עס האָבן זיך געפלאָכטן אין איר נשמה פאַראַכטונג מיט גרויסער ליבע. זי איז אין געדאַנק גרייט געווען אויף נייער שאַנד, אויף דער פריערדיקער חרפה: זי האָט באַשלאָסן צוצונעמען גרישקען ביי דער גליקלעכער נאַטאַליאַ קאָרשונאָוואַ, וואָס האָט נאָך נישט געוואוסט פון קיין פריידן און ליידן אין דער ליבע. זי האָט אין די נעכט איבערגעטראַכט טויזנטער געדאַנקען, מרוגענדיק מיט די טרוקענע אויגן אין דער פינסטערניש. אויף איר האַנד איז שווער געלעגן סטעפּאַנס שלאָפנדיקער קאָפּ, מיט דער שיינער געקרייזלטער און לאַנגער טשופרינע, פאַרקעמט אין אַ זייט. ער האָט געאָטעמט

מיט אַ האַלב־געעפנט מויל, זיין שוואַרצע האַנט, אַ פאַרגעסענע אויפן ווייבס ברוסט, האָט באַוועגט מיט די אייזערנע פינגער, צע־ראַצט פון דער אַרבעט. אַקסיניאַ האָט געטראַכט, זיך מיישב גע־ווען און בלויז איין זאַך פעסט באַשלאָסן: צוצונעמען גרישקען ביי אַלע, פאַרכליניען אים מיט ליבע און הערשן איבער אים, ווי פריער.

און אין די טיפענישן פון האַרץ האָט דאָס שאַרפע, ענלעכע צו אַן איבערגעלאָזטן גיפט פון אַ בין, געעגבערט מיט פאַרבאָר־גענער ווייטיק.

דאָס איז געווען — אין די נעכט, און בייטאָג האָט אַקסיניאַ פאַרטרונקען אירע טראַכטונגען אין די טעגלעכע דאגות אין דעם פאָרען זיך אַרום דער באַלעבאַטישקייט. האָט זי באַגעגנט ערגעץ גרישקען, האָט זי, בלייך־ווערנדיק, פאַרבייגעטראָגן פאַר אים איר שיינעם, נאָך אים פאַרבענקטן קערפער און אומפאַרשעמט אַרויס־פאָדערנדיק אים אַריינגעקוקט אין דער ווילדער שוואַרצקייט פון זיינע אויגן.

גרישקאַ האָט געפילט נאָכן באַגעגענען זי אַ נאָגנדיקע בענק־שאַפט. ער האָט אָן סיבה זיך אויפגערעגט, בייז געשריגן אויף דוניאַשקען, אויף דער מוטער, אָבער אָפטער פון אַלץ גענומען די שווערד, אַוועקגעגאַנגען הינטערן הויף און, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, מיט אַ ציטערדיק פנים געהאַקט איבער די גראָבע צווייגן פון די קוסטעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון דער ערד. אין אַ וואָך האָט ער אָנגעהאַקט אַ גאַנצן באַרג. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיע־וויטש האָט געזידלט, פינקלענדיק מיטן אויעררינגל און מיט די גע־לע ווייסלען פון די אויגן:

— ער האָט אָנגעהאַקט, דער פאַרשיווער טייוול, אַז עס וואָלט אויף צוויי פלויטן געקלעקט! קוקטס אים נאָר אָן, דעם דזשיגיט, דעם צעלייגער. וואָלסט דיר אַוועקגעריטן אין די קוסטעס אַריין און דאָרט דזשיגיטירט... וואַרט־צו, בחור, וועסט גיין דינען, וועסטו דיך שוין געגווג אָנהאַקן!... דאָרט וועט מען דיך שוין גלייך לייגן...

XXI

נאָך דער כלה זענען אַרויסגעפאָרן פיר טאָפּל־געשפּאַנען. אַרום די בריטשקעס האָבן זיך געפּאַקט מענטשן, אָנגעטוענע יום־טובדיק.

— דער אונטערפירער — פּעטראָ — אין אַ שוואַרצן סורדוט און בלויע שאַראָוואַרן מיט לאַמפּאַסן, זיין לינקער אַרבל אַרומגע־בונדן מיט צוויי ווייסע טיכלעך, אונטער די וואָנסעס פון ווייך־קאָליר — אַ כסדרדיק אַנטשלאָסן שמייכעלע. ער האָט זיך געפּו־נען לעבן חתן.

— דו, גרישקאַ, פאַרליר דיך נישט! דעם קאָפּ האַלט אין דער הייך, ווי אַ האָן! וואָס האָסטו דיך אָנגעכמורעט?

לעבן די בריטשקעס — אַ געטומל, אַ גערויש.

— וואו איז דער חתן? ס'איז צייט צו פאָרן.

— קום!

— האַ?

— קום, דו וועסט פאָרן אויף דער צווייטער בריטשקע. הערסט, קום?

— די געזעסן האָט מען אָנגעלאַדעוועט אויף די בריטשקעס?

— נישקשה — וועסט אָן די געזעסן אויך נישט צעשיט ווערן. ס'איז ווייך!

דאַריאַ, אין אַ וואָלן מאַלינע־קלייד, אַ שלאַנקע און דינע, ווי אַ ווערבע־צווייג, — באַוועגנדיק מיט די אונטערגעפאַרבטע ברעמען ווי די בויגנס, האָט אונטערגעטריבן פּעטראָ.

— זאָג דעם טאַטן, אַז ס'איז צייט צו פאָרן. דאָרט וואַרט מען שוין.

זיך דורכשושקענדיק מיטן פאָטער, וואָס האָט פון ערגעץ־וואו צוגעהינקט, האָט פּעטראָ באַפוילן:

— אויפזיצן! אויף מיין בריטשקע פינף מאַן מיטן חתן. אַניקעי, דו וועסט אַנטרייבן.

מען איז אויפגעזעסן. די רויטע און פייערלעכע איליניטשנאַ

האָט געעפנט דאָס טויער. פיר בריטשקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער דער גאַס אין געיעג.

פּעטראָ איז געזעסן לעבן גריגאָריען. קעגנאיבער זיי האָט געפּאָכעט מיט אַ געהאָפטן טיכעלע דאַריאַ. איבער די גריבער און בערגלעך פון וועג האָט אַלעמאָל זיך איבערגעריסן דאָס ליד, וואָס מען האָט אָנגעהויבן זינגען. רויטע לאַמפּאַסן פון קאָזאַקישע היטלען, בלויע און שוואַרצע מונדירן און סורדוטן, וויס-אַרומגע-בונדענע אַרבל, צעשיטער רעגנבויגן פון ווייבערישע טיכער, פאַר-ביקע קליידער, מושלינענע שלעפּערס פון שטויב הינטער יעדער בריטשקע. אַ פּראָצעסיע.

אַניקעי, דער שכן פון די מעליעכאָווס, גריגאָריעס אַ קוזין, איז געווען דער אָנטרייבער. אָנגעבויגן אין אַ זייט, כמעט אַראָפּ-פאַלנדיק פון געזעס, האָט ער געקנאַקט מיט דער בייטש, אונטער-געפּייפט, און די פאַרשוויצטע פערד האָבן זיך געריסן פון די גע-שפּאַנען, אויסגעצויגן ווי סטרונעס.

— דערלאַנג זיי ! דערלאַנג ! — האָט פּעטראָ זיך געריסן.

דער אָנוואָנסיקער, צו אַ סריס ענלעכער אַניקעי האָט גע-וואונקען צו גריגאָריען, פאַרקרימענדיק דאָס גלאַטע ווייבערישע פּנים אין אַ דינעם שמייכל, אונטערגעפּישטשעט און געשמירט איבער די פערד מיט דער בייטש.

— שנעלער !... — האָט אַ דונער געטון דעם חתנס פּעטער פון דער מוטערס צד, איליאַ אָזשאָגין, איבעריאָגנדיק זיי. הינטער זיין רוקן האָט גריגאָרי דערזען דוניאַשקעס גליקלעכע פּנים מיט די אונטערשפּרינגענדיקע טונקל-הויטיקע באַקן.

— ניין, וואַרט-צו !... — האָט אַניקעי זיך צעשריגן, אויפ-שפּרינגענדיק אויף די פיס, און אַ שאַרפן פייף געגעבן.

די פערד האָבן זיך אַ טראָג געטון אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

— וועס-סט אַ-ראָפּ-פאַלן ! — האָט דאַריאַ געשריגן, אונטער-שפּרינגענדיק און אַרומנעמענדיק מיט די הענט אַניקעיס לאַקירטע שטיוול.

— האַלט דיך !... — האָט דער פּעטער-איליאַ אין דער זייט

אויסגעשריגן. זיין קול איז פאַרטרונקען געוואָרן אין כסדרדיקן גערויש פון די רעדער.

די איבעריקע צווי בריטשקעס, ענג אָנגעפּאַקט מיט פּאַרביקע רעווענדיקע קופּעס מענטשן, זענען געפאָרן איבערן וועג אין דער ברייט. די פערד, אין בלויע, העל-ראָזע דערעס, אין פּאַפּירענע בלומען, אין בענדער, איינגעפלאָכטענע אין די גריוועס, אין געקלאַנג פון גלעקלעך, האָבן זיך געשטרעקט איבערן געבערגלטן וועג, פאַרלירנדיק שטיקער שוים, און די דערעס, צעפלאַטערטע אין ווינט, האָבן זיך געבלאָזן און געפּאַלבט איבער די נאַסע רוקנס פון די פערד.

ביים טויער פון די קאָרשונאָווס האָט די פּראָצעסיע אָפּגעוואַרט אַ מחנה קינדער. זיי האָבן דערזען דעם שטויב איבערן וועג און זיך אַ לאָז געטון אין הויף אַריין.

— זיי פאָרן! זיי פאָרן!

— מען זעט זיי שוין!... — האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם באַגעגנטן געטקען.

— וואָס זענט איר זיך צונויפגעלאָפן? אַוועק טשאַטע פייגל! די פישטשען — אַז מען קאָן טויב ווערן!

— כאָכאָל!... כאָכאָל!... דזשעגעכץ-מאַכער!... — האָבן די קינדער געשריגן, שפּרינגענדיק אַרום געטקעס שאַראָוואַרן, ברייטע ווי זעק.

געטקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ ברונעם, באַטראַכט די שטיפנדיקע קינדער און זיך געקראַצט דעם לאַנגן שטייפן בויך, מילד שמייכלענדיק.

די בריטשקעס זענען מיט אַ ליאַרעם אַריינגעפאָרן אין הויף. פּעטראָ האָט אַרויפגעפירט גריגאָריען אויפן גאַנעק, אים האָט נאָכגעצויגן די גאַנצע פּראָצעסיע.

די טיר פון הויז אין קיך אַריין איז געווען פאַרמאַכט. פּעטראָ האָט אָנגעקלאַפּט.

— האַר יעזוס קריסטוס, זיי דיך מרחם איבער אונז.

— אמן, — האָט מען געענטפערט פון יענער זייט טיר.

פעטראָ האָט ווידער אָנגעקלאַפּט און איבערגעחזרט די ווער־טער דריי מאָל, מען האָט אים כּסדר טויב אָפּגעענטפערט.

— דערלויבט אַריינצוגיין.

— מיר בעטן זייער.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. אַ מחותּנתטע — נאַטאַליעס קוואַטערין — אַ שיינע באַבע, אַן אַלמנה, האָט אויפגענומען פּיאָ־טערן מיט אַ נייג און פאַרצויגן מאַלינע־שמייכעלע.

— נעם, אונטערפירער, און זאָל דיר זיין צו געזונט.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טריבן, נישט איינגעשטאַ־נענעם קוואַס. פעטראָ האָט זיך אַ גלעט געטון די וואָנסעס, אויסגעטרונקען און זיך פאַרהוסט, באַגלייט פון אַלגעמיינעם איינ־געהאַלטענעם געלעכטער.

— נו, מחותּנתטע, דו האָסט מיך שוין איינמאָל מכבד גע־ווען... אָבער וואַרט צו, מיין ווילד יאַגדעלע... אַז איך וועל דיך מכבד זיין, וועלן דיר די אויגן איבערגיין!...

— נעמט נישט פאַר אומגוט, זייט מוחל, — האָט די מחותּנתטע זיך פאַרנייגט, באַשענקענדיק פּיאָטערן מיט אַ פלינק פּיפיק שמיי־כעלע.

בשעת דער אונטערפירער מיט דער מחותּנתטע האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט שטעך־ווערטלעך, האָט מען דערוויייל דעם חתנת משפחה לויטן מנהג צוגעטראָגן צו דריי גלעזלעך בראָנפן.

נאַטאַליאַ, וואָס איז שוין געווען אָנגעטון אין חופּה־קלייד מיטן וועלאָן, איז געזעסן ביים טיש צווישן אירע אונטערפירערקעס. מאַרישקאַ האָט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט געהאַלטן אַ וואַל־גערהאָלץ. גריפּקאַ האָט מיט טראָציקע אויגן געשאָקלט מיט אַ זיפּ.

דער פאַרשוויצטער, פון בראָנפן אַ ביסל שיכּורלעכער פּעט־ראָ האָט מיט אָ פאַרנייג זיי צוגעטראָגן צו האַלבע רובל אין אַ גלעזל. די מחותּנתטע האָט אַ מרוגע געטון צו מאַרישקען, און זי — האָט אַ זעץ געטון מיטן וואַלגערהאָלץ איבערן טיש:

— ווייניק! מיר וועלן נישט פאַרקויפן די כּלה!...

פעטראָ האָט צוגעלייגט אַ ביסל קלינגענדיק זילבערן קליינ־

געלט אין גלעזל אַריין און עס ווידער אויפגעהויבן.

— מיר וועלן נישט אַוועקגעבן! — האָבן די שוועסטערן גע־שריגן, שטופּנדיק מיט די עלנבויגנס נאַטאַליען, וואָס האָט געהאַט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

— וואָס ווילט איר! ס'איז שוין אַזוי אויך שטאַרק איבער־געצאָלט.

— טרעט אָפּ, מיידלעך, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש באַ־פוילן און שמייכלענדיק זיך דורכגעשטופּט צום טיש. זיינע געלע האָר, וואָס זענען צוגעגלעט געווען מיט פּוטער, האָבן געשמעקט מיט שווייס און געפּרייעטן מיסט.

די קרובים און דער כּלהס חברטעס, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט און געמאַכט אַן אָרט.

פּעטראָ האָט אַריינגערוקט גריגאָריען אין דער האַנט אַ שפּיץ פון אַ טיכל, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ באַנק און אים אַרונטער־געפירט הינטערן טיש צו דער כּלה, וואָס איז געזעסן אונטער די איקאָנעס. דעם צווייטן שפּיץ האָט אָנגענומען נאַטאַליאַ מיט איר פון צעטומלטקייט פאַרשוויצטער האַנט.

אַרום דעם טיש האָט מען געפּאַטשט מיט די מיילער, צע־רייסנדיק דאָס געקאָכטע הינערינס מיט די הענט און זיי ווישנ־דיק אָן די האָר. אַניקעי האָט געביסן אַ פעדערשט חלק הון און איבער זיין נאַקעטער גאָמבע איז גערונען געל שמאַלץ אויפן קאָל־נער אַראָפּ.

גריגאָרי האָט מיט אינערלעכער באַדויערונג געקוקט אויף זיינעם און נאַטאַליעס לעפל, וואָס זענען געווען צונויפגעבונדן מיט אַ טיכל, און אויף די פאַרענדיקע קליסקעס אין דער וואַש־שיסל. אים האָט זיך געגלוסט עסן: אין בויך האָט אים אומאָנגענעם און טויב געבורטשעט.

דאַריאַ האָט געגעסן, זיצנדיק לעבן פּעטער איליאַ. דער פּעטער האָט אַרומגעביסן מיט זיינע שטאַרקע רייס־ציין אַ שעפּסע־נע ריפּ, קענטיק אַריינגעשושקעט דאַריען ניבול־פּה אין אויער,

ווייל זי האָט מיט פאַרשמעלערטע אויגן געציטערט מיט די ברע-
מען, רויט געוואָרן און געלאַכט.

מען האָט געגעסן לאַנג און געזעצט. דער ריח פון פעכיקן
מענערישן שווייס האָט זיך אויסגעמישט מיטן האַרבן, געפרייעטן
ריח פון די ווייבער. פון די איינגעלעגענע אין די קופערטס קליי-
דער, סורדוטן און שאַלן האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין און נאָך
עפּעס מיט זיסלעך-דומפּיקס, — אַזאַ ריח טראָגט זיך פון לאַנג
אָוועקגעשטעלטע הילצערנע שיסלען, אין וועלכע מען האַלט האָניק.

גריגאָרי האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף נאַטאַליען. און
דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז איר אייבערשטע ליפּ
איז אָנגעקוואָלן און הענגט אַראָפּ איבער דער אונטערשטער ווי
אַ דאַשיקל. ער האָט אויך באַמערקט, אַז אויף דער רעכטער באַק,
נידעריקער אַ ביסל פון באַקנביין, איז ווי צוגעקלעבט אַ ברוינלעך
ווערצעלע, פון ווערצעלע שטאַרן אַרויס צוויי גאָלדיקע הערעלעך,
און פון דעם איז אים עפּעס געוואָרן איבלדיק. ער האָט זיך דער-
מאָנט אַקסיניעס געטאָקטן האַלז מיט די פּוכיקע האָר-קרייזלעך,
געהאַט אַזאַ געפיל, ווי מען וואָלט אים דורכן קאָלנער פון העמד
אָנגעשיט שטעכיקע שעטשקע אויפן שווייסיקן רוקן. ער האָט זיך
אָנגעבלאָזן און, אַ פאַרדריקטער פון אומעט, געקוקט אויף די
מענטשן, וואָס האָבן געפּאַטשט מיט די מיילער, געזשלאָקעט און
געפרעסן.

ווען זיי זענען אַפּערגעגאַנגען פון טיש, האָט עמעצער, וואָס
האָט אַ זויערן גרעבץ-געטון, זיך אָנגעבויגן און אים אַריינגעשיט
אַ הויפן הירזש אין דער כאָלעוועס פון שטיוול: דעם חתן זאָל קיין
עין-הרע נישט פאַרשאַטן. איבערן גאַנצן וועג צוריק האָט דער
הירזש געריבן דעם פוס, דער ענגער קאָלנער פון העמד האָט גע-
דריקט דעם האַלז, און גריגאָרי — וואָס איז שוין פאַרמאַטערט
געוועזן פון די חתונה-צערעמאָניעס — האָט אין קאַלטן פאַרצווייפלטן
כעס דאָס אַלץ אין זיך געשאָלטן.

XXII

די פערד, אויסגערוטע ביי די קאָרשונאָווס, האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך דערגענטערט צום הויף פון די מעליעכאָווס. די רעמענטן פון געשפאַן זענען באַדעקט געווען מיט שוים.

די בגילופנדיקע אָנטרייבערס האָבן אומרחמנותדיק געטריבן.

דעם צוג האָבן אָפּגעוואַרט די אַלטע. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, בלישטשענדיק מיט זיין שוואַרצער, ווייס־באַזילבערטער באָרד, האָט געהאַלטן אַן איקאָנע. איליניטשנאַ איז געשטאַנען לעבן אים. אירע דינע ליפּן זענען שטיינערדיק פאַרשטייפט געווען.

גריגאָרי מיט נאַטאַליען, וואָס זענען צוגעגאַנגען מען זאָל זיי בענטשן, זענען באַשיט געוואָרן מיט האָפּן און ווייצן־קערנער. ביים בענטשן האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פאַרלוירן אַ טרער און אַ צעטומלטער זיך אָנגעכמורעט, באַדויערנדיק, וואָס מענטשן זענען געווען עדות פון אַזאַ שוואַכקייט זיינער.

די חתן־כלה זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב. דאַריאַ, אַ אַ רויטע פון בראָנפן, פון פאָרן און פון דער היץ, איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַנעק און זיך צונויפגעטראָפן מיט דוניאַשקען, וואָס איז געלאָפן פון קיך.

— וואו איז פּעטראָ?..

— איך האָב אים נישט געזען.

— מען דאַרף לויפן צום פּאָפּ, און ער, צו אַלדי טייוול, איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן.

פּעטראָ, וואָס האָט גענומען אַן איבעריק ביסל בראָנפן, איז געלעגן אויף דער אַרבע און געקרעכצט. דאַריאַ האָט זיך צו וואָרף געטון אויף אים ווי אַ רויב־פויגל.

— זיך אָנ־גע־פרעסן, דער בולוואַן! מען דאַרף לויפן צום פּאָפּ!... שטיי אויף!

— שלעפּ דיך! איך אָנערקען נישט דיינע באַפעלן! וואָס פאַר אַ העכערע מאַכט ביסטו פאַר מיר? — האָט פּעטראָ דרייסט אָפּגעענטפערט, שאַרנדיק מיט די הענט איבער דער ערד און צו־

נויפגראַבלענדיק אין אַ קופּע די הינער־צואה און צעריבענעם שטרוי־אָפּפאַל.

דאַריאַ האָט, וויינענדיק, אים אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין מויל, צוגעדריקט זיין צונג, וואָס האָט געפּלוידערט נאַרישקייטן, און געהאָלפן אים זיך לייכטער מאַכן. זי האָט אויסגעגאָסן אויף פּיאָטערס קאָפּ, וועלכער איז צעטומלט געוואָרן פון אומגעריכטקייט, אַ שעפּעלע וואַסער פון ברונעם, אים טרוקן אָפּגעווישט מיט אַ דערע און אַוועקגעפירט צום פּאָפּ.

אין אַ שעה אַרום איז גריגאָרי געשטאַנען אין צערקווע לעבן נאַטאַליען, וואָס איז אין שיין פון די ליכט שענער געוואָרן, געדריקט אין דער האַנט דאָס וואַקסענע ליכט, געבלאָנדזשעט מיט פאַרנעפּלטע אויגן איבער דער געדיכטער וואַנט פון די שושקענדיקע מענטשן און איבערגחזרט אין געדאַנק בלויז איין עקשנותדיק וואָרט: „זיך דערשפּילט... זיך דערשפּילט...״ פון הינטן האָט געהוסט דער אָנגעבלאָזענער פּעטראָ, ערגעץ צווישן עולם האָבן זיך געזען דוניאַשקעס אויגן, עמעצנס באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּנימער; ס'האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקער כאָר פון שטימען און דעם דיאַקאָנס מאָנאָטאָנע אויסרופן. אַ גלייכגילטיקייט האָט באַהערשט גריגאָריען. ער איז געגאַנגען אַרום דעם אָלטאַר אין די טריט פון פלאַכנאָזיקן פּאָטער וויסאַריאָנס אויסגעטרעטענע שטיוול; זיך אָפּגעשטעלט, ווען פּעטראָ האָט אים לייכט אַ צי־געטון ביי דער פּאָלע פון סורדוט; געקוקט אויף די פליסנדיקע צעפּלעך פון די ליכט־פלאַמען און געקעמפט מיט דער שלעפעריקער טעמפּקייט, וואָס האָט אים באַהערשט.

— טוישט אייך מיט די רינגלעך, — האָט דער פּאָטער וויסאַריאָן געזאָגט, וואָרים אַריינקוקנדיק גריגאָריען אין די אויגן.

זיי האָבן זיך געטוישט. „דאָס וועט זיך גיך ענדיקן?״ — האָט גריגאָרי געפרעגט מיט די אויגן, זייטיק אויפכאַפּנדיק פּעטראָס בליק. פּעטראָ האָט אַ באַוועג געטון מיט די ווינקלען פון די ליפּן, אויסלעשנדיק זיין שמייכל: „גיך״... דערנאָך האָט גריגאָרי דריי מאָל געקושט דעם ווייבס פייכטע, נישט באַטעמטע ליפּן. אין צער־

קווע האָט זיך צעטראָגן אַ טשאַד פון די אויסגעלאָשענע ליכט און עס האָט זיך דערהערט אַ טופּען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּאַקט צום אַרויסגאַנג.

האַלטנדיק נאַטאַליעס גרויסע שאַרסטקע האַנט אין זיין האַנט, איז גריגאָרי אַרויסגעגאַנגען אין פּאָליש אַריין. עמעצער האָט אים אָנגעטון דאָס היטל אויפן קאָפּ. עס האָט מיט פּיאָלון אַ ווייע גע־טון אַ וואַרים דרום־ווינטל. פון סטעפּ האָט געאָטעמט מיט נאַכ־טיקער קילקייט. ערגעץ איבערן דאָן האָט בלוי זיך געשלענגלט אַ בליץ, ס'האָט זיך דערנענטערט אַ רעגן און, צונויפגיסנדיק זיך מיטן געריוש פון די שטימען, האָבן אויף יענער זייט ווייסן פּליט לאָקנדיק און צערטלעך געקלונגען די גלעקלעך אויף די העלזער פון די פערד, וואָס האָבן נישט געקאָנט רויק איינשטיין.

XXIII

די קאָרשונאָווס זענען געקומען ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט שוין די חתן־כלה געהאַט אוועקגעפירט אין צערקווע אַריין. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז פריער אַלעמאָל אַרויסגעגאַנגען פון טויער, זיך איינגעקוקט לענגאויס דער גאַס, אָבער דער וועג, ערטערווייז אַ באַוואַקסענער מיט שטעכיקע דערנער, איז געווען פּוסט און ליידיק, ווי אויסגעקערט. ער האָט אַריבערגעפירט דעם בליק איבערן דאָן. דאָרט האָט קלאָר זיך געזען דער געלער פּאַס פון וואַלד און דער צייטיק־באַפּרענזלטער ראָר, וואָס האָט מיד זיך געבויגן איבער די וואַסער־בלומען פון טייכל אויף יענער זייט דאָן.

אַ פּאַרהאַרבסטיקע, שוועמעריקע, בלויע פּאַרדרימלטקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן בין־השמשות און איינגעהילט דעם כוטאָר, דעם דאָן, די קרייד־בערג, דעם אין ליליאַ־נעפּל פּאַרשוואוּ־מענעם וואַלד אויף יענער זייט דאָן, דעם סטעפּ. ביים אויסבויג פון שליאַך, דאָרט וואו די וועגן צעשיידן זיך, האָט דין זיך גע־צייכנט דער שאַרפער שפּיץ פון קלויסטערל.

צו פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס אויער האָט זיך קוים הער־באַר דערטראָגן אַ קלאַפּן פון רעדער און בילן פון הינט. פון פלאַץ זענען האַסטיק אַרויסגעפאָרן צוויי ברישקעס אויף דער גאַס. זיך וויגנדיק אויפן געזעס, זענען אויף דער פעדערשטער ברישקע צוזאַמען געזעס מיראָן גריגאָריעוויטש און לוקיניטשנאַ, קעגנאיבער זיי — דער זיידע גרישאַקאַ אין אַ נייעם מונדיר מיט די געאָרגי־קרייצן און מעדאַלן. אָנגעטריבן האָט מיטקאַ, זיצנדיק נאַכלעסיק אויפן פעדערשטן געזעס, — ער האָט די זאַטע שוואַרצע פערד, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין ווילדן גאַלאָפּ, אפילו נישט געוויזן די בייטש, וואָס איז אַרונטערגערוקט געווען אונטערן געזעס. אויף דער צווייטער ברישקע האָט מיכעי, אַן אויסגעבויגענער אַהינטער מיט פאַרריסענע לייצן, זיך באַמיט איינצוהאַלטן די גאַלאָפּירנדי־קע פערד. זיין פאַרשפּיצט אָנברעמיק פּנים איז באַדעקט געווען מיט אַ פיאָלעטער רויטקייט און אַ געדיכטער שווייס איז געראונען פון אונטער זיין דאַשיק אַפּער, וואָס איז געשפּאָלטן געווען אין דער העלפט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אויפגעפּראַלט דאָס טויער, און די ברישקעס זענען איינע נאָך דער אַנדערער אַריינגעפאָרן אין הויף.

פון גאַנעק איז חשיבותדיק ווי אַ גאַנז אַראָפּגעשוואומען איליניטשנאַ, פאַרקערנדיק מיטן קלייד די בלאָטע, וואָס איז אָנגע־טראָגן געוואָרן אויף די טרעפּ.

— מיר בעטן זייער, טייערע מחותּנים! טוט אָן אַ כּבוד אונזער אָרימער שטוב! — האָט זי מיט איר היפּשן קערפּער זיך אַ בוק געטון.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זייטיק אָנגעבויגן דעם קאָפּ און ברייט צעגומען די הענט:

— מיר בעטן זייער, מחותּנים! קומט אַריין — ער האָט אַ געשריי געטון, מען זאָל אויסשפּאַנען די פערד און צוגעגאַנגען צום מחותּן.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אָפּגעקלאַפּט מיט דער האַנט

דעם שטויב פון די שאַראָוואַרן. זיי האָבן זיך באַגריסט און אַרויפּ־געגאַנגען אויפן גאַנעק. דער זיידע גרישאַקאַ, וואָס איז צעטרייסלט געוואָרן פון גיכן פאָרן, איז הינטערשטעליק געבליבן.

— קומט אַריין, מחותן, קומט אַריין! — האָט איליניטשנאַ פאַרבעטן.

— נישקשה, אַ דאַנק... איך וועל אַריינגיין, איך וועל אַריינ־גיין...

— מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף אייך, קומט אַריין. דוניאַשקאַ, גיב דעם מחותן דאָס בעזעמל דעם מונדיר אָפּצורייניקן. ס'איז אַ שטויב היינט, אַז מען קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

— יאָ טאַקע, אַ טריקעניש... דערפאַר איז אַ שטויב... באַ־אימרויִקט אייך נישט, מחותנתטע, איך וועל נאָר דאָ... — דער זיי־דע גרישאַקאַ, נייגנדיק זיך פאַר דער נישט איבערגעשפּיצטער מחותנתטע, האָט הינטערווייַלעכטס זיך גענומען רוקן צו דער שאָפע און פאַרשוואונדן הינטערן געפאַרבטן ווענטל פון דער ווייע־מאַשין.

— זיך צוגעטשעפּעט צום אַלטן, די טפשה! — האָט פאַנטע־לעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אַ וואָרף געטון, אָפּוואַרטנדיק איליניטש־נען ביים גאַנעק. — ער איז אַן אַלטער מאַן, דאַרף אַהינטערגיין, און זי, די בהמה, טפו!...

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט איליניטשנאַ זיך פאַר־שעמט.

— האָסט געדאַרפט פאַרשטיין. נו, גאָרנישט. גיי, פיר אַריין די מחותנתטע.

ביי די געדעקטע טישן איז אַ שיכורער ליאַרעם פון די בגילופנדיקע געסט. די מחותנים האָט מען אין שטוב אוועקגעזעצט ביים טיש. באַלד איז פון צערקווע געקומען דאָס יונגע פאָר. פאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיט אַ טרער אין אויג אָנגעגאָסן פון דער פלאַש.

— נו, מחותנים, פאַר אונזערע קינדער. ס'זאָל זיין אין אַ

מזלדיקער שעה... זיי זאָלן געזונט און גליקלעך זיך עלטערן...

דעם זיידן גרישאַקאַ האָט מען אָנגעגאָסן אַ בייכיק גלעזל און אַריינגעגאָסן אַ העלפט אין זיין מויל, דעם פאַרוואַקסענעם מיט דער גרינלעכער באָרד, די צווייטע העלפט — אין שטייפן קאָלנער פון מונדיר. מען האָט געטרונקען, זיך אָנקלאַפנדיק. געטרונקען סתם אַזוי. דער ליאַרעם איז געווען, ווי אויף אַ יאַריד. קאָרשונאָווס ווייטער קרוב, דער אַלטער אַטאַמאַניעץ ניקיפאָר קאָלאָווײדין, וואָס איז געזעסן אין סאַמע עק טיש, האָט אויפגעהויבן די צע-קראַטשעטע האַנט און געברומט:

— ביטער!

— בי-י-י-טער!... — האָט מען ביים טיש אונטערגעכאַפּט.

— אָך, ביטער!... — האָט זיך אָנגערופן די פול-געפּאַקטע קיך.

גריגאָרי האָט, אַן אָנגעכמורעטער, געקושט דעם ווייבס פאַר-שמאַכטע ליפּן, ווילד געבלאָנדזשעט מיטן בליק אַרום זיך.

רויטע פּנימער. פון בראָנפן מאַטע, עזותדיקע בליקן און שמייכלען, מיילער, וואָס קייען מיט הנאה און טריפן מיט שיכורן גאַווער איבער די געהאַפּטענע טישטיכער. בקיצור — אַ חתונה. ניקיפאָר קאָלאָווײדין האָט געשטשירעט זיין קרום-ציינ|יק מויל און אויפגעהויבן די האַנט.

— ביטער!... — אויפן אַרבל פון זיין בלויען אַטאַמאַנישן מונ-דיר האָבן זיך געקנייטשט די דריי גאָלדענע בענדלעך, וואָס ער האָט באַקומען פאַר דער דינסט איבערן טערמין.

— בי-י-י-טער!...

גריגאָרי האָט מיט פאַראַכטונג זיך איינגעקוקט אין קאָלאָ-ווײדינס שטשערבאַטע מויל. זיין פייכטע, רויטע צונג איז ביים וואָרט „ביטער" אים דורכגעקראָכן ווי אַ רערל צווישן די קרומע ציין.

— קושט אייך... — האָט פּעטראָ געצישעט, באַוועגנדיק מיט די צעפּלעך פון זיינע וואָנסעס, נאַסע פון בראָנפן.

אין קיך האָט דאַריאַ, אַ בגילופנדיקע און פאַררייטלטע, אָנ-

געהויבן זינגען אַ ליד. מען האָט עס אויפגעכאַפּט, איבערגעטראָגן אין שטוב אַריין.

שטראָמט דאָס טייכל, שלאָפט די בריק,
פאָרן מיר אַריבער...

די קולות האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, און כריסטאָניאַ איבער־שרייענדיק אַלע אַנדערע, האָט געהורזשעט, אויפטרייסלענדיק די שויבן פון די פענסטער:

און ווער ס׳האָט אונז נאָר דערלאַנגט,
האָבן מיר אויס־גע־טרונ־קען.

און אין שלאָפצימער — אַ כסדרדיק געפּישטשעריי פון די ווייבער:

כ׳האָב פאַרלוירן, אוך, מיין קול פאַרלוירן.

און צוהילף — עמעצנס זקנישע מענער־שטימע, וואָס ציטערט, ווי אַ רייף אויף אַ פאַס:

כ׳האָב פאַרלוירן, אוך פאַרלוירן,
כ׳האָב מיין קול פאַרלוירן.
אין די פרעמדע גערטענער —
כ׳האָב יאַגדעס דאָרט געקליבן.

— געלעבט זאָל ווערן, גוטע מענטשן!...
— דאָס שעפּסנס פאַרזוך.
— די לאַפּע נעם צו... דער מאַן... אָט איז ער דאָך... ער קוקט.
— בי־י־י־טער!...

— דער אונטערפּירער זשענירט זיך נישט, זעסט ווי ער באַ־גייט זיך מיט דער מחותנתטע.

— אָבער ניי־יין, דו זיי אונז מיט שעפּסנס נישט מכבד... און אפשר וויל איך גאָר יעשאָטר... און איך וויל טאַקע: ער איז פּע־ע־עט.

— קום, פּראָשקאָ, לאָמיר דעם געזעגן־כוס אויסטרינקען...

— דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט...

— סעמיאָן גאָרדעעוויטש!

— אַ?

— סעמיאָן גאָרדעעוויטש!

— אַ?

— גיי דו צום טייוול, הונטישע זרע!

אין קיך האָט דער דיל וואַקלהאַפּט זיך געוויגט; עס האָבן געזעצט אָפּצאַסן, עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ גלאָז; דער קלאַנג איז פאַרטרונקען געוואָרן אין אַלגעמיינעם ליאַרעם. גריגאָרי האָט אַ קוק געטון אין קיך אַריין איבער די קעפּ פון די, וואָס זענען געזעסן ביים טיש: מיט אויסגעשרייען און קוויטשערייען האָבן די ווייבער דאָרט געטאַנצט אין אַ ראָד. זיי האָבן געטרייסלט מיט די ברייטע הינטנס (קיין דאַרע איז נישט געווען, איטלעכע איז געווען אָנגעטון אין אַ פינף, זעקס קליידער), געפאָכעט מיט די געהאָפטע־נע טיכער, באַוואויגן מיט די עלנבויגנס צום טאַקט פון טאַנצן.

באַפעלעריש האָט אַ רוף געטון די דריי־רייענדיקע האַרמאָ־ניע. דער האַרמאָניסט האָט אויפגעשפילט אַ קאָזאַטשאָק, זיך באַ־גלייטנדיק אויף די בעסער.

— אַ ראָד מאַכט! אַ ראָד!

— רוקט אייך אַריין אַ ביסל, ליבע געסט! — האָט פּעטראָ געבעטן, שטופּענדיק די ווייבערישע בייכער, צעהיצטע פון טאַנצן.

גריגאָרי איז הייטער געוואָרן און אַ וואונק געטון צו נאַ־טאַליען.

— פּעטראָ וועט באַלד זיך אַ לאָז געבן אין אַ קאָזאַטשאָק, וועסט זען.

— מיט וועמען ?

— זעסט נישט ? מיט דיין מאַמען.

לוקיניטשנאַ האָט פאַרלייגט די הענט אויף די היפטן, אין דער לינקער — דאָס טיכל.

— נו, גיי אַרויס, אַנישט — וועל איך !...

פעטראָ האָט לייכט צוגעטענצלט צו איר, אויפן פיינסטן אופן זיך אַ זעץ געטון אויף דער קני און הינטערווייליקעכטס אומגעקערט אויף זיין אָרט. לוקיניטשנאַ האָט פאַרהויבן דאָס קלייד, ווי זי וואָלט זיך געקליבן איבער אַ קאַלוזשע אַריבערצושפּרייזן, — גענומען צוקלאַפּן צום טאַקט מיט די שפּיצן שיך, זיך אַ לאָז געטון אין ליאַרעם פון אַלגעמיינער אַנערקענונג, וואַרפנדיק מיט די פיס, ווי אַ מאַנטספּערשוין.

דער האַרמאָניסט האָט מיט אַ מחנה פלינק־צאַפּלדיקע טענער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נידעריקסטער אָקטאַווע. די טענער האָבן פעטראָ אונטערגעשווענקט און אַ הייב געטון פון אָרט. אויסשרייענדיק, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, מאַכנדיק בענקלעך און אונטערשפּרינגענדיק. ער האָט זיך געפּאַטשט מיט די הענט איבער די כאָלעוועס פון די שטיוול, פאַרביסן אַ האַלבע וואָנסע מיט אַ ווינקל פון מויל. זיינע פיס האָבן געפּלאַטערט, שנעל ציטערנדיק מיט די קניען. דער פאַרשוויצטער טשוב, נישט קאָנענדיק נאָכאיילן די פיס, האָט אַרומגעטאַנצט איבערן שטערן.

גריגאָריעס בליק איז פאַרשטעלט געוואָרן דורך די פלייצעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעפּאַקט ביי דער טיר. ער האָט בלויז געהערט דאָס כסדרדיקע זעצן פון די אָפּצאַסן מיט די פּאָדקאָוועס, ווי אַ סאָסנע־ברעט וואָלט קנאַקנדיק געברענט, און די אויפמונטערנדיקע געשרייען פון די שיכורע געסט.

צום סוף האָט געטאַנצט מיראָן גריגאָריעוויטש מיט איליניטשנען. ער האָט געטאַנצט געזעצט און ערנסט — ווי אַלץ וואָס ער האָט געטון.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געשטאַנען אויף אַ טאַבורעט, באַוועגט מיטן הינקענדיקן פוס און געקנאַקט מיט דער צונג. אַני־

שטאָט די פיס, האָבן ביי אים געטאַנצט די ליפּן, וואָס האָבן זיך נישט געפונען קיין רו, אין דאָס אויערריגל.

אַלע האָבן געטאַנצט אַ קאַזאַטשאָק: סיי די אויסגעצייכנטע טענצער, סיי די, וואָס האָבן נישט געקאָנט ווי געהעריק אַ פוס שטעלן.

צו אַלע האָט מען געשריגן.

— האַלט דיך!

— פלינקער! אוך, דו!...

— פיס האָט ער לייכטע, נאָר אַ הינטן אַ שווערן.

— ריר דיך, ריר דיך!

— אונזערע נעמען אויס.

— היציקער, וואָרים כ׳וועל דיך...

— ער איז פאַרשטייפט געוואָרן, די נבלה. טאַנץ, וואָרים דו קריגסט מיט אַ פלאַש איבערן קאָפּ.

דער שיכורער זיידע גרישאַקאַ האָט אַרומגענומען די ברייטע פלייצע פון זיין שכן אויף דער באַנק, אים געזשומעט, ווי אַ מוק אין אויער אַריין:

— אין וועלכן יאָר האָסטו געשוואוירן?

זיין שכן, אַ שווערער, ווי אַ מעך-באַוואַקסענער דעמב, האָט זיך צעהודזשעט, פאָכענדיק מיט דער האַנט:

— אין ניין און דרייסיקסטן, מיין זון.

— אין וועלכן? האַ? — דער זיידע גרישאַקאַ האָט נאָענט אונטערגעשטעלט דעם גרינצלטן מושל פון זיין אויער.

— אין ניין און דרייסיקסטן, האָב איך געזאָגט.

— און ווער זענט איר? פונוואַנען?

— דער וואַכמייסטער פון באַקלאַנאָווער פאָלק, מאַקסים באָגאַטירעוו. אַ געבוירענער אין כוטאָר... אין כוטאָר — דער רויטער יאַר.

— אַ קרוב פון די מעליעכאָווס?

— ווי?

— אַ קרוב פון די מעליעכאָווס?

— אַהאַ, אַ זיידע.

— פון באַקלאַנאָווער פּאָלק?

דער אַלטער האָט געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן אויפן זיידן גרישאַקאַ, ערומוואַרפנדיק אַ נישט צעקייטן ביסן איבער די נאַקעטע יאַסלעס, און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— האָט איר דאָך אין דער קאַווקאַזער קאַמפּאַניע זיך באַטייליקט?

— אונטער דער אָנפירונג פון פאַרשטאָרבענעם באַקלאַנאָוון אַליין געדינט. אַ ליכטיק גן־עדן זאָל ער האָבן. קאַווקאַז דעראָבערט... זעלטן אַ קאָזאַק האָט געקאָנט אין אונזער פּאָלק אָנקומען... די וואוקס האָט געמוזט זיין, ווי אין דער גוואַרדיע... דער זעלבער שטעל... הענט — לאַנגע, און פּלייצעס אַזעלכע — אַז מען וואָלט געקאָנט אַ היינטיקן קאָזאַק אין דער ברייט אויסלייגן... אָט, זון מיינער, סאַראַ מענטשן ס׳זענען אַמאָל געווען... זיין עקסעלענץ, דער פאַרשטאָרבענער גענעראַל, האָט אַמאָל באַוויליקט אין טשעלענזשער אַוּל מיך מיט זיין ראַפּניק מכבד צו זיין...

— און איך האָב אין דער טערקישער קאַמפּאַניע זיך באַטייליקט... האַ? יאָ. זיך באַטייליקט. — דער זיידע גרישאַקאַ האָט זיך באַמיט אויסצוגלייכן די איינגעפאַלענע ברוסט, אויף וועלכער די געאָרגיעס האָבן צוגעקלונגען.

— מיר האָבן פאַרנומען דעמדאָזיקן אַוּל באַגינען, און מיטאָגצייט שפּילט שוין דער טרומייטערער אויף אַלאַרם...

— אויך מיר האָבן די געלעגנהייט געהאַט דעם ווייסן צאַר צו דינען. עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט הינטער ראָשיטש, און אונזער פּאָלק, דער צוועלפטער דאָנער קאָזאַקן־פּאָלק, האָט געקעמפט מיט זייערע יאַנטשאַרן.

— שפּילט דער טרומייטערער אויף אַלאַרם... — האָט דער באַקלאַנאָווטשיק ווייטער גערעדט, נישט אויסהערנדיק דעם זיידן גרישאַקאַ.

— זייערע יאַנטשאַרן זענען — ווי אונזערע אַטאַמאַנצעס.

יאָ. — דער זיידע גרישאַקאַ בייזערט זיך, פּאַטשט אַן אויפגערעג־טער, מיט דער האַנט. — זיי דינען זייער צאַר, און טראָגן ווייסע זעק אויף די קעפּ. האַ? ווייסע זעק אויף די קעפּ.

— זאָג איך אַזוי צו מיין קאַמעראַד: „טימאָשקאַ, זאָג איך, מיר וועלן אָפּטרעטן. נעם אַראָפּ דעם טעפּיך פון דער וואַנט און לאָמיר אים מיט די רעמעטן צום זאָטל צובינדן...״

— צוויי יעגאָרן האָב איך! אויסצייכענונגען פאַר מיליטערי־שער העלדישקייט!... אַ טערקישן מאַיאָר לעבעדיקערהייט אין גע־פאַנגענשאַפט גענומען...

דער זיידע גרישאַקאַ וויינט און קלאַפּט מיטן דאַרן פויסטל בער די אָפּקלינגענדיקע בערישע פּלייצעס פון באַקלאַנאָוושיק, בער יענער, איינטינקענדיק אַ שטיקל הון אין קערשנזאַפּטיקער מעלבריי, אַנשטאָט כריין, קוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן אויפן פאַרגאָסענעם טישטוך און מאַמליעט מיטן איינגעפאַלענעם מויל:

— אָט, זון מיינער, צו וואָסער זינד דער טייוול האָט מיך אָנגערעדט... — דעם אַלטנס אויגן קוקן מיט טויטער פאַרעקשנט־קייט אויף די ווייסע פאַלדן פון טישטוך, ווי ער וואָלט געזען נישט קיין טישטוך, אַ פאַרגאָסנס מיט זופּ און בראָנפן, נאָר די שנייאיק־בלענדנדיקע פאַלדן פון די קאַווקאַזער בערג. — ביז דעמאָלט האָב איך קיינמאָל אין לעבן צו קיין פרעמדס זיך נישט צוגערירט... עס מאַכט זיך, מיר פאַרנעמען אַ טשערקעסן־אַול, אין די סאַקלעס — איז אַ פאַרמעגן, אָבער איך בין נישט גיריק... גנבה מאַכט נישט רייך... און דאָ, זעט איר, איז מיר דער טעפּיך מיט די פראַנזן אַזוי אין אויג אַריינגעפאַלן... ס׳וועט זיין אַ דערע פאַרן פערד, האָב איך געטראַכט...

— מיר האָבן די אַלע פאַרשידענע מערקווירדיקייטן געזען. אויך אין די ווייטע לענדער געווען. — דער זיידע גרישאַקאַ באַ־מיט זיך אַריינצוקוקן דעם שכן אין די אויגן, נאָר דעם שכנס טיפע אויגנלעכער זענען פאַרוואַקסן, ווי אַ הייל מיט דערנער. די גרויע, צעשויבערטע ברעמען און באָרד האָבן זיי פאַרשטעלט. דער זיידע גרישאַקאַ קאָן זיך נישט דורכקריגן צו זיי.

ער פאַלט אויף אַ שפּיצל. ער וויל צוציען דעם שכנס אויפ־מערקזאַמקייט מיטן שלאָגפערטיקסטן מאָמענט פון זיין דערציילונג, און ער הייבט דעריבער אָן גלייך פון עיקר:

— און דער עסאַול טערסינצעוו קאָמאַנדעוועט: „אין קאַ־לאָנע־אָפּטיילונגען, גאַלאָפּירנדיק — אַרש־אַרש!"

דער זיידע, דער באַקלאַנאָווטשיק, פאַררייסט דעם קאָפּ, ווי אַ פראָנט־פערד, ווען עס דערהערט די טרומייט, און שעפּטשעט, אַראָפּלאָזנדיק די קנופּאַרטיקע פויסט איבערן טיש:

— די פּיקעס צום קאַמף, די שווערדן אַרויס, באַקלאַנאָוו־צעס!... — דאָ ווערט זיין קול פּלוצלינג קרעפטיק, די מאַטע אַפּלען בליצן־אויף און צינדן זיך אָן מיטן אַמאָליקן ווייסן פייער, פאַרלאָשענעם פון אַלטקייט. — באַקלאַנאָווצעס — כוואַטן!... — ברומט ער, אויפמאַכנדיק דאָס מויל מיט די געלע נאַקעטע יאַס־לעס, — אין אַטאַקע... מאַרש, מאַרש!...

און ער קוקט מיט אַ טראָציקן בליק אויפן זיידן גרישאַקאַ, שוין נישט אָפּווישנדיק מיטן ברודיקן אַרבל פון טשעקמען די טרערן, וואָס קיצלען אים אין דער גאָמבע.

דער זיידע גרישאַקאַ ווערט אויך הייטער.

— ער האָט אונז אַרויסגעגעבן די קאָמאַנדע און אַ פּאַך גע־טון מיט דער שווערד. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ, און די יאַנטשאַרן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַזוי, — ער צייכנט אָן מיטן פינגער אַ נישט גלייכן קאַסטן אויפן טישטוך, — און שיסן צו אונז. צוויי מאָל זענען מיר געגאַנגען אויף זיי, און זיי האָבן אונז ביידע מאָל אָפּגעשטויסן. פּלוצלינג האָט פון פלאַנג, פון וועלדל אַרויס זיך באַוויזן זייער קאַוואַלעריע. אונזער קאָמאַנדיר גיט די קאָמענדע. זענען מיר אַוועק צום רעכטן פליגל, זיך איבערפאָר־מירט — און אויף זיי אַרויף! מיר האָבן זיך אַריינגעשניטן. צע־טרעטן, וואָסער קאַוואַלעריע וועט קעגן קאָזאַקן ביישטיין, מילא, זענען זיי וואָיענדיק אַוועק צום וואַלד... זע איך, עס רייט זיך פאַר מיר זייערס אַן אָפיציר אויף אַ טונקל־ברוין פערד. אַזאַ וואָוילערישער, מיט שוואַרצע נאָכהענגענדיקע וואָנסעס, ער קוקט

כסדר אויף מיר און נעמט אַרויס דעם פּיסטאָלעט פון דער שייד. און די שייד איז צום זאָטל פון פערד צוגעטשעפּעט... ער האָט אויסגעשאָסן און נישט געטראָפן. דאָ האָב איך אַ דריק געגעבן דעם פערד מיט די שפּאָרן און זיך אַ לאָז געטון. כ׳האָב אים געוואָלט מיט דער שווערד אַראָפּהאַקן, אָבער זיך מישב געווען. ס׳איז דאָך אַ מענטש... כ׳האָב אים אַ כאַפּ-געטון מיט דער רעכטער האַנט אין דער העלפט, און ער איז מיר, זעט איר, גלייך פון זאָטל אַרויסגעפלויגן. ער האָט מיר די האַנט צעביסן, אָבער איך האָב אים פאָרט גענומען...

דער זיידע גרישאַקאַ האָט טריומפירנדיק אַ קוק-געטון אויפן שכן: יענער האָט געהאַט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויסן קאַנטיקן קאָפּ אויף דער ברוסט און אין גערויש אַנטשלאָפן געוואָרן, באַטעמט שנאָרכנדיק.

סוף פון ערשטן בוך.

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1936 ווארשע

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאס צווייטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

דישע אוניווערסאל-ביבליאטעק

ווארשע 1936

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.

צווייטע טייל

I

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש מאַכאָוו שטאַמט פון ווייטן יחוס.

אין די צייטן פון פּיאָטער דעם ערשטן איז אַמאָל קיין אַזאָוו איבערן דאָן געשוואומען אַ מלוכהשע באַרקע מיט סוכאַ־רעס און פּולווער. די קאָזאַקן פון גנבישן שטעטל טשיגאָנאַקאַ, וואָס האָבן זייער נעסט זיך געמאַכט אויף די אייבערשטע ברעגן פון דאָן, נישט ווייט פון כאָפּער, זענען אין אַ נאַכט אָנגעפאַלן אויף דערדאָזיקער באַרקע, די שלאָפנדיקע וואַך אויסגעשאָכטן, די סוכאַרעס מיטן פּולווער צוגערויבט און די באַרקע דערטרונקען.

אויפן צאַרס באַפעל איז פון וואָראָניעזש געקומען מיליטער, דאָס גנבישע שטעטל טשיגאָנאַקאַ פאַרברענט, די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין רויבערישן אָנפאַל אויף דער באַרקע, אין אַ קאַמף אומרחמנותדיק צעשלאָגן, דעם געפאַנגענעם עסאַול יאַקירקאַ מיט פערציק קאָזאַקן אויף שווימענדיקע תּליות אויפגע־האָנגען, און אַלס וואָרענונג פאַר די צעבונטעוועטע סטאַניצעס אויף די נידעריקע ברעגן פון דאָן, דידאָזיקע הוידעלקעס געלאָזט שווימען שטראָם־אַראָפּ איבערן דאָן.

אין אַ צען יאָר אַרום האָבן אויפן זעלבן אָרט, וואו ס׳האָבן פריער געוויכערט די כאַטעס פון דער טשיגאָנאַקער סטאַניצע, זיך באַזעצט קאָזאַקן, געקומענע פון ווייט, און די, וואָס זענען נאָך דער הריגה לעבן געבליבן. די סטאַניצע איז ווידער אויסגעוואַקסן און זיך אַרומגעגאַרטלט מיט שיין־וואַלן. דעמאָלט טאַקע איז עס אין דער סטאַניצע, לויט אַ וואָראָניעזשער באַפעל, אָנגעקומען אַלס משגיח און צאַרישער שפּיאָן — דער פויער מאַכאָוו ניקישקאַ.

ער האָט געהאַנדלט מיט פאַרשידענע חפצים, נייטיקע אין היימישן קאָזאַקישן לעבן: מיט הענטלעך צו מעסערס, טיטון, קרעמיען־שטיינדלעך; אויפגעקויפט און פאַרקויפט גנבות און אַ צוויי מאָל אין יאָר געפאָרן קיין וואָראָניעזש, כלומרשט נאָך סחורה, אָבער אינאמתן — מיטטיילן, אַז אין דער סטאַניצע איז דערווייל שטיל און די קאָזאַקן גרייטן זיך נישט אויף קיין נייע רויב־אָנפאַלן.

פון דעם ניקישקאַ מאָכאָוו האָט זיך דאָס אָנגעהויבן דעו סוחרישער שטאַם פון די מאָכאָווס. זיי האָבן זיך פעסט באַזעצט אויף דער קאָזאַקישער ערד, זיך געפרוכפּערט און אין דער סטאַניצע פאַרוואָרצלט, ווי אַ ווילד געוויקס — נישט צום אויסרייסן; זיי האָבן הייליק אָפּגעהיטן די האַלב־צעריבענע שריפט, וואָס דער וואָראָניעזשער וואָיעוואָדע האָט זייער עלטער־זיידן געגעבן, ווען ער האָט אים אין דער צעבונטעוועטער סטאַניצע אַריין געשיקט. די שריפט וואָלט זיך זיכער עד־היום דערהאַלטן, אָבער זי איז פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שרפה, נאָך אין די צייטן פון זיידן סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש, צוזאַמען מיטן הילצערנעם קעסטעלע, וואָס איז אויפן ארון מיט די הייליקע בילדער געשטאַנען. דער זיידע האָט זיך רויִנירט, פאַרטאַכלעוועט דאָס גאַנצע פאַרמעגן, שפּילנדיק אין קאָרטן; ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבן אויף די פיס זיך צו שטעלן, אָבער די שרפה האָט אַ תל געמאַכט פון אַלץ, און סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט געמוזט אָנהייבן אויפסניי. נאָכן מקבר זיין דעם פּאַראַליטישן פאָטער, האָט ער אָנגעהויבן האַנדלען מיט קליינע געלטער. ער האָט אויפגעקויפט חזיר־האָר און פעדערן אין די כוטאָרס. אַ פינף יאָר געלעבט אין אָרימקייט, אָפּגענאַרט און אַרויסגעקריגן דעם גראָשן ביי די קאָזאַקן פון די אַרומיקע כוטאָרס, און דערנאָך פּלוצלינג אויסגעוואַקסן פון סעריאָשקאַ אויפקויפער אין סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן, געעפנט אַ קרעמל פון גאַלאַנטעריע אין דער סטאַניצע, חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון האַלב־משוגענעם פּאָפּ, נאָכגענומען נישט קיין קליינעס נדן און געעפנט אַ מאַנופאַקטור־מאַגאַזין. די צייטן, אין וועלכע סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש איז צוגעטרעטן צו זיין מאַנופאַקטור־געשעפט, זענען געווען

גוטע. פון די סטאַניצעס אויפן לינקן ברעג, וואו די זאַמדיקע און ליימיק־שטייניקע ערד איז אומפּרוכטבאַר, האָבן אויפן באַפעל פון דער מיליטערישער מאַכט, אויף דער רעכטער זייט פון דאָן אָנגעהויבן איבערוואַנדערן די קאָזאַקן אין גאַנצע כוטאָרס. די יונגע קראַסנאָקוטער סטאַניצע איז אויסגעוואַקסן און זיך אַרומגעשטעלט מיט בנינים; אויף דער גרענעץ פון די אַמאָליקע פּריצישע גיטער, לענגאויס די טייכלעך טשיר, טשאָרנאַיאַ און פּראָלאָווקאַ, לענגאויס די סטעפּישע היילן און לאָנקעס, אין שכנות מיט די אוקראַאינישע ישובים, האָבן זיך אויסגעפּיקט נייע כוטאָרס. נאָך סחורה פלעגט מען פאָרן אויף אַ מהלך פון פופציק וויאָרסט און נאָך ווייטער, און אַצינד — אָט איז זי, די קראָם, מיט פרישע פּאַכן פון סאָסנעהאָלץ, פעסט־אָנגעשטאָפּטע מיט שמעקעדיקע קאָלירטע סחורות. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט פונאַנדערגעוויקלט זיין געשעפט ברייט, ווי אַ דריי־רייאיקע האַרמאָניע. חוץ מיט קאָלירטע סחורות, געהאַנדלט מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק אין אַ קליינער באַלעבאַטישקייט: לעדערוואַרג, זאַלץ, נאַפט, גאַלאַנטעריע. די לעצטע צייט האָט ער אפילו אויך צוגעשטעלט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. לעבן דער זומער צייט־לופטיקער קראָם מיט די גרינע לאָדנס זענען אין אַ גלייכער רייע געשטאַנען שנייד־מאַשינען, רייאיקע זייע־מאַשינען, אַקעראייזנס, ווייערס, סאָרטיר־קאַסטנס פון דער אַקסייקער פאַבריק. אין אַ פרעמדן בייטל איז שווער דאָס געלט צו ציילן, אָבער דער האַנדל האָט, קענטיק, סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן געברענגט נישט קיין קליינע רווחים. אין דריי יאָר אַרום האָט ער געעפנט אַ תבואה־סקלאַד און אויפן צווייטן יאָר נאָכן טויט פון ערשטן ווייב גענומען בויען אַ דאַמף־מיל.

ער האָט אין זיין טונקל־ברוין פויסטל, מיט די שיטערע גלאַנציק־שוואַרצע האָר, פעסט אַריינגענומען דעם טאָטאַרישן כוטאָר און די איבעריקע כוטאָרס פון דער סביבה. ווי נאָר אַ הויף — האָט ער געהאַט ליגן אַ וועקסל ביי סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן: אַ גרינלעך פּאַפּירל מיט אַ הערב פון אָראַנזש־קאָליר — פאַר אַ שנייד־מאַשין, אַן אויסשטייער, וואָס איז גענומען געוואָרן פאַר אַ

טאָכטער (ס'האָט אָנגערוקט די צייט די טאָכטער חתונה צו מאַכן,
און אין די פּאַראַמאָנאָווער סקלאַדעס האָט מען די פּרייז אויף
ווייץ פאַרקלענערט — „גיב אויף באָרג, פּלאַטאָנאָוויטש !"), ס'האָבן
נישט געפעלט קיין סיבות... אין דער מיל אַרבעטן ניין מאַן, אין
מאַגאַזין — זיבן, פון פיר באַשטייט די הויז=דינערשאַפט — איז שוין
צוואָנציק מיילער, וואָס לעבן אויפן סוחרס חשבון. פון ערשטן
ווייב זענען אים געבליבן צוויי קינדער : דאָס מיידעלע ליזאַ און
אַ יינגל — מיט צוויי יאָר יינגער פון איר, דער אַפּאַטישער און
שקראָפּוליטישער וולאַדימיר. דאָס צווייטע ווייב — די דאַרע,
שמאָל=ביייניקע אַננאַ איוואַנאָוונאַ — איז געווען אַן עקרה. איר
גאַנצע פּאַרשפּעטיקטע, נישט אויסגעלאָדענע מוטערלעכע ליבשאַפט
און אָנגעזאַמלטע גאַליקייט (זי האָט חתונה געהאַט מיט סערגעי
פּלאַטאָנאָוויטשן, ווען זי איז שוין אַלט געווען פיר און דרייסיק
יאָר) האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די געבליבענע קינדער. דער שטיפ=
מוטערס נערוועישער כאַראַקטער האָט נישט גוט געווירקט אויף די
קינדערס דערציִונג, און דער פאָטער האָט זיי געשענקט אויפ=
מערקזאַמקייט נישט מער, ווי דעם פערד=מייסטער ניקיטאַ אָדער
דער קעכין. די געשעפטן און צפּטע נסיעות האָבן פאַרשלונגען די
גאַנצע פרייע צייט : דאָ קיין מאָסקווע, דאָ קיין ניזשני, דאָ קיין
אוריופּינסק, דאָ אויף די ירידן פון די סטאַניצעס. די קינדער האָבן
זיך געהאָדעוועט אָן אויפזיכט. די אין עמפּינדלעכקייט אָרימע אַננאַ
איוואַנאָוונאַ האָט זיך נישט באַמיט אַריינצודרינגען אין די סודות
פון די קינדערישע נשמות, צו גרויס איז געווען די באַלעבאַטיש=
קייט, אַז זי זאָל דאָס קאָנען אין זינען האָבן, — דערפאַר זענען
ברודער און שוועסטער געוואַקסן פרעמד איינע די אַנדערע, פאַר=
שידענע לויט די כאַראַקטערן, נישט ענלעכע צו אייגענע. וולאַדי=
מיר איז געוואַקסן אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַן אַפּאַטישער, אַ
נישט=קינדיש ערנסטער, מיט אַ בליק, וואָס האָט תמיד געקוקט פון
אונטערן שטערן אַפער. ליזאַ, וואָס האָט פאַרבראַכט אין דער גע=
זעלשאַפט פון שטוב=מיידל און דער קעכין, אַן אויסגעלאַסענע באַ=
בע, וואָס דאָס שוין אַסך דורכגעמאַכט, האָט צו פרי זיך באַקענט מיט

דער צווייטער זייט פון לעבן. די פרויען האָבן אויפגעוועקט אין איר אַ נישט געזונטע בייגיריקייט, און זי, — דעמאָלט נאָך אַ נאַיווע, נישט דרייסט מיידעלע, — וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף אירע אייגענע כּוחות, איז געוואַקסן ווי אַ ווילדער יאַגדע־קוסט אין וואַלד.

די יאָרן זענען געגאַנגען פאַמעלעך.

דאָס אַלטע, ווי דער שטייגער איז, האָט זיך געעלטערט; דאָס יונגע איז, ווי גראָז, אונטערגעוואַקסן.

און אָט האָט איינמאָל אין אַן אָוונט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש ביי דער טיי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, אַ קוק געגעבנדיק אויף דער טאָכטער (עליזאַבעטאַ, וואָס האָט דעמאָלט געענדיקט גימנאַזיע, האָט שוין באַוויזן זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ געוואוקסיק, נישט מיאוס מיידל); ער האָט אַ קוק געטון, און דאָס טעצעלע בורשטינערנע טיי אין זיין האַנט האָט אָנגעהויבן ציטערן: „אין דער פאַרשטאָרבענער מוטער געראָטן. גאָט, וואָס פאַר אַן ענלעכקייט!" — ליזאָטשקאַ, גיב דיך נאָך אַ דריי! — ער האָט פאַרזען, אַז די טאָכטער האָט פון דער פריסטער קינדהייט אָן שטאַרק דערמאָנט אָן דער מוטער.

וולאַדימיר מאָכאָוו, דער גימנאַזיסט פון פינפטן קלאַס, דאָס שמאָלע, קרענקלעך־געלע בחורל, איז געגאַנגען אויפן הויף פון דער מיל. ער איז ערשט נישט לאַנג געהאַט געקומען מיט דער שוועסטער אויף די זומער־פעריען, און ווי תּמיד נאָך זיין קומען אַריינגעגאַנגען אין מיל אַ קוק טון, זיך שטופּן אַ ביסל צווישן פאַרמעליקטן עולם, איינהערן זיך אין ריטמישן גערויש פון די וואַלצן, פון די טריבעס, אין געשאַרך פון די זיך גליטשענדיקע פּאַסן. אים האָט געחנפעט דאָס חשיבותדיקע פליסטערן פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן געברענגט תּבואה צו מאָלן:

— דעם באַלעבאָס' זון...

פאָרזיכטיק אויסמיידנדיק די קופּעס אָקסן־מיסט און וואָגנס, צעשטעלטע איבערן הויף, איז וולאַדימיר צוגעגאַנגען צום טירל

און זיך דערמאַנט, אַז ער איז נאָך נישט געווען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. ער איז צוריקגעגאַנגען.

לעבן דער רויטער נאַפּט־ציסטערנע, וואָס איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג פון דער מאַשין־אָפּטיילונג, האָט דער וואַלצן־מײַס־טער טימאָפעי, דער אַרבעטער בײַ דער וואָג מיטן צונאָמען „וואַלעט" און דער געהילף פון וואַלצן־מײַסטער, דער יונגער ווײַס־צײַניקער דאַווידקאַ, מיט פאַרשאַרצטע הויזן איבער די קני, געקנעטן אַ גרויסע קופּע ליים, וואָס איז געלעגן אין דער פאָרם פון אַ ראָד.

— אַ־אַ־אַ, דער באַלעבאָס!... — האָט וואַלעט שפּאָטיש־באַ־גריסנדיק זיך געווענדט צו אים.

— גוט מאָרגן.

— גוט מאָרגן, וולאַדימיר סערגעיעוויטש!

— וואָס טוט איר דאָ?...

— מיר קנעטן ליים, — האָט דאַווידקאַ גיפטיק אַ שמייכל געטון, מיט אָנשטרענגונג אַרויסשלעפּנדיק די פיס פון דער זומפּיקער געדיכטעניש, וואָס האָט געשמעקט מיט מיסט. — דײַן טאַטעשי איז אַ שאָד אַ רובל אויסצוגעבן — באַבעס צו דינ־גען, רײַט ער אויף אונז. אַן אויסנוצער דײַן טאַטע! — האָט ער צוגעגעבן, מיט אַ טשמאָקערײַ די פיס איבערשטעלנדיק.

וולאַדימיר איז רויט געוואָרן. ער האָט געפילט צום אייביק־שמייכלענדן דאַווידקען, צו זײַן גרינגשעצנדיקן טאָן, אַפילו צו זײַ־נע ווײַסע, תּמיד מיט שפּייעכץ־באַזאַפּטיקטע ציין אַן אומבאַזיגבאַ־רע פײַנטשאַפט.

— אַן אויסנוצער?

— יאָ. אַ שרעקלעך קאַרגער. עסט פון אונטער זיך, — האָט דאַווידקאַ פּשוט אויסגעטײַטשט און אַ שמייכל געטון.

וואַלעט און טימאָפעי האָבן אײַנשטימיק צוגעלאַכט. וולאַדי־מיר האָט דערפילט אַ שטאָך פון באַליידיקונג. ער האָט קאַלט אַ קוק געטון אויף דאַווידקען.

— וואָס־זשע... ביסט, הייסט עס, נישט צופרידן?

— פּרוּוו נאָר דו אַרײַנקריכן מישן, וועסטו דעמאָלט געוואויר

ווערן. וועלכער שוטה וואָלט דאָס צופרידן געוועזן? דאָ וואָלט מען געדאַרפט דיין טאַטעשי אַריינשטעלן, אים וואָלט דער בויך אָפּגעפאַלן!

דאַווידקאַ האָט מיט אָנשטרענגונג געטאָפּטשעט אין ראָד, זיך וויגנדיק, הויך פאַררייסנדיק די פיס און אַצינד שוין גוטמוטיק און פריילעך געשמייכלט. פאַרפילנדיק אַן אָנגענעמע באַפרידיקונג, האָט וולאַדימיר געטאַשט די גדאַנקען. דער נייטיקער ענטפער האָט זיך אָפּגעזוכט.

— גוט, — האָט ער פאַמעלעך געזאָגט, — איך וועל איבערגעבן דעם טאַטן, אַז דו ביסט נישט צופרידן מיט דער דינסט.

ער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף דאַווידקאַס פּנים און איבערראַשט געוואָרן פון אַרויסגערופענעם איינדרוק: דאַווידקעס ליפּן האָבן נעבעכדיק און געצוואונגען געשמייכלט, די פּנימער פון די אַנדערע האָבן זיך געכמורעט. אַ מינוט צייט האָבן אַלע דריי שווייגנדיק געקנעטן דאָס ליים. ענדלעך האָט דאַווידקאַ אָפּגעריסן די אויגן פון זיינע שמוציקע פיס און בייז־חניפהדיק געזאָגט:

— איך האָב דאָך געשפּאַסט, וואָלאָדיאַ... נו, בלויז אין שפּאַס דאָס געזאָגט...

— איך וועל איבערגעבן דעם טאַטן, וואָס דו האָסט געזאָגט.

פילנדיק אין די אויגן טרערן פון באַליידיקונג פאַר זיך, פאַרן פאָטער און פאַר דאַווידקעס נעבעכדיקן שמייכל, איז וולאַדימיר דורכגעגאַנגען פאַרביי דער ציסטערנע.

— וואָלאָדיאַ!... וולאַדימיר סערגעיעוויטש!... — האָט דאַווידקאַ דערשראָקן אויסגעשריגן און אַרויסגעקראָכן פון דער קופּע ליים, גלייך אַראָפּלאָזנדיק די הויזן איבער די פיס, פאַרשמירטע ביז איבער די קניען.

וולאַדימיר האָט זיך פאַרהאַלטן. דאַווידקאַ איז, שווער אָטעמענדיק, צוגעלאָפן צו אים.

— דערצייל נישט דעם טאַטן... דאָס איז אין שפּאַס געזאָגט געוואָרן... זייט מוחל אַ שוטה... באמנות, אַן שלעכטן מיין!... אין שפּאַס...

— גוט. וועל איך נישט דערציילן!... — האָט וולאַדימיר מיט אַ פאַרקרימט פּנים אויסגעשריגן און זיך געלאָזט גיין צום טירל.

דאָס רחמנות צו דאַווידקען האָט גובר געווען. מיט אַ גע־פיל פון פאַרלייכטערונג האָט ער גענומען שפּרייזן לענגאויס דעם ווייסן שטאַכעטענעם פּלויט. פון דער שמידעריי, וואָס האָט זיך גע־פונען אין ווינקל הויף פון דער מיל, האָט זיך געהערט דאָס ריט־מישע קלאַפּן פון האַמער: איין מאָל איבערן אייזן — דומפּ און ווייך, צוויי מאָל — אונטערשפּרינגענדיק — איבערן קלינגענדיקן אַמבאָס.

— נאָכוואָס האָסטו געררירט? — האָט צום געהער פון אַוועק־גייענדיקן וולאַדימיר זיך דערטראָגן וואַלעטס געדעמפטער באַס. — ריר נישט, וועט נישט שטינקען.

„זעסט, נבלות, — האָט וולאַדימיר מיט כּעס אַ טראַכט געטון, — אָט, ווי זיי דריקן זיך אויס... דערציילן, צי נישט דער־ציילן?"

אומקערנדיק זיך, האָט ער דערזען דאַווידקעס פריערדיקן ווייס־ציינגיקן שמייכל און פעסט באַשלאָסן: „יאָ דערציילן!"

אויפן פלאַץ איז פאַרן מאַגאַזין צוגעבונדן צום סלופּ געשטאַ־נען אַן איינגעשפּאַנט פערד אין אַן אַרבע. פון דאַך פון דער פייערלעשער־שאָפּע האָבן קינדער געטריבן אַ מחנה גרויע טשווי־טשערנדיקע פייגל. פון דער טעראַסע האָט געהודזשעט דעם סטודענט באַיאַרישקינס הילכיקער באַריטאָן און נאָך עמעצנס קול — אָפּגעריסן, הייזעריקלעך.

וולאַדימיר איז אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַניק, איבער אים האָט זיך צעוויגט דאָס געבלעטער פון די ווילדע וויינטרויבן, וואָס האָבן געדיכט אַרומגעפלאָכטן דעם גאַניק מיט דער טעראַסע, אַראָפּהענגענדיק אין גרינע, שוים־אַרטיקע קוטשמעס פון בלויען, געשניצטן קאַרניז.

באַיאַרישקין האָט געשאָקלט מיטן פּיאָלעט־געגאָלטן קאָפּ און געריעדט, זיך ווענדנדיק צו יונגן, אָבער שוין בעררדיקן לערער באַלאַנדאַ, וואָס איז געזעסן לעבן אים.

— איך לייען אים און, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין אַ זון פון אַ קאָזאַק, אַן ערד-אַרבעטער, און פיל צו אַלע פּריווילע-גירטע קלאַסן אַ גאַנץ נאַטירלעכע שנאה, — ווײַס נאָר, שטעלט אייך פאָר, באַדויער איך ביז ווייטיק דעמדאָזיקן אונטערגייענ-דיקן שיכט. איך אַליין ווער שיער אַן אַדעליקער און גוטמוטיקער, פאַרטיף מיך מיט אַנטציקונג אין זייער אידעאַל פון דער פרוי, ווייטיק אויף זייערע אינטערעסן, — מיט איין וואָרט, דער טייוול ווייסט וואָס! אָט, טייערער מיינער, וואָס עס הייסט אַ ושעני! מען קאָן אויך דעם גלויבן בייטן.

באַלאַנדאַ האָט זיך געשפּילט מיט דער טרעזלעך פון זיין זיי-דענער גאַרטל און, איראָניש שמייכלענדיק, באַטראַכט די רויטע, מיט ווליטשקע אויסגענייטע מוסטערן אויף זיין רובאַשקע. ליזאַ איז געזעסן ברייט-אויסגעלייגט אין פאָטעל. דער שמועס האָט זי, משמעות, לגמרי נישט אינטערעסירט. זי האָט מיט גלייכגילטיקע, ווי עפּעס פאַרלוירענע און עפּעס זוכנדיקע אויגן לאַנגווייליק גע-קוקט אויף באָיאַרישקינס פּיאָלעט-צעראַצטן קאָפּ.

וואָלאָדימיר איז דורכגעגאַנגען, זיך פאַרנייגנדיק, און אָנגע-קלאַפּט אין פאָטערס קאַבינעט. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש איז געזעסן אויף אַ קילער לעדערנער קאָזעטקע און געבלעטערט דאָס יוני-בוך פון חודש-זשורנאַל „רוסקאַיע באָגאַטסטוואָ“. אויפן דיל איז געלעגן דאָס געל-ביינערנע פּאַפּיר-מעסער.

— האָסט עפּעס געוואָלט?

וואָלאַדימיר האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, נערוועז גלייך געמאַכט דאָס העמד אויף זיך.

— איך בין געגאַנגען פון דער מיל... — האָט ער נישט דרייסט אָנגעהויבן, אָבער דערמאַנענדיק זיך אָן דאַווידקעס בלענדנ-דיקן שמייכל און קוקנדיק אויפן פאָטערס קיילעכיקן, נעט אַרומגעפּאַסטן בויך אין טשעסוטשאַיענעם וועסט, האָט ער שוין אַנטשלאָסן ווייטער גערעדט: — ...און געהערט, ווי דאַווידקאַ האָט זיך אויסגעדריקט...

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און בעזאָגט :

— מיר וועלן אים אָפּזאָגן. גיי. — און קרעכצנדיק זיך אָנגעבויגן נאָכן מעסער.

אין די אָוונטן פלעגט ביי סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן זיך פאַרזאַמלען די אינטעליגענץ פון כוטאָר : באָיאַרישקין — דער סטודענט פון דער מאָסקווער טעכנישער שול ; דער דאָרער, פון גרויס אַמביציע און שווינדזוכט פאַרצערטער לערער באַלאַנדאַ ; זיין מיטוואוינערין — די לערערין מאַרפאַ געראַסימאָוונאַ — אַ קיילעכיק מיידל, וואָס עלטערט זיך נישט און ביי וועלכער די האַלקע קוקט תמיד נישט אָנשטענדיק פון אונטערן אָפּער קלייד ; דער פּאָסט־מייסטער — אַ מאָדנער פאַרשימלטער בחור, מיט אַ ריח פון לאַק און ביליקן פערפום. טיילמאָל פלעגט אויך קומען פון זיין גוט דער יונגער סאָטניק יעווגעני ליסטניצקי, וואָס איז געווען צוגאַסט ביים פאָטער — דעם אַדלמאַן און גוטבאַזיצער. אין די אָוונטן האָט מען געטרונקען טיי אויף דער טעראַסע, געפירט נישטיקע געשפּרעכן, און ווען די לאַנגווייליקע פעדעם פון געשפּרעך פלעגן זיך איבעררייסן, האָט עמעצער פון די געסט אָנגעשטעלט דעם באַלעבאָס' טיירן, מיט פּערלמוטער־געפּאַסטן גראַמאָפאָן.

טיילמאָל, אין די גרויסע יום־טובים, האָט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש ליב געהאַט אָנצושיטן שטויב אין די אויגן : ער האָט איינגעלאַדן צו גאַסט, מכבד געווען מיט טייערע ווייַנען, פרישן קאַוויאָר, ספּעציעל אויסגעשריבענעם פון באַטייסק, און די בעסטע פאַרבייסעכצן. אין דער געוויינלעכער צייט האָט ער געלעבט שפּאָרזאַם. דאָס איינציקע, אין וועלכן ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט, — איז געווען ביכער. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט ליב געהאַט צו לייענען און איז צו אַלעם דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם, ווי שטעכלקעס זיך טשעפּענדיקן שכל.

זיין שותף, דער בלאָנדער, מיטן שפּיציקן בערדעלע און איינגעגראָבענע שפּעלטלעך פון די אויגן, עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש אַטעפּין פלעגט זעלטן אַריינקומען. ער האָט חתונה געהאַט

מיט אַ געוועזענער מאָנאַכין פון אוכט־מעדוועדישן מאָנאַסטיר, געהאַט מיט איר אין משך פון זיין פופצן־יעריק פאַמיליע־לעבן אַכט קינדער און די גרעסטע טייל צייט פאַרבראַכט אין דער היים. עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש איז אַמאָל געווען אַ שרייבער אין אַ פּולק און פון דאָרט אין זיין פאַמיליע אַריין מיטגעבראַכט דעם פאַרדומפּענעם ריח פון הכנעה און חניפה. די קינדער זענען אין זיין קעגנוואַרט געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, געדעדט שעפּשטענדיק, יעדן אינדערפרי, נאָכן אָפּוואַשן, אין אַ שורה זיך אויסגעשטעלט אין עסצימער אונטערן ריזיקן וואַנט־זייגער, וואָס איז געהאָנגען ווי אַ שוואַרצער טויטן־ארון, די מוטער איז געשטאַנען פון הינטן, און ווי נאָר ס'האָט פון שלאָפצימער זיך דערהערט דעם פאָטערס טרוקענע אונטערהוסטן, האָבן זיי גלייך, מיט אַ פאַלשן טאָן, אויף פאַרשידענע קולות אָנגעהויבן: „באַשירם, גאָט, דיין פאָלק" און דערנאָך „פאָטער אונזערער".

עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש, וואָס פלעגט באַוויזן זיך אָנצוטון איידער די תפילה האָט זיך פאַרענדיקט, איז אַרויסגעקומען, זשמורענדיק די שפּעלטלעך פון די תמעוואַטע אויגן, אַרכיערעי מוזיק אויסגעשטרעקט די פליישיקע גאָלע האַנט. די קינדער זענען אין אַ רייע צוגעגאַנגען און זי געקושט. עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט אַ קוש געטון דער פרוי אין דער באַק און געזאָגט, נישט שאַרף אַרויסרעדנדיק דאָס אות „טש".

— פּאָלעצקאַ, האָסט פאַרבריט טיי?

— פאַרבריט, עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש.

— גיס־זשע אָן, נאָר שטאַרקע.

די בוכהאַלטעריע פון מאַגאַזין האָט ער געפירט. מיט אַ געציקלט כתב באַפּינטלט די זייטן אונטער די פעטע אונטערשריפטן „דעבעט" — „קרעדיט". געלייענט די „בערזע־ידיעות", אומנייטיק פאַרקלעמט זיין געבערגלטע נאָז אין גאָלדענע פענסנע. מיט די אָנגעשטעלטע זיך באַגאַנגען העפלעך.

— איוואַן פּעטראָוויץ, גיט דעם מענץ טאַוריצינער פּערקאַ.

דאָס ווייב האָט אים גערופן עמיליאַן קאָנסטאַנטינאָוויטש, די קינדער — טאַטעסי, און די סוביעקטן פון מאַגאַזין — צאַצע.

ביידע גייסטלעכע — דער פּאָטער וויסאַריאָן און דער ערווירדיקער פאָטער פּאַנקראַטי — האָבן מיט סערגעי פּלאַטאָנאָ־וויטשן נישט אָנגעהאַלטן קיין פריינטשאַפט, זיי האָבן געהאַט אַלטע חשבונות. זיי אַליין האָבן צווישן זיך אויך נישט גע־לעבט בשלום. דער היציקער רמאַי, פאָטער פּאַנקראַטי, האָט אויף אַ פּיפּיקן אופן געקאָנט אָפּטון מיאוסקייטן זיינע נאָענטע, און דער אַלמן, וואָס האָט געלעבט מיט זיין אוקרייאינישער עקאָנאָמקע, דער פּאָטער וויסאַריאָן מיט דער סיפיליטיש־איינגעפאַלענער נאָז, פון דער נאַטור אַ העפלעכער, האָט אויסגעמיטן און נישט ליב געהאַט דעם ערווירדיקן פאַר זיין איבערמעסיקער גאווה און רמאַישן כאַראַקטער.

אַלע, חוץ דעם לערער באַלאַנדאַ, האָבן אין כוטאָר געהאַט אייגענע הייזער. איבערן פּלאַץ האָט גדלותדיק זיך געהויבן מאָ־כאָווס הויז, געשאַלעוועט מיט שינדלען און אָפּגעפאַרבט אויף בלוי. קעגנאיבער, אין סאַמע נאָפּל פון פּלאַץ, האָט זיך אויסגע־לייגט דער מאַגאַזין מיט די טירן פון ביידע זייטן און דער אָפּ־בליאַקירטער שילד:

„האַנדלס־הויז מאָכאָוו ס. פּ. און אַטעפּין ע. ק.".

ביים מאַגאַזין האָט זיך געפונען אַ נידעריקע, לאַנגע שאָפּע מיט אַ קעלער. אַ צוואָנציק קלאַפטער ווייטער — דער געמויער־טער, קיילעכיקער פּאַרקן פון דער צערקווע און די צערקווע גופא מיטן קופּאָל, ענלעך צו אַ צייטיקער גרינער ציבעלע. פון דער צווייטער זייט צערקווע — די אָפּגעווייסטע, אַמטלעך־שטרענגע ווענט פון דער שול און צוויי פּאָרנעמע הייזער: אַ בלויס מיט אויך אַזאַ גערטל — דעם פּאָטער פּאַנקראַטיס, און אַ ברוינס (עס זאָל נישט ענלעך זיין) מיט אַ געשניצטן פּאַרקן און ברייטן באַל־קאָן — דעם פּאָטער וויסאַריאָנס. אַטעפּינס גאָרנדיק, זייער קליין הייזעלע, דערנאָך — די פּאָסט, שטרויענע און בלעכערנע דעכער

פון די קאָזאַקישע כאַטעס, דער משופּעדיקער רוקן פון דער מיל מיט די בלעכערנע, פאַרזשאַווערטע הענער אויפן דאַך.

אַזוי האָט מען געלעבט, זיך באַהאַלטנדיק פאַר דער בלויער וועלט מיט דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע לאָדנס אויף סוואָרזשנס. אין אָוונט, אויב מען איז נישט געגאַנגען צוגאַסט, האָט מען די סוואָרזשנס פאַררוקט, אָפּגעלאָזט די הינט פון דער קייט, און איבערן איינגעשטילטן כוטאָר האָט בלויז זיך געהערט די הילצערנע צונג פון נאַכטוועכטערס קלאַפּער.

II

סוף אויגוסט האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו צופעליק זיך באַגעגנט מיט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשס טאָכטער עליזאַוועטן ביים דאָן. ער האָט נאָר־וואָס זיך אומגעקערט פון יענער זייט דאָן און, צושווימענדיק צום ברעג, דערזען אַ קליין געפאַרבט שיפל, וואָס האָט לייכט געריינצלט די אויבערפלאַך פון שטראָם. דאָס שיפל האָט זיך אָפּגערוקט פון הינטערן באַרג און זיך אָנגעדרייט צום האַפן. ביי די רודערס איז געזעסן באָיאַרישקין. זיין גאָלער קאָפּ האָט געגלאַנצט פון שוויס, אויפן שטערן און די שלייפן זענען בולט געשטאַנען צווייגהאַפטיקע אָדערלעך.

מיטקאַ האָט נישט באַלד דערקענט עליזאַוועטן. אויף אירע אויגן איז געפאַלן אַ טונקל־בלויער שאָטן פון שטרויענעם הוט. זי האָט מיט זון־פאַרברוינטע הענט צו דער ברוסט צוגעדריקט אַ בינטל געלע וואַסער־ליליעס.

— קאָרשונאָוו! — זי האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, דערזעענדיק מיטקען. — האָסט מיך אָפּגענאַרט?

— פאַרוואָס אָפּגענאַרט?

— געדענקסט, האָסט מיר צוגעזאָגט צו פאָרן מיט מיר פיש כאַפּן!

באָיאַרישקין האָט אָפּגעלאָזט די רודערס און אויסגעגלייכט

דעם רוקן. דאָס שיפֿל איז מיט אימפּעט אַרויף מיטן שפּיץ אויפן ברעג, רוישיק צעדריקנדיק די קרייד־שטיינדלעך.

— געדענקסט? — האָט ליזאַ געלאַכט, אַרויסשפּרינגעודיק פון שיפֿל.

— קיין צייט נישט געווען. די אַרבעט... — האָט מיטקאַ זיך פאַרענטפערט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געקוקט אויפן מיידל, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— ניין! דאָס איז אוממעגלעך!... איך זאָג מיך אָפּ, עליזאַ־וועטאַ סערגעיעווונאַ! נאַט אייך אַלץ צוריק, און לאָזט מיך אַרויס! דערמאַנט אייך נאָר וויפיל מיר זענען איבער דעם פאַרשאָלטענעם וואַסער אַרומגעפאָרן. איך האָב אַזש געקריגן ברען־בלאָזן פון די רודערס. דאָס איז נישט אויף דער טרוקעניש!

באַיאַרישקין האָט האַסטיק אַרויפגעטרעטן מיט זיין לאַנגן באָרוועסן פוס אויף אַ שטעכעדיק קרייד־שטיינדל און מיט דער דענקע פון זיין צעקנייטשטש סטודענטיש היטל אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן. ליזאַ האָט אים נישט געענטפערט און צוגעגאַנגען צו מיטקען. מיטקאַ האָט אומגעשיקט אַ דריק־געטון די אים דערלאַנגטע האַנט.

— ווען־זשע וועלן מיר פאָרן פיש כאַפּן? — האָט זי גע־פרעגט, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ און זשמורענדיק די אויגן.

— אפילו מאָרגן. מיר האָבן שוין גערעדעשעט, קאָן מען שוין אַצינד.

— וועסט אָפּנאַרן?

— אָבער — ניין!

— וועסט קומען אינדערפרי?

— פאַרטאָג.

— כ׳וועל וואַרטן.

— כ׳וועל קומען — בנאמנות, כ׳וועל קומען!

— האָסט נישט פאַרגעסן, אין וועלכן פענסטער אָנצוקלאַפּן?

— כ׳וועל געפינען, — האָט מיטקאַ אַ שמייכל געטון.

— איך וועל מסתמא אינגיכן אַוועקפאָרן. עס וואָלט זיך גע־גלוסט אַ ביסל פיש כאַפּן.

מיטקאַ האָט שווייגנדיק געדרייט דעם פּאַרזשאַווערטן שליסל פון שיפל אין דער האַנט און איר געקוקט אין די ליפּן אַריין.

— ס׳וועט נאָך לאַנג דויערן? — האָט באַיאַרישקין גע־פרעגט, באַטראַכטנדיק אַ מוסטערהאַפּט זשאַבע־שיסעלע אויף דער האַנטפלאַך.

— מיר וועלן באַלד פאָרן.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און, איבער עפּעס שמייכלענדיק, געפרעגט:

— ביי אײַך איז דאָך געווען אַ חתונה?

— מיר האָבן די שוועסטער אויסגעגעבן.

— פאַר וועמען? — און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענט־פער, האָט זי אומפאַרשטענדלעך און קורץ אַ שמייכל געטון. — זאָלסטו־זשע קומען! — ווידער, ווי דעמאָלט, צום ערשטן מאָל אויף דער טעראַסע פון מאָכאָווס הויז, האָט דער שמייכל מיטקען אַ ברי געטון, ווי קראָפּיווע.

ער האָט זי באַגלייט מיט די אויגן צום שיפל

באָיאַרישקין האָט צעשטעלט די פיס און אַראָפּגעשטופּט דאָס שיפל; ליזאַ האָט מיט אַ שמייכל געקוקט איבער זיין קאָפּ אויף מיטקען, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן שליסל, און געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ.

אָפּפאָרנדיק אַ פינף קלאַפטער, האָט באָיאַרישקין שטיל געפרעגט:

— ווער איז דער חברה־מאַן?

— אַ באַקאַנטער.

— אַ האַרץ־פריינט?

מיטקאַ, הערנדיק זייער שמועס, האָט איבערן סקריפּען פון די האַקעס נישט דערהערט דעם ענטפער. ער האָט געזען, ווי באָ־יאַרישקין, זיך אָנלענענדיק אויף די רודערס און אויסבייגנדיק אַהינטער, האָט זיך צעלאַכט, אָבער איר פּנים האָט ער נישט גע־

זען, זי איז געזעסן צו אים מיטן רוקן. די באַנד פון בעז־קאָליר האָט אין לייכטן ווינט אַראָפּגעפלאַטערט פון הוט איבער איר שיפן, אַנטבלויזטן נאַקן, געציטערט און גערייצט דעם בליק פון מיטקעס פאַרנעפּלטע אויגן.

מיטקאַ, וואָס איז זעלטן געפאָרן כאַפּן פיש מיט אַ ווענד־קע, האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעגרייט אַזוי פלייסיק, ווי דעם אָוונט. ער האָט אָנגעהאַקט קיזעקלעך און אָפּגעקאָכט הירזש אין גאָרטן, שנעל איבערגעבונדן די נאָכגעלאָזטע קנופּן פון די האַטשקעס.

מיכעי, זיך צוקוקנדיק צו זיין צוגרייטן זיך, האָט אַ בעט געטון:

— נעם מיך מיט, מיטרי, אַליין איז אומבאַקוועם.

— איך וועל מיר אַליין אויך אַן עצה געבן.

מיכעי האָט אַ זיפץ געטון.

— מיר זענען שוין לאַנג נישט געפאָרן כאַפּן צוזאַמען. איך וואָלט אַצינד אַזוי גערן צוגעהאָלפן כאַפּן אַ קאַרפּ, כאָטש אַ האַלב־פודיקן.

מיטקאַ האָט זיך פאַרקרימט פון דער פאַרע, וואָס האָט גע־זעצט פון טאָפּ קאַשע, און פאַרשוויגן. ער האָט פאַרענדיקט די צוגרייטונגען און אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

דער זיידע גרישאַקאַ איז געזעסן ביים פענסטער; אָנזאָגט־לענדיק די נאָז מיט קיילעכיקע ברילן אין מעשענע רעמלעך, האָט ער געלייענט די עוואַנגעליע.

— זיידעשי! — האָט מיטקאַ אַ רוף־געטון, אונטערשפּאַרנ־דיק מיטן אַקסל דעם פענסטער־באַלקן.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט אַ גלאָץ געטון מיט די אויגן אי־בער די ברילן.

— האַ?

— וועק מיך אויף נאָכן ערשטן קרייען פון די הענער.

— וואוהין אַזוי פרי?

— פיש כאַפּן!

דער זיידע, וואָס האָט ליב געהאַט פיש, האָט כּלומרשט זיך קעגנגעשטעלט.

— דער טאַטע האָט געזאָגט — מען דאַרף מאָרגן די קאָנאָ־פּיעס דרעשען. נישט קיין צייט ליידיק צו גיין. נאַדיר אַ פיש־כאַפּער!

מיטקאַ האָט זיך אָפּרגערוקט פון אונטערן פענסטער־באַלקן און איבערגעכיטרעוועט:

— מיר איז אַלצאיינס. ס'וואָלט זיך געגלוסט דעם זיידן מיט פיש מהנה צו זיין. אויב אָבער מע דאַרף די קאָנאָפּיעס — מילא, וועל איך נישט גיין.

— ווארט צו, וואוהין לויפסטו? — האָט דער זיידע גרישאַקאַ זיך דערשראָקן, אויסטועענדיק די ברילן. — איך וועל אי־בעררעדן מיט מיראָנען, וואָלסט שוין אפשר יאָ געגאַנגען. אַ ביסל פיש כאַפּן וואָלט נישט קרום געווען, מאָרגן איז גראָד מיטוואָך. כ'וועל דיך אויפוועקן, גיי, גיי, שוטה! וואָס שטשירעסטו אַזוי?

האַלבע נאַכט האָט דער זיידע גרישאַקאַ, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט די ליינענע הויזן, מיט דער צווייטער, וואָס האָט גע־האַלטן דעם שטעקן, טאַפּנדיק דעם וועג, זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּלעך. ער איז ווי אַ ווייסער, זיך־טרייסלענדיקער שאָטן דורכ־געשוואומען איבערן הויף צום שייער און מיטן שפּיץ שטעקן אַ שטורכע געטון מיטקען, וואָס האָט געשנאָרכט אויף אַ דערע. אין שייער האָט געשמעקט מיט פריש־געדרעשעטער תבואה, מייזן־צואה און זויערן, שפּינוועב־פאַרדומפּענעם ריח פון אומבאַוואוינטער דירה.

מיטקאַ איז געשלאָפן אויף אַ דערע לעבן קאַסטן פון תבואה. ער האָט נישט באַלד זיך אויפגעכאַפּט. דער זיידע גרישאַקאַ האָט לכתחילה אים לייכט אַ שטורכע געטון מיטן שטעקן און געשעפּ־טשעט:

— מיטיושקאַ!... מיטקאַ!... העי, אויסוואורף דו, מיטקאַ!

מיטקאַ האָט מיט איינגעקורטשעטע פיס פעסט געשנאָרכט. ביז ווערנדיק, האָט דער זיידע אים אין בויך אַריינגעשטופּט דעם טעמפּן שפּיץ פון שטעקן און אָנגעהויבן בויערן, ווי מיט אַן עגבער.

מיטקאַ האָט אַרויסגעזיפצט, אָנגעכאַפּט דעם שטעקן און אויפגע־וואַכט.

— שלאָפט ווי אַ שוטה! אַזאַ שלאָף איז דאָך אַן אומגליק! — האָט דער זיידע געזידלט.

— שווייג, שווייג, גרימפּל נישט, — האָט דער פאַרשלאָפע־נער מיטקאַ געמירמלט, זוכנדיק די שיך איבערן דיל.

ער איז צוגעגאַנגען צום פלאַץ. איבערן כוטאָר האָט זיך צע־טראָגן דאָס צווייטע קרייען פון די הענער. ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס, פאַרביי דעם פּאַפּ וויסאַריאָנס הויז, געהערט ווי אין הינער־שלאַג האָט, קלאַפּנדיק מיט די פליגל, מיט אַ פּראָטאָדיאַקאָנישן באַס אויסגעקרייט דער האָן, און ס'האָבן מיט אַ דערשראָקן געשעפּ־טשעריי זיך צעקוואָקעט די הינער.

אויפן אונטערשטן טרעפּל פון מאַגאַזין האָט געדרעמלט דער וועכטער מיט דער נאָז פאַרשטעקט אין דער שעפּסענער וואַרעמ־קייט פון קאָלנער. מיטקאַ איז צוגעגאַנגען צו מאָכאָווס פאַרקן, אַוועקגעלייגט די ווענדקעס מיטן זעקעלע הירזש און, לייכט טרעטנדיק, די הינט זאָלן נישט הערן, אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַ־נעק. ער האָט אַ שלעפּ געטון די קאַלטע קליאַמקע פון דער טיר — פאַרמאַכט. איז ער אַריבערגעקראָכן די באַלוסטראַדע און צוגעגאַנ־גען צום פענסטער. די לאָדנס זענען האַלב געעפנט. פון שוואַרצן בלייז שמעקט מיט מיידלישן, וואַרעמען, שלאָפנדיקן קערפּער און אומבאַקאַנטע זיסע פּערפום־ריחות.

— ליזאַוועטאַ סערגעיעוונאַ!

מיטקען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט דאָס אַרויסגערעדט זייער הויך. האָט ער צוגעוואַרט אַ שטילקייט. „און אויב איך האָב מיך מיטן פענסטער טועה געווען? וואָס וועט זיין, אויב ער אַליין שלאָפט דאָ? דאָס וועט הייסן אַריינגעפאַלן!... ער וועט מיך מיט דער ביקס אַוועקלייגן", האָט מיטקאַ געטראַכט, דריקנדיק דאָס הענטל פון פענסטער.

— ליזאַוועטאַ סערגעיעוונאַ, שטיי אויף פיש כאַפּן.

„אויב איך האָב מיך מיטן פענסטער טועה געווען, וועט זיין אַ שיין פיש כאַפּן".

— שטיי אויף, אַ סוף! — האָט מיטקאַ אומגעדולדיק געזאָגט און אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין שטוב.

— האַ? ווער איז דאָס? — האָט זי שטיל־דערשראָקן פון דער פינסטערניש זיך אָנגערופן.

— וועסט גיין פיש כאַפּן? דאָס בין איך, קאָרשונאָוו.

— אַ־אַ־אַ, באַלד.

אין שטוב האָט געגומען שאָרכען. דאָס פאַרשלאָפענע, וואַרעמע קול האָט, דאַכט זיך, געשמעקט מיט מיענטע. מיטקאַ האָט געזען עפּעס ווייס', ווּאָ־כנדיקס, וואָס האָט איבערן צימער זיך באַוועגט. „עך, וואָלט באַטעמט געווען מיט איר דאָ צו שלאָפן אַ ביסל... נישט פיש צו כאַפּן... זיץ דאָרט און פריר..." האָט ער נישט קלאָר געטראַכט, איינעטעמענדיק דעם ריח פון שלאָפּ־צימער.

אין פענסטער האָט זיך באַוויזן איר לאַכנדיק פּנים, אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל.

— איך וועל דורכן פענסטער. די האַנט דערלאַנג מיר.

— קריך, — האָט מיטקאַ אונטערגעהאָלפן.

זיך אָנלענענדיק אויף זיין האַנט, האָט זי אים נאָענט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— צי האָב איך נישט פאַרשפּעטיקט?

— שאַדט נישט. מיר וועלן באַוויזן.

זיי זענען געגאַנגען צום דאָן. זי האָט מיט דער ראָזער האַנט זיך געריבן די לייכט־אָנגעקוואָלענע אויגן און געזאָגט:

— איך בין געשמאַק געשלאָפן. מ'וואָלט געדאַרפט נאָך אַ ביסל שלאָפן. שוין צו פרי גייען מיר.

— פונקט, ווי מען דאַרף.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום דאָן דורכן ערשטן געסל פון פלאַץ. איבער נאַכט האָט דאָס וואַסער צוגענומען און דאָס שיפל, וואָס איז נעכטן איבערגעלאָזט געוואָרן, צוגעבונדן צו אַ שטאַם

אויפֿן ברעג, האָט זיך אָצינד געוויגט, אַרומגערינגלט מיט וואַסער.

— מען דאַרף די שיך אויסטון, — האָט ליזאַ אַ זיפץ געטון, מיטן בליק מעסטנדיק דעם שטח צום שיפל.

— איך וועל דיך אפשר אַריבערטראָגן? — האָט מיטקאַ פאָרגעלייגט.

— ס'איז נישט באַקוועם... כ'וועל בעסער די שיך אויסטון.

— ס'וועט באַקוועמער זיין.

— מען דאַרף נישט, — האָט זי פאַרלעגן געענטפער.

מיטקאַ האָט מיט דער-לינקער האַנט אַרומגענומען אירע פיס העכער פון די קניען און, לייכט זי אויפהייבנדיק, אָנגעהויבן שליאַפען אין וואַסער צום שיפל. זי האָט נישט ווילנדיק אַרומגע־כאַפט זיין אָפּגעברענטן פעסטן האַלז און שטיל און וואָרקענדיק זיך צעלאַכט.

ווען מיטקאַ וואָלט זיך נישט געשטרויכלט אָן שטיין, אויף וועלכן די באַבעס פון כוטאָר קלאַפן אויס די וועש מיט זייערע קיאַנקעס, וואָלט נישט געווען דער אומגעריכטער, קורצער קוש. אַרויסקרעכצנדיק, האָט זי זיך צוגעדריקט צו מיטקעס צעפלאַצטע ליפן, און ער איז שטיין געבליבן מיט איר צוויי טריט פון גרויען ווענטל פון שיפל. דאָס וואַסער איז אים אַריין אין די שיך, געקילט זיינע פיס.

אונטערהייבנדיק דאָס שיפל, האָט ער מיט קראַפט עס אַראָפּ־געשטופט און אין גאַנג אַריינגעשפרונגען. ער האָט גערודערט מיט אַ קורצן רודער, שטייענדיק. פון הינטן האָט דאָס וואַסער גע־רוישט, זיך געפליעסקעט. דאָס שיפל האָט מיטן אונטערגעהויבע־נעם שפיץ ווייך געשניטן דעם שטראָם, זיך אָנדרייענדיק צום קעגנאיבערדיקן ברעג. די ווענדקעס זענען, ציטערנדיק, אונטער־געשפרונגען.

— וואוהין שיפסטו? — האָט זי געפרעגט, זיך אומקוקנדיק.

— אויף דער צווייטער זייט אַריבער.

ביים זאַמדיק־משופּעדיקן ברעג האָט דאָס שיפל זיך אָפּגע־שטעלט. נישט פרעגנדיק, האָט מיטקאַ זי גענומען אויף די הענט

און צוזעקגעטראָגן אין די קוסטעס פון די ווילדע עפּל־ביימלעך ביים ברעג. זי האָט געביסן זיין פּנים, געגראַטשעט, אַ צווי מאָל פאַרשטיקט אַרויסגעשריגן, און פילנדיק, אַז זי פאַרלירט די כּוחות, זיך צעוויינט בייז, אָן טרערן.

. . . .
. . . .

זיי האָבן זיך אומגעקערט אַ זייגער ניין. דעם הימל האָט פאַרהילט אַ געלבלעך־רויטער נעפּל. איבערן דאָן האָט געטאַנצט אַ ווינט, געשויבערט די כוואַליעס. דאָס שיפל האָט לייכט זיך געגליטשט איבער די באַלכסונדיקע כוואַליעס, און די שוימיקע קילע וואַסער־שפּריצן, אויפגעהויבענע פון די טיפענישן, זענען גע־פאַלן אויף עליזאַוועטעס אויסגעבלייכט פּנים, אַראָפּגערונען און הענגען געבליבן אויף די ווינעס און לאָקן, וואָס האָבן זיך אַפּערגע־רוקט פון אונטער איר קאָפּ־טיכל.

זי האָט מיד געזשמורעט די אויסגעלערטע אויגן, געבראָכן צווישן די פינגער אַ שטענגל פון אַ בלימל, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן אין שיפל אַריין. מיטקאַ האָט געשיפּט, נישט קוקנדיק אויף איר. ביי זיינע פיס האָט זיך געוואַלגערט אַ נישט גרויסער קאַרפּ און אַ לעשטש, מיט אַ פאַרשטייפּט מויל, אין טויט־קראַמף, און בולט אויג, אין אַן אָראַנזש־רעמל. איבער מיטקעס פּנים האָט געבלאָנדזשעט אַן אויסדרוק פון שולד, צופרידנקייט האָט זיך גע־קרייצט מיט אומרו...

— כ׳וועל דיך צופירן צום סעמיאָנאָווער האַפן. פון דאָרט וועסטו האָבן נענטער, — האָט ער געזאָגט, אָנדרייענדיק דאָס שיפל צום שטראָם.

— גוט, — האָט זי שעפּטשענדיק מסכּים געווען.

אויפן ברעג איז געווען פוסט, די פאַרקנס פון די גערטענער ביים דאָן, וויס־באַפּודערטע פון קרייד־שטויב, האָבן אומעטיק זיך געצויגן, דורכגענומענע פון הייסן ווינט, און אָנגעטרונקען די לופט מיט אַ ריח פון טרוקענע צווייגלעך. די צייטיקע, שווערע היטן פון

די ביר־רויזן, אויסגעפּיקטע דורך די שפּערלען, זענען אַראָפּגע־האָנגען צו דער ערד, פאַרלירנדיק די פּוך־באַדעקטע סעמעטש־קעס. דאָס יונגע גראָז אויף דער לאָנקע האָט פערלמוטערדיק גע־לויכטן. אינדערווייטנס האָבן אַרומגעבריקעט די זשרעבאַקעס, און דער הייסער צפון־ווינט האָט פאַרטראָגן צום דאָן דאָס לאַכנ־דיקע קלינגען פון די גלעקלעך, אָנגעהאָנגענע אויף זייערע העלזער.

מיטקאַ האָט אויפגעהויבן די פיש און זיי דערלאַנגט עליזאַ־וועטען, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון שיפל.

— נאַ! נעם, וואָס מיר האָבן געכאַפּט.

זי האָט דערשראָקן אַ פלאַטער געטון מיט די וויעס און גע־נומען.

— נו, איך וועל שוין גיין.

— מילא...

זי האָט זיך געלאָזט גיין, האַלטנדיק אין דער האַנט די פיש, אַרויפגעשטאָכענע אויף אַ ווערבע־צווייגל, אַ נעבעכדיקע, האָבנ־דיק אין די קוסטעס פון די ווילדע עפּל־ביימלעך פאַרלוירן איר פריערדיקע זעלבסטזיכערקייט און פרייַלעכקייט.

— ליזאַוועטאַ!

זי האָט זיך אויסגעדרייט, באַהאַלטנדיק אין אויסבויג פון די ברעמען איר פאַרדרוס און פאַרוואונדערונג.

— קום נאָר צוריק אויף אַ ווײַלע.

און ווען זי איז נעענטער צוגעקומען, האָט ער געזאָגט, ביז אויף זיין פאַרלוירנקייט:

— מיר האָבן נישט באַמערקט... אַך, דאָס קלייד דאָרט פון הינטן... אַ פלעקעלע... אַ קליינס...

זי האָט זיך אָנגעצונדן, באַגאָסן מיט רויטקייט ביז טיף אין האַלז אַראָפּ.

מיטקאַ האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געעצהט:

— גיי הינטנאַרום.

— כ׳וועל סיי־ווי מוזן גיין דורכן פלאַץ. כ׳האָב אָבער גע־

וואָלט דאָס שוואַרצע קלייד אָנטון, — האָט זי מיט פאַרדרוס און אומגעריכטער פאַראַכטונג אַרויסגעשעפּטשעט, אַ קוק געבנדיק אויף מיטקעס פּנים.

— לאָז, וועל איך מיט אַ בלעטל אויף גרין פאַררייבן! — האָט מיטקאַ פּשוט פאַרגעלייגט און זיך געוואונדערט אויף די טרערן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

ווי אַ שאַרכנדיקער ווינט-געמירמל האָט דאָס נייעס זיך דורכגעטראָגן איבערן כוטאָר: „מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשס טאָכטער פאַרפירט". ס'האָבן געגאָדערט די באַבעס ביים אַרויסטרייבן די בהמות פאַרטאָג; אונטערן שמאָלינקן, אין גרויען שטויב פאַרשוואומענעם שאָטן פון ברונעם-בושעל, איבערגיסנדיק דאָס וואַסער פון די עמערס; ביים דאָן אויף די שטיין-פּליטעס, אויסקלאַפּנדיק דאָס גרעט מיט די קיאַנקעס.

— אַזוי, אַזוי געשעט, ווען אַ קינד האָט נישט קיין מאַמע.

— ער אַליין האָט קיין צייט נישט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן און די שטיפמאַמע קוקט דורך די פינגער... דער וועכטער דאַווידקאַ, אָן די פינגער, האָט אַנומלט דערציילט: „כ'קוק אַזוי האַלבע נאַכט, און אין זייטיקן פענסטער גראַבלט זיך אַ מענטש. נו, מיין איך, אַ גנב קריכט צו פּלאַטאָניטשן. לויף איך דאָך אוודאי צו. — ווער איז דאָס! פּאָליציי! — און דאָס איז גאָר טאַקע ער, מיטקאַ".

— הייניקע מיידן, דער רוח זאָל זיי נעמען...

מיטקאַ האָט פאַר מיין מיקישקען זיך געריימט: „כ'וועל, זאָגט ער, זיך שדכענען".

— זאָל ער זיך פריער די נאָז אָפּווישן!

— ער האָט זי גענומען מיט כּוח, זאָגט מען, פאַרגוואַלטיקט...

— אי-אי-אי, שכנטע!...

דאָס רכילות איז געפלאָסן איבער אַלע גאַסן און געסלעך. מ'האָט דעם מיידלס ריינעם נאָמען ווי אַ פרישן טויער מיט געדיכטן דזשעגעכץ אויסגעשמירט...

איז דאָס גערעדעריי אויף סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשס פּליכיקן קאָפּ אַראָפּגעפאַלן, אים צו דער ערד צוגעדריקט. צוויי מעת-לעת

איז ער נישט אַרויסגעקומען, נישט אין מאַגאַזין, נישט אין דער מיל. די דינערשאַפט, וואָס האָט געוואוינט אונטן, האָט בלויז צו מיטאָג זיך באַוויזן.

אויפן דריטן טאָג האָט מען פאַר סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן איינ־געפּאַנט אין דער בריטשקע דעם גרוי־געפּלעקטן זשרעבאַק, ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער סטאַניצע אַריין, ענטפערנדיק מיט אַ וויכטי־קער און ערנסטער מינע קוים מיט אַ שאָקל פון קאָפּ אויף די באַגריסונגען פון די באַגעגנטע קאָזאַקן. און באַלד נאָך אים האָט פון הויף זיך אַרויסגעגליטשט אַ גלאַנציק־לאַקירט ווינער קעטשל. דער קוטשער עמעליאַן, באַנוצנדיק דאָס אויסגעבויגענע פּיפּקעלע, וואָס איז געלעגן איבער זיין גרויליך בערדל, האָט אַ צע־נעם־געטון די בלוי־זיידענע לייצן, און די כּמעט קאַרע האָבן שפּילעוודיק זיך אַ טראָג־געטון איבער דער גאַס. הינטער עמעליאַנס געבויגענעם רוקן האָט זיך געזען די בלייכ עליזאַוועטע. זי האָט גע־האַלטן אַ לייכט רענצל אין דער האַנט און נישט פריילעך גע־שמייכלט; זי האָט מיט דער הענטשקע געפאָכעט צו וולאַדימירן און דער שטיפמוטער, וואָס זענען געשטאַנען אין טויער. פּאַנטעלעי־פּראָקאָפּיעוויטש, וואָס האָט גראָד אַרויסגעהינקט פון געוועלב, האָט זיך פאַראינטערעסירט, זיך ווענדנדיק צום הויף־וועכטער ניקיטאַ:

— וואו איז זי דאָס געפאָרן, די פּריצה ?

און יענער, נאָכקומענדיק דער פּשוטער מענטשלעכער שוואַכ־קייט, האָט געענטפערט:

— קיין מאָסקווע, זיך לערנען, אויף די קורסן.

צומאָרגנס איז געשען אַזוינס, וועגן וועלכן מ׳האָט לאַנג נישט אויפגעהערט צו רעדן סיי ביים דאָן, סיי אין שאָטן פון די ברונ־נעם־בושעלס, סיי ביי די בהמות אַרויסטרייבן... בין־השמשות (דער טאַבון האָט אין שטויב־וואָלקן זיך שוין אומגעקערט פון סטעפּ) איז צו סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן געקומען מיטקאַ (בכיוון שפּעטלעך, עס זאָל אים קיינער נישט באַמערקן). נישט סתם אַזוי געקומען, נאָר זיך שדכענען צו זיין טאָכטער עליזאַוועטאַ.

פאַר דעם האָט ער זיך געזעגנט מיט איר אַ פיר מאָל, נישט מער. בשעת דער לעצטער באַגעגעניש איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

— האָב מיט מיר חתונה, עליזאַוועטאַ, האַ?

— אַ נאַרישקייט!

— כ'וועל דיך שוינען, ליב האָבן... צו דער אַרבעט איז דאָ ביי אונז גענוג מענטשן, וועסט זיצן ביים פענסטער, לייענען ביכלעך.

— ביסט אַ שוטה!

מיטקאַ האָט זיך באַליידיקט און פאַרשוויגן. ער איז אַהיים־געגאַנגען דעם אָוונט באַצייטנס און אינדערפרי געזאָגט צום פאַר־וואונדערטן מיראָן גריגאָריעוויטשן:

— טאַטע, מאַך מיך חתונה.

— ביסט דול געוואָרן?

— איך מיין אויף אַן אמת, איך שפּאַס נישט.

— ס'האָט דיר צוגעטרעטן?

— גיי שוין...

— וועלכע האָט דיך דאָס אַ נעם געטון, נישט אַמאָל די צעדרייטע מאַרפושקאַ?

— שיק שדכנען צו סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן.

מיראָן גריגאָריעוויטש, האָט פּינקטלעך אויסגעלייגט אויף דער באַנק די שוסטער־מכשירים (ער האָט גראָד פאַררעכטן די לייצן), און אַ הירזשע געטון:

— דו, זון מיינער, ביסט היינט, אפנים, גוט אויפגעלייגט.

מיטקאַ האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע, ווי אַ בוהיי, וואָס וויל אַ וואַנט דורכזעצן. דער פאָטער האָט זיך אָנגעצונדן.

— שוטה! סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש פאַרמאָגט מער פון הונדערט טויזנט, ער איז אַן סוחר, און דו וואָס ביסט?... גיי פון דאַנען, טשעפּע דיך נישט, וואָרים איך וועל אַזאַ חתן מיט דער לייץ דערלאַנגען!

— מיר האָבן צוועלף פּאָר אָקסן, אַזאַ גוט, ער איז אַ פּויער, און מיר זענען קאָזאַקן.

— טראָג דיך! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש קורץ באַפוילן. ער האָט נישט ליב געהאַט לאַנג איינצוטענהן.

מיטקען האָט בלויז מיטגעפּילט דער זיידע גרישאַקאַ. ער איז צוגעשטאַנען צום זון, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן איבערן דיל.

— מיראָן!

— נו!

— וואָס שטעלסטו דיך אַקעגן? אויב דעם בחור געפעלט אַזוי שטאַרק...

— טאַטע, איר זענט פּשוט אַ קינד, בנאמנות! גענוג איז מיטרי אַ נאַר, אָבער אייך דאַרף מען קומען אָנקוקן...

— ציך! — האָט דער זיידע גרישאַקאַ מיטן שטעקן אַ קלאַפּ געטון. — צי האָבן מיר זיך צו שעמען פאַר זיי? ער דאַרף זיך האַלטן פאַר אַ כבוד, וואָס צו זיין טאָכטער שדכנט זיך אַ זון פון אַ קאָזאַק. ער וועט זי אַוועקגעבן בתשועת-חן. מיר זענען באַקאַנטע מענטשן אין דער גאַנצער סביבה. נישט אַ ליאַדע ווער, באַלעבאַטים!... יאָ!... פּאָר, מיראָשקאַ, האָסט נישט וואָס צו טראַכטן! אַלס נדן זאָל ער געבן די מיל. בעט אים!

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אָנגעהויבן סאָפּען און אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, און מיטקאַ האָט באַשלאָסן צוצוואַרטן ביז פאַרנאַכט און אַליין גיין. ער האָט געוואוסט, אַז דעם פאָטערס עקשנות, איז ווי אַ וואָרצל פון אַן אולם-בוים; בייגן — וועט ער זיך, אָבער אויסרייסן זאָלסטו גאָרנישט פּרווון.

ער איז פייפנדיק צוגעגאַנגען צום פּראָנט-גאַנג, און פאַרלוירן זיין מוט. ער איז געשטאַנען אַ ביסל און זיך געלאָזט גיין דורכן הויף. אויפן גאַנעק האָט ער געפרעגט דאָס שטובמיידל, וואָס האָט אַ רויש-געטון מיטן קראָכמאַליעטן פאַרטוך:

— דער באַלעבאָס איז אינדערהיים?

— ער טרינקט טיי. וואַרט צו.

ער האָט זיך געזעצט, געוואַרט, אויסגערייכערט אַ פּאַפּיראָס

און מיט באַשפּיגענע פינגער אים פאַרלאָשן, שוואַרץ צערייבנדיק דעם פּיטום איבערן דיל. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש איז אַרויסגעקומען, אָפּשאָקלענדיק די קרישקעס פון וועסט; ער האָט דערזען — און די ברעמען אָנגעכמורעט.

— קומט אַריין.

מיטקאַ איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען אין קילן, מיט ביכער און טיטון שמעקנדיקן קאַבינעט, און דערפילט, אַז דער זאַפּאַס דרייסטקייט, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים, האָט געקלעקט בלויז ביז צו דער טיר פון קאַבינעט.

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אויסגעדרייט אויף די סקריפּענדיקע אָפּצאַסן.

— נו? — זיינע פינגער האָבן הינטערן רוקן געקראַצט די לינקע זייט בלאַט פון שרייבטיש.

— כ'בין געקומען געוואויר ווערן... — מיטקאַ איז פאַרזונקען אין קאַלטן שליים פון די אויגן, וואָס האָבן אים דורכגעבוירט און, ווי פון קעלט, אַ שוידער געטון מיט די פּלייצעס, — איר וועט אפשר אויסגעבן ליזאַוועטען?

פאַרצווייפלונג, כעס און פּחד האָבן אַרויסגערופן אויף מיטקעס פּנים אַ שווייס, אַזאַ לייכטן, ווי די טוי-פייכטקייט אין טעג פון טרוקעניש.

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשס לינקע ברעם האָט געציטערט און די אייבערשטע ליפּ האָט זיך געשטשירעט, אויפדעקנדיק איר ברוינלעך-רויטן אונטערשלאַק. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז און זיך איינגאַנצן אָנגעבויגן פאָרויס.

— וואָס?... וואָ-אָ-ס?... אויסוואורף!... שוין אַרויס!... צום אַטאַמאַן וועל איך דיך אַוועקפירן! אַך, דו צויגן-זון! עקל-האַפטע ברואה דו!...

מיטקאַ, דרייסט ווערנדיק פון פרעמדן שרייען, האָט זיך צוגעקוקט צום אָנקוועלן פון בלויען בלוט אין סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשס באַקן אַריין.

— נעמט נישט פאַר אומגוט... כ'האָב געוואָלט מיין שולד אויסקויפן.

סערגעי פלאַטאָנאָוויטש האָט אַ בלאַנזשע געטון מיט די בלוט-און טרערן-פאַרלאָפענע אויגן און צו מיטקעס פיס אַ שליידער געטון אַ שווערן אַש-בעכער. דער אַש-בעכער איז אָפּגעשפּרונגען און געטראָפן מיטקען אין קני-ביין פון לינקן פיס, אָבער ער האָט געדולדיק אויסגעהאַלטן די ווייטיק, מיט איין ריס אויפגעפּראַלט די טיר, און מיט עזות שטשירענדיק די ציין פון ווייטיק און באַליידיקונג, אויסגעשריגן:

— אייער ווילן, סערגעי פלאַטאָנאָוויטש, ווי איר ווילט, און איך מיין מיטן גאַנצן האַרץ... ווער וועט אַזעלכע נעמען? איך האָב געוואָלט די שאַנד פאַרדעקן... וואָרים ווער וועמען איז אַן אָנגעהויבענער ביסן נייטיק? אפילו אַ הונט וועט אַזוינס נישט עסן.

מיטן צעקנייטשטן טיכל ביי די ליפּן, האָט סערגעי פלאַטאָנאָוויטש פוס-טריט אָנגעהויבן מיטקען כּאַרפּאָלגן. ער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צום פראָנט-גאַנג, און מיטקאַ איז אַרויס אויפן הויף. דאָ האָט סערגעי פלאַטאָנאָוויטש בלויז מיטן אויג אַ וואונק געטון צום קוטשער עמעליאַן, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף און בשעת מיטקאַ האָט זיך געפּאָרעט ביים שווערן ריגל פון טירל, זענען דערוויל פון הינטער דער שאָפּע אַפּערגעשפּרונגען פיר אָפּגעלאָזטע הינט און, דערזעענדיק אַ פרעמדן, זיך אַ טראָגעטון איבערן ריין-אויסגעקערטן הויף.

פון ניזשנער ירידס האָט סערגעי פלאַטאָנאָוויטש אין טויזנט ניינהונדערט צענטן יאָר געבראַנגט אַ פּאָר שוואַרצע געקרייזלטע הינטעלעך — אַ צויג מיט אַ קאָבעל. אין משך פון אַ יאָר זענען זיי אויסגעוואַקסן די גרייס פון אַ יעריק קאַלב, לכתחילה צעריסן די קליידער אויף די ווייבער, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען מאָכאָווס הויף, דערנאָך זיך אויסגעלערנט די ווייבער אומוואַרפן און זיי בייסן די לידקעס, און ערשט דעמאָלט, ווען זיי האָבן אויף טויט צעביסן דעם פּאָטער פאַנקראַטיס אַ קאַלב מיט צוויי חזירים, האָט סערגעי פלאַטאָנאָוויטש באַפוילן זיי צו נעמען אויף דער קייט.

אָפּגעלאָזט האָט מען די הינט אויף בײַנאַכט און איין מאָל אין יאָר, פֿרילינגס־צײַט צום פּאָרן זיך.

מיטקאַ האָט נישט באַוויזן מיטן פּנים זיך אויסצודרייען, ווי דער פּעדערשטער, מיטן נאָמען באַיאַן, האָט אים פֿאַרוואָרפֿן אַ לאַפּע אויפֿן אַקסל און פֿאַרהאַקט דעם פּיסק, פֿאַרזינקענדיק די ציין אין זײַן וואַטענעם ראָק. זיי האָבן געריסן, געשלעפּט, זיך געווירבלט אין אַ שוואַרצן קנויל. מיטקאַ האָט זיך אָפּגעיאָגט מיט די הענט, באַמיענדיק זיך נישט אַנידערצופֿאַלן. ער האָט אגבֿ־אורחא געזען, ווי עמעליאַן, פֿאַרשפּרייטנדיק פֿונקען פֿון זײַן פּיפּקעלע, האָט זיך אַוועקגעשאַרט צום הינטערשטן בנין, פֿאַרקלאַפּנדיק די געפֿאַרבטע טיר נאָך זיך.

אין ווינקל גאַנעק, אָנגעלענט מיטן רוקן אָן דער וואַסעררער, האָט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש זיך געריבן די ווײַסע פּויסטלעך, באַוואַקסענע מיט גלאַנציקע, האַרטע האָר. וואַקלענדיק זיך, האָט מיטקאַ אויפֿגערוקט דעם ריגל און אויף די פֿאַרבלוטיקטע פּיס מיטגעשלעפּט נאָך זיך דעם ריטשענדיקן הינטישן געקנויל, וואָס האָט געעיפּושט מיט צעפֿאַרעטן, הינטישן ריח. באַיאַנען האָט ער איבערגעבראָכן דעם קאַרק, דערשטיקט, און פֿון די איבעריקע האָבן אים קוים אָפּגעיאָגט די דורכגייענדיקע קאָזאַקן.

III

נאַטאַליאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּאַסיק פֿאַרן הויז פֿון די מעליעכאָווס. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זײַנע קינדער געלערנט; נישט געקוקט אויף זײַן רײַכקייט און דערויף, וואָס ער האָט חוץ זיי געהאַט פֿאַראָבקעס, האָט ער זיי געניִיט צו אַרבעטן, צוגעוויינט צו אַרבעט. די אַרבעטזאַמע נאַטאַליאַ האָט נושא־חן געווען בײַ אירע שווער און שוויגער. איליניטשנאַ, וואָס האָט פֿאַרבאָרגענערהייט נישט שטאַרק ליב געהאַט די עלטערע שנור — די

פּאַצעטקע דאַריע, האָט צו נאַטאַליען זיך צוגעבונדן פון ערשטן טאָג אָן.

— שלאָף, שלאָף נאָך אַ ביסל, קינדעלע מיינס! וואָס ביסטו שוין אויפגעשטאַנען? — האָט זי ליבלעך געבורטשעט, אַרומשלייאַ-פּענדיק מיט די דיקע פּיס איבער דער קיך — גיי, שלאָף נאָך אַ ביסל, מיר וועלן זיך אָן דיר אויך אַן עצה געבן.

נאַטאַליע, וואָס איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צוהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט, איז צוריק אַוועקגעגאַנגען אין שטוב אַריין נאָך שלאָפן אַ ביסל.

אפילו פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וואָס איז שטרענג געווען צו די הויז-מענטשן, פלעגט אויך זאָגן צום ווייב:

— הער, דו, נאַטאַשען וועק נישט. זי לויפט זיך אַזוי אויך אָן איבערן טאָג. זי קלויבט זיך אַקערן מיט גרישען. דאַריען, דאַ-ריען טרייב אונטער. זי האָט ליב צו פוילן זיך, אַ הולטייקע... פאַרבט זיך, די הינטישע זרע, און שוואַרצט די ברעמען זיך צו.

— זאָל זי כאָטש דאָס ערשטע יאָר זיך אַ ביסל אָנליבן, — האָט איליניטשנאַ געזיפצט, דערמאַנענדיק זיך אָן איר אייגן שווער-פאַרהאָרעוועט לעבן.

גריגאָרי האָט זיך אַ ביסל איינגעלעבט אין זיין נייער לאַגע נאָך דער חתונה, זיך צוגעוויינט, אָבער אַ דריי וואָכן שפּעטער מיט שרעק און פאַרדרוס אין זיין האַרץ זיך קלאָר געמאַכט, אַז ער האָט נישט אינגאַנצן איבערגעריסן מיט אַקסיניען, — עס זענען געבליבן ווי שטיק-לעך פּיעניעס נאָך אַן אויסגעפּרוכניעטן, פוילן צאָן. דאָס, וואָס ער האָט אין זיין חתן-בחורישער וואוילערישקייט שטיפעריש מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט, איז פעסט אַריינגעוואַקסן אין אים. ער האָט גע-מיינט, עס וועט זיך אויסהיילן, פאַרגעסן ווערן, און אָט איז עס נישט פאַרגעסן געוואָרן און בלוטיקט ביים דערמאַנען זיך...

נאָך פאַר דער חתונה האָט פּיעטראָ איינמאָל בשעתן דרעשען אים געפרעגט?

— גרישקאַ, און וואָס וועט זיין מיט אַקסיוטקען?

— קעגן וואָס?

— ס'איז דיר נישט אַ שאָד זי אַוועקצוּוואַרפן ?

— איך וועל אַוועקוואַרפן — וועט אַ צווייטער אויפהייבן, — האָט גרישקאַ דעמאָלט געלאַכט.

— געדענק־זשע, — און פּיעטראָ האָט זיין ווייכע וואָנסע גע־קייעט, — וואָרים נישט אין דער געהעריקער צייט האָסטו חתונה...

— וואָס נעכטן געווען, איז ווי קיינמאָל געשען — האָט גריש־קאַ געשפּאַסט.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש. אין די נעכט, פון פליכט צערטלענדיק דאָס ווייב, אָנציבנדיק זי מיט זיין יונגער ליידנשאַפט, האָט ער פון איר זייט באַגעגנט קאַלטקייט, פאַר־לוירענע אונטערטעניקייט. נאַטאַליע האָט נישט גערן אויפגע־נומען דעם מאַנס לאַסקעס. ביים געבוירן ווערן האָט איר די מו־טער איבערגעגעבן איר קאַלט, פלעגמאַטיש בלוט, און דערמאַנענ־דיק זיך אָן דער ווילד־ליידנשאַפטלעכער אַקסיניען, האָט גריגאָרי געזיפצט:

— דיך, נאַטאַליע, האָט דיין טאַטע געמוזט אויף אַן אייז־קריע אָנהייבן... דו ביסט אַזאַ קאַלטע.

און אַקסיניאַ האָט, מיט טונקל־געוואָרענע אַפּלען, בשעת די באַגעגענישן אומפאַרשטענדלעך געשמייכלט און געלאָזט פאַלן קלע־פּיק־שליימיקע ווערטער:

— וואָס מאַכסטו, גרישענקאַ ! ווי לעבסטו און לייבסטו מיטן יונגן ווייבל דיינעם ?

— מע לעבט... — האָט גריגאָרי זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ נישט קלאָרן ענטפער און זיך באַמיט וואָס שנעלער אַנטרינען צו ווערן פון אַקסיניעס ליבלעכע אויגן.

סטעפּאַן האָט, משמעות, זיך איבערגעבעטן מיטן ווייב. ער האָט זעלטענער אָנגעהויבן קומען אין קרעטשמע אַריין, און איינ־מאָל אין אַן אָוונט, בשעתן ווייען די תבואה, דאָס ערשטע מאָל נאָך זייער ברוגז, אין שייער פאָרגעלייגט:

— לאָמיר, אַקסיושקאַ, עפּעס זינגען.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעלענט אָן דער קופּע אויסגעדראָשענעם שטויביקן ווייץ. סטיעפּאַן האָט אָנגעהויבן זינגען אַ מיליטעריש ליד. אַקסיניאַ האָט מיט אַ מעלאָדיש קרעפטיק קול אים באַגלייט. זיי האָבן האַרמאָניש געזונגען, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה. דעמאָלט פלעגט פּאָרקומען — זיי פאָרן פון פעלד, צוגעדעקט מיט דער מאַלינע-פאַרבע פון דער שקיעה-שטראַלונג, און סטיעפּאַן, זיך שאָקלענדיק אויפן וואָגן, זינגט אַן אַלט ליד, אַן אומעטיק-פאַרבענקטס, ווי דער איינזאַם-פאַרווילדעטער, מיט רדעסט פאַרוואַקסענער שליאַך פון סטעפּ. אַקסיניאַ, אָנגעלענט אויף די בולטע האַלבקרייזן פון מאַנס בריסטן, האַלט אונטער. די זקנים פון כוטאָר הערן פונוויטנס זיך איין אין דעם ליד:

— אַ ווייב מיט אַ שיין קול האָט סטיעפּאַן געקריגן.

— הערסט, ווי זיי זינגען... האַרמאָניש!

— אויך סטיעפּאַן האָט אַ קול, ממש אַ גלאָק.

און די זיידעס, באַגלייטנדיק פון די פריזבעס דעם שטויביקן פורפור פון זון-פאַרגאַנג, האָבן איבער דער גאַס זיך דורכגעשמועסט:

— אַ ניזאָווער ליד זינגען זיי.

— דאָס האָט איינער פון פּולק אין גרוזיע געשאַפן.

— אוי, האָט דער פאַרשטאָרבענער קירושקאַ דאָס ליד ליב געהאַט!

גריגאָרי האָט געהערט אין די אָוונטן, ווי די אַסטאַכאָווס האָבן געזונגען לידער. בשעתן דרעשן (זייער דרעש-פּלאַץ האָט זיך געפונען אין שכנות מיט סטיעפּאַנס דרעש-פּלאַץ), פלעגט ער זען אַקסיניען, אַ זיכערע ווי פריער, כלומרשט אַ גליקלעכע. אַזוי, על-כל-פנים, האָט זיך אים אויסגעוויזן.

סטיעפּאַן האָט זיך נישט באַגריסט מיט די מעליעכאָווס. ער פלעגט זיך אַרומדרייען איבערן שייער מיטן היי-גאָפל, באַוועגן מיט די ברייטע, שיפּע אַקסלען ביי דער אַרבעט, פון צייט-צו-צייט זיך אַ וויצל טון מיטן ווייב, און אַקסיניאַ האָט געלאַכט, פינקלענדיק

מיט די שוואַרצע אויגן פון אונטערן טיכל אַפּער. איר גרין קלייד האָט געשימערט פאַר גריגאָריעס פאַרמאַכטע אויגן. אַן אומבאַקאַנטע קראַפט האָט באַוועגט זיין האַלז, אָנדרייענדיק דעם קאָפּ אין דער זייט פון סטיעפּאַנס שייער. ער האָט נישט באַמערקט, ווי נאַטאַליע, צוהעלפנדיק פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן אָנלייגן די תבואה אויפן דריגש-פּלאַץ, האָט אויפגעכאַפּט זיין יעדן נישט ווילנדיקן בליק מיט אירע אומעט-פאַרבענקטע, אייפערזיכטיקע אויגן. ער האָט אויך נישט געזען, ווי פּעטראָ, וואָס האָט אָנגעטריבן די פערד ביים קעראַט, האָט, קוקנדיק אויף אים, פאַרצויגן די נאָז אין אַ באַהאַלטענעם שמייכל. אין טויבן געדויש — אין געקרעכץ פון דער געקרייצטער ערד אונטערן שטיינערנעם וועלגערן, האָט גרישקאַ געטראַכט נישט קלאָרע מחשבות, זיך באַנגיט און נישט געקאָנט פאַרשטיין די אָפּגעריסענע שטיקלעך געדאַנקען, וואָס האָבן אויסגעמיטן דאָס באַוואוסטזיין.

פון די נאָענטע און ווייטע שייערס האָט זיך געטראָגן און פאַרלוירן איבערן פּלאַץ דאָס רוישן פון דרעשען, דאָס שרייען פון די אָנטרייבערס, דאָס פייפן פון די בייטשן, דאָס פויקנדיקע קלאַפּן פון די ווייע-מאַשינען. דער כוטאָר, זאַט פון גערעטעניש, האָט זיך געבאָדן אין דער מילדער סעפּטעמבער-זון, אויסשטרעקנדיק זיך ביים דאָן, ווי אַ פערלדיקע שלאַנג לענגאויס אַ וועג. אין יעדן אָפּגעצוימטן הויף, אונטערן דאַך פון יעדער כאַטע, האָט ווי אַ שפּינדל זיך געדרייט דאָס אייגענע, פון אַלע אָפּגעזונדערטע, פולבלוטיקע, זיס-ביטערע לעבן: דער זיידע גרישאַקאַ האָט זיך פאַרקילט און געליטן אויף די ציין; סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט מיט די הענט זיך געריבן זיין אויף צווייען צעטיילטע באָרד, אייגנזאַם געוויינט און געקריצט מיט די ציין, דעניִדעריקט פון שאַנד; סטיעפּאַן האָט אין דער נשמה געהאָדעוועט זיין פאַראַכטונג צו גרישקען און אין די נעכט מיט אייזערנע פינגער אין שלאָף געקנייטשט די געשטיקעוועטע קאָלדרע; נאַטאַליאַ, אַנטלויפנדיק אין שייער אַריין, איז געפאַלן אויף די קיזעקלעך, זיך געטרייסלט און צונויפגעדרייט אין אַ קנויל, באַוויינענדיק איר

באַשפיגן גליק; כריסטאָניען, וואָס האָט פארשיכּורט אויפן יריד אַ יונג בהמהלע, האָט געפּייניקט דאָס געוויסן; געמאַטערט פון אומ־זעטיקן פאָרגעפיל און צוריקגעקערטער ווייטיק, האָט גרישקאַ גע־זיפצט; אַקסיניאַ, צערטלענדיק דעם מאַן, האָט מיט טרערן פאַר־גאָסן איר אומגעשטילטע פאַראַכטונג צו אים.

דער וואַלצן־געהילף דאַווידקאַ, וואָס איז אָפּגעזאָגט גע־וואָרן פון דער מיל, איז גאַנצע נעכט אָפּגעזעסן ביי וואַלעטן אין פאַרפאָר־הייזל פון דער מיל און זיך צוגעהערט, וואָס ער האָט, פינקלענדיק מיט די בייזע אויגן, גערעדט:

— ניין, דו רעדסט נאַרישקייטן! זיי וועט מען בקרוב די אָדערן איבערשניידן! פאַר זיי איז איין רעוואָלוציע ווייניק. ס׳וועט קו־מען אויף זיי אַ יאָר טויזנט ביינהונדערט פינף, וועלן מיר זיך דעמאָלט אָפּרעכענען! אוי, וועלן מיר זיך אָפּ־רע־כע־נען!... — ער האָט געדראָעט מיטן צעקאַרדאַטשעטן פינגער און מיט די אַקס־לען זיך פאַראָכטן דעם אָנגעהאָנגענעם פּידזשאַק.*

און איבערן כוטאָר זענען געגאַנגען טעג, זיך איינפלעכטנ־דיק אין די נעכט, זענען געפלאָסן וואָכן, האָבן זיך גערוקט חדשים, האָט געבלאָזן דער ווינט, האָט אויף שיין וועטער געהוידזשעט דער באַרג, און, פאַרגלאָזט אין האַרבסטיקן, דורכזיכ־טיק־גרינעם לאַזור, איז צום ים גלייכגילטיק געפלאָסן דער דאָן.

V;

סוף אָקטאָבער איז פעדאָט באָדאָווסקאָוו געפאָרן אין אַ זונטיק אין דער סטאַניצע אַריין.

ער האָט אַוועקגעפירט אין אַ קיישל אויפן יריד פיר פּאָר געפּאַשעטע קאַטשקעס און זיי פאַרקויפט. ער האָט געקויפט אין דער

* רעקל.

קראָם געבלימטן סיץ פאַרן ווייב און זיך געגרייט אָוועקצופאָרן (ער האָט שוין פאַרצויגן דעם רעמעט פון כאָמוט, זיך אָנשפאַרנדיק מיטן פוס אין אַ ספּריכע פון ראָד), — אין דעם מאָמענט איז צו אים צוגעקומען אַ פרעמדער מענטש, נישט פון דער סטאַניצע.

— גוט מאָרגן! — האָט ער באַגריסט פּיעדראָטן, באַרירנדיק מיט די ברוינע פינגער דעם ראַנד פון זיין שוואַרצן הוט.

— גוט מאָרגן! — האָט פּיעדראָט נאָך אַ ווײַלע צווישן די ציין דורכגעזיפט, זשמורענדיק די קאַלמיקישע אויגן.

— פונוואַנען זענט איר?

— פון כוטאָר, נישט קיין היגער.

— פון וועלכן כוטאָר?

— פון טאַטערישן.

דער פרעמדער מענטש האָט אַרויסגענומען פון דער זייטיקער קעשענע אַ זילבערנעם פּאַפּיראָסניק מיט אַ שיפעלע אויפן דעקל, מכבד געווען פּיעדראָטן מיט אַ פּאַפּיראָס און ווייטער געפרעגט:

— אייער כוטאָר איז אַ גרויסער?

— אַ דאַנק, כ׳האָב שוין געררייכערט. אונזער כוטאָר? אַ היפּשער כוטאָר. אַ דרייהונדערט הייזער.

— אַ צערקווע איז דאָ?

— אוודאי.

— שמידער זענען דאָ?

— קאָוואַלעס, הייסט עס? ס׳זענען דאָ אויך קאָוואַלעס.

— און אַ שלאָסערײַ ביי דער מיל איז דאָ?

פּיעדראָט האָט געקעלזשעט דאָס פערד, אומפריינטלעך גע-קוקט אויפן שוואַרצן הוט און די קנייטשן אויפן היבשן ווייסן פּנים, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין דער קורצער שוואַרצער באָרד אַריין.

— וואָס אייגנטלעך דאַרפט איר?

— איך פאָר וואוינען אין אייער כוטאָר אַריין. כ׳בין נאָר-וואָס געווען ביים אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע. איר פאָרט ליידיק?

— ליידיק.

— איר וועט מיך מיטנעמען? נאָר איך בין נישט אַליין, איך האָב דאָ אויך מיין ווייב און צוויי קופּערטס פון אַן אַכט פּוד.

— מילא, מע קאָן מיטנעמען.

נאָכדעם ווי זיי זענען משווה געוואָרן אויף צוויי רובל, איז פיעדאָט פאַרפאָרן צו פּראָסקען — דער בולקע־בעקערין, ביי וועלכער זיין פּאַסאַזשיר האָט זיך אויפגעהאַלטן, אויפגעזעצט אַ דאַרינקע, בלאָנדע פרוי און אַריינגעשטעלט די צוויי געקאָוועטע קופּערטס אין אונטערטייל פון וואָגן.

זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דער סטאַניצע. פיעדאָט האָט טשמאָקענדיק אונטערגעטריבן מיט די האָריקע לייצן זיין מאַשטאַק*, געדרייט מיטן קאַנטיקן פלאַכן קאָפּ: עס האָט אים געריפּעט די נייגיריקייט. זיינע פּאַסאַזשירן זענען באַשיידן געזעסן פון הינטן און געשוויגן. פיעדאָט האָט לכתחילה געבעטן די פאַררייכערן און דערנאָך שוין געפרעגט:

— פון וואַנען ציט איר זיך איבער אין אונזער כוטאָר אַרײַן?

— פון ראָסטאָוו.

— אַ דאָרטיק־געבוירענער?

— וואָס זאָגט איר?

— איך פרעג: פונוואַנען איר שטאַמט?

— דאַ־אַ, יאָ־אָ, אַ דאָרטיקער, אַ ראָסטאָווער.

אויפהייבנדיק די בראָנזענע באַקנביינער, האָט פיעדאָט זיך איינגעקוקט אין די ווייטע, געדיכט־פאַרוואַקסענע גראָז־קעמפּעס פון סטעפּ: דער העטמאַנישער שליאַך האָט זיך געהויבן באַרג־אַרויף, און אויפן באַרג, צווישן די ברוינלעך־פאַרטרוקנטע שטענגלעך, אַן ערך אַ האַלבע וויאָרסט פון וועג, האָט פיעדאָטס קאַלמיקישע, דערפאַרן־שאַרפע אויג באַמערקט די קעפּלעך פון דודאַקעס,** וואָס האָבן זיך קוים באַוועגט.

* שטאַרק, נידעריק־געוואַקסן פערדל.

** סטעפּ־פייגל.

— אַ שאָד ס'איז קיין ביקס נישטאָ, מיר וואָלטן געשאָסן אַ ביסל דודאַקעס. אָט גייען זיי... — האָט ער אַ זיפץ געטון, אָנ־ווייזנדיק מיטן פינגער.

— איך זע נישט, — האָט דער פּאַסאַזשיר זיך מודה געווען, קורצזיכטיק זשמורענדיק די אויגן.

פּיעדאָט האָט באַגלייט מיטן בליק די דודאַקעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין, און מיטן פּנים זיך אויסגעדרייט צו די זיצנדיקע. דער פּאַסאַזשיר איז געווען פון מיטעלער וואוקס, אַ דאַרער, די אויגן, האַרט צונויפגערוקטע ביי דער פליישיקער נאָז, האָבן געלויכטן מיט כיטרעקייט. רעדנדיק, האָט ער אָפט געשמייכלט, אויסשטעלנדיק די אייבערשטע פּוכיקע ליפּ ווי אַ דאַשיקל. זיין ווייב, איינגעהילט אין אַ געשטריקט טוך, האָט געדרימלט. איר פּנים האָט פּיעדאָט נישט געזען.

— צוליב וואָס־זשע פאָרט איר וואוינען אין אונזער כוטאָר אַריין?

— איך בין אַ שלאָסער, כ'וויל אַ וואַרשטאַט עפענען. כ'קען אויך סטאָליעריי.

פּיעדאָט האָט אומצוטרויליך אַ קוק געטון אויף זיינע היפּ־שע הענט, און דער פּאַסאַזשיר, אויפכאַפּנדיק דעמדאָזיקן בליק, האָט צוגעגעבן:

— דערצו בין איך אַן אַגענט פון דער קאָמפּאַניע „זינגער״, וואָס פאַרשפּרייט ניי־מאַשינען.

— ווער־זשע זענט איר לויטן נאָמען? — האָט פּיעדאָט זיך אינטערעסירט.

— מיין פאַמיליע איז שטאָקמאַן.

— אפנים, נישט קיין רוסישער?

— ניין, יאָ אַ רוסישער. דער זיידע מיינער האָט געשטאַמט פון דייטשן.

פּיעדאָט איז בקרוב געוואויר געוואָרן, אַז דער שלאָסער יאָסיף דאַווידאָוויטש שטאָקמאַן האָט פריער געאַרבעט אין דער פאַבריק „אַקסיי״, דערנאָך ערגעץ אין קובאַן, דערנאָך אין די

דרום־מזרחדיקע באַן־וואָרשטאַטן. חוץ דעם האָט דער נייגיריקער פּיעדאָט זיך אויסגעפרעגט נאָך אַ מאַסע פּרטים פון פרעמדנס לעבן.

ביז זיי זענען צוגעפאָרן צום מלוכהשן וואַלד, איז דער שמועס אויסגעשעפּט געוואָרן. ביים ברונעם פון קוואַל־וואַסער אין דער זייט פון וועג, האָט פּיעדאָט אָנגעטרונקען זיין פאַרשוויצטן מאַשטאַק און, אַ מידער פון טרייסלענדיקן פאָרן, אָנגעהויבן אונ־טערדרימלען. ביזן כוטאָר איז פאַרבליבן אַ וויאָרסט פינף.

פּיעדאָט האָט אָנגעטשעפּעט די לייצן און, מיט אַראָפּגעהאָנ־גענע פּיס, באַקוועמער זיך אָנגעלענט. איינצודרימלען איז אים נישט געלונגען.

— ווי לעבט מען עפּעס ביי אייך? — האָט שטאָקמאַן גע־פרעגט, אונטערשפּרינגענדיק און דרייענדיק זיך אויפן געזעס.

— מע לעבט, מע עסט ברויט.

— און די קאָזאַקן, בכלל אַזוי, זענען צופרידן מיטן לעבן?

— טייל יאָ, טייל נישט. אַלע וועסטו נישט געניגן טון.

— יאָ, יאָ... — האָט דער שלאָסער מסכים געווען און, שווייגנדיק אַ ווײַלע, ווידער אָנגעהויבן שטעלן נישט אויפריכטי־קע פראַגן, וואָס האָבן עפּעס פאַרבאָרגן אין זיך.

— זיי לעבן ברייווח, זאָגסטו?

— זיי לעבן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— די דינסט איז זיי, מסתמא, צו לאַסט? האַ?

— די דינסט?... מיר זענען שוין געוואוינט. מע ווייסט ערשט דעמאָלט פון אַ לעבן צו זאָגן, ווען מע דינט.

— שלעכט איז דאָס, וואָס די קאָזאַקן פירן מיט אַלעם אָן אַליין.

— אַזוי איז עס טאַקע, אין זייער מאַמען אַריין, — איז פּיעדאָט הייטער געוואָרן און פאָרזיכטיק אַ קוק געטון אויף דער פרוי, וואָס איז זייטיק געזעסן אָנגעדרייט. — מיט דער אָנפירער־שאַפט איז אַן אומגליק... כ'בין געגאַנגען דינען, כ'האָב פאַר־

קויפט די אָקסן — געקויפט אַ פערד, און זיי האָבן גענומען און עס אויסבראַקירט.

— אויסבראַקירט ? — האָט דער שלאָסער כלומרשט זיך גע־וואונדערט.

— יאָ, יאָ, אינגאַנצן, — ער איז, זאָגן זיי, געהרגעט אויף די פיס. איך רעד אַהין, אַהער: „גייט, זאָג איך, אַריין אין דער לאַגע, אַז ער האָט פיס, ווי דאָס בעסטע פערד... נאָר דער טריט איז ביי אים העגעריש, אַזאַ העגערישער גאַנג ביי אים". ניין, זיי האָבן נישט אָנערקענט. דאָס הייסט דאָך — רו־אי־נירן !...

דער שמועס איז באַלעבט געוואָרן. פיעדאָט איז אַ הייטע־רער אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, גערן אָנגעהויבן דערציילן וועגן די מענטשן אין כוטאָר, זידלען דעם אַטאַמאַן פאַרן נישט ערלעכן פאַרטיילן די לאַנקע, לויבנדיק די אָרדענונג אין פוילן, וואו זיין פולק איז געשטאַנען, בשעת ער האָט געדינט. דער שלאָסער האָט מיטן שאַרפן בליק פון זיינע ענג־צונויפגעלענטע אויגן געקוקט אויף פיעדאָטן, וואָס האָט געשפּרייזט לעבן וואָגן. ער האָט גע־רייכערט לייכטן טיטון אין אַ ביינערן ציגאַרשפּיצל און אָפט געשמייכלט; נאָר דער קרומער קנייטש, איינגעקאַרבט אין זיין ווייסן, משופּעדיקן שטערן, האָט פאַמעלעך און שווער זיך באַוועגט, ווי געשטויסן פון אינעווייניק דורכן גאַנג פון עפּעס פאַרבאָרגענע געדאַנקען.

שטאָקמאַן איז אויף דער עצה פון פיעדאָטן צוגעגאַנגען צו דער אלמנה לוקעשקאַ פּאָפּאָוואַ און געדונגען ביי איר צוויי שטובן אויף אַ וואוינונג.

— ווער האָסטו גען אַ גרעבער געבראַכט פון דער סטאַניצע ? — האָבן פיעדאָטן געפרעגט די שכנים, וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט ביים טויער.

— אַן אַגענט.

— וואָסער אַגנעט ?

— עך, נאַראָנים, נאַראָנים ! כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז

אַן אַגענט, — ער האַנדלט מיט מאַשינען. שיינע, גיט ער אומזיסט, און מיאוסע, אַזעלכע ווי דו, מומע מאַריע, פאַר געלט.

— און דו, געשטופלטער טייוול, ביסט שיין. האָסט דאָך אַ פּרצוף פון אַ קאַלמיק!... אויף דיר וועט מען דאָך אפילו מיט קיין פערד נישט אַרויפרייטן: עס וועט זיך דערשרעקן.

— דער קאַלמיק און דער טאָטער זענען די ערשטע מענטשן אין סטעפּ, דו, מומעשי, מאַך נישט חוזק!... — האָט פּיעדאָט זיך פאַרטיידיקט, אַוועקגייענדיק.

דער שלאָסער שטאָקמאַן האָט זיך אַריינגעצויגן צו דער שיקלדיקער לוקעשקען מיט דער לאַנגער צונג. ער האָט נישט באַווויזן אַ נאַכט איבערצונעכטיקן, און די באַבעס האָבן שוין אָנגעהויבן איבערן כוטאָר מיט די צונגען צו קלאַפּן.

— איר האָט געהערט, שכנטע?

— וואָס איז?

— דער קאַלמיק פּיעדאָטקאַ האָט געבראַנגט אַ דייטש.

— נו־נו?...

— און נאַדיר הייליקע מוטער! אין אַ הוט, און ער הייסט שטאָפּאָל אָדער שטאָקאַל.

— זיכער פון דער פּאָליציי!

— פון אַקציז, טייערינקע.

— אי־י־י, באָבעשי, וואָס מענטשן פלוידערן. מען זאָגט, אַז ער איז אַ בויכהאַלטער, אַזעלכער, ווי דעם פּאָפּ פּאַנקראַטיס זון.

— פּאַשקאַ, לויף־צו... טייבעלע, צו לוקעשקען, פרעג זי שטילינקע: „מומע, וועמען האָט מען געבראַנגט צו דיר?"

— שנעלער לויף, קינדעלע!

צומאָרגנס האָט דער געקומענער זיך געמאָלדן צום אַטאַמאַן פון כוטאָר.

פּעדאָר מאַניצקאָוו, וואָס האָט געטראָגן דעם אַטאַמאַנ־שטעקן שוין דאָס דריטע יאָר, האָט לאַנג געדרייט דעם צעראַטע־נעם פּאַס אין דער האַנט, דערנאָך האָט אים געדרייט און באַטראַכט דער שרייבער יעגאָר זשאַרקאָוו. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, און

דער אַטאַמאַן האָט, לויט דער אַלטער געוואוינהייט פון אַ וואַג־מייסטער, הערשעריש אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט:

— וואַרין.

דער צוגעפּאָרענער האָט זיך פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען. אַ וואָך צייט האָט ער די נאָז פון שטוב נישט אַרויסגעוויזן, געלעבט ווי אַ חיהלע אין דער נאָרע. כסדר געקלאַפּט מיט אַ האַק, איינגעאָרדנט אַ וואַרשטאַט אין דער זומערדיקער, האַלב־חרובער קיך. דער ווייבערישער אומגעזעטיקטער אינטערעס צו אים איז אָפּגעקילט געוואָרן, בלויז די קינדער זענען גאַנצע טעג אָפּגעשטאַנען ביים פּאַרקן און מיט היהשער אומדערמידלעכער נייגיריקייט דעם פרעמדן מענטש באַטראַכט.

V

דריי טעג פאַרן יום־טוב פון דער הייליקער באַשיצערין איז גריגאָרי אַרויסגעפאָרן מיטן ווייב אַקערן. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז עפּעס נישט געזונט געווען; אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, קרעכצנדיק צוליב דער ווייטיק אין קרייז, איז ער אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן די אַקערער.

— פאַראַקער, גרישקאַ, די צוויי חלקים ביי דער רויטער לאָנקע נאָך דער פּאַשע.

— נו־נו. און דאָס חלק ביים טאַלאָווער יאַר, וואָס וועט מיט דעם זיין? — האָט גריגאָרי שעפּטשענדיק געפרעגט, איבערבינדנדיק זיך דעם האַלז; ער איז הייזעריק געוואָרן ביים פיש כאַפּן.

— נאָך יום־טוב. אַצינד וועסטו דאָס אויך גענוג האָבן. אָנדערהאַלבן קרייזן* ביים רויטן, כאַפּ דיך נישט צו שטאַרק.

* אַ קרייז — פיר דעסיאַטין, אומגעפער אַכט פוילישע מאָרג.

— פיעטראָ וועט נישט קומען צוהעלפן?

— ער וועט פאָרן מיט דאַריען אין דער מיל אַריין. מ׳דאַרף נאָך היינט אָפּמאָלן, וואָרים ס׳וועט דאָרט אַן ענגשאַפט זיין.

אילינישנאַ האָט נאַטאַליען אַריינגערוקט ווייכע פּלעצלעך אין קאַפּטנדל און געשעפּטשעט:

— אפשר וואָלט איר דוניאַשקען מיטגענומען די אָקסן אָני צוטרייבן?

— מיר וועלן זיך אין צווייען אויך אַן עצה געבן.

— נו, געדענק-זשע, יאַגדעלע. גאָט איז מיט דיר.

איר דינער קערפּער געבויגן אונטער דער משא פון אַ פּאַק נאַסער וועש, איז דוניאַשקאַ דורכגעגאַנגען דורכן הויף שווענקען צום דאָן.

— נאַטאַשאַ, טייערינקע, דאָרט אויף דער רויטער לאָנקע וואַקסט אַ סך שטשאַוו, רייס אָן פאַר מיר!

— כ׳וועל אָנרייסן, אָנרייסן.

— שוויג שוין, פּלאַפּלערין! — פּאַנטעליי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיטן שטעקן אַ פּאָכע געטון.

דריי פּאָר אָקסן האָבן גענומען שלעפּן דעם איבערגעקערטן אַקער, איבערלאָזנדיק אַ שפּור איבער דער ערד, דער פאַרהאַרטע-וועטער פון דער האַרבסטיקער טרוקעניש. גריגאָרי האָט אַלע ווײַלע זיך פאַרראָכטן דאָס טיכל, וואָס האָט אים געדריקט דעם האַלז. ער איז געגאַנגען אין דער זייט פון וועג און אָפּט געהוסט. נאַטאַליע איז געגאַנגען לעבן אים, אויף איר רוקן האָט זיך געטרייסלט דאָס זעקל מיטן עסנוואַרג.

אין סטעפּ נאָכן כוטאָר האָט געגליווערט אַ דורכזיכטיקע שטילקייט. נאָך דער פּאַשע, נאָכן געהאָרבעטן בערגל האָט מען צעקעמט די ערד מיט אַקערס, האָבן געפּייפט אָנטרייבער, און דאָ — לענגאויס דעם שליאַך — אַ בלויע געשפּרענקלטקייט פון נידעריק-געוואַקסענעם ווערמוט, גי־עזער, פרום-עבויגענע, אָפּגעצופּטע דורך שעפּסן-ציין, און די גלאָזיקע בלאַסע שיין פון קילן הימל, וואָס

ווערט אַלעמאָל איבערגעשניטן דורך די פֿליענדיקע פעדעם פֿון שפעט־זומער.

נאָכדעם ווי זיי האָבן באַגלייט די אַקערער, האָט פּיעטראָ מיט דאַריען זיך גענומען גרייטן אין דער מיל אַריין. אויפהענגענ־דיק די זיפּ אין שייער, האָט פּיעטראָ אויסגעווייעט דעם ווייץ. דאַריאַ האָט געשיט אין די זעק אַריין און זיי אַרויסגעטראָגן אויף דער בריטשקע.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט איינגעשפּאַנט די פערד, זאָרגעוודיק צורעכט געמאַכט דאָס געשפּאַן.

— ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן ?

— באַלד, — האָט פּיעטראָ געענטפערט פון שייער.

אין דער מיל איז אַן ענגשאַפט. דער הויף איז געדיכט אָנ־געשטעלט מיט וואָגנס. ביי דער וואָג איז אַ געדראַנג.

פּיעטראָ האָט אַ וואָרף געטון דאַריען די לייצן און אַראָפּ־געשפּרונגען פון דער בריטשקע.

— ס'וועט לאַנג דויערן צו מיין צעטל ? — האָט ער געפרעגט וואַלעטן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואָג.

— האָסט נאָך צייט.

— וועלכער נומער ווערט געמאָלן ?

— דער אַכט און דרייסיקסטער.

פּיעטראָ איז אַרויסגעגאַנגען אַראָפּטראָגן די זעק. אין דעם מאָמענט האָט מען אין מאַגאַזין זיך אָנגעהויבן קריגן. עמעצנס הייזעריק, בייז קול האָט אַ האַווקע געטון :

— ביסט פאַרשלאָפן, און אַצינד קריכסטו ? רוק דיך אָפּ, כאָכאָל, וואָרים איך וועל דיר פאַרפאָרן.

פּיעטראָ האָט לויטן קול דערקענט יאַקאָוו פּאָדקאָווע. ער האָט זיך איינגעהערט. אין מאַגאַזין איז געוואַקסן דאָס געשריי, זיך אַרויסשפּאַרנדיק דורך דער טיר.

עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער פליאַסק, און פון דער טיר איז אַרויסגעפאַלן אַ נישט־יונגער בערדיקער טאָטער מיט אַ שוואַרצן הוט, פאַררוקט אויפן נאַקן.

— פאַרוואָס ? — האָט ער אַ געשריי געטאָן, זיך אָנכאַפנדיק ביי דער באַק.

— איך וועל דיר דעם קאָפ אַראָפּדרייען !...

— ניין, וואַרט-צו !

— מיקיכפאָר, אַהער !

יאַקאָוו פּאָדקאָוואַ (אין דינסט האָט ער געקאָוועט אַ פערד ; דאָס פערד האָט זיך צעבריקעוועט, אַזעץ געגעבן יאַקאָוון מיט דער קאָפּיטע איבערן פּנים, צעבראָכן די נאָז, געשפּאָלטן די ליפּ און אויסגעהאַקט אַ פּאָדקאָווע אויפן פּנים ; דער לענגלעך-קיילעכיקער העפט איז פאַרוואַקסן געוואָרן, בלוי געוואָרן, ווי פלעקן האָבן זיך געשוואַרצט די שפּורן פון די שאַרפע פּאָדקאָווע-נעגל, און פון דעם טאַקע האָט ער באַקומען דעם צונאָמען פּאָדקאָוואַ), — אַ בראַווער, פעסט-געבויטער אַרטילעריסט, איז אַרויסגעלאָפן פון דער טיר, פאַרשאַרצנדיק זיך די אַרבל. אַ הויכער טאָטער אין אַ ראָז העמד האָט אים אַ שטאַרקן זעץ געגעבן פון הינטן. פּאָדקאָוואַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער דערהאַלטן אויף די פיס.

- ברידער, מען שלאָגט קאָזאַקן !...

פון די טירן פון דער מיל האָבן, ווי פון אַן אַרבל, אויפן הויף אַרויס, וואָס איז אָנגעשטעלט געווען מיט וואָגנס, מיט הפסקות זיך גענומען שיטן קאָזאַקן און טאָטערן, וואָס זענען זיך געהאַט צונויפגעפאָרן אין אַ גאַנצער מחנה.

דאָס געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן ביים הויפּט-אַריינגאַנג. עס האָבן אַ קרעכץ געטאָן די טירן אונטערן דריק פון די זיך שטופּנדיקע קערפּערס. פּיעטראָ האָט אַוועקגעוואָרפן דעם זאַק, אַ קוואַקע אויפגעטאָן און מיט דראָבנע טריטלעך אַוועקגעלאָפן צו דער מיל. זיך שטעלנדיק אויפן וואָגן, האָט דאַריאַ געזען, ווי פּיעטראָ האָט זיך אַריינגעשניטן אינמיטן, שלאָגנדיק מיט די הענט אויף לינקס און רעכטס ; זי האָט אַרויסגעקרעכצט, ווען מען האָט פּיעטראָ אויף די פויסטן צוגעטראָגן צו דער וואַנט, אומגעוואָרפן און געטרעטן מיט די פיס. פאָכענדיק מיט אַ שרויף, איז פון הינטערן ווינקל פון דער

מאַשין-אָפּטיילונג, אונטערשפּרינגענדיק, אַפּערגעלאָפן מיטקאַ קאָר-שונאָוו.

דער זעלבער טאָטער, וואָס האָט פּאָדקאָווען אַ זעץ געטון פון הינטן, האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער קופּע, הינטער זיין רוקן האָט ווי אַן איבערגעבראָכענער פויגלישער פליגל געפלאַטערט זיין אָפּגעריסענער ראָזער אַרבל. נידעריק אַראָפּגעזעצט, באַרירנדיק מיט די הענט די ערד, איז דער טאָטער צוגעלאָפן צום ערשטן וואָגן און לייכט אַרויסגעריסן אַ האָלאָבליע. איבערן הויף פון דער מיל האָט מאָנאָטאָן און הייזעריק זיך געטראָגן:

— אַ-אַ-אַ-אַ-אַ...

— הו-ו-ו-ו!

— אַ-יאַ-יאַ-אַ-אַ-אַ!...

אַ טראַסקען. אַ זעצן. אַ יאָכצן. אַ ליאַרמען...

די דריי ברידער שומילין זענען געקומען צו לויפן פון דער היים. דער איין-הענטיקער אַלעקסעי איז געפאַלן אין טירל, פאַר-פּלאָנטערנדיק זיך מיט די פיס אין לייצן, וואָס זענען דורך עמעצן אַוועקגעוואָרפן געוואָרן; ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּרינגען איבער די צונויפגעפּלאָנטערטע דישלעס פון די וואָגנס, צודריקנדיק צום בויך דעם ליידיקן אַרבל פון דער אָפּגעריסער לינקער האַנט. ביי זיין ברודער מאַרטין איז אַרויסגעקראָכן פון ווייסן זאָק דער אַריינגעמאַכטער הויז; ער האָט זיך אָנגעבויגן, גע-וואָלט אים צוריק אַריינמאַכן, אָבער ביי דער מיל האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער געוואָי. עמעצנס געשריי האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבערן משופּעדיקן דאַך פון דער מיל, ווי אַן אַרויפגעפלאַטערטער פאָדעם פון שפּינגעוועב. מאַרטין האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ וואָרף געטון דעריאָגן אַלעקסעיען.

דאַריאַ האָט מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ געקוקט פון וואָגן, זיך ברעכנדיק די הענט; אַרום האָבן געיעלהוועט און געוואָיעט די באַבעס; די פערד האָבן אומרויִק באַוועגט מיט די אויערן; די אָקסן האָבן געמריטשעט, זיך דריקנדיק צו די וואָגנס... דער בליי-כער סערגעי פלאַטאָנאָוויטש איז פאַרבייגעגאַנגען, פאַטשנדיק מיט

די ליפּן, זיין בויך האָט הינטערן ווּעסט זיך געקאָליערט, ווי אַן איי. דאַריאַ האָט געזען, ווי דער טאָטער אין אָפּגעשיילטן ראָזן העמד האָט אַ זעץ געגעבן מיטקאַ קאָרשונאָוון מיט דער האָלאָבליע איבער די פּיס און אַליין באַלד אַ פאַל געטון אַהינטער, אַרויסלאָזנדיק די געפּלאַצטע האָלאָבליע פון די הענט. דער איין-הענטיקער אַלעקסעי איז אַרויפגעפאַלן אויף אים און גענומען האַקן מיט זיין בלייערנער פויסט איבערן טאָטערס קאַרק. פאַר דאַריעס אויגן האָבן אין בונט-פאַרביקע קלומפּן געשימערט באַזונדערע סצענעס פון געשלעג: זי האָט געזען און זיך נישט געוואונדערט, ווי מיטקאַ קאָרשונאָוו, שטייענדיק אויף די קניען, האָט מיט אַן אייזערנער שרויף דערלאַנגט דעם פאַרביילויפנדיקן סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן; ער האָט אַ פאַרוואַרף געטון די צעפּלאַטערטע הענט און ווי אַ ראַק גענומען קריכן צום מאַגאַזין; מען האָט אים אומגעוואָרפן, געטרעטן מיט די פיס... דאַריאַ האָט היסטעריש געלאַכט, ס'האָבן אין לאַכן זיך געבראָכן די שוואַרצע בויגנס פון אירע צוגעפּאַרבטע ברעמען. איר משוגע לאַכן האָט זיך איבערגעריסן, ווען אירע אויגן האָבן דערזען פּיאָטערן: ער האָט מיט וואַקלדיקע טריט זיך אַרויסגעקייקלט פון דער צעוויגטער הודזשענדיקער געדיכטעניש און אַ פאַל געטון אונטערן וואָגן אַרונטער, שפּייענדיק מיט בלוט. דאַריאַ האָט שרייענדיק זיך אַ וואָרף געטון צו אים. און פון כוטאָר זענען געלאָפן קאָזאַקן מיט דרענגער, איינער פון זיי האָט געפאָכעט מיט אַ ברעכאייזן. דאָס געשלעג האָט אָנגענומען אַ געשפּענסטיק אויסזען. מען האָט זיך געשלאָגן נישט אַזוי ווי שיכורערהייט ביי דער קרעטשמע אָדער אין קאַרנאַוואַל. ביי דער טיר פון מאַגאַזין איז מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ געלעגן אַ יונגער טאָטער; דריגענדיק מיט די פיס, האָט ער איינגעגוּרעט דעם קאָפּ אין שוואַרצן פאַרגליווערטן בלוט. די בלוטיקע פלעכטלעך פון די האָר זענען אים אַריבערגעפאַלן איבערן פּנים; ער וועט שוין, קענטיק, נישט טרעטן מער איבער דער בלויער, פרײלעכער ערד...

די טאָטערן, וואָס האָבן זיך צונויפגעטוליעט ווי אַ סטאַדע שעפּסן, זענען צוגעשטופּט געוואָרן צו דער טיר פון מאַגאַזין. עס

וואָלט זיך געווען שלעכט פאַרענדיקט, ווען אַן אַלטער טאָטער וואָלט נישט געפאַלן אויף אַ שפּיצל: ער איז אַריין אין דער קעסל־אָפּ־טיילונג, אַרויסגעכאַפּט אַ ברענענדיקע גלאָווניע פון אויוון און אַרויסגעלאָפן מיט איר פון דער טיר. ער איז אַוועקגעלאָפן צום שפּייכלער, וואו ס׳איז געלעגן די אָפּגעמאָלענע תבואה, העכער טויזנט פוד. פון אונטער זיין אָרעם האָט ווי מושלין זיך געוויקלט דער רויך צוזאַמען מיט פליִענדיקע פונקען, וואָס האָבן אין טאָג־ליכט אויסגעזען בלאַס.

— כ׳וועל פאַר־ברע־נען! — האָט ער ווילד אַ רעווע גע־טון, אויפהייבנדיק די ברענענדיקע גלאָווניע צום טשערעטענעם דאַך.

די קאָזאַקן האָבן אַ ציטער געטון און זיך אָפּגעשטעלט. אַ שאַרפער טרוקענער ווינט האָט געבלאָזן פון מזרח, אַוועקטראָגנדיק דעם רויך פון מאַגאַזין־דאַך צו דער קופּע צונויפגעטוליעטע טאָטערן.

איין שטאַרקער פונק אויפן טרוקענעם טשערעטענעם דאַך — און דער גאַנצער כוטאָר וועט אַוועק מיטן רויך.

אַ טויבער, קורצער געמירמל איז דורכגעלאָפן די רייען פון די קאָזאַקן. עמעצער איז זייטיק אַוועק צו דער מיל, און דער טאָ־טער, פאָכענדיק מיט דער גלאָווניע און זייענדיק פייערדיקע טראָפּנס פון בלוילעכן רויך אַרויס, האָט אַלץ געשריגן:

— כ׳וועל פאַרברענען!... פאַר־ברע־נען! אַראָפּ פון הויף!...

יאַקאָוו פּאָדקאָוואַ מיט אַ סך נייע בלויע צייכנס אויפן פאַר־שענדטן פּנים — דער אָנהייבער פון געשלעג — האָט דער ערשטער פאַרלאָזט דעם הויף פון דער מיל. נאָך אים זענען גיך און איילִיק אַוועק נאָך אַנדערע קאָזאַקן.

די טאָטערן האָבן אַראָפּגעוואָרפן די זעק, איינגעשפּאַנט די פערד אין די בריטשקעס און, שטייענדיקערהייט, פאָכענדיק מיט די קניפּן פון די רעמעטענע לייצן, שמייסנדיק די פערד מיט די בייטשן, זענען זיי אַרויס פון הויף און מיט גערויש זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער גאַס פון כוטאָר.

דער איין־העטיקער אַלעקסעי שטייט אינמיטן הויף, איבערן איינגעפאַלענעם בויך פּלאַטערט דער לײדיקער, אין עק פאַרבונ־דענער אַרבל פון זיין העמד, דאָס אויג מיט דער באַק, אין אייביקן קראַמפּן, הערן נישט אויף צו צוקן:

— קאָזאַקן, אויף די פערד!...

— דעריאָגן!...

— ווייטער פון שייד־וועג וועלן זיי נישט אַנטרינען!...

מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט מיט שטרויכלענדיקע טריט זיך שוין פאַרנומען פון הויף. אַ כוואַליע פון גערודער איז ווידער דורכגעגאַנגען די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דער מיל, אָבער אין דעם מאָמענט איז פון דער מאַשין־אָפּטיילונג מיט שנעלע טריט צוגע־קומען דער אומבאַקאַנטער מענטש אין שוואַרצן הוט, וואָס איז דורך קיינעם פריער נישט באַמערקט געוואָרן; דורכנעמענדיק דעם המון מיט די שאַרפן פון זיינע שמאָל־צונויפגעלענטע דורכדרינגע־לעכע אויגן, האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט.

— וואַרט־צו אַ ווײַלע!

— ווער ביסטו פאַר איינער? — פּאָדקאָווא האָט צונויפגערוקט די שפּרינגענדיקע ברעמען.

— פונוואַנען האָסטו דיך דערנומען אַהער?

— קוק אים אָן דאָרטן!...

— האַ!

— טיו־ו־ו!...

— וואַרט נאָר צו, סטאַניצע־לייט!...

— אַ לאָמער הונט וועט דיר זיין פון דער סטאַניצע!

— פויער.

— שקראַב הילצערנער!

— דערלאַנג אים, יאַש!

— איבער די קוקערס!... איבער די קוקערס!...

דער מענטש האָט פאַרלוירן געשמייכלט, אָבער אָן פּחד; צראָפּגענומען דעם הוט, מיט אַ באַוועגונג פון אומפאַרגלייכלעכער

פשטות אָפּגעווישט דעם שטערן; מיט זיין שמייכל זיי ענדלעך אַנטוואָפנט.

— וואָס איז דאָ געווען? — ער האָט אַ פּאָכע געטון מיטן אײנגעלייגטן הוט אין צווייען, אָנווייזנדיק אויפן שוואַרצן, אין דער ערד־איינגעזאַפּטן בלוט ביי דער טיר פון מאַגאַזין.

— מיר האָבן די כאַכלעס געשלאָגן, — האָט דער איין־הענ־טיקער אַלעקסעי פרידלעך געענטפערט און אַ צוק געטון מיט דער באַק און מיטן אויג.

— פאַרוואָס האָט איר זיי געשלאָגן?

— פאַר דער רייע. זאָלן זיי נישט קריכן פאָרויס, — האָט פאַדקאָוואַ אויסגעטייטשט, אַרויסטרעטנדיק פאָרויס און אָפּווישנדיק מיט אַ ברייטער באַוועגונג דאָס רויטע צעפּל פון אונטער זיין נאָז.

— זיי וועלן שוין האָבן צו געדענקען!

— עך, דערייאָגן וואָלט מען זיי געדאַרפט... דעם סטעפּ וועלן זיי נישט אונטערצינדן.

— מיר האָבן זיך דערשראָקן, אָבער ער וואָלט נישט געוואַגט.

— אַ מענטש אין פאַרביטערונג, ער וואָלט זיכער אונטער־געצינדן.

— די כאַכלעס זענען שרעקלעך בייזע, — האָט אַפאָנקאַ אָזיעראָוו אַ שמייכל געטון.

דער מענטש האָט אַ פּאָכע געטון מיטן הוט אין זיין זייט אַריין.

— און דו ווער ביסט?

אַפאָנקאַ האָט מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי געטון דורכן שפּאַלט פון זיין שטשערבאַטע מויל און, נאָכקוקנדיק דעם פאַלן פון שפּייעכץ, אַרויסגעשטעלט אַ פוס.

— איך בין אַ קאָזאַק, און דו שטאַמסט נישט אַמאָל פון ציגיינער?

— ניין. מיר זענען ביידע רוסן.

— זאָגסט ליגנט! — האָט אַפּאַנקאַ שאַרף באַטאָנט.

— די קאָזאַקן שטאַמען פון די רוסן. דו ווייסט דאָס?

— און איך זאָג דיר, — אַז די קאָזאַקן שטאַמען פון די קאָזאַקן.

— פאַרצייטנס זענען לייב-אייגענע אַנטלאָפן פון די גוטבאַ-זיצער, זיך באַזעצט ביים דאָן און זיי האָט מען דאָס אַ נאָמען געגעבן קאָזאַקן.

— גיי דיר, ליבער מענטש, דיין וועג, — האָט דער איינ-העגטיקער אַלעקסעי מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן געראַטן, צונויפ-דריקנדיק די פאַרשוואָלענע פינגער אין אַ פויסט און אָפּטער צוקנדיק.

— אַן ערב-רב זיך דאָ באַזעצט!... קוקסט אים נישט אָן, דעם אומגלויביקן, ער וואָלט אונז געוואָלט פאַר פויערים מאַכן!

— הער נאָר, אַפּאַנאַסי, ווער איז דאָס פאַר איינער?

— ווער ווייסט אים? געקומען דאָ אַהער, ביי דער שיקלדי-קער לוקעשקען אַ דירה פאַרנומען.

דער מאָמענט פון נאָכיאָגן איז דורכגעלאָזט געוואָרן.

די קאָזאַקן זענען זיך צעגאַנגען, לעבהאַפט איבערשמועסנ-דיק דאָס דורכגעקומענע געשלעג.

ביינאַכט, אַכט ווערסט ווייט פון כוטאָר, אין סטעפּ, טוליענ-דיק זיך אין שטעכעדיקן געדיכטן זיפון, האָט גריגאָרי טרויעריק גערעדט צו נאַטאַליען:

— דו ביסט עפּעס אַ פרעמדע... ווי אָט די לבנה ביסטו: נישט קאַלט און נישט וואַרעם. איך האָב דיך נישט ליב, נאַטאַשע. דו זיי נישט בייז. כ'האָב נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם, אָבער ניין, אַזוי וועט מען, אפנים, נישט קאָנען דורכלעבן... און כ'האָב רחמנות אויף דיר — מיר זענען דורך די טעג זיך נאָענט גע-וואָרן, אָבער אין האַרץ איז גאָרנישטאָ... פּוסט. אָט ווי אַציגד אין סטעפּ...

נאַטאַליע האָט געקוקט אינדערהייך אויף דער נישט-צוטריט-לעכער, אויסגעשטערנטער לאָנקע, אויפן שאָטנדיקן, דורכזיכטיקן

שלייער פון וואָלקנס, וואָס איז געשוואומען איבער זייערע קעפּ, און געשוויגן. פון דאָרט, פון דער שוואַרץ-בלויער הויכער פוסט-קייט האָבן, ווי זילבערנע גלעקעלעך, זיך אָנגערופן די בושעלס אין זייער פאַרשפּעטיקט פליען.

אַ שווערמוטיקער, פאַרוועלקטער ריח האָט זיך געטראָגן פון די טויטע גראָזן. ערגעץ אויפן באַרג האָט געשימערט דער רוי-טער פלעק פון פייער, וואָס די אַקערער האָבן פונאַנדערגעלייגט...

פאַרטאָג האָט גריגאָרי אויפגעוואַכט. דער זיפּון איז באַדעקט געווען אויף צוויי צאָל מיט שניי. דער סטעפּ האָט זיך געהילט אין דער יונגער בלויקייט פון פרישן שניי און לעבן דער קוואַרטיר האָבן זיך דייטלעך געזען די שפּורן פון אַ האָז, וואָס האָט פאַרבלאָנ-זשעט צוליבן ערשטן שניי.

VI

אַזוי האָט זיך געפירט פון פאַרצייטנס אָן: אויב אַ קאָזאַק איז געפאָרן איינער אַליין, אָן חברים, אויפן וועג קיין מילעכאָוואָ, איז גענוג געווען, ער זאָל ביים באַגעגענען זיך מיט אוקראַאינער נישט אָפּטרעטן דער וועג (זייערע דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן פון ניזשנע-יאַבלאָנאָווער כוטאָר און זיך געצויגן אויף אַ 75 וויאָרסט שוין ביז מילעכאָוואָ), אַז די אוקראַאינער זאָלן אים אָנ-הרגענען. דעריבער פלעגן זיי פאָרן צו דער סטאַציע עטלעכע וואָגנס צוזאַמען און דעמאָלט, ביים באַגעגענען זיך אין סטעפּ, שוין נישט מורא געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַ מחלוקה.

— העי, כאָכאָל! גיב דעם וועג! דו וואוינסט אויף קאָזאַ-קישער ערד, נבלה, און ווילסט נאָך דעם וועג נישט אָפּטרעטן?

נישט איבעריק גוט איז אויך געווען די אוקראַאינער, וואָס פלעגן ברענגען זייער ווייץ אין מאַגאַזין אַריין צום דאָן. דאָ פלעגן געשלעגן אויסברעכן אָן שום סיבה, פּשוט דערפאַר, ווייל ס'איז אַ „כאָכאָל", און אויב אַ „כאָכאָל" — דאַרף מען שלאָגן.

נישט איין יאָרהונדערט האָט אַ זאָרגעוודיקע האַנט גע־זייעט די זוימען פון נאַציאָנאַלער שנאה אויף דער קאָזאַקישער ערד, זיי געהאָדעוועט און אָפּגעהיטן, און די זוימען האָבן געבערענגט אַ גוט געראָטעניש: אין די געשלעגן האָט אויף דער ערד זיך גע־גאָסן דאָס בלוט פון די באַלעבאַטים און וואָראָניעזשער איבער־וואַנדערער — רוסישע און אוקראַינער.

אין צוויי וואָכן אַרום נאָכן געשלעג אין דער מיל זענען אין כוטאָר אַריין געקומען דער פּאָליציי־פּריסטאַוו מיטן אויספאָרשונגס־ריכטער.

דעם ערשטן האָט מען אַרויסגערופן צו דער אויספאָרשונג שטאָקמאַנען. דער אויספאָרשונגס־ריכטער, אַ יונגער באַאַמטער פון קאָזאַקישער אַדל־אָפּשטאַמונג, האָט, זוכנדיק אין דער טעקע, גע־פרעגט:

— וואו האָט איר געוואוינט איידער איר זענט געקומען דאָ אַהערצופאָרן?

— אין ראָסטאָוו.

— פאַרוואָס זענט איר אין טויזנט נײַנהונדערט זיבעטן יאָר אָפּגעקומען אַ תפיסה־שטראָף?

שטאָקמאַן האָט אַ פינקל געטון מיט אויגן פון אַ לאַסקע אויף דער טעקע און דעם קרומען, מיט שופּן באַדעקטן שרונט איבערן געבויגענעם קאָפּ פון אויספאָרשונגס־ריכטער.

— פאַר מרידה.

— או־הום...

— וואו האָט איר דעמאָלט געאַרבעט?

— אין די באַן־וואַרשטאַטן.

— אייער פאַך?

— אַ שלאָסער.

— איר שטאַמט נישט פון יידן? נישט קיין געשמדטער?

— ניין. איך מיין...

— מיר איז נישט אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איר מיינט. אין פאַרשיקונג זענט איר געוועןֿ?

— יאָ, געווען.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער טעקע און מיט די געגאָלטע, געבלעזלטע ליפּן אַ קייע געטון.

— איך ראָט אייך אָוועקצופאָרן פונדאַנען... — און פאַר זיך: — איבעריקנס, איך וועל מיך שוין אַליין באַמיִען וועגן דעם.

— פאַרוואָס, הער אויספאָרשונגס־ריכטער?

אויף דער פראַגע האָט ער אַלס ענטפער באַקומען אַ צווייטע פראַגע:

— וועגן וואָס האָט איר געהאַט אַ שמועס מיט די אָרטיקע קאָזאַקן אין טאָג פון געשלעג אין דער מיל?

— אייגנטלעך...

— נו, איר קאָנט שוין זיין פריי.

שטאָקמאַן איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע פון מאָ־כאָווס הויז, (די באַאַמטע פון דער מאַכט פלעגן זיך תּמיד אָפּ־שטעלן ביי סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן, אויסמיידנדיק דאָס איינפאָר־הויז) און אַ דריק געבנדיק מיט די אַקסלען, זיך אומגעקוקט אויף דער געפאַרבטער טיר.

VII

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט נישט מיטאַמאָל. נאָכן יום־טוב פון דער הייליקער באַשיצערין אין דער אַראָפּגעפאַלענער שניי צעגאַנגען, און מען האָט ווידער אַרויסגעטריבן די בהמות אויף דער פּאַשע. קעגן אַ וואָך צייט האָט געבלאָזן אַ דרום־ווינט, דאָס וועטער איז לינד געוואָרן, די ערד איז אויפגעגאַנגען און העל האָט זיך צעבליט דאָס שפּעט־מאָכיקע גרינס אין סטעפּ.

דאָס לינדע וועטער האָט זיך געהאַלטן ביזן מיכאַיִל־טאָג, דערנאָך האָט אַ נעם־געטון אַ פראָסט און ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי; פון טאָג־צו־טאָג איז געוואָרן קעלטער, ס׳איז צוגעפאַלן נאָך אויף אַ זעקס צאָל שניי, און אין די צעוואָרפענע גערטענער ביים דאָן, לענגאויס די פאַרווייעטע פאַרקנס ביז איבער די שפּיצן, האָבן

ווי מיידליש מערעשקע־געניי זיך אויסגעלייגט די געהעקלטע שטע־געלעך פון די האָזן־שפּאָרן. די גאַסן זענען פּוסט געוואָרן.

איבערן כוטאָר האָט אין צעריסענע פּאַסמעס זיך געטראָגן דער קיזעקישער רויך, לעבן די אויסגעשיטע אַש־קופּקעלעך ביים וועג האָבן אַרומשפּאַצירט גאַפּעס, וואָס זענען זיך צוזאַמענגע־פלויגן אין ישוב אַריין. ווי אַ בלוילעכע בליאַקירטע באַנד האָט איבערן כוטאָר קרימלעך זיך אויסגעלייגט אַ גלאַטער ווינטערדי־קער שליט־וועגס.

אויפן מיידאַן איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַ פאַרזאַמ־לונג. ס'האָט זיך דערנענטערט דאָס אויסהאַקן און טיילן זיך מיט די דערנער־קוסטעס. ביים גאַנעק פון דער פאַרוואַלטונג האָט מען געדיכט זיך געדרענגט אין פעלצן און אין שובעס, צוסקריפּענדיק מיט די וואוילאָקעס. די קעלט האָט פאַרטריבן אין דער פאַרוואַל־טונג אַריין. ביים טיש, איןביידע זייטן פון אַטאַמאַן מיטן שריי־בער, האָבן זיך באַזעצט די בכבודיקע אַלטע לייט מיט די זיל־בערנע גרויע בערד, די יינגערע מיט די פאַרשידנקאָליריקע בערד, און די אָנבערדיקע קאָזאַקן האָבן זיך געזאַמלט אין רעדלעך און געפּלאַפּלט אין דער שעפּסענער וואַרימקייט פון זייערע קעלנער. דער שרייבער האָט באַדעקט דאָס פּאַפּיר מיט געציקלטע שורה־לעך. דער אַטאַמאַן האָט אים געקוקט איבערן אַקסל אַריבער, און איבער דער אויסגעקילטער פאַרוואַלטונגס־שטוב האָט זיך געטראָגן אַ געדעמפּט הודזשעריי –

– דאָס היי אויך...

– יאָ־יאָ... פון דער לאָנקע – איז פּאַשע, און פון סטעפּ האָט קיין ווערט נישט.

– אַמאָל פלעגט מען מעגן ביז קריסטוס־געבורט פריי פּאַשען.

– די קאַלמיקן איז גוט.

– קכע־כע.

– דער אַטאַמאַן, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ קייט אויפן האַלז, ער וועט אפילו דעם קאָפּ נישט אויסדרייען.

— אַ פּעטן קאָרג זיך אָנגעפּרעסן, דער חזירישער טייוול!

— העי, קום, ווילסט דעם ווינטער איבערשרעקן? שוין איינמאָל אַ פּעלץ...

— אַ ציגיינער האָט מיר דעם פּעלץ פאַרקויפט.

— אין דער קריסטוס־וואָך שלאָפן נאָך די ציגיינער אין סטעפּ, און צוצודעקן זיך איז נישטאָ מיט וואָס. האָט ער מיט אַ נעץ זיך צוגעדעקט און ביז די געדערים דורכגעפרוירן געוואָרן. כאַפּט ער זיך אויף, דער ציגיינער, רוקט דורך אַ פינגער דורך אַ לעכל און רעדט צו דער מוטער: „האָ־האָ, מאַמע, — זאָגט ער, — איז דאָ אַ פראָסט אין דעם כוטאָר!...“

— אויב ס'וועט זיך מאַכן אַ גליטש — זאָל גאָט באַשירעמען.

— מע וועט מוזן די אָקסן קאָווען, נישט אַנדערש.

— כ'האָב אַנומלט אָנגעהאַקט בערעזע־האָלץ ביים טייוולישן יאַר, זייער גוט האָלץ.

— זאַכאַר, די הויזן פאַרקנעפּל... ס'וועט דיר אָפּגעפרוירן ווערן — וועט דיך דאָס ווייב פון שטוב אַרויסטרייבן.

— הער נאָר, אַוודעיִטש, מ'זאָגט, אַז דו וועסט דעם בוהיי פון דער געמיינדע אַרומפירן.

— כ'האָב מיך אָפּגעזאָגט. פאַראַנקאַ מריכינאַ האָט זיך אונטערגענומען... איך, זאָגט זי, בין אַן אלמנה, וועט מיר פרייִלעכער זיין. נעם, זאָג איך, און אויב ס'וועט עפּעס געבוירן ווערן...

— עככאַ־כאַ־כאַ!

— הי־הי־היי!...

— חשובֿע לייט, עלטסטע! וואָס איז מכּוח די דערנערקוסטעס?... שטילער!...

— אויב, זאָג איך, ס'וועט עפּעס געבוירן ווערן... וועל איך, הייסט עס, זיין דער קוואַטער...

— שטילער! מיר בעטן שטיל צו זיין!

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן. דער אַטאַמאַן, גלעטנדיק דעם אַטאַמאַן־שטעקן, וואָס איז פאַרלאָפן מיט טוי־געפריר, האָט אויסגערופן די פאַמיליע־נעמען, געאָטעמט מיט פאַרע, אָפּגע־

ריסן מיטן קלײנעם פינגער די אײז־צעפּלעך פון זײן באָרד. פון הינטן, בײ דער טיר, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן — אַ פּאַרע, אַ געדראַנג, אַ הילכיק שנײצן פון די נעז.

— אויף דאָנערשטיק קאָן מען נישט באַשטימען דאָס האַקן! — האָט איוואַן טאָמילין זיך באַמיט איבערצושרײען דעם אַטאַמאַן און געריבן זײנע ברוין־און בלויע אויערן, אָנבײגנדיק דעם קאָפּ אין בלויען אַרטילעריע־היטל.

— פאַרוואָס?

— קאַנאָניר, וועסט דיר די אויערן אָפּפרירן!

— ווען מיר אים אָקסענע צוגײען.

— אויף דאָנערשטיק גרײט זיך אַ האַלבער כוטאָר הײ פירן. שײן אויסגעטראַכט!...

— ווערסטו אין זונטיק פאָרן.

— חשובע לײט, עלטסטע!...

— וואָס איז דאָרט!

— אין אַ גוטער שעה!

— הו־ו־ו־ו־ו!...

— האָ־אָ־אָ־אָ!...

— האַ־אַ־אַ־אַ!...

דער אַלטער מאַטוועי קאַשולין, זיך אָנבײגנדיק איבערן הינקענדיקן טיש, האָט בײז געשריגן, טײטלענדיק מיט זײן גלאַטן יעשיאָן־שטעקן אין טאָמילינס זײט אַרײן.

— ווערסטו צוואַרטן מיטן הײ!... נישקשה!... ווי די גאַנצע געמײנדע וועט טון... דו האָסט תמיד אַ טבע זיך קעגנצושטעלן. ביסט נאָך צו יונג און נאַריש, ברידערל מײנס!... אָט וואָס!... געהערט!... אָט וואָס...

— דו אַלײן מוזסט אויף די אַלטע יאָרן נאָך שכל בײ די שכנים באָרגן... — האָט דער אײן־הענטיקער אַלעקסײ געענטפערט מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ פון די הינטערשטע רײען, צומרו־גענדיק מיטן אויג און פיבערהאַפט ציטערנדיק מיט דער געלע־כערטער באַק.

ער האָט זעקס יאָר געפירט אַ מחלוקה מיטן אַלטן קאַלושין צוליב אַ שטיקל פּאַראַקערטער ערד; געשלאָגן אים יעדן פרילינג. און די ערד, וואָס מאַטוועי קאַלושין האָט פאַרכאַפּט ביי אים, איז געווען אַזוי גרויס, ווי אַ פויגל־שפּרונג, — פאַרזשמורענדיק זיך, האָט מען געקאָנט אַריבערשפּייען איבער איר.

— שווייג, נכפה!

— אַ שאָד, ס'איז אַזוי ווייט — פונדאַנען וועל איך נישט דערלאַנגען, — ווען נישט, וואָלט איך דיר פאַרפאָרן, אַז דו וואָלסט זיך מיט דער רויטער יויך באַגאָסן!

— קוקט אים נאָר אָן, די קרומע קאַליקע!...

— שווייג שוין! ווי זיי האָבן זיך דאָס צונויפגעטשעפּעט?!

— גייט אַרויס און נעמט זיך ביי די קעפּ אָן. כ'לעבן אַזוי.

— הער אויף, אַלעקסעי, זעסט דאָך — דער אַלטער האָט זיך אָנגעבלאָזן, אַז די פּאַפּאַכע פאָרט אים אַזש איבערן קאָפּ אַרום.

— פאַרוואָס־זשע שווייגט ער נישט?...

— דערלאַנג אים מאָרגן איבער דער צורה און אַצינד פאַרשווייג.

— אין תּפיסה זיי, די סקאַנדאַליקעס!...

דער אַטאַמאַן האָט זיך אָנגעלענט מיט דער פויסט אויפן סקריפּענדיקן טיש.

— שווייגן! וואָרים איך רוף שוין די דיזשורנעס אַריין.

איינשטילנדיק זיך, האָט דער געטומל זיך אַריבערגעטראָגן אין די הינטערשטע רייען און פאַרשוויגן געוואָרן.

— דאָנערשטיק, ווי נאָר ס'וועט אָנהייבן טאָגן — אַרויספאָרן צום האַקן!

— וואָס הייסט דאָס, חשובע עלטסטע?

— אין אַ גוטער שעה!

— זאָל גאָט געבן!

— היינט האָרכט מען גאָרנישט די אַלטע...

— נישקשה, זיי וועלן שוין האָרכן. מיר וועלן קיין גערעכטיקייט נישט געפינען? מיין עלעקסאַשקאַ, ווען כ'האָב אים אויס־

געזידלט, האָט זיך שוין אַפילו געוואָרפן שלאָגן, ביי די אַקסלען אָנגעכאַפּט. האָב איך אים גלייך אַוועקגעזעצט. „כ׳גיב שוין איבער דעם אַטאַמאַן מיט די עלטסטע, מיר וועלן דיר שמיץ געבן...״ איז ער שטיל געוואָרן, ווי אַ גרעזעלע אונטערן פרילינגס־וואַסער זיך אַוועקגעלייגט.

— און ס׳איז אויך, חשובע עלטסטע, אָנגעקומען אַ פאַראָר־דענונג פון אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע, — דער אַטאַמאַן האָט גע־מאַכט אַן הפסקה און אַ דריי געטון מיטן קאָפּ: דער שטייענדיקער קאָלנער פון מונדיר האָט זיך אים אין האַלז איינגעשניטן, פאַר־רייסנדיק די גאָמבע. — הייַנטיקן שבת דאַרפן די יונגע זיך שטעלן צו דער שבועה אין דער סטאַניצע. זיי דאַרפן פאַרנאַכט שוין זיין ביי דער פאַרוואַלטונג פון דער סטאַניצע.

ביים עקסטן פענסטער פון דער טיר איז לעבן זיין מחותנת־טע געשטאַנען פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, מיטן אונטערגעהוי־בענעם, לאָמען פוס, ווי אַ בושעל. מיראָן גריגאָריעוויטש איז מיט אַ צעקנעפּלטן פעלץ געזעסן אויפן פענסטער; קנייטשנדיק די אויגן, האָט ער געשמייכלט אין דער קאַשטענעוואַטער באָרד אַריין. זיינע קורצע, העלע וויַעס זענען פוכיק באַדעקט געווען מיט טוי־געפּריר, די גרויסע ברוינע פּיעגעס האָבן פון דער קעלט מיט בלוט זיך אָנגעגאָסן און גרוי געוואָרן. אַרום האָבן שטיפנדיק זיך געזאַמלט די יינגערע קאָזאַקן, און אין מיטן, אַראָפּגערוקט אויפן פלאַכן נאַקעטן קאַרג די בלוי־שפּיציקע אַטאַמאַנישע פאַפּאַכע מיט די שע־כענע בענדלעך אין אַ קרייץ, האָט אויף זיינע אָפּצאַסן זיך גע־וויגט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס דינסט־קאַמעראַד — דער אייביק יונגער, תמיד ווי אַן אַנטאָנאָווער אַפּ׳ מיט רויטקייט אָנגעגאָסע־נער — אַוודעיַטש, מיטן צונאָמען „ברעך״.

אַוודעיַטש האָט אַמאָל געדינט אין אַטאַמאַנישן פּולק פון דער לייב־גוואַרדיע. דינען איז ער געגאַנגען אַלס פּיג׳לין און צו־ריקגעקומען אַלס... ברעך.

ער איז דער ערשטער פון כוטאָר אַריינגעפאַלן אין אַטאַמאַ־נישן פּולק, און עפּעס אויסטערלישס איז מיט דעם ... פאַרגע־

קומען: ער איז אויסגעוואַקסן אַ בחור, ווי אַלע; געווען אַ ביסל תּמעוואַטע אין די קינדער־יאָרן, אָבער ווען ער איז פון דער דינסט צוריקגעקומען, איז אים אַלץ אַוועק, ווי אַ וואָגן באַרג־אַראָפּ. ער האָט באַלד דעם ערשטן טאָג אָנגעהויבן דערציילן משונהדיקע מעשיות וועגן זיין דינסט אין קייסערלעכן הויף און זיינע אומגעווינטלעכע פּאַסירונגען אין פּעטערבורג. די צעטומלטע צוהערער האָבן לכתחילה געגלייבט, מיט אָפענע מיילער אַלץ אָנגענומען פאַר אמת, און דערנאָך געוואויר געוואָרן, אַז אַוודעיטש איז אַ ליגנער, וואָס דער כוטאָר האָט נאָך אַזעלכן נישט געזען. מען האָט אָפן געלאַכט פון אים, אָבער ער, דעמאַסקירט אין זיינע משונהדיקע אויסטראַכטענישן, איז אפילו נישט רויט געוואָרן (און אפשר איז ער יאָ רויט געוואָרן, נאָר מען האָט דאָס צוליב זיין שטענדיקער רויטקייט נישט דערקענט), און ער האָט ווייטער ליגנט געזאָגט. אויף דער עלטער האָט ער שוין דעם גאַנצן שכל פאַרלוירן. שטופּט מען אים צו צו דער וואַנט — באַליידיקט ער זיך און כאַפּט זיך שלאָגן, שווייגט מען און מען שמייכלט אונטער — באַמערקט ער נישט און ווערט נישט מיד צו פלוידערן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

אין באַלעבאַטישקייט — איז ער געווען אַ טיכטיקער און אַרבעטזאַמער קאָזאַק, געטון אַלץ מיט ישוב־הדעת, טיילמאָל אפילו מיט כיטרעקייט, אָבער ווען דער שמועס האָט נאָר באַרירט זיין דינסט אין אַטאַמאַנישן פולק... דאָ האָט שוין איטלעכער זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, קייכנדיק פון געלעכטער.

אַוודעיטש איז געשטאַנען אינמיטן, זיך געוויגט אויף די קייַלעכיק־אויסגעטרעטענע וואוילאָקעס, און קוקנדיק אויף די פאַרזאַמלטע קאָזאַקן, גערעדט מיט אַ שווער קול פון אַ באַס.

— דער היינטיקער קאָזאַק איז גאָר אַן אַנדערער. אַ דראָבנער און נישטיקער. גיב אים אַ זעץ איבערן קאַרק, וועט ער אויף צווייען זיך צעפליען. — און פאַראַכטלעך שמייכלענדיק, האָט ער מיטן וואוילאָק צעריבן דאָס שפּייעכץ, וואָס ער האָט אויסגע־

שפּיגן. — בקיצור, מיר איז אין דער וויעשענסקער סטאַניצע אויסגעקומען צו זען די ביינער פון אַ סקעלעט, — אָט דאָס זע־נען געווען קאָזאַקן — יאָ...

— וואָ־זשע האָסטו זיי אויסגעגראָבן, אַוודעיִטש? — האָט דער אָנבערדיקער אַניקושקאַ געפרעגט, אַ שטופ־געבנדיק זיין שכן מיטן עלנבויגן.

— דו, דינסט־קאַמעראַד, זאָג שוין בעסער קיין ליגנט נישט צוליבן נאָענטן יום־טוב.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרצויגן די געהאָרבעטע נאָז און זיך אַ ריס געטון ביים אויערינגל אין אויער.

ער האָט נישט ליב געהאַט קיין ליגנערס.

— איך, ברודער, האָב נאָך אין מיין לעבן קיין ליגנט נישט געזאָגט, — האָט אַוודעיִטש באַטאָנענדיק געענטפערט און מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטון אויף אַניקושקען, וואָס האָט זיך גע־טרייסלט, ווי אין פיבער. — און די סקעלעט־ביינער האָב איך גע־זען, ווען מען האָט מיין שוואָגערס הויז געבויט. ווי נאָר זיי האָבן דעם פונדאַמענט אָנגעהויבן לייגן, האָבן זיי גלייך אויף אַ קבר אָנגעטראָפן. מכּתּמא איז דאָך דאָ פאַרצייטנס ביים דאָן לעבן דער צערקווע אַ בית־עלמין געווען.

— וואָס־זשע פאַר אַ ביינער זענען דאָס געווען? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אומצופרידן געפרעגט, זיך שוין קלויבנ־דיק אַוועקצוגיין.

— אַ האַנט — אָט ווי גרויס! — אַוודעיִטש האָט אַ צענעם־געטון זיינע לאַנגע הענט, — דער קאָפּ, — בנאמנות, כ'זאָג קיין ליגנט נישט — ווי אַ פעלד־קעסל.

— דו, אַוודעיִטש, וואָלסט אפשר די יונגע דערציילט, ווי אַזוי דו האָסט אין סאַנקט־פּעטערבורג דעם גזלן געכאַפּט, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש פאַרגעלייגט און אַראָפּגעגאַנגען פון פענסטער, זיך פאַרקנעפּלענדיק דעם פעלץ.

— וואָס איז דאָרט דאָ צו דערציילן, — איז אַוודעיִטש באַ־שיידן געווען.

— דערציייל!
— מיר בעטן!
— טו אונז אָן דעם כבוד, אַוודעיִטש!
— דאָס, הערט איר, איז אַזוי געווען, — האָט אַוודעיִטש זיך אויסגעהוסט און אַרויסגענומען דעם טיטון־בייטל פון דער הויזן־קעשענע. אַרויפשיטנדיק זיך אַ קאַפּעטשקע טיטון אויף דער צונויפגענומענער האַנטפלאַך, האָט ער צוריק אין בייטל אַריינגעוואָרפן די צוויי קופּערנע מטבעות, וואָס זענען פון דאָרט אַרויסגעפאַלן, און דורכגעפּירט זיינע גליקלעכע אויגן איבער די צוהערער. — פון פעסטונג איז אַנטלאָפן אַן אַרעסטירטער גזלן. מען זוכט אים דאָ, דאָרט — ער איז נישטאָ. די מאַכט האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן. פאַרשוואונדן — און ווי אין וואַסער אַריין! ביינאַכט רופט מיך דער קאַראַול־אָפיציר, קום איך... יאָ־אָ־אָ... „גיי, זאָגט ער, אַריין אין די סאַלאָנען פון זיין קייסערלעכער מאַיעסטעט... דער קייסער אַליין פאָדערט דיך". איך בין, פאַרשטייט זיך, דערשראָקן געבליבן. כ'גיי אַריין. שטעל מיך אין פראָנט, און ער, דער וואוילטעטער, האָט מיר מיטן הענטל איבערן אַקסל אַ קלאַפּ געטון, און זאָגט: „אָט וואָס, זאָגט ער, איוואַן אַוודעיִטש, ס'איז אַנטלאָפן דער גרעסטער גזלן פון אונזער אימפּעריע. פון דער ערד זאָלסטו אים אויסגראָבן און ברענגען, אַנדערש זיך מיר פאַר די אויגן נישט ווייזן!" — „איך הער, אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט", — זאָג איך. יאָ־יאָ־יאָ... ברידערלעך מיינע, אַ שיין שטיקל אַרבעט האָט מען מיר פאַרגעבן... האָב איך גענומען די דריי בעסטע פערד פון קייסערס שטאַל און — מאַרש־מאַרש. — אַוודעיִטש האָט פאַרייכערט, אַ קוק געטון אויף די געזונקענע קעפּ פון די צוהערער, און מיט געשטייגערטן מוט, מיט אַ פעסט קול ווידער אָנגעהויבן דערציילן פון וואָלקן רויך אַרויס, וואָס האָט זיין פנים פאַרשטעלט: — איך פאָר אַ טאָג, איך פאָר אַ נאַכט. ערשט אויפן דריטן מעת־לעת האָב איך אים הינטער מאָסקווע דעריאָגט. זעץ איך אים אַריין, דעם שיינעם פאַרשוין, אין דער קאַרעטע און — צוריק מיטן זעלבן וועג. כ'קום צו פאָרן אינמיטן דער נאַכט, איינגאַנצן אַ פאַרבלאָטיקטער,

און לאָז מיך גלייך גיין צו אים אַליין. פאַרשידענע פירשטן און גראַפן לאָזן מיך נישט, אָבער איך גיי. יאָ... יאָ... איך קלאַפּ אָן. „דערלויבט, אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט, אַריינצוגיין״. — „ווער איז דאָס״? — פרעגט ער. „דאָס בין איך, — זאָג איך, — איוואַן אַוודעיִטש סינילין״. האָט זיך אויפגעהויבן דאָרט אַ שרעקלעך געדרודער, — כ׳הער ווי ער אַליין שרייט: „מאַרעיאַ פיאָדאָראָוונאַ, מאַרעיאַ פיאָדאָראָוונאַ! שנעלער שטיי אויף, דעם סאַמאָוואַר שטעל אויף, איוואַן אַוודעיִטש איז געקומען!״

ווי אַ דונער האָט אין די הינטערשטע רייען אַרויסגעקנײַלט דאָס געלעכטער. דער שרייבער, וואָס האָט געלייענט די מעלדונגען וועגן די פאַרפאַלענע און פאַרבלאָנזשעטע בהמות, האָט ביי דער פראַזע „דער לינקער פוס ביז איבער דער קני אין אַ זאָק אָנגעטון״ זיך פאַרהאַקט. דער אַטאַמאַן האָט ווי אַ גאַנער אויסגעשטרעקט דעם האַלז, באַטראַכטנדיק דעם עולם, וואָס האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

אַוודעיִטש האָט אַראָפּגעכאַפּט די פּאַפּאַכע, — אַן אָנגעכמורעטער, די צעטומלטע אויגן איבערגעפירט פון איינעם אויפן אַנדערן.

— וואַרט-צו!
— אָכאָ-כאַ-כאַ-כאַ!...
— אָך, איך פּלאַץ!...
— הי-הי-הי-י-י!...
— אַוודעיִטש, קאָבעל פּליכיקער, אָך-אָכאָ!...
— „שטעל אויף דעם סאַמאָוואַר. אַוודעיִטש איז געקומען״!

אַז — זאָל ער!

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין. מאַנאַטקעס האָבן אומאויפהערלעך געסקריפּעט די הילצערנע, געפרוירענע טרעפּלעך פון גאַנעק. איבערן צעטרעטענעם שניי פאַר דער פאַרוואַלטונג האָבן אין אַ געראַנגל, כדי זיך צו דערוואַרעמען, אַרומגעשטיפט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו מיט אַ הויכן לאַנג-פיסיקן קאָזאַק — דעם באַלעבאָס פון דער ווינטמיל.

— איבערן קאָפּ וואַרף אים אַריבער, דעם מילנער — האָבן געראָטן די אַרום־שטייענדיקע קאָזאַקן. — די קליינע טרייסל פון אים אויס, כטיעפּקאַ!

— מיט פלינקייט נעם אים! זעסט ווי פּיפּיק ער איז! — האָט דער אַלטער קאַלושין זיך געהיצט, אונטערשפּרינגענדיק ווי אַ פויגל, און פון באַגייסטערונג נישט באַמערקט דעם גרויסן העלן טראָפּן, וואָס איז אים פון דער שפּיץ בלויער נאָז אַראָפּגעהאָנגען.

VIII

כאָטש פּראָקאָפּיעוויטש איז צוריקגעקומען פון דער פאַרזאַמלונג און גלייך אַריינגעגאַנגען אין אַלקער, אין צימער, וואָס ער האָט פאַרנומען מיט דער אַלטער. איליניטשנאַ איז די טעג נישט געזונט געווען. איר וואַסעריק־אויפגעדראָלן פּנים האָט אויסגעדריקט מידקייט און ווייטיק. זי איז געלעגן אויף אַ הויך איבערבעט, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן אַן אויפגעשטעלט קישן. אויפן טופּען פון די טריט, וואָס זענען איר באַקאַנט געווען, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיט געוואוינטער שטרענגקייט אויפן פּנים אַ קוק געטון אויפן מאַן, אָפּגעשטעלט דעם בליק אויף די קרייזלעך פון זיין באָרד, וואָס זענען נאַס געווען פון אָטעמען און האָבן אים פאַרשטעלט דאָס מויל, אויף די אָפּבליאַקירטע, פייכטע וואָנסעס, וואָס האָבן זיך צונויפגעוואָקסן מיט זיין באָרד. זי האָט אַ שניף געטון מיט די נאָזלעכער. אָבער פון אַלטן האָט געשמעקט מיט פראָסט און זויערלעכן ריח פון שעפּסן־פעלץ. „ער איז היינט ניכטער", — האָט זי אַ קלער געטון און צופרידן אַוועקגעלייגט דעם זאָק מיט די שפּיזלעך און נישט פאַרענדיקטער פּיענטע אויף איר הויכן בויך.

— וואָס־זשע איז געוואָרן מיטן האַקן?

— מען האָט באַשלאָסן אויף דאָנערשטיק. — פּראָקאָפּיטש האָט זיך אַ גלעט געטון די וואָנסע. — דאָנערשטיק פאַרטאָג, —

האָט ער איבערגעחזרט, אַוועקזעצנדיק זיך אויפן קאַסטן לעבן בעט. — נו, וואָס? ס'ווערט דיר אַלץ נישט בעסער?

אויף איליניטשנאַס פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ שאָטן פון פאַרשלאָסנקייט.

— אַלץ דאָס אייגענע, עס שטעכט און ברעכט אין די גלידער.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, בהמה, קריך נישט האַרבסט-צייט אין וואַסער אַריין. דו ווייסט, דו ביסט נישט מיט אַלעמען — כאַפּ דיך נישט! — איז פּראָקאָפּיעוויטש אויפגעקאָכט געוואָרן, מאַכנדיק גרויסע קרייזן מיטן שטעקן איבערן דיל. — ס'פעלן באַבעס? האָב זיי אַכציק שוואַרצע יאָר, די קאָנאָפּיעס דיינע: האָסט זיי איינגעווייקט און אַצינד... גאָט-ט-ט דו מיינער... עך!

— די קאָנאָפּיעס האָבן אויך נישט געטאָרט קאַליע ווערן. קיין באַבעס זענען נישט געווען, — גרישקאַ מיט זיינער האָבן געאַקערט, פּיעטראָ מיט דאַריען זענען ערגעץ-וואו אַוועקגעפאָרן.

דער אַלטער האָט זיך געהויכט אויף די הענט און אָנגעבויגן צום בעט.

— און וואָס איז מיט נאַטאַשקען?

איליניטשנאַ איז באַלעבט געוואָרן און אָנגעהויבן רעדן מיט דייטלעכער באַאומרויִקונג:

— איך ווייס נישט וואָס צו טון. זי האָט אַנומלט ווידער געשריגן. איך גיי אַרויס פון הויף, זע איך — ס'עפנט ווער די טיר פון שייער. טראַכט איך, לאָמיך צוגיין זי פאַרמאַכן. בין איך אַריינגעגאַנגען, ,שטייט זי ביים קאַסטן פּראָסע. זאָג איך איר: „וואָס איז דיר, וואָס איז דיר, ליבינקע?" ענטפערט זי מיר: „דער קאָפּ טוט מיר עפּעס ווי, מאַמוניע". מ'וועט דאָך פון איר דעם אמת נישט אַרויסקריגן.

— אפשר איז זי קראַנק?

— ניין, כ'האָב זי געפרעגט... אָדער ס'האָט איר ווער אַן עין-הרע געטון, אָדער מיט גרישקען איז עפּעס...

— צי קריכט ער נישט אַמאָל ווידער צו יענער?...

— וואָס פעלט דיר איין, אַלטער ! — איליניטשנאַ האָט דער־שראָקן מיט די הענט אַ פּאַטש געטון. — און סטיעפּאַן איז אַזאַ נאַר ? איך האָב נישט באַמערקט, ניין.

דער אַלטער איז אַ ביסל געזעסן און אַרויסגעגאַנגען. גרי־גאָרי האָט אין זיין צימער צונעפּיילט האַטשקעס פאַר די ווענדקעס. נאַטאַליע האָט זיי באַשמירט מיט צעלאָזט חזיר־שמאַלץ און פּינקט־לעך יעדעס איינגעוויקלט אין אַ באַזונדער טיכעלע. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרביי־געהינקט פאַר זיי און פאַרשנדיק אַ קוק געטון אויף נאַטאַליען.

נאַטאַליעס געל־געוואָרענע באַקן זענען באַדעקט געוועזן מיט אַ בלאַסער רויטקייט, ווי אַ האַרבסט־בלאַט. זי איז שטאַרק אָפּגע־מאָגערט געוואָרן אין משך פון דעם חודש און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ נייער נעבעכדיקער אויסדרוק. דער אַלטער איז שטיין געבליבן אין דער טיר. „ער האָט די באַבע פאַרצערטלט !“ — האָט ער אַ קלער געטון, נאָכאַמאָל אַ קוק געבנדיק אויף נאַטאַ־ליעס גלאַט־פאַרקעמטן, איבער דער באַנק געבויגענעם קאָפּ.

גריגאָרי איז געזעסן ביים פענסטער, באַוועגנדיק מיטן פּיי־פעכל, אויפן שטערן איז אונטערגעשפּרונגען זיין קליינע שוואַרצע טשופּרינע.

— וואַרף שוין אַוועק צום טייוול !... — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטון, רויט ווערנדיק פון כעס און צונויפגעדריקט די האַנט אויפן שטעקן.

גריגאָרי האָט אַ ציטער געטון און מיט פאַרוואונדערונג אויפ־געהויבן די אויגן אויפן פאָטער.

— כ'האָב געוואָלט, טאַטע, נאָך די צוויי שפּיצן צופיילן.

— וואַרף אַוועק, זאָגט מען דיר, צום פאָרן האַקן גרייט דיך צו !

— באַלד.

— קיין איין פלעקל אין שליטן נישטאָ, און ער האָט גאָר אין זינען האַטשקעס, — האָט דער אַלטער שוין רויִקער אַרויסגעזאָגט און, נאָך פאַרענדיק זיך אַ ביסל ביי דער טיר (ער האָט, אפנים,

געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן), איז ער אַרויסגעגאַנגען. די רעשט פּעס האָט ער אויסגעלאָזט צו פּיאָטערן.

אָנטועענדיק דעם פּעלץ, האָט גריגאָרי געהערט, ווי דער פּאָ־טער האָט געשריגן אינדרויסן.

— די בהמות זענען נאָך ביז אַצינד נישט אָנגעטרונקען, וואָס־זשע קוקסטו, דו אַזוינער און אַזעלכער ?... און ווער האָט צעוואָרפן דעם סטויג היי ביים פּאַרקן ? צי האָב איך נישט געזאָגט, מען זאָל פון דער זייט נישט נעמען ?... איר, פּאַרשאָלטענע, וועט דאָס בעסטע היי פאַרנוצן, און מיט וואָס וועט איר אין פרי־לינג די אָקסן פּאַשען, ווען מען וועט דאַרפן אַקערן ?...

איליניטשנאַ האָט דאָנערשטיק אויפגעוועקט דאַריען צוויי שעה פאַר טאָג.

— שטיי אויף, ס'איז צייט אונטערצוהייצן.

דאַריע איז אין בלויזן העמד אַוועק צום אויוון. זי האָט גע־פונען די שוועבעלעך און אונטערגעצונדן.

— דו קאָך אָפּ גיך, — האָט דער צעשויבערטער פּיעטראָ צו־געאיילט דאָס ווייב, פאַררייכערנדיק און הוסטנדיק.

— נאַטאַשקען איז זיי אַ שאָד צו וועקן. זי פּאָפּט, די אומ־פאַרשעמטע. וואָס־זשע, דאַרף איך אין צווייען זיך צערייסן ? — האָט די פאַרשלאָפענע בייזע דאַריע געבורטשעט.

— גיי, וועק זי אויף, — האָט פּיעטראָ געראַטן.

נאַטאַליע איז אַליין אויפגעשטאַנען. כאַפּנדיק אויף זיך דעם קאַפּטן, איז זי אַרויסגעגאַנגען נאָך קיזעקלעך אין קעמערל אַריין.

— אַ שטיקל קין ברענג אַריין ! — האָט די עלטערע שנור קאָמאַנדעוועט.

— דוניאַשקען שיק נאָך וואַסער, דו הערסט, דאַשקאַ ? — האָט איליניטשנאַ געכריפּעט, שווער נאָכשלעפּנדיק די פיס איבערן דיל פון דער קיך.

אין קיך האָט געשמעקט מיט פרישע צווייגלעך, לעדערנעם געשפּאַן און וואַרעמקייט פון מענטשלעכע קערפּערס. דאַריאַ איז

אַרומגעלאָפן, שאָרכענדיק מיט די וואויִאָקעס און קלינגענדיק מיט די אייזערנע טעפּ. אונטערן ראָזן העמד, מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די עלנבויגנס, האָבן אַרומגעצאַפּלט אירע קליינע בריסטן. דאָס לעבן נאָך דער חתונה האָט זי נישט אויסגעלאָשן, נישט דאַר געמאַכט: אַ הויכע, אַ דינע, אין דער טאַליע בויגעוודיק, ווי אַ ווערבע־צווייג, איז זי ענלעך געווען צו אַ מיידל. גייענדיק, האָט זי זיך געוויגט און באַוועגט מיט די אַקסלען; אויפן מאַנס שרייען געענטפערט מיט געלעכטער; פון אונטערן דינעם זוים פון אירע בייזע ליפּן האָבן העל אַפּערגעלויכטן קליינע, געדיכטע ציין.

— פאַרנאַכט האָט מען געדאַרפט די קיזעקלעך אָנלייגן. זיי וואָלטן אין אויוון זיך אויסגעטרוקנט, — האָט איליניטשנאַ אומצופרידן געבורטשעט.

— כ'האָב פאַרגעסן, מאַמע. ווי בכּיוון, — האָט דאַריע פאַר אַלע געענטפערט.

ביז מ'האָט זיך צוגעגרייט — האָט אָנגעהויבן טאָגן. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט שנעל געגעסן דאָס פרישטיק, זיך בריענדיק מיט דער שיטערער קאַשע. דער אָנגעכמורעטער גריגאָרי האָט געקייעט פּאַמעלעך, רודערנדיק מיט די מוסקולירטע באַקן. פּיעטראָ האָט זיך פריילעך געמאַכט, אומבאַמערקט פאַרן פאָטער נאָכשפּעטנדיק דוניאַשקען, וואָס האָט זיך אַרומגעבונדן די באַק פון צייןווייטיק.

איבערן כוטאָר האָבן געסקריפּעט די שליטן־גייערס*. אין גרויען פאַרטאָגיקן ליכט האָבן צום דאָן זיך באַוועגט די אָקסן-געשפּאַנען. גריגאָרי מיט פּיעטראָן זענען אַרויסגעגאַנגען איינשפּאַנען. גייענדיק, האָט גריגאָרי זיך אַרומגעוויקלט דעם האַלז מיטן ווייכן טוך — דער חתן־מתּנה, וואָס נאַטאַליע האָט אים געגעבן — און געשלונגען די פראָסטיקע און טרוקענע לופט. דורכ-

* פּאָלאָזיאַ — די נאַרטעס פון שליטן. — אויף יידיש־באַלעבאָלישן לשון: שליטן־גייערס.

פליִענדיק איבערן כוטאָר, האָט אַ קראָ הויך און אָפּקלינגענדיק אויסגעשריגן. דייטלעך האָט זיך געהערט אין דער פּראָסטיקער שטילקייט דאָס פאַמעלעכע באַוועגן פון די פאָכענדיקע פליגל. פּיעטראָ האָט נאָכגעקוקט דעם פליִען און געזאָגט:

— אַהין, וואו ס'איז וואַרימער, אויף דרום פאַרנעמט ער זיך.

פון הינטער אַ וואָלקנדל, ראָז און פריילעך, ווי אַ מיידלשער שמייכל, האָט אויפן הימל אַפּערגעשימערט דער דינינקער ראַנד פון דער לבנה. דער רויך האָט ווי אַ זייל זיך געהויבן פון קוימען און ווי אַן אָנהעענטיקע פיגור זיך אַוועקגעטראָגן צום אומצוטריטלעך-ווייטן, גילדערנעם, שאַרף-געשליפענעם ראַנד פון דער לבנה.

לעבן הויף פון די מעליעכאָווס איז דער דאָן נישט פאַרפרוירן געוואָרן. גרינלעך און אַרומגעזוימט מיט שניי ביי די ברעגן, איז דאָס אייז אַלץ פעסטער געוואָרן. פון אונטן האָט געפליעסקעט, זיך געבלעזלט דאָס וואַסער און ווייטער פון מיטן, נענטער צום לינקן ברעג-צו, דאָרט וואו דער שוואַרצער יאַר שלאָגט מיט זיינע קוואַלן, האָט גרויזאַם און לאָקנדיק געגלאַנצט דאָס אייזלאָך, אַרומגערינגלט מיט ווייסע שניי-רעשטלעך און איבער זיין אויבערפלאַך האָבן, ווי שוואַרצע פּינטעלעך, אַלעמאָל אויפגעטויכט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס זענען דאָ ווינטערן פאַרבליבן.

דער וועג פון אַריבערפאָרן האָט זיך געצויגן גלייך פון פלאַץ.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף די זין, איז דער ערשטער אַריבערגעפאָרן מיט די אַלטע אָקסן. פּיעטראָ מיט גריגאָריען, וואָס זענען הינטערשטעליק געבליבן, זענען אים נאָכגעפאָרן. ביים אַראָפּפאָרן האָבן זיי דעריאָגט אַניקושקען. אַריינשטעקנדיק די נייע האַק אין דער זייט פון געזעס, איז אַניקושקאַ, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גרינער גאַרטל, געגאַנגען לעבן די אָקסן. זיין ווייב, אַ קליין-געוואוקסיקע, קרענקלעכע באַבע, האָט אָנגעטריבן. פּיעטראָ האָט נאָך פונווייטנס אויסגעשריגן:

— וואָס איז דאָס, שכן, דו שלעפּסט מיט דיר דאָס ווייב מיט?

דער וויציקער אַניקושקאַ איז, טאַנצנדיק, צוגעגאַנגען צום שליטן.

— יאָ, יאָ, איך פיר זי מיט, צו דערוואַרימען זיך.

— וועסט פון איר ווייניק וואַרימקייט האָבן, צו דאַר איז זי.

— איך פאַשע זי מיט האָבער, און זי וויל זיך אַלץ נישט פאַרריכטן.

— אונז וועט אויסקומען האַקן צוזאַמען ? — האָט גריגאָרי געפרעגט, אַראָפּשפּרינגענדיק פון זיין שליטן.

— צוזאַמען, אויב וועסט געבן צו פאַררייכערן.

— דו, אַניקעי, האָסט תמיד ליב צו נעמען ביי יענעם.

— געגנבעטס און אויסגעבעטלטס איז תמיד באַטעמטער, — האָט אַניקושקאַ זיך צעכעכעט, פאַרקנייטשנדיק זיין נאַקעט ווייבעריש פנים אין אַ שמייכל.

זיי זענען געפאָרן צוזאַמען. אין וואַלד, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט האַבער פון טוי-געפריר, איז אַ שטרענגע ווייסקייט. אַניקושקאַ איז געפאָרן פאָרויס, קנאַקנדיק מיט דער בייטש איבער די צווייגן, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען איבערן וועג. דער שניי, שפּיזלדיק און ווייך, איז געפאַלן אין הענגלען, באַשיטנדיק אַניקושקאַס איינגעטוליעט ווייב.

— הער אויף, טייוול! — האָט זי געשריגן, זיך אָפּשאָקלענדיק.

— דו זעץ זי אַריין מיט דער נאָז אין אַ שניי-קופּע! — האָט פּיעטראָ געשריגן, פליסנדיק זיך צו טרעפן מיט דער בייטש דעם אָקס אונטערן בויך, ער זאָל בעסער גיין.

ביים אויסבויג צו די באַבע-גריבער האָבן זיי באַגעגנט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוון. ער האָט אין דער ריכטונג פון כוטאָר געטריבן די אויסגעשפּאַנטע אָקסן אין דער יאַרמע, געשפּרייזט מיט ברייטע טריט, צוסקריפּענדיק מיט די אונטערגענייטע וואוילאָקעס. דער געקרייזלטער, מיט טוי-געפריר באַדעקטער טשוב, איז ווי אַ ווייסער טרויבן-הענגל אָפּגעהאָנגען פון אונטער זיין קרימלעך-אָנגעטוענער פאַפּאַכע.

— העי, סטיעפּאַן, האָסט פאַרבלאָנזשעט ? — האָט אַניקושקאַ אויסגעשריגן, זיך דערנענטערנדיק.

— פאַרבלאָנזשעט, דער טייוול זאָל עס נעמען !... דער שליטן האָט מיט אַ פליגל אָן אַ פיען זיך אָנגעקלאַפּט און אַ גייער אויף צווייען געשפּאָלטן. איך מוז מיך אומקערן. — סטיעפּאַן האָט נאָך צוגעגעבן אַ געמיין וואָרט און פאַרבייגעגאַנגען פיאָטערן, זשמורענדיק מיט עזות די העלע גזלנישע אויגן פון אונטער די לאַנגע וויעס אַפּער.

— און דעם שליטן האָסטו איבערגעלאָזט ? — האָט אַניקושקאַ אויסגעשריגן, זיך אויסדרייענדיק.

סטיעפּאַן האָט אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט, אַ קנאַק געגעבן מיט דער בייטש, אָנדרייענדיק די אָקסן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויפן פעלד, און מיט אַ לאַנגן בליק באַגלייט גרישקען, וואָס איז נאָכגעגאַנגען זיין שליטן. נישט ווייט פון ערשטן גרוב האָט גריגאָרי דערזען דעם שליטן, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין מיטן וועג, לעבן שליטן איז געשטאַנען אַקסיניאַ. צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט די פּאָלע פון דער דאָנער שובע, האָט זי געקוקט אויפן וועג, קעגן די שליטנס, וואָס האָבן זיך דערנענטערט.

— רוק דיך אָפּ, וואָרים איך וועל דיך צעטרעטן. עך, דו — וועמעס דו ביסט דאָרט — ביסטו, אָבער מיין ווייב ביסטו נישט! — האָט אַניקושקאַ זיך צעהירזשעט.

אַקסיניאַ האָט שמייכלענדיק זיך אָפּגערוקט און אַוועקגעזעצט אויפן אָנגעבויגענעם שליטן מיטן אָפּגעבראָכענעם גייער.

— אָט זיצט דאָך דיינע לעבן דיר.

— זי האָט זיך צוגעטשעפּעט, ווי אַ ריפּ צו אַ חזירישן ווידל ; אַז נישט — וואָלט איך דיך אונטערגעפירט.

— איך דאַנק דיר.

צוקומענדיק צו איר, האָט פּיעטראָ גלייך זיך אומגעקוקט אויף גריגאָריען, וואָס איז געפאָרן דער לעצטער. גריגאָרי איז געגאַנגען,

אומרויִק שמייכלענדיק; אין זיין יעדע באַוועגונג איז געווען צע־טראָגנקייט און דערוואַרטונג.

— וואָס מאַכסטו, שכנטע, — האָט פּיעטראָ זיך באַגריסט, באַרירנדיק דאָס היטל מיט אַ הענטשקע.

— גאָט צו דאַנקען.

— מסתמא זיך אָפּגעבראָכן?

— אָפּגעבראָכן, — האָט אַקסיניאַ גלייכגילטיק געענטפערט, נישט קוקנדיק אויף פּיאָטערן, און זיך אויפגעהויבן, אויסגעדרייט אין דער זייט פון גריגאָריען, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

— גריגאָר פּאַנטעלעוויטש, איך וויל אייך עפּעס זאָגן...

— נו־נו, — האָט פּיעטראָ מיאוס אַ שמייכל געטון, אַריינכאַפּנדיק אין מויל די פון טיטון־רויך ביטערע וואָנסע.

זיי זענען געשטאַנען קעגן זיך שווייגנדיק. אַקסיניאַ האָט אומרויִק זיך אַרומגעקוקט, אָנגעשטעלט די פייכטע, שוואַרצע אויגן אויף גריגאָריען. שאַנד און פרייד האָבן אָנגעצונדן אירע באַקן, געטרוקנט אירע ליפּן. זי האָט שנעל און העשענדיק געאָטעמט.

אַניקושקעס און פּיאָטערס שליטנס זענען פאַרשוואונדן הינ־טער די געדיכט־פאַרוואַקסענע, ברוינע דעמבע־ביימלעך. גריגאָרי האָט שאַרף אַ קוק געטון אַקסיניען אין די אויגן אַריין, געזען ווי זיי האָבן אויפגעפלאַמט מיט יענעם ליידנשאַפטלעכן פאַרצווייפלטן פייערל...

— נו, גרישאַ, ווי דו ווילסט, איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו לעבן אָן דיר, — האָט זי אַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט און פעסט פאַרביסן די ליפּן, וואַרטנדיק אויף אַ ענטפער.

גריגאָרי האָט געשוויגן. די שטילקייט האָט ווי מיט אַ רייף אַרומגענומען דעם וואַלד. ס'האָט געקלונגען אין די אויערן פון דער גלאָזיקער פוסטקייט. דער גלאַנציקער, פון די שליטן־גייערס אויס־געגלעטער וועג, די גרויע הימל־טראַנטעס, דער שטומער, טויט־שלעפעריקער וואַלד... אַן אומגעריכטער, גרילצנדיקער און נאָענ־טער אויסגעשריי פון אַ קראָ האָט גריגאָריען ווי אויפגעוועקט פון קורצן דרימל. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערזען: אַ בלוי־

לעך־שוואַרץ־באַפּעדערטער כויגל פליט שטיל פאַרבײַ מיט פאַרהוי־בענע פיסלעך, פאָכענדיק מיט די פליגל, ווי צום געזעגענען. אומ־געריכט פאַר זיך אַליין, האָט גריגאָרי געזאָגט:

— ס׳וועט זײַן וואַרים. ער פליט אין די וואַרימע קאַנטן אַרײַן... — און אויפשווידערנדיק, הייזעריק זיך צעלאַכט... — ...װ... — האָט ער גנביש זיך אַרומגעקוקט מיט די נידעריק אַראָפּ־געלאָזטע צאַפּלען פון די שיכורע אויגן און האַסטיק צוגעצויגן צו זיך אַקסיניען.

IX

אין די אָוונטן פלעגן בײַ דער שיקלדיקער לוקעשקען אין שטאָקמאַנס דירה זיך פאַרזאַמלען פאַרשידענע מענטשן: ס׳פלעגט קומען כריסטאָניאַ; וואַלעט פון דער מיל מיטן אָנגעהאָנגענעם פאַרפעצטן פּידזשאַק; דאַווידקאַ מיט די שטשירענדיקע ציין, וואָס איז שוין דרײַ חדשים אַרומגעגאַנגען ליידיק; דער מאַשיניסט קאָטליאַראָוו איוואַן אַלעקסעיעוויטש; אַמאָל אויך דער שוסטער פילקאַ, און אַלס שטענדיקער גאַסט — מישקאַ קאָשעוואָי, דער יונ־גער קאָזאַק, וואָס איז נאָך אין מיליטערישער דינסט נישט געווען.

פריער האָט מען געשפּילט אין פּעטש, דערנאָך האָט שטאָק־מאַן אומבאַמערקט אונטערגערוקט ניעקראַסאָווס אַ ביכעלע. מ׳האָט אָנגעהויבן לייענען אויפן קול — ס׳איז געפעלן געוואָרן. איז מען איבערגעגאַנגען צו ניקיטינען, און אַרום ווײַנאַכט האָט שטאָקמאַן פאָרגעלייגט צו לייענען עפּעס אַ ברודיק האַלב־צעריסן העפטל. קאָ־שעוואָי, וואָס האָט אַמאָל געענדיקט די צערקווע־שול און גע־לייענט אויפן קול, האָט מיט ביטול אַ קוק געטון אויפן פאַר־פעצטן העפט.

— מ׳וואָלט געקאָנט דערפון מאַכן לאָקשן. אַזוי פעט איז עס.

כריסטאָניאַ האָט הילכיק זיך צעלאַכט, דאַווידקאַ האָט בלענדנ־

דיק געשמייכלט, נאָר שטאָקמאַן, איבערוואַרטנדיק דאָס אַלגעמײנע געלעכטער, האָט געזאָגט:

— לייען, מישאַ, דאָס איז וועגן די קאָזאַקן. ס'איז אינ־טערעסאַנט.

קאָשעוואָי האָט אַראָפּגעהאָנגען זיין גאָלדיקן טשופּ איבערן טיש, סילאַביזירנדיק איבערגעלייענט:

— די קורצע געשיכטע פון דאָנער קאָזאַקנטום — און וואַרפנדיק אַ בליק אויף אַלע, מיט פאַרזשמורעטע אויגן צוגעוואַרט.

— לייען, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש באַפוילן.

מען האָט אַזוי סילאַביזירט דריי אָוונטן. וועגן פּוגאַטשאָוון*, וועגן פרייען לעבן, וועגן סטיענקאַ ראַזין** און קאָנדראַטי בולאַווין***. מען איז צוגעקומען ביז די נייעסטע צייטן. דער אומבאַקאַנטער מחבר האָט אויף אַ צוטריטלעכן און בייסיקן אופן אויסגעלאַכט דאָס אָרימע קאָזאַקישע לעבן, חוזק געמאַכט פון די

---

* פּוגאַטשאָוו, עמעליאַן (אַרום 1744–1775) – דער פירער פון דער פּויערן-רעוואָלוציע אין XVIII יאָרהונדערט, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען: פּוגאַטשאָווער בונט.

** סטיעפּאַן ראַזין (פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און אומגעקומען אין יאָר 1671) – דער פירער פון דער פּויערן-רעוואָלוציע אין XVII יאָרהונדערט.

*** קאָנדראַטי בולאַווין (געבוירן אַרום 1660 יאָר) — דער פירער פון אויפשטאַנד אין די יאָרן 1707–1708. דער בולאַווין-בונט איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן פּרווו פון דער רעגירונג אויפצוזוכן און אומקערן אין זייערע וואוינונגס-ערטער די פּויערן, דעזערטערן א. א. וו., אַנטלאָפענע פון די שווערע לאַסטן, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט די מלחמות פון פּיאָטער דעם ערשטן. בולאַווין האָט זיך געשטיצט אויף די ראַסקאָלניקעס, אַנטלאָפענע מענטשן און קאָזאַקישער אָרימקייט. צום בולאַווין-בונט זענען אויך צוגעשטאַנען די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיפן האָלץ איבערן כאָפּער.

געזעצן און אַמטן, פון דער צארישער מאַכט און אויך פון קאָ־זאַקנטום, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו די מאָנאַרכן אַלס אָפּריטשניקעס*. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערודער. מ׳האָט גע־נומען פירן וויכּוחים. כריסטאָניאַ האָט געהודזשעט, אונטערשפּאַרנ־דיק דעם בעליק מיטן קאָפּ. שטאָקמאַן איז געזעסן ביי דער טיר, גערייכערט פון ביינערנעם ציגאַרשפּיצל, געלאַכט בלויז מיט די אויגן.

— אמת! גערעכט! — האָט כריסטאָניאַ געדונערט.

— נישט מיר אַליין זענען שולדיק, וואָס מ׳האָט דערפירט דאָס קאָזאַקנטום צו אַזאַ שאַנד, — האָט קאָשעוואָי אין פאַרוואונ־דערונג צענומען די הענט, פאַרקנייטשנדיק זיין שיין פּנים מיט די טונקעלע אויגן.

ער איז געווען פעסט געבויט, אַזוי ברייט אין די אַקסלען, ווי אין די היפטן, דערפון אויסגעזען קוואַדראַטמעסיק: זיין קרעפּ־טיקער האַלז, באַדעקט מיט אַ רויטקייט פון ציגל־קאָליר, איז מעכ־טיק געזעסן אויפן אייזערנעם קערפּער־פונדאַמענט, און מאָדנע האָט אויף דעם האַלז אויסגעזען דער שיין־אַרויפגעזעצטער נישט גרוי־סער קאָפּ מיט די פרויענהאַפט־געצייכנטע מאַטע באַקן, קליינעם ענערגישן מויל און טונקעלע אויגן אונטערן גאָלדיקן קלומפּן פון די געלאָקטע האָר. דער מאַשיניסט איוואַן אַלעקסעיעוויטש, אַ הוי־כער, ביינעק־צעוואַקסענער קאָזאַק, האָט דיסקוטירט פאַרביסן. די קאָזאַקישע טראַדיציעס האָבן זיך איינגעזויגן און זענען איינגעוואַקסן אין יעדן קעמערל פון זיין ברייטביינעקן קערפּער. ער האָט פאַר־

* אָפּריטשניקעס — אַ באַזונדערע אַרמיי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די צייטן פון איוואַן גראָזני (XVI יאָרהונדערט.) און האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט אַ באַדייטנדיקע באַוואָפנטע מאַכט פון אַדעליקן קליין־באַאַמטנטום קעגן אונטערגייענדיקן באָיאַרנטום. אויף דעם אָרט: באַזונדערע מיליטערישע טיילן, אָרגאַניזירטע דורך דער זעלבסטהערשונג צום אָפּרעכע־נען זיך מיט אירע שונאים.

טיידיקט די קאָזאַקן, אָנפּאַלנדיק אויף כריסטאָניען און פינקלענדיק מיט די קיילעכיקע, בולטע אויגן.

— דו, כריסטיאַן, ביסט פאַרפויעריש געוואָרן, טענה נישט, וואָס איז דאָ צו רעדן... אויף יעדן עמער בלוט, וואָס דו האָסט אין דיר — פאַלט אויס בלויז איין נישטיקער קאָזאַקישער טראָפּן. דיין מאַמע האָט דיך פון אַ וואָראָניעזשער אייער־סוחר געבוירן.

— דו ביסט אַ נאַר!... עך, ברידערל, ביסטו אַ נאַר — האָט כריסטאָניאַ געזעדט מיט אַ באַס. — מיר גייט בלויז אין אמת.

— איך האָב אין אַטאַמאַנישן פּולק נישט געדינט — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש חוזק געמאַכט, — דאָס איז אין אַטאַמאַנישן פּולק אַזוי יעדער קאָזאַק אַ שוטה...

— און ביי אייך אין דער אַרמיי טרעפט מען אויך אַזעלכע, וואָס קאָנען אַ קאַץ דעם וויידל נישט פאַרבינדן.

— שוויג שוין בעסער, פויער!

— און פויערן זענען קיין מענטשן נישט?

— פון ליקע* געפלאָכטן און לאָזע** פאַררעכטן — אַזעלכע זענען זיי, די פויערן.

— ווען איך, ברודער, האָב אין פעטערבורג געדינט — האָב איך פאַרשידענע געזען. ס'איז אַמאָל געווען אַזאַ פאַל, — האָט כריסטאָניאַ געזאָגט, אַקצענטירנדיק אין לעצטן וואָרט דעם וואָקאַל „אַ": — מיר האָבן געהאַט וואַך אין קייסערלעכן הויף, די וואַכן זענען געשטאַנען פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. פון אויסנווייניק זענען לענגאויס דער מויער געריטן רייטער: צוויי אַהין — צוויי אַהער. ווען זיי טרעפן זיך, פרעגן זיי: „אַלץ איז רויק? ניטאָ קיין בונטן?" — „נישטאָ", — און זיי צערייטן זיך. אָפּשטעלן זיך רעדן — טאָר מען נישט. מען האָט אויך לויטן אָנבליק צוגעקליבן: אויב מען שטעלט צוועק צוויי ביי אַ טיר, גיט

---

* בוים־שאָל.

** ווערבע־ריטער.

מען אַכטונג, זיי זאָלן ענלעך זיין איינער צום אַנדערן. אויב שוואַרץ, מוזןביידע זיין שוואַרץ, אויב ווייס — איז ביידע ווייס. נישט בלויז לויט די האָר, נאָר זיי מוזן אויך לויטן אָנבליק ענלעך זיין. מיר האָט אַמאָל צוליב דידאָזיקע שטותים אַ פריזירער די באָרד איבערגעפּאַרבט. ס'איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען צו שטיין מיט ניקיפאָר מיעשטשעראַקאָוון, — געווען אַזאַ קאָזאַק פון דער טעפּעקינער סטאַניצע אין אונזער סאָטניע, — איז ער, דער טייוול, געווען פון עפּעס אַ מאָדנער קאַשטענעוואַטער פאַרב. די קרענק ווייסט אים, וואָס פאַר אַ פּאָות ער האָט געהאַט, ווי אַ פייער וואָלט אין זיי געברענט. מע זוכט, מע זוכט, און ס'איז גאָר אין קיין שום סאָטניע אַזאַ פאַרב נישטאָ. זאָגט צו מיר דער סאָטניק באַר־קין: „גיי אַריין צום פריזירער, און זאָל ער דיר שוין די באָרד מיט די וואָנסעס איבערפאַרבן". בין איך אַריינגעגאַנגען, און ער האָט איבערגעפאַרבט... און ווען כ'האָב מיך אין שפּיגל דערזען, איז מיר אַזש דאָס האַרץ אַנטפאַלן: איך ברען! ממש איך ברען, און פּטור! נעם איך די באָרד אין דער האַנט אַריין, פיל איך, ווי ס'ווערט מיר אין די פינגער הייס. אַזוי טאַקע!...

— וואו ביסטו פאַרקראָכן? וועגן וואָס האָסטו אָנגעהויבן רעדן? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אים איבערגעשלאָגן.

— וועגן פאָלק, אָט וועגן וואָס.

— נו, דערציי־זשע. דו רעדסט דאָך גאָר וועגן דיין באָרד, אויף וואָסער טייוול דאַרפן מיר זי.

— דערצייל איך דאָך: איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צו האַלטן די רייטער־וואַך. פאָר איך אַזוי מיטן חבר, און פון ווינקל האָבן זיך פלוצלינג סטודענטן באַוויזן. ווי נאָר זיי דער־זען אונז, צעשרייען זיי זיך: „האַ־אַ־אַ־אַ!" און נאָכאַמאָל! „האַ־אַ־אַ־אַ!" מיר האָבן נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, און זיי האָבן אונז שוין אַרומגערינגלט. „וואָס רייט איר דאָ, קאָזאַקן?" זאָג איך: „מיר זענען אין קאַראַול, און דו — די לייצן לאָז אָפּ, כאַפּ נישט!" — און נעם מיך צו דער שווערד. זאָגט ער מיר: „דו, סטאַניצע־מאַן, האָב קיין מורא נישט, איך אַליין בין אַ גע־

בוירענער פון דער קאַמענסקער סטאַניצע און לערן מיך דאָ אין ניוואַרסי... ניוואָרסיטוט", אָדער ווי זיי רופן עס דאָרט. דאָ ווילן מיר שוין רייטן ווייטער, אָבער איינער פון זיי, מיט אַ גרויסער נאָז, נעמט אַרויס פון זיין טייסטער אַ צענער־רובל און זאָגט: „טרינקט אויס, קאָזאַקן, פאַרן געזונט פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער". ער האָט אונז געגעבן דעם צענער־רובל און אַרויסגענו־מען פון קעשענע אַ פאַטרעט: „דאָס — זאָגט ער — איז מיין טאַטנס אָנבליק, נעמט עס זיך צום גוטן אָנדענק". מילא, האָבן מיר גענומען, ס'איז דאָך געווען איבער דער טבע נישט צו נעמען. און די סטודענטן זענען אַוועקגעגאַנגען, און ווידער אויסגעשריגן „האַ־אַ־אַ־אַ". אַזוי שרייענדיק, זענען זיי, מסתמא, אַוועק אויפן נעווסקער פּראָשפּעקט. פון די הינטערשטע טויערן פון פּאַלאַץ איילט צו אונז דער סאָטניק מיט זיין קאָזאַקן־אָפּטיילונג. ער איז צוגעקו־מען: „וואָס איז דאָ געווען?" זאָג איך אים: „סטודענטן האָבן אונז אַרומגערינגלט און אַ שמועס אָנגעהויבן, האָבן מיר זיי לויטן געזעץ געוואָלט אויף די שווערדן נעמען, אָבער דערנאָך, ווען זיי האָבן אונז באַפרייט, זענען מיר, הייסט עס, אַוועקגעריטן". ווען מען האָט אונז געטוישט, זאָגן מיר דעם וואַכמייסטער... „אָט, האָבן מיר, לוקיטש, פאַרדינט צען רובל, און דאַרפן זיי פאַרטרינקען פאַר דער נשמה פון דעמדאָזיקן ייידן" — און מיר ווייזן אים דעם פאַטרעט. דער וואַכמייסטער האָט אין אָוונט געברענגט בראָנפן, מיר האָבן געהוליעט צוויי מעת־לעת, און דערנאָך האָט זיך ערשט אַרויסגע־וויזן אַ שפּיצל דאָס איז געווען: דער סטודענט, די נבלה מיט דער גרויסער נאָז, האָט אָנשטאָט דעם פאָטער אונז גאָר געגעבן דעם פאַטרעט פון הויפּט־בונטאָווטשיק פון דייטשישער אָפּשטאַמונג. איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר אמת, צוקאָפּנס צום אָנדענק אויפגעהאָנ־גען, כ'זע — אויפן פאַטרעט אַ גרויע באָרד, אַ גאַנץ בכבודיקער מענטש, עפּעס אַזוי ווי אַ סוחר... אָבער דער סאָטניק האָט דער־זען און פרעגט מיך: „וואו האָסטו דעם פאַטרעט גענומען, דו אַזוינער און אַזעלכער?" זאָג איך: „אַזוי און אַזוי". — האָט ער זיך דאָס אַ נעם געטון צו מיר, און איינמאָל איבער דער צורה,

און נאָכאַמאָל... „דו ווייסט, — שרייט ער, — אַז דאָס איז דער אַטאַמאַן זייערער קאַרלאַ"... — איך האָב דעם נאָמען פאַרגעסן... עך, ווי הייסט ער דאָרטן, כ'זאָל מיך נאָר דערמאַנען...

— קאַרל מאַרקס? — האָט שטאָקמאַן אונטערגעזאָגט, פאַרקנייטשנדיק דאָס פּנים אין אַ שמייכל.

— אָט־אָט!... דער אייגענער. קאַרל מאַרקס... — האָט כריסטאָניאַ זיך דערפרייט... — ער האָט מיך שיין אָפּגעפרייערט, אין זיין מאַמען אַריין! טיילמאָל פלעגט אויך דער קרוינפּרינץ אַלעקסעי מיט זיינע דערציער צו אונז אין קאַראַול־ביידל אַריינקומען. זיי האָבן דאָך געקאָנט דערזען! וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?

— און דו רימסט נאָך די פויערן, זעסט, ווי מען האָט דיך אונטערגעפירט, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געלאַכט.

— דערפאַר האָבן מיר אַ צענער־רובל פאַרטרונקען. כאָטש פאַרן בערדיקן קאַרל, אָבער פּאָרט געטרונקען.

— פאַר אים מעג מען טרינקען, — האָט שטאָקמאַן אַ שמייכל געטון, זיך שפּילנדיק מיט די רינגעלעך פון ביינערנעם, אויסגעריכערטן ציגאַרשפּיצל.

— וואָס־זשע פאַר אַ גוטס האָט ער אַזוינס געטון? — האָט קאָשעוואָי געפרעגט.

— איך וועל אַ צווייט מאָל דערציילן, היינט איז שוין שפּעט. — שטאָקמאַן האָט אַ פּאַטש־געטון מיט דער האַנט, אַרויסקלאַפּנדיק דאָס פאַרלאָשענע שטיקל פּאַפּיראָס פון ציגאַרשפּיצל.

נאָך אַ לאַנגער צייט פאַרברענגען צוזאַמען און גרויסן אויסוואַל האָט אין דער שיקלדיקער לוקעשקעס האַלב־חרובער כאַטע זיך געשאַפן אַ קערן פון אַ מאַן צען קאָזאַקן. שטאָקמאַן איז געווען דאָס האַרץ פון דעם קערן, ער האָט זיך באַוועגט צו אַ ציל, וואָס איז בלויז אים אַליין באַקאַנט געווען. ווי אַ וואָרעם, וואָס פרעסט האָלץ, האָט ער געפרעסן די נישט־קאָמפּליצירטע באַגריפן און געוואוינהייטן, איינגעפלאַנצט עקל און פאַראַכטונג צו דער עקזיסטירנדיקער

אָרדענונג. לכתחילה אָנגעטראָפן אויפן קאַלטן שטאָל פון אומצוטרוי, אָבער נישט אָפּגעטרעטן, און ווייטער געפּרעסן...

ער האָט געלייגט די לאַרווע פון אומצופרידנקייט. און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אין פיר יאָר אַרום וועט פון די צעפוילטע ווענטלעך פון דערדאָזיקער לאַרווע זיך אויסטיילן אַ געזונטער און לעבנספעיקער עמבריאָן?

X

אויף דער זאַמדיקער שיפּוע פון לינקן ברעג דאָן ליגט די סטאַניצע וויעשענסקאַיאַ, די עלטסטע פון אַלע סטאַניצעס, וואָס געפינען זיך אויף די אייבערשטע ברעגן פון דאָן. דאָס איז די אייגענע סטאַניצע, וואָס האָט אַמאָל געהייסן טשיגאָנאַקי און איז חרוב געוואָרן אין די צייטן פון פּיאָטער דעם ערשטן. זי איז שפּעטער איבערגעטראָגן געוואָרן און האָט באַקומען דעם נאָמען וויעשענסקאַיאַ. דידאָזיקע סטאַניצע איז אַמאָל געווען דער עטאַפּ אויפן גרויסן וואַסער-וועג וואָראָניעזש—אַזאָוו.

קעגנאיבער דער סטאַניצע בייגט דער דאָן זיך אויס אין דער פאָרם פון אַ טאָטערישן בויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען רעכטס, און לעבן כוטאָר באַזקי גלייכט ער ווידער מאַיעסטעטיש זיך אויס און טראָגט זיינע גרינלעכע, דורכזיכטיק-בלויע וואַסערן פאַרביי די קריידשיפּועים פון די בערג אויפן רעכטן ברעג, פאַרביי די אָפטע כוטאָרס פון דער רעכטער זייט, פאַרביי די זעלטענע סטאַניצעס פון דער לינקער זייט צום ים, דעם בלויען — אַזאָווישן.

קעגנאיבער דער אוסט-כאָפּערישער סטאַניצע איז ער זיך מתחתן מיטן כאָפּער, קעגנאיבער דער אוסט-מיעדוויעדיצער — מיט דער מיעדוויעדיצע, און נידעריקער פליסט ער שוין מיט זיינע פולע וואַסערן אין בונטן פונאַנדערבלי פון די געדיכט-באַפעלקערטע כוטאָרס און סטאַניצעס.

די וויעשענסקאַיאַ איז פאַרזייעט מיט געלע זאַמדן, אַן או-

מעטיקע, אַ פּליכיקע, אַ סטאַניצע אָן גערטנער. אויפן פּלאַץ שטייט אַן אַלטער, פון דער צייט גרוי-געוואָרענער סאָבאָר, זעקס גאַסן זענען אויסגעלייגט לענגאויס דעם דאָן. דאָרט, וואו דער דאָן בייגט זיך אויס און גייט פון דער סטאַניצע צו באַזקי, שניידט אַן אָזיערע, ווי אַן אָרעם, זיך אַריין אין דער געדיכטעניש פון די טאָפּאָלן, אַזוי ברייט ווי דער דאָן, ווען ער איז ווייניק באַוואַסערט. ביים סוף פון דערדאָזיקער אָזיערע ענדיקט זיך טאַקע די סטאַניצע. אויפן קליינעם פּלאַץ, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט גילדענע, שטעכיקע דערנער-קוסטעס, — געפינט זיך די צווייטע צערקווע: גרינע קו-פּאָלן, אַ גרינער דאַך, ענלעך צו דער גרינקייט פון די טאָפּאָלן, וואָס האָבן זיך צעוואַקסן אויף דער צווייטער זייט אָזיערע.

און אויף צפון-זייט פון דער סטאַניצע — אַ שאַפּירענע אויס-שפּרייטונג פון זאַמדן, שיטער-צעוואָרפענע סאָסנע-ביימלעך, גריבער, אָנגעפּילטע מיט וואַסער, ראָז פון ליימיקן באָדן. און אָט אין דער זאַמדיקער פאַרפלייצונג, אין דער ווייטער אויסשפּרייטונג פון די קערנדיקע זאַמדן — זעלטענע אינזלען פון כוטאָרס, גערטנדלעך, זשאַווער-פאַרביקע געדיכטעניש פון ווערבע-ביימער.

איינמאָל אין אַ זונטיק, אין דעצעמבער, שטייט אויפן פּלאַץ פאַר דער אַלטער צערקווע אַ שוואַרצע מחנה פון אַ האַלבן טויזנט יונגע קאָזאַקן פון דער גאַנצער סטאַניצע. אין דער צערקווע ווערט אָפּגעריכט די מיטאָג-תפילה, די גלאָקן קלינגען. דער עלטסטער אוריאַדניק — אַ בראַווער באַיאָרטער קאָזאַק מיט בענדלעך פאַר אי-בערטערמיניקער דינסט — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון „צו מושטי-רונג!“ די פּלוידערנדיקע מחנה איז זיך צעפלאָסן און פאָרמירט צוויי לאַנגע, נישט גלייכע שרענגעס. איבער די רייען לויפן אַרום די אוריאַדניקעס, אויסגלייכנדיק די כוואַליענדיק-אויסגעבויגענע שרענגעס.

— אין דער ריי-ע-ע, — האָט דער אוריאַדניק אויסגעשריגן און, מאַכנדיק מיט דער האַנט אַן אומבאַשטימטע באַוועגונג, אַ וואָרף געטון: — צו פיר!...

אין דער פאַרצוימונג איז, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, אַריינ-

געבליבן דער אַטאַמאַן, אָנגעטון אין אוניפאָרם, און אַ נייאינקן אָפיצירישן מונדיר, הינטער אים — דער מיליטערישער פּריסטאַוו.

גריגאָרי מעליעכאָוו איז געשטאַנען לעבן מיטקאַ קאָרשונאָוו, זיי האָבן שעפּטשענדיק געשמועסט.

— דער שטיוול קוועטשט מיר אַזוי דעם פוס, אַז כ׳קאָן שוין נישט אויסהאַלטן.

— לייד, וועסטו אַן אַטאַמאַן ווערן.

— מ׳וועט אונז באַלד אַריינפירן.

ווי כדי צו באַשטעטיקן, האָט דער עלטערער פאָריאַדניק, מאַכנדיק עטלעכע טריט צוריק, זיך אַ דריי געטאָן אויף די אָפּצאַסן:

— רע-ע-כטס אום!

„הוק-הוק" — האָבן הילכיק אויסגעקלאַפּט פינפהונדערט פּאָר באַשטיוולטע פיס.

— לינקס פאָרויס, מאַרש!

די קאָלאָנע האָט זיך אַריינגעשניטן אין געעפנטן טיר פון צערקווע-גאָרטן, ס׳האָבן אַ שימער געטון די פון די קעפּ אַראָפּגענומענע פּאַפּאַכעס, די צערקווע איז ביזן קופּאָל אָנגעפילט געוואָרן מיטן געטופּעריי פון די טריט.

גריגאָרי איז געשטאַנען, נישט איינהערנדיק זיך אין די רייד פון דער שבועה, וואָס דער גייסטלעכער האָט פאָרגעזאָגט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין מיטקעס פּנים, וואָס האָט זיך געקרומט פון ווייטיק, און כסדר איבערגעשטעלט דעם פוס אין ענגן שטיוול. גריגאָריעס אויפגעהויבענע האַנט איז פאַרשטייפט געוואָרן, אין קאָפּ האָבן זיך כאַאָטיש געפלאָנטערט געדאַנקען, ווי ער וואָלט פאַר-טשאַדעט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צום צלם, געקושט דאָס פייכ-טע זילבער, וואָס איז באַגאַווערט געווען פון אַ סך מיילער, און געטראַכט וועגן אַקסיניען, וועגן ווייב. אַ קורצע דעריננערונג, ווי דער בלענדנדיקער זיגזאַג פון אַ בליץ, האָט דורכגעשניטן זיינע גע-דאַנקען: דער וואַלד, די טונקל-ברוינע שטאַמען פון די ביימער אין זייער ווייסער הערלעכער טראַכט, ווי אין צירלעכע זילבער-

געשפּאַנען ; דער פּייכטער הייסער גלאַנץ פון אַקסיניעס שוואַרצע אויגן פון אונטערן וואָלענעם טיכל אַפּער...

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ. ווידער זיך אויסגעשטעלט. אויסשנייצנדיק די נאָז און אומבאַמערקט אָפּווישנדיק די פינגער אָן אונטערשלאַק פון מונדיר, האָט דער אוריאַדניק אָנגעהויבן האַלטן אַ רעדע :

— אַצינד זענט איר שוין נישט קיין קינדער, נאָר קאָזאַקן. איר האָט געשוואוירן און דאַרפט וויסן — וואָס און ווען. אַצינד זענט איר שוין אויסגעוואַקסן אין קאָזאַקן און דאַרפט אָפּהיטן אייער ערע, האָרכן טאַטע-מאַמע און אַלעס איבעריקע. ווען איר זענט געווען קינדער, האָט איר אָפּגעטון נאַרישקייטן, אַרומגעשטיפט, אָבער אַצינד דאַרפט איר שוין אַ טראַכט טון וועגן אייער דינסט, וואָס דערנענטערט זיך. אָט דאַרפט איר אין אַ יאָר אַרום שוין גיין דינען, — דאָ האָט דער אוריאַדניק ווידער אויסגעשנייצט די נאָז, אַרויסגעוואָרפן פון דער זשמעניע און, אַרויפציענדיק די גרויסאַרטיקע הענטשקע פון קראָליק-פעל אויף דער האַנט, פאַרענדיקט : — און אייערע טאַטע-מאַמע דאַרפן קלערן וועגן צוגרייטן אייך. קויפן אַ גוט מיליטעריש פערד, נו, און די איבעריקע זאַכן... און אַצינד, יונגעלייט, — געזונטערהייט אַהיים !

גריגאָרי מיט מיטקען האָבן ביי דער בריק צוגעוואַרט אויף די חברהלייט פון זייער כוטאָר און צוזאַמען מיט זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס דעם דאָן. איבערן כוטאָר באַזקי איז זיך צעגאַנגען דער רויך פון די קוימענס און דער גלאָק האָט דין געקלונגען. מיטקאַ האָט נאָכגעלאָמט פון הינטן, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף אַן אָפּגעבראָכענעם שטעקן מיט סענקעס.

— טו אויס דעם שטיוול, — האָט איינער פון די חברהלייט געראַטן.

— כ׳וועל מיר דעם פוס אָפּפּרירן, — האָט מיטקאַ זיך געוואַקלט, בלייבנדיק הינטערשטעליק.

— וועסט גיין אין זאָק.

מיטקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שניי, מיט אָנשטרענגונג

צעראָפּגעצויגן דעם שטיוול פון פוס און ווייטער זיך געלאָזט גיין, אונטערהינקענדיק. פון אויסגעטועטעם פוס האָט אויפן טרוקענעם שניי זיך דייטלעך אָפּגעדרוקט דער שפור פון גראָב־געשטריקטן זאָק.

— מיט וועלכן וועג וועלן מיר גיין? — האָט געפרעגט דער נידעריקער, שווערלייביקער אַלעקסעי בעשניאַק.

— מיטן דאָן, — האָט פאַר אַלע געענטפערט גריגאָרי.

זיי זענען געגאַנגען, שמועסנדיק, אַראָפּשטויסנדיק איינער דעם אַנדערן פון וועג.

זיי האָבן לויט אַן אָפּמאַך אַריינגעוואָרפן איטלעכן אין אַ באַרג שניי און זיך אַרויפגעוואָרפן שטיקן אים אין אַ גאַנצער קופּע. צווישן דעם באַזקער און גראָמקאָווער כוטאָר האָט מיטקאַ דער ערשטער דערזען אַ וואָלף, וואָס האָט זיך געוואָלט אַריבערקריכן איבערן דאָן.

— חברה, אַ וואָלף, אָט איז ער!... טיו!...

— אַ־ליו־ליו־ליו־ליו־ליו־ליו!...

— אוך!...

דער וואָלף איז מיט פוילע, וואַקלדיקע טריט אָפּגעלאָפן עטלעכע קלאַפטער און שטיין געבליבן זייטיק, נישט ווייט פון יענער זייט ברעג.

— כאַפּ אים!...

— האַ!

— טיו, פאַרשאָלטענער!

— מיטרי, דאָס וואונדערט ער זיך אויף דיר, וואָס דו גייסט אין זאָק.

— זעסט, ווי זייטיק ער שטייט זיך, דער האָריקער קאַרק דערלויבט אים נישט דעם קאָפּ אויסצודרייען.

— ער קאָן מיט די סטאַרטשענדיקע באַקן־קנאָכן נישט באַוועגן.

— זעט, זעט, ער איז אַוועק!...

אַ גרויע, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, איז די חיה געשטאַ־

נען מיטן אויסגעשטרעקטן ווידל, ווי אַ שטעקן. דערנאָך איז זי איילִיק אָפּגעשפּרונגען אין דער זייט און אַוועקגעלאָפן צו די ווער־בע־ביימלעך, וואָס האָבן אַרומגעזוימט דעם וועג.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן, ווען זיי זענען צוגע־קומען צום כוטאָר. גריגאָרי איז איבערן אייז צוגעגאַנגען צו זיין געסל, אַריינגעגאַנגען דורכן טירל. אין הויף איז געשטאַנען דער איבערגעלאָזטער שליטן; אין דער קופּע טרוקענע צווייגלעך, וואָס זענען אָנגעלייגט געווען ביים פּאַרקן, האָבן געצוויטשערט שפּער־לינגען. עס האָט אַן אָטעם געטון מיט היים, מיט געברענטע סאַדזעס, מיט געפּרייעטן ריח פון שטאַל.

אַרויפגייענדיק אויפן גאַנעק, האָט גריגאָרי געכאַפּט אַ בליק דורכן פענסטער.

די קיך איז באַגאָסן געווען מיט אַ טונקל־געלער שיין פון הענגל־לאָמפּ, פּיעטראָס רוקן האָט זיך געזען אין דער ראַם פון פענסטער. גריגאָרי האָט זיך אָפּגערייניקט די שטיוול מיטן בעזעם, אַריינגעגאַנגען אין אַ וואָלקן פּאַרע אין דער קיך.

— אָט בין איך דאָ. און וואָס מאַכט איר?

— זייער שנעל. ביסט, מסתמא, געפרוירן געוואָרן? — האָט אומרויִק און איילִיק זיך אָנגערופן פּיעטראָ.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געזעסן אָנגעלענט מיט די עלנבויגנס אויף די קני, דעם קאָפּ געזונקען. דאַריע האָט מיטן פוס געדרייט דאָס זשוזשענדיקע שפּין־רעדל. נאַטאַליע איז געשטאַנען ביים טיש מיטן רוקן צו גריגאָריען און זיך נישט אויסגעדרייט. וואַרפנדיק אַ פלינקן בליק איבער דער קיך, האָט גריגאָרי אָפּגע־שטעלט זיינע אויגן אויף פּיאָטערן. לויט זיין אומרויִק־אָפּוואַרטנ־דיק פּנים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס געשען.

— האָסט געשוואוירן?

— אַהאַ!

גריגאָרי האָט פּאַמעלעך זיך אויסגעטון, געווינענדיק צייט, און פלינק איבערקלייבנדיק אין געדאַנק די מעגלעכע געשעענישן,

וואָס האָבן געקאָנט זיין די סיבה פון דעם שטילן און קילן אויפנאַם.

איליניטשנאַ איז אַריינגעקומען פון איר שטוב, און איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַ געוויסע צערודערונג.

„נאַטאַליע” — האָט גריגאָרי אַ קלער געטון, זיך זעצנדיק אויף דער באַנק לעבן פאָטער.

— גיב אים נאַכטעסן, — האָט די מוטער זיך געווענדט צו דאַריען, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף גריגאָריען.

דאַריאַ האָט איבערגעריסן דאָס זינגען ביים שפּין-רעדל און צוגעגאַנגען צום אויוון, פלינק באַוועגנדיק מיט די אַקסלען, מיט איר גאַנצער דינער מיידלישער פיגור. אין קיך איז די שטילקייט געוואָרן געפּרעסט. לעבן קליינעם אייוועלע האָט, סאַפּענדיק, זיך געוואַרימט די ציג מיטן נאַר-וואָס געבוירענער ציגעלע.

גריגאָרי האָט געזופּט דעם באָרשטש, פון צייט-צו-צייט געוואָרפן אַ בליק אויף נאַטאַליען, אָבער איר פּנים נישט געזען: זי איז געזעסן אויסגעדרייט צו אים, נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבער די שפּיזלעך, מיט וועלכע זי האָט געשטריקט. פּאַנטעליי פּראָקאָפּיעוויטש האָט דער ערשטער נישט אויסגעהאַלטן דאָס אַלגעמיינע שווייגן. ער האָט אומנאַטירלעך-גרילצנדיק אַ הוסט געטון און געזאָגט:

— נאַטאַליע קלויבט זיך אַוועקצוגיין.

גריגאָרי האָט געקנעטן אַ קיילעכל פון די צונויפגעקליבענע קרישקעס און געשוויגן.

— פאַרוואָס איז דאָס? — האָט דער פאָטער געפרעגט, שטאַרק ציטערנדיק מיט דער אונטערשטער ליפּ (דער ערשטער סימן פון אָנקומענדיקן כעס-אויסברוך).

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, — גריגאָרי האָט פאַרזשמורעט די אויגן, אָפּגערוקט דאָס שעלעכל און, אויפשטייענדיק, זיך איבערגעצלמט.

— און איך ווייס יאָ!... — האָט דער פאָטער געהעכערט זיין קול.

— שריי נישט, שריי נישט, — האָט איליניטשנאַ זיך אַרייג-געמישט.

— און איך ווייס יאָ פאַרוואָס!...

— נו, דאָ איז נישטאָ וואָס צו שרייען, — פּיעטראָ האָט זיך אַוועקגערוקט פון פענסטער אין מיטן שטוב אַריין. — דאָס איז אַ זאַך פון אייגענעם ווילן, וויל זי — לעבט זי מיט אים, וויל זי נישט, — קאָן זי גיין געזונטערהייט.

— איך פאַראורטייל זי נישט. כאָטש ס׳איז אַ חרפּה און אַ זינד פאַר גאָט, פאַראורטייל איך זי דאָך נישט: נישט זי, נאָר אָט דער צויגן-זון איז שולדיק!... — פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אָנ-געוויזן אויף גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן אויוון.

— קעגן וועמען בין איך שולדיק?...

— דו פילסט דיך גאָרנישט?... דו, טייוולאָנישע צורה, ווייסט נישט?...

— איך ווייס נישט.

אומוואַרפנדיק די באַנק, איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אויפ-געשפרונגען און צוגעגאַנגען האַרט צו גריגאָריען. נאַטאַליע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק, דאָס אַרויסגעפאַלענע שפּיזל האָט אַ קלונג געטון; אויף דעם קלאַנג איז פון אויוון אַראָפּגעשפרונגען אַ קעצעלע. אַנדרייענדיק זייטיק דאָס קעפל, האָט עס מיט אַן אויסגעבויגן לאַפּקעלע אַ שטופּ געטון דאָס קניילעכל און עס צוגעקאָלערט צום קאַסטן.

— איך וועל דיר אָט-וואָס זאָגן, — האָט דער אַלטער אָנ-געהויבן איינגעהאַלטן און שאַרף באַטאָנענדיק: — אויב דו וועסט נישט וואוינען מיט נאַטאַשען, — גיי-זשע דיר אַוועק פונ-דאַנען, וואוהין די אויגן וועלן דיך טראָגן. דאָס איז מיין וואָרע-ניש! גיי, וואוהין די אויגן וועלן דיך טראָגן! — האָט ער איבער-געחזרט מיט זיין געוויינטלעך רויִק קול און, אויפהייבנדיק די באַנק, אַוועקגעגאַנגען.

דוניאַשקאַ איז געזעסן אויפן בעט, געקוקט מיט די קיילע-כיקע, איבערגעשראָקענע אויגן.

— איך וועל עס אייך, טאַטע, זאָגן, נישט כּדי פֿאַרצוואַרפֿן, — נריגאָריעס קול האָט טויב אָפּגעקלונגען, — נישט איך האָב חתונה געהאַט, נאָר איר האָט מיך חתונה געמאַכט. און צו נאַטאַליען ציט מיך נישט. אויב זי וויל, קאָן זי אַהיימגיין.

— גיי דו אויך אַוועק פונדאַנען!

— וועל איך גיין.

— גיי־זשע טאַקע, צו אַלדי טייוול!...

— איך וועל גיין, איך וועל גיין, אייל נישט!

גריגאָרי האָט ביי אַן אַרבל אַ שלעפּ געטון דעם פּעלץ, וואָס איז געלעגן אַוועקגעוואָרפן אויפן בעט, — ער האָט גע־בלאָזן מיט די נאָזלעכער, געציטערט אינגאַנצן, דער כּעס האָט געזאָטן אין אים, ווי אין פאָטער.

איןביידע איז געפלאָסן דאָס זעלבע בלוט, מיט אַ טערקישן צומיש, און זיי זענען וואוגדערלעך ענלעך געווען צו זיך אין דעם מאָמענט.

— וואוהין וועסטו ג־יי־ן? — האָט איליניטשנאַ אַרויסגע־קרעכצט, אָנכאַפּנדיק גריגאָריען ביי אַ האַנט, נאָר ער האָט מיט כּוח זי אָפּגעשטופּט און דערכאַפּט די פון בעט אַראָפּפאַלנדיקע פּאַפּאַכע.

— זאָל ער גיין, דער הינטישער נואף! זאָל ער, דער פאַר־שאָלטענער! גיי, גיי, און איך זאָל מער דיין פוס נישט זען!... — האָט דער אַלטער געברומט, ברייט אויפּפראַלנדיק די טיר.

גריגאָרי איז אַרויסגעשפּרונגען אין הויז אַריין, און דאָס לעצטע, וואָס ער האָט געהערט, איז געווען נאַטאַליעס וויינענ־דיקע קול.

אַ פראָסטיקע נאַכט האָט צוגעדעקט דעם כוטאָר. פון שוואַרצן הימל זענען געפאַלן נאָדלדיקע שניי־פליטערלעך, אויפן דאָן האָט, ווי האַרמאַטן־שיסעריי, דונערנדיק געפּלאַצט דאָס אייז. גריגאָרי איז אַרויסגעלאָפן פון טויער אַ פאַרסאַפּעטער. אויפן צווייטן עק כוטאָר האָבן מיט פאַרשידענע קולות געבילן די הינט, די פינסטער־ניש האָט זיך געריוכערט, דורכגעזאַפּט מיט געלע פייערלעך.

גריגאָרי האָט זיך געלאָזט גיין אָן אַ ציל. די פינסטערניש אין די פענסטער פון סטיעפּאַנס הויז האָט געלויכטן מיט דימענט-גלאַנץ.

— גרי-שאַ! — האָט זיך דערטראָגן פון טויער נאַטאַליעס קול, אָנגעזאַפּט מיט צער.

„קום אום, איך האָב דיך פיינט!" — גריגאָרי האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין און פאַרגיכערט דעם טריט.

— גרישאַ, קום צוריק!

גריגאָרי האָט זיינע שיכּורע טריט פאַרקירעוועט אין ערשטן געסל אַריין, ער האָט צום לעצטן מאָל דערהערט, שוין שטילער צוליב דער וייטקייט, דעם ביטערן אויסגעשריי:

— גרישענקאָ, לי-בינ-קער!...

ער האָט שנעל דורכגעשניטן דעם פּלאַץ און זיך אָפּגע-שטעלט אויפן שייד-וועג, איבערקלויבנדיק אין געדאַנק די נעמען פון זיינע באַקאַנטע חברהלייט, ביי וועמען מען וואָלט געקאָנט אי-בערנעכטיקן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מיכאַיל קאָשעוואָי. מיכאַיל האָט געוואוינט ביים סאַמע באַרג; די גאַנצע משפחה איז באַשטאַ-נען פון דער מוטער, מיכאַילן און אַ נישט אויסגעגעבענער שוועס-טער. ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויף, אָנגעקלאַפּט אין קליינעם פענסטערל פון דער כאַטע, וואָס איז אַרומגעהילט געווען מיט שטרוי.

— ווער איז דאָס?

— מיכאַיל איז אינדערהיים?

— אינדערהיים. אָבער ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, גריגאָרי מעליעכאָוו.

אויפגעוועקט פון ערשטן זיסן שלאָף, האָט מיכאַיל אין אַ מינוט אַרום געעפנט די טיר.

— דו, גרישאַ?

— איך.

— וואָס עפּעס ביינאַכט?

— לאָמיך נאָר אַריין אין דער כאַטע, מיר וועלן שוין שמועסן.

אין הויז האָט גריגאָרי אָנגעכאַפּט מיכאַילן ביים אָרבל; ביים אויף זיך, וואָס ער האָט נישט געפונען די געהעריקע ווערטער, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך וועל איבערנעכטיקן ביי דיר... איך האָב מיך צע־קריגט אינדערהיים... ווי איז ביי דיר, ענג?.. אָבער, איך וועל ווי ס׳איז.

— אַן אָרט וועט זיך געפינען, קום אַריין. איבער וואָס האָט איר זיך צעקריגט?

— ע, ברודער... דערנאָך... וואו איז דאָ די טיר ביי אייך? איך זע נישט.

גריגאָריען האָט מען אויסגעבעט אויף דער באַנק. ער האָט זיך געלייגט, צוגעדעקט מיטן פּעלץ איבערן קאָפּ, נישט צו הערן דאָס שעפּטשען פון מיכאַילס מוטער, וואָס איז געלעגן אין איין בעט מיט דער טאָכטער.

„וואָס וועט אַצינד זיין אינדערהיים? צי וועט נאַטאַשקא אַוועקגיין אָדער נישט? נו, עס הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן. וואו זאָל ער זיך אַהינטון?" — און פלינק האָט אים דער איינפאַל אונטערגע־זאָגט: „כ׳וועל מאָרגן אַ רוף טון אַקסיניען, מיר וועלן צוזאַמען אַוועקגיין קיין קובאַן... ווייטער פונדאַנען... ווייט, ווייט..."

פאַר גריגאָריעס פאַרמאַכטע אויגן זענען דורכגעשוואומען סטעפּישע בערג, כוטאָרס, סטאַניצעס, קיינמאָל נישט געזעענע, דעם הארץ פרעמדע. און נאָך די אָנגעהויפנטע בערג, נאָכן גרויען וועג — אַ בלוי לעגענדאַר לאַנד, וואָס נעמט אויף מיט ליבלעכער גאַסט־פריינטלעכקייט, און אַקסיניעס שפּעטע, בונט־צעבליטע ליבע אַלס צוגאָב.

ער איז איינגעשלאָפן אַן אומרויִקער פון דער נאָענטער אומ־באַקאַנטער צוקונפט. פאַרן שלאָף בחינם זיך באַמיט צו דערמאַ־נען עפּעס אומבאַגרייפלעך־שווערס, וואָס האָט געמאַטערט דעם גע־דאַנק. די מחשבות אין האַלב־דרימל האָבן זיך באַוועגט גלאַט

און גלייך, ווי אַ שיפֿל איבער אַ שטראָם, און פּלוצלינג זיך אָנגע־שטויסן אָן עפּעס, ווי אָן אַ זאַמד; עס איז געוואָרן דריקנדיק, אומהיימלעך; ער האָט זיך געדרייט, געמאַטערט אין די געדאַנ־קען. „וואָס איז דאָס? וואָס האָט אים דעם וועג פֿאַרשטעלט?"

און אינדערפֿרי האָט ער אויפֿגעוואַכט: „די דינסט! וואוהין וועט ער גיין מיט אַקסיוטקען? אין פֿרילינג מוז ער גיין אין לאַ־גער אַריין, און אין האַרבסט — דינען... דאָס איז דער האַטשיק..."

ער האָט אָפּגעגעסן פֿרישטיק און אַרויסגערופֿן מיכאַילן אין הויז אַריין.

— גיי אַריין, מישאַ, צו די אַסטאַכאָווס. גיב איבער אַקסיניען, זי זאָל אַרויסקומען צו דער ווינט־מיל, ווי נאָר ס'וועט טונקל ווערן.

— און סטיעפּאַן! — האָט מיכאַיל אָנגעהויבן שטאַמלען.

— טראַכט צו אַן אויסרייד, אַז ביסט נאָך עפּעס אַריינגע־קומען.

— כ'וועל אַריינגיין.

— גיי־זשע, זאָג איר, זי זאָל אומבאַדינגט אַרויסקומען.

— גוט, גוט.

אינאָוונט איז ער געזעסן ביי דער ווינט־מיל, געררייכערט אין אַרבל אַריין. הינטער דער מיל האָט אין די דאַרע קוקוריזע־שטענגלעך זיך פֿאַרטשעפּעט און געזיפֿצט דער ווינט. אויף די אָנגעבונדענע פֿליגל האָבן געקלאַפּט די אָפּגעריסענע ברעטער. גריגאָריען האָט זיך געדאַכט, אַז אַ גרויסער פֿויגל דרייט זיך איבער אים, פּאָכעט מיט די פֿליגל און קאָן נישט אַוועק־פֿליען. אַקסיניאַ איז אַלץ נישט געקומען. אויף מערב איז די אָוונט־שקיעה געלעגן אין טונקל־גאָלדיקן ליליאַ, פֿון מזרח האָט דער ווינט געבלאָזן אַלץ שטאַרקער, די פֿינסטערניש האָט זיך אָנ־גערוקט, איבעריאָגנדיק די לבנה, וואָס איז שטעקן געבליבן אין די ווערבעס. דער זשאַוווער־אַרטיקער, בלוי־געפֿלעקטער הימל איז איבער דער ווינט־מיל אַלץ טונקעלער געוואָרן, אָנווייענדיק אַ

געפּיל פון טויט. איבערן כוטאָר האָבן זיך איינגעשטילט די לעצטע רעשטלעך פון טאָג־געריש.

גריגאָרי האָט אויסגעררייכערט דריי פּאַפּיראָסן, איינעם נאָכן אַנדערן; אַריינגעשטעקט דעם לעצטן פּיטום אין שניי; זיך אַרומגעקוקט, אַ בייזער פון נאָגנדיקער האַרץ־בענקשאַפט. די אויפגעטייעטע שפּורן פון דער ווינט־מיל צום כוטאָר האָבן פעכאַרטיק זיך געשוואַרצט. פון דער זייט פון כוטאָר האָט מען קיינעם נישט געזען אָנקומען. גריגאָרי איז אויפגעשטאַנען, קנאַקנדיק מיט די פּלייצעס זיך אויסגעצויגן און געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון פּייערל, וואָס האָט גאַסטפריינטלעך געשימערט אין פענסטער פון מיכאַילס כאַטע. ער איז, פייפנדיק דורך די ציין, צוגעקומען צום הויף און כמעט פּנים־אל־פּנים זיך באַגעגנט מיט אַקסיניען. זי איז משמעות געלאָפן, אָדער איילּיק געגאַנגען, שווער אָטעמענדיק, און ס׳האָט געשמעקט פון איר פרישׁ קאַלט מויל מיט ווינט, אָדער ווייטן, קוים אויפנעמבאַרן ריח פון פרישן סטעפּ־היי.

— זיך שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן, געמיינט — דו וועסט נישט קומען.

— איך האָב קוים סטיעפּאַנען משלח געווען...

— דו האָסט מיך פאַרפרוירן, פאַרשאָלטענע באַבע.

— איך בין אַ הייסע, כ׳וועל דיך אָנוואַרימען.

זי האָט צעקנעפּלט די האָריקע פּאָלעס פון איר דאָנער שובע און זיך אַרומגעוויקלט אַרום גריגאָריען, ווי אַ האָפּן־פלאַנץ אַרום אַ דעמב.

— וואָס האָסטו מיך גערופן?

— וואַרט־צו, נעם צו די הענט... דאָ גייען מענטשן.

— האָסט אינדערהיים זיך צעקריגט?

— כ׳בין אַוועקגעגאַנגען. בין פון נעכטן אָן שוין ביי מישקען... לעב ווי אַ הונט אָן אַ היים.

— וואָס־זשע וועסטו אַצינד טון? — אַקסיניאַ האָט זיך באַפרייט פון גריגאָריעס הענט, וואָס האָבן זי געהאַלטן אַרומגעאָרעמט, און צונויפגענומען די פּאָלעס פון דער שובע, ווי ס׳וואָלט

איר קאָלט געוואָרן: — לאָמיר, גרישקאַ, צוגיין צום פּאַרקן. וואָס האָבן מיר דאָ אינמיטן וועג צו שטיין.

זיי זענען צוגעגאַנגען. גריגאָרי האָט צעשאַרט דעם אָנגע־ווייעטן שניי און זיך אָנגעלענט מיטן רוקן אין געפרוירענעם, קרעכצנדיקן פּאַרקן.

— דו ווייסט נישט: נאַטאַליע איז אַהיימגעגאַנגען?

— איך ווייס נישט. זי וועט, מסתּמא, אַהיימגיין. וואָס האָט זי דאָ צו זיצן?

גריגאָרי האָט אַריינגערוקט אַקסיניעס געפרוירענע האַנט צו זיך אין אַרבל; צוגויפדריקנדיק מיט די פינגער איר שמאָלן האַנט־געלענק, האָט ער געפרעגט:

— וואָס וועלן מיר טון?

— איך ווייס נישט, ליבינקער. וואָס מיט דיר וועט זיין, וועט אויך מיט מיר זיין.

— וועסט אַוועקוואַרפן סטיעפּאַנען.

— און אפילו קיין קרעכץ נישט טון. אפילו שוין!

— מיר וועלן זיך ביידע ערגעץ אָנדינגען, צוזאַמען לעבן.

— אפילו אין אַ שטאַל ביי בהמות, אַבי מיט דיר, גרישאַ... אַבי מיט דיר...

זיי זענען געשטאַנען, זיך קעגנזייטיק געוואַרימט. גריגאָרי האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין, געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן קאָפּ צום ווינט, ציטערנדיק מיט די נאָזלעכער, נישט אויפהייבנדיק די אַראָפּגעלאָזטע וויִעס. אַקסיניאַ, איינגעטוליעט מיטן פּנים אונטער זיין אָרעם, האָט געאָטעמט מיטן היימישן, פאַרשיכּורנדיקן ריח פון זיין שוויס. און אויף אירע גיריק־ליידנשאַפטלעכע ליפּן, פאַר־באָרגן פון גריגאָריעס אויגן, האָט געפלאַטערט אַ פריידיקער, מיט פאַרווירקלעכט גליק אָנגעגאָסענער שמייכל.

— מאָרגן וועל איך צוגיין צו מאָכאָוון, אפשר וועל איך מיך ביי אים אָנדינגען — האָט גריגאָרי געזאָגט, אָנגעמענדיק אַ ביסל העכער אַקסיניעס האַנט־געלענק, וואָס איז פאַרשוויצט געוואָרן אין די פינגער. אַקסיניאַ האָט פאַרשוויגן, נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דער שמייכל, וואָס האָט נאָר־וואָס געציטערט אויף אירע ליפּן, איז פאַרשוואונדן, ווי פון ווינט אָפּגעלעקט. שרעק און צער האָבן, ווי אַ פאַרפאָלגט חיהלע, געפלאַטערט אין אירע אויסגעברייטערטע אויגן. „זאָגן אָדער נישט זאָגן?" — האָט זי געקלערט, זיך דערמאַנענדיק אָן איר שוואַנגערשאַפט. „מען דאַרף זאָגן", — האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסן, נאָר גלייך פון פחד אַ ציטער געטון און דעם שרעקלעכן געדאַנק פון זיך פאַרטריבן. זי האָט מיט איר ווייבערישן חוש דערפילט, אַז נישט אַצינד איז די צייט וועגן דעם צו רעדן, פאַרשטאַנען, אַז זי קאָן אויף אייביק פאַרלירן גריגאָריען, און צווייפלענדיק — פון וועמען זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט דעם קינד, וואָס האָט שוין אַצינד אונטער איר האַרץ אַרומגעצאַפּלט, האָט זי פאַרבאָרגן דעם אמת: נישט געזאָגט.

— וואָס ציטערסטו? ביסט געפרוירן? — האָט גריגאָרי געפרעגט, אַרומהילנדיק זי מיט דער פּאָלע פון זיין פּעלץ.

— אַ ביסל געפרוירן געוואָרן... מען דאַרף שוין גיין, גרישאַ. סטיעפּאַן וועט קומען, זיך אַרומזען, אַז איך בין נישטאָ.

— וואו איז ער געגאַנגען?

— כ'האָב אים קוים אַרויסגעפּטרט צו אַניקעין שפּילן אין קאָרטן.

זיי זענען זיך צעגאַנגען. אויף גריגאָריעס ליפּן איז פאַרבליבן דער אויפרייצנדיקער ריח פון אַקסיניעס ליפּן, וואָס האָבן געשמעקט דאָ מיט פראָסטיקן ווינט, דאָ מיט ווייטן אומאויפגעמבאַרן ריח פון סטעפּ־גראָז, וואָס איז באַטריפט געוואָרן מיט מאַי־רעגן.

אַקסיניאַ האָט זיך אַריינגעדרייט אין געסל, זיך אָנגעבויגן און גענומען כמעט לויפן. לעבן עפּעס אַ ברונעם, וואו די בהמות האָבן צעמישט די האַרבסט־בלאָטע, האָט זי אומגעשיקט זיך אַ שטרויכל געטון, אַ גליטש געבנדיק מיטן פוס איבער אַ אַ פאַרפרוירן בערגל, און דערפילנדיק אַ שניידנדיקע ווייטיק אין בויך, זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ פּלאָקן פון פּאַרקן. די ווייטיק האָט זיך איינגעשטילט, אָבער עפּעס לעבעדיקס האָט זיך איבערגעקערט אין

איר און כסדר עטלעכע מאָל בייז און שטאַרק אָנגעקלאַפּט אין איר זייט.

XI

אינדערפרי איז גריגאָרי אַוועקגעגאַנגען אין הויז אַריין צו מאָכאָוון. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש איז אַריינגעקומען פון מאַגאַזין צו דער טיי. ער איז געזעסן מיט אַטיעפינען אין עסצימער, וואָס איז געווען אויסגעקלעבט מיט טייערע טאַפּעטן אין דעסן פון דעמבע-האָלץ, און דורכגעזיגן שטאַרקע טיי פון באָרדאָ-קאָליר. גריגאָרי האָט אַנידערגעלייגט דאָס היטל אין קאָרידאָר און אַריינגעגאַנגען אין עסצימער.

— איך בין געקומען צו אייך, סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש.

— אַ, פּאַנטעלעי מעליעכאָווס זון, דאַכט זיך.

— יאָ.

— וואָס דאַרפסטו?

— כ׳האָב געוואָלט בעטן, — צי וואָלט איר מיך נישט צו-גענומען אַלס אַרבעטער?

די טיר האָט אַ סקריפּ געטון, און גריגאָרי האָט אויסגע-דרייט דעם קאָפּ. פון סאַלאָן איז אַריינגעקומען אַ יונגער אָפיציר אין אַ גרינער קורטקע, מיט שליפעס פון אַ סאָטניק, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ צייטונג, איינגעלייגט אין פירן. גריגאָרי האָט דערקענט אין אים יענעם אָפיציר, וועלכן מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט מיט אַ יאָר צוריק איבערגעיאָגט אויפן וועט-געלויף.

צורוקנדיק אַ שטול פאַרן אָפיציר, האָט סערגעי פּלאַטאָנאָ-וויטש געפרעגט:

— וואָס-זשע, דער טאַטע איז פאַראָרימט געוואָרן, וואָס ער שיקט דעם זון זיך פאַרדינגען?

— איך בין נישט אינדערהיים.

— האָסט דיך אָפּגעטיילט?

— יאָ.

— כ׳וואָלט דיך גערן צוגענומען, כ׳קען אייער פאַמיליע, אַרבעטזאַמע מענטשן, אָבער איך האָב קיין אָרט נישט.

— אין וואָס האַנדלט זיך? — האָט דער סאָטניק געפרעגט, זיך זעצנדיק ביים טיש און קוקנדיק אויף גריגאָריען.

— דער יונגערמאַן וויל זיך פאַרדונגען אַלס אַרבעטער.

— מיט פערד קאָנסטו אומגיין? אַ פּאָר פערד אָנטרייבן קאָנסטו גוט? — האָט דער סאָטניק געפרעגט, מישנדיק מיטן לעפעלע אין גלאָז.

— איך קאָן. מיר אַליין האָבן געהאַלטן זעקס פערד.

— איך דאַרף אַ קוטשער. דיינע באַדינגונגען?

— איך וויל נישט קיין סך...

— אויב אַזוי, קום מאָרגן אינדערפרי צום טאַטן אין גוט אַריין. דו ווייסט דאָך, וואו עס געפינט זיך דאָס גוט פון ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש ליסטניצקי.

— יאָ, איך ווייס.

— פונדאַנען וועט זיין אַ ווּיאָרסט צוועלף. קום מאָרגן אינדערפרי, וועסטו משווה ווערן.

גריגאָרי האָט געביטן דעם פוס און, שוין האַלטנדיק די קליאַמקע אין דער האַנט, געזאָגט:

— איך, אייער וואוילגעבוירנהייט, וואָלט אייך געוואָלט נאָך עפעס זאָגן...

דער סאָטניק איז נאָכגעגאַנגען גריגאָריען אין האַלב-טונקעלן קאָרידאָר אַריין. אַ ראָזע שיין האָט קאַרג זיך דורכגעזיגן דורך די מאַטע שויבן פון דער טעראַסע.

— אין וואָס האַנדלט זיך?

— איך בין נישט אַליין... — גריגאָרי איז שטאַרק רויט געוואָרן: — מיט מיר איז אויך דאָ אַ פרוי. אפשר וועט פאַר איר אויך זיין אַן אָרט?

— אַ ווייב? — האָט דער סאָטניק געפרעגט, שמייכלענדיק און אויפהייבנדיק די ברעמען, וואָס זענען ראָז געווען פון דער שיין.

— אַ פרעמד ווייב...

— אַך, אַזוי. נו, מילא, וועלן מיר אויך זי איינאָרדענען אַלס קעכין פאַר דער דינערשאַפט. און דער מאַן וואו איז ?

— דאָ, ער איז פון אונזער כוטאָר.

— וואָס־זשע, דו האָסט ביי אַ מאַן דאָס ווייב צוגענומען ?

— זי האָט אַליין זיך צוגעטשעפּעט.

— אַ ראָמאַנטישע געשיכטע. נו גוט, קום מאָרגן. קאָנסט שוין גיין, ברידערקע.

גריגאָרי איז געקומען קיין יאַגאָדנאָיע — אין גוט פון די ליסטניצקיס — אַ זייגער אַכט אינדערפרי. דער גרויסער הויף איז געלעגן אין אַ ברייטן טאָל, אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטן, אָפּגעקראָכענעם פּאַרקן. איבערן הויף זענען אָן אַ סדר צעוואָרפן געוועזן די הויף־בנינים: דער פליגל אונטער אַ דאַך פון דאַכוועקעס, מיטן אויסגעזעצטן ציפער אינמיטן —1910— די געביידע פאַר דער דינערשאַפט, דאָס באָד, די שטאַל, דער הינער־שלאַק, די קי־שטאַלן, דער לאַנגער שייער, די שאָפּע פאַר די וואָגנס. דאָס הויז, גרויס און אַלט, אָפּגעצוימט פון הייף מיט אַ פּאַליסאַדע*, האָט זיך געפונען טיף אין סאָד. הינטערן הויז זענען, ווי אַ גרויע וואַנט, געשטאַנען די נאַקעטע טאָפּאָלן און ווערבעס פון דער לעוואַדע** אין זייערע בראָנזענע היטן פון פאַרלאָזטע פייגל־נעסטן.

גריגאָריען איז פון הויף אַקעגנגעקומען אַ טשאַטע קרימער שוואַרצע כאַרטן. די אַלטע לאָמע צויג, מיט טרערנדיקע זקנישע אויגן, האָט די ערשטע אַרומגעשמעקט גריגאָריען און אַוועקגעגאַנגען, אַראָפּלאָזנדיק איר שמאָלן קאָפּ. אין צימער פון דער דינערשאַפט האָט די קעכין זיך געקריגט מיטן יונגן פיעגעוואַטן שטוב־מיידל. אַן אַלטער מענטש מיט דיקע ליפּן איז געזעסן

---

* שפּיציקער פּלויט.

** פריייער, דורך ביימער אָפּגעצוימטער פּלאַץ.

אויף דער שוועל, איינגעהילט אין טיטון־רויך, ווי אין אַ זאַק. אין פּאָרצימער האָט געשטונקען מיט הינט און נישט געטרוקנטע פעלעכלעך פון חיות. אויפן טיש איז געלעגן אַ שייד פון אַ צוויי־רערדיקער ביקס און אַ יאַגד־טאַש מיט אויסגעדריוולטע גרין־זייַ־דענע פּראַנזן.

— דער יונגער פּריץ רופט צו זיך. — פון דער זייטיקער טיר האָט אַרויסגעקוקט דאָס שטוב־מיידל.

גריגאָרי האָט מיט אומרו אַ קוק געטון אויף זיינע פאַרבלאָ־טיקטע שטיוול און אַרייינגעגאַנגען אין דער טיר.

אויפן בעט, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, איז גע־לעגן דער סאָטניק; אויף דער קאָלדרע — אַ שעכטל טיטון מיט גילזן. אָנשטופנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט דער סאָטניק פאַרשפּיליעט דעם קאָלנער פון זיין ווייס העמד און געזאָגט:

— ביסט פרי געקומען. וואַרט־צו. באַלד וועט דער טאַטע אַרייינקומען.

גריגאָרי איז געשטאַנען ביי דער טיר. אין אַ ווייַלע אַרום האָט איבערן סקריפּענדיקן דיל פון פּאָרצימער זיך דערהערט דאָס שאָרכען פון עמעצנס טריט. אַ געדיכטער נידעריקער באַס האָט געפרעגט דורכן שפּאַלט אין דער טיר:

— דו שלאָפסט נישט, יעווגעני?

— קומט אַריין.

ס'איז אַרייינגעקומען אַ זקן אין שוואַרצע קאַווקאַזער שטיווע־לעך. גריגאָרי האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף אים, און דאָס ערשטע, וואָס אים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין, איז געווען — אַ דיגע קרימלעכע נאָז און ווייסע, ברייטע האַלב־קרייזן פון וואָנסעס, וואָס זענען אונטער דער נאָז געל געווען פון רייכערן. דער אַלטער איז געווען אַ קלאָפּטער די הייך, ברייטפּלייציק און דאַר. זיין לאַנגער סורדוט פון קעמל־פעל איז נאַכלעסיק אַראָפּגע־האָנגען, דער קאָלנער האָט ווי אַ פעטליע אַרומגענומען דעם ברוי־נעם געקנייטשטן האַלז. די אויגן פון ביידע זייטן נאָז זענען געווען נאָענט צונויפגערוקט.

— אָט דאָס, פּאַפּאַ, איז דער קוטשער, וועלכן איך רעקאָ־מענדיר אייך, — אַ בחור פון אַ גוטער היים.

— וועמענס איז ער דאָס? — האָט דער אַלטער אַרויסגע־דונערט מיט זיין הודזשעדיק קול.

— מעליעכאָווס.

— וועלכן מעליעכאָווס?

— פּאַנטעלעי מעליעכאָווס אַ זון.

— פּראָקאָפּיען קען איך, — מיט אים אינאיינעם געדינט; פּאַנטעלעיען קען איך אויך. אַזאַ לאָמער. פון די טשערקעסן?

— טאַקע אַזוי — אַ לאָמער. — גריגאָרי האָט זיך אויסגע־צויגן, ווי אַ סטרונע.

ער האָט געדענקט דעם פּאָטערס דערציילן וועגן דעם דע־מיסיאָנירטן גענעראַל ליסטניצקי — דעם העלד פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה.

— פאַרוואָס ווילסטו זיך אָנדינגען? — האָט עס געשאַלט פון דער הייך.

— איך וואוין נישט ביים פּאָטער, אייער עקסעלענץ.

— וואָס־זשע פאַר אַ קאָזאַק וועט פון דיר זיין, אויב דו וועסט איבער פרעמדע הייזער זיך אַרומשלעפּן? צי האָט דער טאַטע דיר גאָרנישט געגעבן, ווען ער האָט דיך אָפּגעטיילט?

— גאָרנישט, אייער עקסעלענץ.

— אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש. דו ווילסט מיטן ווייב זיך אָנדינגען?

דער סאָטניק האָט שאַרף אַ סקריפּע געטון מיטן בעט. גריגאָרי האָט אויסגעדרייט די אויגן און דערזען — דער סאָטניק ווינקט, שאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, אייער עקסעלענץ.

— אָן די אַלע עקסעלענצן. איך האָב נישט ליב! די פּרייז — אַכט רובל אַ חודש. דאָס איז פאַרביידע. ס'ווייב וועט קאָכן פאַר דער הויף־דינערשאַפט און די סעזאָן־אַרבעטער. איינ־שטימיק?

— איינשטימיק.

— זאָלט איר זיין אין גוט שוין מאָרגן. וועסט אין הויז פון דער דינערשאַפט פאַרנעמען די העלפט, אין וועלכער עס האָט גע־וואוינט דער פריערדיקער קוטשער.

— ווי איז אייך דערגאַנגען די נעכטיקע יאַגד? — האָט דער זון געפרעגט דעם אַלטן, אַראָפּלאָזנדיק די שמאָלע האָריקע שטעק־שיך אויפן טעפּיך.

— מיר האָבן אַרויסגעטריבן אַ פוקס פון גרעמיאַטשע לאָג, געיאָגט אים ביז צום וואַלד, דער אַלטער איז געפאַלן אויפן שכל און אָפּגענאַרט די הינט.

— קאַזבעק לאָמט נאָך אַלץ?

— ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער פוס ביי אים אויסגעלענקט. דו איין דיך צו, יעווגעני, דאָס פרישטיק ווערט קאַלט.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרייט צו גריגאָריען, אַ קנאַק געטון מיט די דאַרע ביינערע פינגער.

— מאַרש! מאָרגן אַכט אַ זייגער זאָלסטו דאָ זיין.

גריגאָרי איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער. ביים הינטערשטן פּאַסאַד פון שייער האָבן די כאַרטן זיך געוואַרימט אויף דער ערד, וואָס איז אָפּגעטרוקנט געווען פון שניי. די אַלטע צויג מיטן זקנ־ישן בליק איז צוגעקומען צו גריגאָריען, אים באַשמעקט פון הינטן און טריט־ביי־טריט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אים באַ־גלייט ביז צום ערשטן באַרג־אַראָפּ. דערנאָך זיך אומגעקערט צוריק.

XII

אַקסיניאַ האָט זיך פרי אָפּגעפּאַרטיקט מיטן קאָכן, פאַרשאַרט די גליענדיקע קוילן, פאַרמאַכט דעם שיבער און, איבערוואַשנדיק דאָס געפעס, געכאַפּט אַ בליק דורכן פענסטער אין הויף אַריין.

סטיעפּאַן איז געשטאַנען לעבן די באַלקנס, וואָס זענען איינגעלייגט געווען אין אַ שטויס ביים פּאַרקן אין דער זייט אַריין פון מעליעכאָווס הויף. אין ווינקל פון זיינע האַרטע ליפּן איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטיקל פון אַ פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס; ער האָט אויסגעקליבן פון שטויס אַ פּאַסיקן סלופּ. דאָס לינקע ווינקל פון שייער איז איינגעפאַלן, מען האָט געדאַרפט אונטערשטעלן צוויי פעסטע סלופּעס און דעם איינגעבראָכענעם דאַך באַדעקן מיטן געבליבענעם ראָר.

פון איינדערפרי אָן זענען די שפּיצן פון אַקסיניעס באַקן-ביינער געווען פאַררייטלט און די אויגן האָבן יוגנטלעך געפינקלט. דידאָזיקע ענדערונג האָט זיך געוואָרפן סטיעפּאַנען אין די אויגן אַריין און ער האָט, עסנדיק פרישטיק, געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

— וואָס זאָל דען זיין? — אַקסיניאַ איז רויט געוואָרן.

— דו גלאַנצסט, ווי מ'וואָלט דיך מיט אייל אויסגעשמירט.

— ס'איז הייס פון אויוון... ס'האָט מיר אין קאָפּ אַריין געשלאָגן. — און אָפּקערנדיק זיך, האָט זי גנביש מיט די אויגן דורכן פענסטער אַ קוק געטון, צי מישקאַ קאָשעוואָיס שוועסטער גייט נישט?

יענע איז געקומען ערשט פאַרנאַכט. אויסגעמאַטערט פון וואַרטן, האָט אַקסיניאַ אַ פלאַטער געטון.

— דו גייסט צו מיר, מאַשוטקאַ?

— קום אַרויס אויף אַ רגע.

סטיעפּאַן האָט זיך געקעמט דעם טשוב פאַרן שטיקל שפּיגעלע, וואָס איז איינגעפּאַסט געווען אין ווייסן געבערגלטן אויוון, און צוגעגלעט די קאַשטענעוואַטע וואָנסעס מיט דער קרומער קאַם פון אָקסן-האָרן.

אַקסיניאַ האָט פאָרזיכטיק אַ בליק געטון אין מאַנס זייט אַריין.

— דו קלויבסט זיך צו גיין ערגעץ?

סטיעפּאַן האָט נישט גלייך געענטפערט, אַריינגעלייגט די

קאַם אין דער קעשענע פון די שאַראַוואַרן, גענומען די פּאַש קאָרטן און דעם טיטון-בײטל.

— צו אַניקושקען גיי איך, כ'וועל דאָרט זיצן אַ ביסל.

— און ווען וועט מען דיך צוריקזען? אַן אָנשיקעניש, די קאָרטן: ווי נאָר די נאַכט פאַלט, צו, הייבט מען אָן שפּילן. ביז די העגער קרייען זיצט מען אָפּ.

— נו, גענוג שוין, געהערט שוין.

— וועסט ווידער שפּילן אין אָקע?

— טשעפּע דיך אָפּ, אַקסיוטקאַ. אָט וואַרט אַ מענטש אויף דיר, גיי נאָר.

אַקסיניאַ איז זײַטיק אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַרײַן. בײַם אַרײַנגאַנג האָט זי באַגעגנט מיט אַ שמייכל די געררײטלטע, זו-מער-געשפּרענקלטע מאַשוטקאַ.

— גרישקאַ איז געקומען.

— נו?

— ער האָט אָנגעזאָגט, זאָלסט אַרײַנקומען צו אונז, ווי נאָר ס'וועט טונקל ווערן.

אַקסיניאַ האָט אָנגעכאַפּט מאַשוטקען בײַ דער האַנט און זי געשטופּט צו דער טיר.

— שטילער, שטילער, ליבינקע. וואָס-זשע מיינט ער, מאַשאַ? אפשר האָט ער נאָך עפּעס געהייסן זאָגן?

— ער האָט געהייסן זאָגן, זאָלסט מיטנעמען אַלץ, וואָס וועסט נאָר קאָנען פאַרנעמען.

אַקסיניאַ, אינגאַנצן אַן אָנגעצונדענע און ציטערנדיקע, האָט געדרייט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף דער טיר און בײַטנדיק די פיס ווי אַ פערד, וואָס האָט זיך מיט געררשטן איבערגע-פרעסן.

— גאָט מיינער, וואָס וועט דאָ זײַן?... האַ?... אַזוי שנעל... נו, וואָס-זשע קלער איך? וואַרט-צו, זאָג אים, אַז איך וועל גלײַך קומען... אָבער וואו וועט ער מיך אָפּוואַרטן?

— קום אין דער כאַטע אַרײַן.

— אָך, ניין!

— נו, שוין, וועל איך אים זאָגן, וועט ער אַרויס־קומען.

סטיעפּאַן האָט אָנגעטון דעם שפּענצער און זיך אַ ציִ געטון צום הענגל־לאָמפּ, צו פאַררייכערן.

— נאָכוואָס איז זי געקומען? — האָט ער געפרעגט צווישן צוויי מאָל פאַרציִען.

— ווער?

— מאַשקאַ פון די קאָשעוואָס.

— אַ, דאָס איז צוליב אירס אַן ענין... אַ קלייד, וויל זי, זאָל איך איר צושניידן.

אַראָפּבלאָזנדיק דאָס שוואַרצע אַש פון פּאַפּיראָס, איז סטיע־פּאַן צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— דו לייג דיך, וואַרט נישט!

— נו־נו.

אַקסיניאַ איז צוגעפאַלן צום פאַרפרוירענעם פענסטער, זיך אַראָפּלאָזנדיק פאַר דער באַנק אויף די קניען. איבערן שטעגע־לע, וואָס איז אויסגעטרעטן געוווען צום טירל, האָבן זיך דער־הערט די סקריפּענדיקע טריט פון אַוועקגייענדיקן סטיעפּאַנען. דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטון אַ פונק פון זיין פּאַפּיראָס און אים צוגע־טראָגן צום פענסטער. דורכן אויפגעטייעטן רעדל אין דער שויב האָט אַקסיניאַ אין ליכט פון גליִענדיקן פּאַפּיראָס אויף אַ רגע דער־זען דעם האַלב־קרייז פון דער פּאַפּאַכע, וואָס האָט צוגעדריקט דאָס ווייך־ביינדלדיקע אויער און אַ שטיקל פון ווייסן פּנים.

זי האָט פיבערהאַפט געוואָרפן פון קופערט אין דער גרויסער שאַל אַריין: קליידלעך, קאַפּטנדלעך, האַלז־טיכלעך — איר מיידלישן אויסשטייער, — זיך שטיקנדיק פון אויפרעגונג מיט פאַר־ווירטע אויגן צום לעצטן מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבער דער קיך און, פאַרלעשנדיק דעם לאָמפּ, אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק. פון מע־ליעכאָווס הויז איז עמעצער אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון אויף די בהמות. אַקסיניאַ האָט צוגעוואַרט ביז די טריט זענען איינגע־

שטילט געוואָרן, פאַרלייגט די קייטל אויפן האַק פון דער טיר און, צו־דריקנדיק דאָס קלימעקל, אַוועקגעלאָפן צום דאָן. פון אונטערן וואָ־לענעם טיכל זענען איר אַפּערגעפאַלן די האָר אין פּאַסמעלעך, גע־קיצלט די באַקן. זי איז מיט הינטערוועגלעך צוגעגאַנגען צום הויף פון די קאָשעוואָיס — זיך דערפילט שוואַך, מיט אָנשטרענגונג גע־שטעלט די פיס, וואָס זענען איר שווער געוואָרן ווי בליי. גריגאָרי האָט זי אָפּגעוואַרט ביים טויער. ער האָט איבערגענומען דאָס קלימעקל און שווייגנדיק זיך געלאָזט גיין פאָרויס אין סטעפּ אַריין.

נאָכן שייער האָט אַקסיניאַ אָנגעהויבן פּאַמעלעכער גיין און אָנגענומען גריגאָריען ביים אַרבל.

— וואַרט צו אַ ביסל.

— נאָכוואָס וואַרטן?

— די לבנה לייכט הײנט נישט לאַנג, מ׳דאַרף צואײלן.

— וואַרט־צו, גרישאַ, — אַקסיניאַ האָט זיך אָנגעהאָרבעט און שטיין געבליבן.

— וואָס איז דיר? — גריגאָרי האָט זיך אָנגעבויגן צו איר.

— גאָרנישט... דער בויך עפּעס. כ׳האָב מיך, ווייזט אויס, איבערגעהויבן. — באַנעצנדיק די פאַרטרוקנטע ליפּן און זיך זשמו־רענדיק פון ווייטיק, אַז פונקען זענען איר פאַר די אויגן גע־פלויגן, האָט אַקסיניאַ זיך אָנגעכאַפּט ביים בויך. זי איז געשטאַנען אַ ווײלע אַ געבויגענע און נעבעכדיקע און, אַרונטערמאַכנדיק זיך די האָר אונטערן טיכל, ווייטער גענומען גיין.

— נו, שוין, קום!

— דו פרעגסט דיך אפילו נישט וואוהין איך פיר דיך? אפשר נאָר ביז צום ערשטן יאַר, און דאָרט וועל איך דיך אַראָפּשטופּן? — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון אין דער פינסטערניש.

— ס׳איז מיר שוין אַלצאיינס. כ׳האָב שוין מיינס אָפּגע־שפּילט. — אַקסיניאַ האָט טרויעריק אַ לאַך געטון...

טטיעפּאַן האָט די נאַכט זיך אומגעקערט, ווי תּמיד, נאָך האַלבער נאַכט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאַל, צוריק אַרײַנגעלייגט

דאָס אַראָפּגעוואָרפענע היי אין זשלויב, אויסגעטון די צוים דעם פערד און אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק. „זי איז מסתמא אַריינגעגאַנגען ערגעץ אַרבעטן", — האָט ער אַ קלער געטון, אַראָפּנעמענדיק די קייטל פון האַק. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, גוט פאַרמאַכט די טיר, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. ער האָט געהאַט געוואוינען (זיי האָבן געשפּילט אין שוועבעלעך), דערפאַר איז ער געווען רויק און שלעפעריק. ער האָט געמאַכט ליכטיק און, נישט פאַרשטייענדיק די סיבה דערפון, דערזען די צעוואָרפענע זאַכן איבער דער קיך. דאָס האָט אים פאַרוואונדערט און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב. ווי אַ פינסטערער פּיסק האָט זיך געשוואַרצט דער געעפנטער קופערט, אויפן דיל איז געלעגן דעם ווייבס אַן אַלט, אין איילעניש פאַרגעסן קאַפּטנדל. סטיעפּאַן האָט אַ ריס געטון פון זיך דעם פעלץ און אַריינגעלאָפן אין קיך נאָכן לאָמפּ. ער האָט באַטראַכט די שטוב — פאַרשטאַנען. ער האָט אַ שליידער געטון דעם לאָמפּ, זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין קלאָרן חשבון, אַראָפּגעכאַפּט די שווערד פון דער וואַנט, פעסט צונויפגעדריקט דאָס הענטל, אַז די פינגער זענען אים אַזש שוואַרץ געוואָרן, — מיטן שפּיץ פון דער שווערד אויפגעהויבן דאָס בלויע, געל-געבלימטע קאַפּטנדל, וואָס אַקסיניאַ האָט פאַרגעסן, אַ וואָרף געטון עס אינדערהייך און אין פאַלן מיט אַ קורצן פאַך איבערגעהאַקט אויף דער העלפט.

אַ גרוי-געוואָרענער, אַ ווילדער אין זיין צער, האָט ער כסדר אונטערגעוואָרפן צום סופיט די בלויע צעשניטענע שטיקלעך פון קאַפּטנדל ; די פייפנדיקע געשאַרפטע קלינג האָט זיי אין דער לופטן צעהאַקט.

דערנאָך האָט ער אָפּגעריסן דעם רעמעט, אַ וואָרף געטון די שווערד אין ווינקל אַריין, צ'ריינגעגאַנגען אין קיך און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, האָט ער מיט ציטערנדיקע, פאַרשטייפטע פינגער לאַנג געגלעט דעם נישט-געוואַשענעם בלאַט פון טיש.

XIII

אַז עס גייט נישט, גייט שוין מיט אַלעם נישט: אינדערפרי איז געטקאָ געווען נישט געזונט אויפמערקזאַם, און מיראָן גריגאָריעוויטשס ראַסאָווער בוהיי האָט דורכגעהאַקט מיט די הערנער דער בעסטער קאָבילע דעם האַלז. געטקאָ איז אַריינגעלאָפן אין דער כאַטע אַ בלייכער, אַ פאַרלוירענער, זיך טרייסלענדיק, ווי אין פיבער.

— אַן אומגליק, באַלעבאָס! דער בוהיי, אַז פגרן זאָל ער, דער פאַרשאָלטענער בוהיי...

— וואָס דער בוהיי? נו? — איז מיראָן גריגאָריעוויטש אומרויִק געוואָרן.

— האָט די קאָבילע צורעכט געמאַכט... מיטן האָרן דורכגעשטאָכן... איך זאָג...

מיראָן גריגאָריעוויטש איז אויסגעטוועטערהייט אַרויסגעלאָפן אין הויף אַריין. לעבן ברונעם האָט מיטקאַ געשלאָגן מיט אַ פלאָקן דעם פינפיעריקן רויטן בוהיי. אָנבייגנדיק דעם געפאַלבטן אונטערגאָרגל צו דער ערד, שאַרנדיק מיט אים איבערן שניי, האָט ער געדרייט מיטן נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווייט הינטער זיך אָפּגעוואָרפן דעם שניי מיטן פוס, צעזייענדיק מיטן ספּיראַלאַרטיק־אויסגעבויגענעם ווײדל אַ זילבערנעם שטויב אַרום זיך. ער איז נישט אַנטלאָפן פאַר די קלעפּ, נאָר טויב געריטשעט, איבערקלויבנדיק מיט די הינטערשטע פיס, ווי גרייטנדיק זיך אַ שפּרונג צו טון.

אין זיין האַלז איז אַלץ ברייטער געוואָרן און געוואַקסן דאָס כאָרכלענדיקע רעווען. מיטקאַ האָט אים געשלאָגן איבערן פּיסק, איבער די זייטן, שוין הייזעריק פון די העסלעכע זידלערייען, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיכעיען, וואָס האָט אים געשלעפּט פון הינטן ביים פּאַסיק.

— טרעט אָפּ, מיטרי!... ווי גאָט איז דיר ליב!... ער וועט דיך דורכשטעכן!... גריגאָריטש, וואָס שטייסטו?...

מיראָן גריגאָריעוויטש איז צוגעלאָפן צום ברונעם. די קאָבילע איז געשטאַנען ביים פּאַרקן מיט אַ כמורנע־געזונקענעם קאָפּ. די איינגעפאַלענע גריבער אונטער די קרייץ־ביינער, שוואַרצע און טיפע, האָבן שווייסיק זיך באַוועגט אין אָטעמען, פון האַלז אויפן שנײ אַראָפּ און אויף די קײַלעכיקע ביילן פון די ברוסט־מוסקולן איז געראָנען בלוט. אַ דראָבנער ציטער האָט געכוואַליעט די העל־קאַשטענעוואַטע פעל פון רוקן און די זייטן, אויפטרייסלענדיק די פּאַכוועס.

מיראָן גריגאָריעוויטש איז פאַרלאָפן פון פאָרנט. אויפן האַלז האָט ראָז זיך גערייכערט אַן אָפענע וואונד. אַ טיפער, לאַנגער שניט, כאָטש אַ האַנט אַריינצורוקן; דער אַנטבלויזטער גאָרגל אין קראַמפּהאַפטן אָטעמען. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פאַרדריקט אין דער פויסט די טשופּרינע פון דער קאָבילע און אַ צי געטון אינדערהייך אַרויף איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטון מיט אירע צאַנקענדיקע פיאָלעטע אַפּלען גלייך דעם באַלעבאָס אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט געפרעגט: „וואָס וועט אַצינד זיין? — און מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אויף דער שטומער פראַגע אויסגעשריגן:

— מיטקאַ! דעמבענע קאָרע הייס פאַרבריִען. אַנו, אייל דיך צו!

באַוועגנדיק מיטן דרייעקיקן גאָרגל־קנאָפּ אין ברודיקן האַלז, איז געטקאָ אַוועקגעלאָפן אָפּרייסן קאָרע פון דעמב. מיטקאַ איז צוגעגאַנגען צום פאָטער, קוקנדיק אויפן בוהיי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו דרייען אין אַ ראָד איבערן הויף. אַ רויטער אויף דער מאַטער ווייסקייט פון שנײ, האָט ער זיך געדרייט איבערן הויף, פאַרטייבנדיק די לופט מיט זיין אָפּגעריסן אומאויפהערלעך רעווען.

— האַלט ביי דער טשופּרינע! — האָט דער פאָטער באַ־

פוילן מיטקען. — מיכע, לויף נאָכן שטריק ! שנעלער, כ'וועל דיר די מאָרדע צעהאַקן !...

די סאַמעטענע, מיט שיטערע האָר-באַדעקטע, אייבערשטע ליפּ פון דער קאָבילע האָט מען איינגעקלאַמערט אין אַ שטריק, זי זאָל נישט פילן די ווייטיק. ס'איז צוגעקומען דער זיידע גרישאַקאַ. מען האָט צוגעברענגט אויף אַ געבלימטן טעלער אַ ברייע פון זשאָ-לאָנדזש-קאָליר.

— קיל אויס, ס'איז זיכער הייס. דו הערסט, מיראָן, צי נישט ?

— טאַטע, גייט אַריין אין שטוב געזונטערהייט ! איר וועט זיך דאָ פאַרקילן !

— און איך הייס אויסקילן. ווילסט די קאָבילע אומברענגען ?

מען האָט אָפּגעוואַשן די וואונד. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט מיט געפרווירענע פינגער, איינגעפעדעמט אַ גראָבע נאָדל אין ליין-פאָדעם. אַליין פאַרנייט. אַ קינסטלערישע נאָנט האָט זיך אויס-געלייגט איבער דער וואונד. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט נישט באַ-וויזן אַוועקצוגיין פון ברונעם, ווי פון שטוב איז אַרויסגעלאָפן לו-קיניטשנאַ. די לויזע טאָרבעס פון אירע פאַרוועלקטע באַקן זענען צעקרומט געווען פון צערודערונג. זי האָט אַוועקגערופן דעם מאַן אין אַ זייט.

— גריגאָריטש, נאַטאַליע איז געקומען ! אַך, גאָט דו מיינער !...

— וואָס איז ווידער ?... — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך אָנגעבלאָזן, און די פּיעגעס אויף זיין בלייך פנים זענען בלאָס געוואָרן.

— מיט גריגאָריען... דאָס איידעמל איז פון דער היים אַוועק ! — לוקיניטשנאַ האָט זיך אַ צעשפּרייט געטון, ווי אַ גאַפּ פאַרן אַוועקפליִען ; אַ פּאַטש געבנדיק מיט די הענט איבערן פאָדל, האָט זי אין אַ יאָמער אויסגעבראָכן :

— אַ חרפּה פאַרן גאַנצן כוטאָר !.. גאָט, דו שפּייזער אונ-זערער, וואָס פאַר אַן אומגליק דאָ איז געשען !... אַך ! אָך !

נאַטאַליאַ איז מיט אַ טוך אויפן קאָפּ און אין אַ קורץ ווינ־טערדיק קאַפּטנדל געשטאַנען אינמיטן דער קיך. צוויי טרערן זענען אָנגעקוואָלן אין דיווינקלען פון אירע אויגן, נישט אַראָפּפאַלנדיק. אויף אירע באַקן איז געלעגן אַ ציגלדיקע רויטקייט.

— וואָס ביסטו דאָ אַהער געקומען? — איז דער פאָטער אויף איר אָנגעפאַלן, אַריינקומענדיק אין קיך. — דער מאַן האָט דיך אָנגעהרגעט? איר קאָנט נישט דורכקומען?...

— ער איז אַוועקגעגאַנגען, — האָט נאַטאַליאַ אַ שלוקערץ געטון, שלינגענדיק איר טרוקן שלוכצן, און מיט אַ לייכט וואַקלען זיך אַ וואָרף געטון צום פאָטערס פיס. — טאַטענקע, איך האָב שוין קיין לעבן נישט!... נעם מיך צו פון דאָרט! ער איז אַוועקגעגאַנגען, גרישקאַ, מיט זיין געליבטער!... איינע אַליין בין איך געבליבן! טאַטענקע, איך בין, ווי אַן איבערגעפאָרענע!... — האָט נאַטאַליאַ אָנגעהויבן שנעל שטאַמלען, נישט אַרויסרעדנדיק דעם סוף פון די ווערטער, אַרויפקוקנדיק מיט געבעט אין פאָטערס געל־ברוינ־לעכער באָרד אַריין.

— שטיי נאָר, אַנו, וואַרט נאָר צו!...

— איך האָב נישט נאָכוואָס צו זיין דאָרט! נעמט מיך צו!... — קלאַפּנדיק מיט די קני איבערן דיל, איז נאַטאַליאַ שנעל צוגעקראָכן צום קופערט און אין די הענט איינגעגראָבן דעם קאָפּ, וואָס האָט געציטערט פון געוויין. איר טוך האָט זיך אַראָפּגערוקט אויפן רוקן, די גלאַט־פאַרקעמטע, שוואַרצע, גלייכע האָר זענען אַראָפּגע־האָנגען איבער אירע בלייכע אויערן. געוויין אין אַ שווערער מי־נוט — איז דאָס זעלבע, וואָס רעגן אין אַ מאַי־טריקעניש; די מו־טער האָט צוגעדריקט צו איר איינגעפאַלענעם בויך נאַטאַליעס קאָפּ, נישט אויפהערנדיק צו פּלוידערן ווייבערישע נאַרישקייטן, אָבער מיראָן גריגאָריעוויטש איז, אַן אָנגעצונדענער, אַרויס אויפן גאַנעק.

— איינשפּאַנעןביידע שליטנס!... מיט די דישלעס!...

אַ האָן, וואָס האָט זיך טיכטיק געפּאָרעט מיט אַ הון ביים גאַנעק, האָט זיך דערשראָקן פאַרן הויכן אויסגעשריי, אַראָפּגעשפּרונגען פון

דער הון און מיט וואַקלדיקע טריט און ירגזונדיקע אויסגעשרייען אַוועקגעהינקט אַלץ ווייטער פון גאַנעק, דאָרט אַריין, וואו די שפּייכלערס האָבן זיך געפונען.

— איינשפּאַנען !... — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט געבראָכן מיט די שטיוול די געשניצטע שטאַכעטן פון גאַנעק און ערשט דעמאָלט אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב, איבערלאָזנדיק דעם מיאוס אויסגעשטשערבעטן אָנלען, ווען געטקאָ האָט איילי́ק אַרויסגעפירט די פּאָר שוואַרצע פון שטאַל און זיי אין גאַנג אַרויפגעוואָרפן די כאָמוטן אויף די קעפּ.

נאָך נאַטאַליעס זאַכן זענען געפאָרן מיטקאַ מיט געטקען. דער אוקראַינער האָט אין זיין צעשטרייטקייט אומגעוואָרפן מיטן שליטן אַ חזירל, וואָס האָט נישט באַוויזן אַראָפּצולויפן פון וועג, טראַכטנדיק וועגן דאָס זייניקע : „דער באַלעבאָס וועט אפשר צוליב דעם פאַרגעסן אָן דער קאָבילע ?" — און זיך געפרייט, נאָכלאָזנדיק די לייצן.

„אַזאַ ווילדער טייוול וועט טאַקע פאַרגעסן !..." — איז געטקען איינגעפאַלן אַ געדאַנק, און ער האָט, כמורענדיק זיך, פאַרקרימט די ליפּן.

— הייב אַ פּוס, טייוול !... וואָרים איך וועל דיר דאָ געבן ! — האָט ער זיך געפּליעסט דעם שוואַרצן צו טרעפן מיט דער בייטש דווקא אין יענעם אָרט, וואו די מילץ האָט זיך געוואָרפן

XIV

דער סאָטניק יעווגעני ליסטניצקי האָט געדינט אין דער לייב-גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּולק. אויף די אָפיצירישע געיעגן איז ער אַראָפּגעפאַלן פון פערד, זיך צעבראָכן די לינקע האַנט ביים עלנבויגן. נאָכן לאַזאַרעט האָט ער גענומען אורלויב און אַוועקגעפאָרן צום פאָטער קיין יאַגאָדנאָיע אויף אַנדערהאַלבן חדשים.

דער אַלטער גענעראַל, וואָס איז שוין אַ סך יאָרן געווען אַן אַלמן, האָט געלעבט אין יאַגאָדנאָיע איינזאַם. זיין ווייב האָט ער פאַרלוירן אין די פאָרשטעט פון וואַרשע אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מען האָט געשאָסן אויפן קאָזאַקישן גענעראַל, געטראָפן דעם ווייב און דעם קוטשער, דורכגעלעכערט אין אַ סך ערטער די קאָטש, אָבער דער גענעראַל איז ניצול געוואָרן. פון ווייב איז אים געבליבן יעווגעני, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען צוויי יאָר. נאָכדעם האָט דער גענעראַל זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע, אַריבערגעצויגן קיין יאַגאָדנאָיע (זיין ערד — פיר טויזנט דעסיאַטין — וואָס איז נאָך צוגעטיילט געוואָרן זיין זיידן פאַרן באַטייליקן זיך אין דער פאָטערלענדישער מלחמה פון 1812 יאָר, האָט זיך געפונען אין דער סאַראַטאָווער גובערניע) און אָנגעהויבן פירן אַ פראָסט, שטרענג לעבן.

דעם אונטערגעוואַקסענעם יעווגעניין האָט ער אַריינגעגעבן אין קאַדעטישן קאָרפוס, און אַליין זיך פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט: איינגעפירט אַ צוכט־שטאַל, געקויפט ראַסאָווע רעפראָדוקטאָרן אין די קייסערלעכע שטאַלן, און, קרייצנדיק זיי מיט די בעסטע קאָבילעס פון ענגלאַנד און די דאָנער פראָוואַלסקער צוכט־שטאַלן, האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער ראַסע. ער האָט געהאַלטן אויף זיין קאָזאַקיש־צוגעטיילטער און געקויפטער ערד טאַבונען, געזייעט — מיט פרעמדע הענט — תבואה, ווינטער און האַרבסט געגאַנגען אויף יאַגד מיט זיינע כאַרטן, פון צייט־צו־צייט זיך אָפגעשלאָסן אין זיין ווייסן זאַל און דאָרט געשיכורט גאַנצע וואָכן. ער האָט געליטן פון אַ שווערער גאַל־קרענק, און לויטן שטרענגן פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, נישט געטאָרט אַראָפשלינגען דאָס צעקייעטע עסן; ער האָט צעקייעט, אויסגענאָגט די זאַפטן, און דאָס צעקייעטע אויסגעשפיגן אין אַ זילבערן טעצל אַריין, וואָס דער יונגער לאָקיי וועניאַמין, פון פויערישער אָפשטאַמונג, האָט אויף די אויסגעשטרעקטע הענט שטענדיק ביי זיין זייט אונטערגעהאַלטן.

וועניאַמין איז געווען נאַרישעוואַטע, מיט אַ טונקל־ברוין פנים, זיין קיילעכיקער קאָפ — באַדעקט מיט שוואַרצע, געדיכטע

האָר, ווי פּליוש. ער האָט שוין געדינט ביים פּריץ ליסטניצקי זעקס יאָר. לכתחילה, ווען אים איז אויסגעקומען צו שטיין לעבן גענעראַל מיטן זילבערנעם טעצל, האָט ער נישט געקאָנט אָן איבל זיך צוקוקן, ווי דער גענעראַל שפּייט אויס דאָס גרויעצעקייעטע עסן, דערנאָך אָבער איז ער געוואוינט געוואָרן. אין אַ יאָר אַרום, ווען ער האָט אַזוי זיך צוגעקוקט, ווי דער פּריץ צעקייט די קאָטלעטלעך פון ווייס אינדיק-פלייש און שפּייט זיי אויס, האָט ער אַ טראַכט געטון: „אַזעלכע גוטע זאַכן ווערן קאַליע! ער פרעסט אַליין נישט, און איך האָב אַזש קרעמפּן אין בויך. מיט איין וואָרט, ער ליגט, ווי אַ הונט אויפן סטויג. איך וועל פּרווון אויפעסן נאָך אים און זען, צי כ׳וועל נישט אויסברעכן?" ער האָט געפּרוווט און נישט אויסגעבראָכן. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער נאָכן מיטאָג אַוועקטראָגן דאָס זילבערנע טעצל אין פּאָרצימער אַריין און דאָרט אייליק שלינגען דאָס, וואָס די דאָקטוירים האָבן פאַרווערט דעם פּריץ אויפצועסן. צי דאָס איז געווען די סיבה, צי עפּעס אַנדערש — אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער דיק געוואָרן, זיך באַדעקט מיט פעטס אויף זיין האַלז האָבן זיך באַוויזן אַ סך פאַלדן.

אין גוט האָבן נאָך געהערט צו דער דינערשאַפט, חוץ וועניאַמינען: די קעכין לוקעריאַ, דער אַלטער פערד-מייסטער סאַשקאַ, דער פּאַסטוך טיכאָן און דער ניי-צוגענומענער קוטשער גריגאָרי מיט אַקסיניען. די קיילעכיקע, געשטופּלטע, ברייטהינטנדיקע לוקעריאַ, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ שטיק געל, נישט אויפגעיוירן טייג, האָט באַלד דעם ערשטן טאָג משלח געווען אַקסיניען פון דער קיך.

— קאָכן וועסטו, ווען דער פּריץ וועט צונעמען אַרבעטער אויפן זומער; אַצינד קאָן איך מיר אַליין אַן עצה געבן.

אַקסיניעס פליכט איז געווען צו וואַשן דריי מאָל אין דער וואָך די דילן אין הויז, געבן עסן די עופות און האַלטן ריין דעם הינער-שלאַק. זי האָט מיט חשק זיך גענומען צו דער דינסט, זיך באַמיט אַלע צופרידנצושטעלן, אפילו אויך לוקעריען. גריגאָרי האָט

די גרעסטע טייל צייט פאַרבערנגט אין דער גרויסער שטאַל מיטן שטאַל-מייסטער סאַשקאַ. דער אַלטער האָט שוין געהאַט גרויע האָר אויפן קאָפּ, אָבער נאָך אַלץ געבליבן ביי זיין נאָמען סאַשקאַ-קיינער האָט נישט באַוויליקט אים צוצוגעבן דעם פאָטערס נאָמען. און דעם פאַמיליען-נאָמען האָט אפילו דער אַלטער ליסטניצקי אויך נישט געוואוסט, נישט געקוקט דערויף, וואָס סאַשקאַ האָט שוין געדינט ביי אים העכער צוואָנציק יאָר. אין דער יוגנט איז סאַשקאַ געווען קוטשער, אָבער אין די עלטערע יאָרן, ווען ער איז שוואַכער געוואָרן און פאַרלוירן די ראיה, איז ער איבערגעגאַנגען אויפן אַמט פון שטאַל-מייסטער. אַ נידעריטשקער, אַ געדיכט-באַוואַקסענער מיט גרייז-גרויע האָר (אויך אויף די הענט זענען געוואַקסן דידאָזיקע האָר), מיט אַ נאָז, אַ צעפלאַטשטער נאָך אין דער קינדהייט דורכן קלאַפּ פון אַ טשעקמאַר*, האָט ער תמיד געשמייכלט מיט אַ בלויען קינדישן שמייכל, מרוגענדיק אויף די אַרומיקע מיט תמימותדיקע, רויט-אַרומגעזוימטע אויגן. זיין אַפּאָסטאָליש פנים האָבן מיאוס געמאַכט די פאַרריסענע, קאָמישע נאָז און די אונטערשטע ליפּ, וואָס איז פאַרשענדט געווען דורך אַ שראַם. ווען ער האָט געדינט אין מיליטער (סאַשקאַ האָט געשטאַמט פון די באָגוטשאַרעווער מאָסקאַלעס), האָט ער אַמאָל שיכורערהייט, אָנשטאָט מאָנאָפּאָל-בראָנפן, אַ שלוק געטון זאַלץ-זויער פון אַ פּערציקסטל: אַ פייערדיק ריטשקעלע האָט אים צוגעקלעבט די אונטערשטע ליפּ צו דער גאָמבע. דאָרט, וואו דאָס ריטשקעלע האָט זיך פאַרגאָסן, איז געבליבן אַ ראָזער קרומער שראַם, ווי אַן אומבאַקאַנט חיהלע וואָלט סאַשקען אַ לעק-געטון איבער דער גאָמבע, איבערלאָזנדיק אַ שפור פון איר דין ראַציק צינגל. סאַשקאַ האָט זיך אָפט געלאָזט וואוילגיין מיט אַ ביסל בראָנפן, אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער אַרומבלאָנזשען איבערן הויף פון גוט — מעשה באַלעבאָס — מיט אַ טענצלדיק געגגל, זיך אָפּשטעלן קעגן די פענסטער פון פריצס שלאָפצימער און כיטרע באַוועגן מיטן פינגער פאַר זיין קרימלעכער נאָז.

* אַ שטעקן מיט אַ גראָבן עק.

— מיקאָלאַי לעקסעיִטש, אַ, מיקאָלאַי לעקסעיִטש? — האָט ער הויך און שטרענג אויסגערופן.

אויב דער אַלטער פּריץ איז אין דעם מאָמענט געווען אין שלאָפצימער, פלעגט ער צוגיין צום פענסטער.

— זיך אָנגעכלאָיעט, פוסטער קאָפּ? — פלעגט ער ברומען דורכן פענסטער.

סאַשקאַ האָט זיך אונטערגעהאַלטן די אַראָפּפאַלנדיקע הויזן, אונטערגעוואונקען און שעלמיש געשמייכלט. דער שמייכל פלעגט קרימלען גיין אַ טאַנץ ביי אים איבערן גאַנצן פּנים: פון צונויפגעזשמורעטן לינקן אויג ביזן ראָזן שראַם, וואָס איז אַראָפּגעפלאָסן פון זיין רעכטן מויל־ווינקל. דער שמייכל איז געווען אַ קרומער, אָבער אָנגענעמער.

— מיקאָלאַי לעקסעיִטש, אייער ערווירדיקייט, איך קע־ע־ען דיך!... — און סאַשקאַ האָט, אונטערטאַנצנדיק, געדראָעט מיטן ווערטיקאַל־אויפגעהויבענעם דינעם און ברודיקן פינגער.

— גיי שלאָף דיך איבער, — האָט דער פּריץ פרידלעך געשמייכלט דורכן פענסטער, פאַרדרייענדיק זיך מיט די פאַרגעלטע פינגער פון רייכערן די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס.

— אפילו דער טייוול וועט סאַשקען נישט אָפּ־נאַרן! — האָט סאַשקאַ געלאַכט, צוגייענדיק צו דער פּאַליסאַדע. — מיקאָלאַי לעקסעיִטש, דו... ביסט ווי איך. איך און דו זענען ווי דער פיש מיטן וואַסער. דער פיש איז אין וואַסער אַ פרייער, און אונז איז צום בעסטן... אין שייער. מיר ביידע זענען רייך, אָט!... — סאַשקאַ האָט מיט צעשפּרייטע פיס און ברייט־פונאַנדערגעוואָרפענע הענט זיך אַ זעץ אַראָפּ געגעבן. — אונז קענען אַלע, די גאַנצע דאָנער געגנט. מיר... — סאַשקעס קול איז געוואָרן טרויעריק און חניפהדיק, — מיר ביידע, אייער עקסעלענץ, זענען מיט אַלעם גוט, בלויז די נעז זענען ביי אונז דרעקישע!

— פאַרוואָס? — האָט דער פּריץ זיך פאַראינטערעסירט, בלוי ווערנדיק פון לאַכן און באַוועגנדיק מיט די וואָנסעס.

— איבערן בראָנפן! — האָט סאַשקאַ דייטלעך אַרויסגעזאָגט,

שנעל מרוגענדיק און אָפּלעקנדיק מיט דער צונג דעם גאַווער, וואָס איז איבערן רינעלע פון זיין ראָזן שראַם אַראָפּגעפלאָסן — דו, מיקאָלאַי לעקסעיִטש, שיכור נישט. אַז נישט, וועט פון אונז איינגאַנצן אַ תל ווערן! מיר וועלן אַלץ ביזן לעצטן פאַדעם פאַרלעבן!...

— נאַדיר, גיי מאַך אַ כוסה.

דער פריץ האָט אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער אַ צענערקאָפּיקע, סאַשקאַ האָט זי געכאַפּט אין דער לופטן און באַהאַלטן אין היטל אונטערן אונטערשלאַק.

— נו, זיי געזעגנט, גענעראַל, — האָט ער, אַוועקגייענדיק, אַ זיפץ געטון.

— און די פערד האָסטו אָנגעטרונקען? — האָט דער פריץ געפרעגט, שוין פאָרויס שמייכלענדיק.

— פאַרשיוועער טייוול! צויגן־זון, דו! — האָט סאַשקאַ, רויטווערנדיק, גערעוועט מיט אַ צעבראָכן קול. דער כעס האָט אים געוואָרפן ווי אין קדחת. — סאַשקאַ זאָל פאַרגעסן די פערד אָנצוטרינקען? אַ? אפילו שטאַרבנדיק — וועל איך אויך קומען זיי יעדן אַן עמער וואַסער פון דעם ברונעם געבן!... וואָס אים קאָן איינפאַלן!...

סאַשקאַ איז אַוועקגעגאַנגען אַן אומזיסט באַליידיקטער, שעלטנדיק און דראָענדיק מיט די פויסטן. ס׳איז אים אַלץ גלאַטיק דורכגעגאַנגען: אי דאָס שיכורן, אי דאָס גוטברידערישע אומגיין מיטן פריץ; דורכגעגאַנגען דערפאַר, וואָס סאַשקאַ איז געווען אַן אומפאַרגלייכלעכער שטאַל־מייסטער, ער איז זומער און ווינטער געשלאָפן אין שטאַל אין אַ ווינקל, ס׳האָט קיינער נישט געקענט בעסער פאַר אים זיך באַגיין מיט די פערד, ער איז געווען אי אַ שטאַל־מייסטער, אי אַ פערד־רופא: פרילינגס־צייט, אין די צעבליטע מאַי־טעג, פלעגט ער רייסן גראָזן, גראָבן אין סטעפּ, אין די ראָוועס, אין די זומפּיקע טאָלן הייל־קרייטעכצער. אינדערהייך אויף די ווענט פון דער שטאַל זענען געהאָנגען געטרוקנטע בינטלעך פאַרשיידענע גראָזן: — אַ מין געוויקס פאַר אָסטמע, פאַר אַ ביס

פון אַ שלאַנג, פאַר קראַנקע פיס; אַן אומבאַמערקבאַר ווייס גרעזעלע, וואָס וואַקסט אויף די לעוואַדעס אַרום די וואָרצלען פון די ווערבעס, — אַ רפואה פאַר אַ קראַנקן רוקן נאָכן איבערהייבן זיך מיט אַ שווערער משא, און נאָך אַ סך אַנדערע אומבאַקאַנטע גראָזן צו פאַרשידענע פלאָגן און פערד־קראַנקהייטן.

אין ווינקל פון דער שטאַל, וואו סאַשקאַ איז געשלאָפן זומער און ווינטער, איז געהאַנגען, ווי אַ פאַרהענגל פון שפּין־געוועב, אַ דינער אַראָמאַט, וואָס האָט געקרעלט אין האַלז. אויפן טאַרצן איז געלעגן אַ ביסל האַרט שטרוי, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע פון די פערד און סאַשקעס זיפּון, אינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיטן שווייסיקן ריח פון די פערד. קיין פאַרמעגן, חוץ דעם זיפּון און אַ האַרטן פעלץ, האָט סאַשאַ נישט געהאַט.

טיכאָן, דער קרעפּטיקער און נאַרישעוואַטער קאָזאַק מיט די גראָבע ליפּן, האָט געלעבט מיט לוקעריען און שטילערהייט, אָן אַ סיבה, זי געצייפּערט צו סאַשקען. איין מאָל אין חודש פלעגט ער אָננעמען סאַשקען ביי אַ קנעפּל פון פאַרפעצטן העמד און אים אַוועקפירן אין אַ ווינקל אַריין.

— זיידע, דו קוק נישט צופיל אויף מיין באַבע!

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן... — סאַשקאַ האָט פילבאַדייטנדיק געמרוגעט מיט די אויגן.

— טשעפּע דיך אָפּ, זיידע! — האָט טיכאָן געבעטן.

— איך, ברידערקע, האָב ליב געשטופּלטע. דו שטעל מיר נישט קיין גלעזל, נאָר לייג מיר בעסער אַוועק אַ געשטופּלטע. וואָס געשטופּלטער, — אַלץ שטאַרקער קאָן אַזאַ שעלמע ליב האָבן אַן אונזעריקן.

— אין דיינע יאָרן, זיידע, איז דאָס א חרפּה און אַ זינד... עך, דו, און ביסט נאָך דערצו אַ רופא, היילסט פערד, קאָנסט אָפּשפּרעכן...

— איך טויג צו אַלעם, — האָט סאַשקאַ זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

— טשעפּע דיך אָפּ, זיידע! מען טאָר נישט אַזוי.

— איך, ברידערקע, וועל נאָך די לוקעריע אָנקריגן. גע-זעגן דיך מיט איר, דער שעלמע, איך וועל זי אָפּשלאָגן! זי איז ווי אַ קוכן מיט ראָזשינקעס. ס'האָט נאָר עמעצער די ראָזשינקעס אַרויסגעגראַבלט, דערפאַר טאַקע איז זי אַ ביסל געשטופּלט. איך האָב ליב אַזעלכע.

— נאַדיר, נאַ... און פּלאָנטער זיך מיר נישט אונטער די פיס, וואָרים כ'וועל דיך דערהרגענען, — האָט טיכאָן געזאָגט, זיפּצנדיק און אַרויסשלעפּנדיק פון טיטון-בייטל עטלעכע קופּערנע מטבעות.

דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדן חודש.

דאָס לעבן אין יאַגאָדנאָיע האָט געשימלט אין שלעפעריקער טעמפּקייט. ווייט פון די שליאַכן, פאַרזונקען אין שטילקייט, איז דאָס גוט געלעגן אין דער פּוסטער געגנט, און האַרבסט-צייט איז יעדע פאַרבינדונג מיט דער סטאַניצע און די כוטאָרס איבערגע-ריסן געוואָרן. אויפן בערגל, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער לעוואַדע אין דער פאָרם פון אַ זאַמדיק האַלב-אינזל, פלעגן ווינ-טער אין די נעכט אַרויסקומען וועלף פון שוואַרצן וואַלד, וואָיען און שרעקן די פערד. טיכאָן פלעגט גיין אויף דער לעוואַדע שיסן פון פריצס צוויי-רערדיקער ביקס. דעמאָלט איז לוקעריאַ גע-לעגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, אָפּוואַרטנדיק דעם שאָס. זי האָט כסדר געהילט איר גראָבן הינטן — אַזוי ברייט ווי דער פאַררוקער פון באַק-אויוון — אין דער דיקער דערע און זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערניש מיט די קליינע אייגעלעך, וואָס זענען פאַרשוואו-מען געוועזן אין אירע פעטע געשטופּלטע בעק. אין דעם מאָמענט האָט איר דער מיאוסער פליכיקער טיכאָן אויסגעזען ווי אַ שיינער און העלדיש-דרייסטער חברה-מאַן, און ווען די טיר האָט אַ קלאַפּ געטון, אַריינלאָזנדיק טיכאָנען, צוזאַמען מיט אַ וואָלקן פאַרע, האָט זי זיך גענומען מאַכן אָרט אין בעט, צעקוועטשנדיק מיטן רוקן די וואַנצן אויף דער וואַנט און, וואָרקענדיק, זיס אַרומגענומען איר גע-פרוירענעם מיטוואוינער.

זומער-צייט האָבן אין יאַגאָדנאָיע ביז שפּעט געקלונגען די

קולות פון די אַרבעטער. דער פריץ האָט פּאַרזייעט אַ פּערציק דע-סיאַטין מיט פאַרשידענער תּבואה און צוגענומען אַרבעטער צום אָראָפּנעמען. זעלטן פלעגט זומער קומען אין גוט אַריין יעווגעני, אַרומגיין איבערן סאָד און דער לעוואַדע און זיך לאַנגווײַלן. אין די פרימאָרגנס פלעגט ער אָפּזיצן ביים טײַך מיט זײַנע ווענדקעס. ער איז געווען נישט הויך, ברייט-ברוסטיק. האָט געטראָגן אַ קאָ-זאַקישע טשופּרינע, פאַרקעמט אויף רעכטס. דער אָפיצירן-מונדיר איז געלעגן אויף אים אויסגעפּאַסט.

אין די ערשטע טעג, וואָס גריגאָרי האָט זיך באַזעצט מיט אַקסיניען אין גוט, פלעגט ער אָפּט אַרײַנגיין צום יונגן באַלעבאָס. אין צימער פון דער דינערשאַפט פלעגט אַרײַנקומען ווענקאַמין, אָנ-בייגן דעם פליושענעם קאָפּ און אַ שמייכל טון.

— גיי, גריגאָרי, דער יונגער פריץ האָט דיך געהייסן אַרײַנ-רופן.

גריגאָרי פלעגט אַרײַנגיין, שטיין בלײַבן ביי דער טיר. שטשירענדיק די שיטערע, ברייטע ציין, פלעגט יעווגעני ניקאָלאַ-יעוויטש אָנווייזן מיט דער האַנט אויף אַ שטול.

— זעץ דיך.

גריגאָרי האָט זיך געזעצט אויפן ברעג.

— ווי געפעלן דיר אונזערע פערד?

— די פערד זענען גוטע. דער גרויער איז גאָר גוט.

— דו רייט דיך אָפּט איבער אויף אים. אָבער זע, לאָז אים נישט אין גאַלאָפּ.

— דער זיידע סאַשקאַ האָט מיר שוין געזאָגט וועגן דעם.

— און קרעפּיש ווי געפעלט דיר?

— אָט דער קאַשטענעוואַטער? איך קאָן נישט אָפּשאַצן. אַ קאָפּיטע האָט זיך אים אויסגעשטשערביעט. מען דאַרף אים איבער-קאָווען.

זשמורענדיק די שאַרפע גרויע אויגן, האָט דער פריץ גע-פרעגט.

— דיר וועט אין מאַי אויסקומען אין לאַגער אַריין צו גיין?

— יאָ.

— איך וועל איבערשמועסן מיטן אַטאַמאַן, וועסט נישט גיין.

— איך דאַנק אונטערטעניק.

זיי האָבן געשוויגן. דער סאָטניק האָט זיך צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון מונדיר, זיך געקראַצט די ווייבעריש-ווייסע ברוסט.

— וואָס-זשע, דו האָסט נישט קיין מורא, אַז אַקסיניעס מאַן זאָל זי אָפּנעמען ביי דיר?

— ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר, וועט זי נישט אָפּנעמען.

— ווער האָט דיר געזאָגט?

— איך בין געפאָרן אין דער סטאַניצע אַריין נאָך פּאָדקאָוועס נעגל. געזען איינעם פון כוטאָר. האָט ער געזאָגט, סטיעפּאַן הערט נישט אויף צו שיכורן. „פאַר מיר, זאָגט ער, איז אַקסיוטקאַ אפילו קיין גראָשן נישט ווערט. זאָל זי זיך זיין מיט אים, איך וועל מיר אַ בעסערע געפינען“.

— אַקסיניאַ איז אַ שיינע פרוי — האָט דער סאָטניק געזאָגט, קוקנדיק פאַרטראַכט איבער גריגאָריעס אויגן, און אויף זיין פּנים האָט אַ שמייכל געבלאָנזשעט.

— אַ גאַנץ שיינע, — האָט גריגאָרי מסכּים געווען און זיך אָנגעכמורעט.

פאַר יעווגעניען האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון זיין אורלויב. ער האָט שוין געקאָנט פריי אָן אַ באַנד טראָגן די האַנט, אויפהייבן זי, נישט אויסבייגנדיק אין עלנבויגן.

די לעצטע טעג פלעגט ער אָפט זיצן ביי גריגאָריען אין צימער, אין הויז פון דער דינערשאַפט. אַקסיניאַ האָט ריין אויסגעווייסט דאָס צימער, וואָס איז פריער שטאַרק פאַרלאָזט געווען, אָפּגעוואַשן די ראַמען פון די פענסטער, אָפּגעריבן דעם דיל מיט

ציגל. אין ליבן פריילעכן צימערל האָט געשמעקט מיט ווייבלעכער אינטימקייט. פון אייוועלע האָט געאָטעמט מיט וואַרעמקייט. דער כאָטניק פלעגט זיך אָנהעגנגען דאָס ראָמאַנאָווער בלויע פעלצל אויפן אַקסל און אַריינגיין אין הויז פון דער דינערשאַפט. ער האָט אויסגעקליבן אַזאַ צייט, ווען גריגאָרי איז באַשעפטיקט געווען ביי די פערד. ער פלעגט פריער אַריינגיין אין קיך, שפּאַסן אַ ביסל מיט לוקעריען און, אומקערנדיק זיך, אַריינגיין אין דער צווייטער העלפט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע ביים איי-וועלע, שאַרף אויסגעבויגן דעם רוקן און געקוקט אויף אַקסיניען מיט זיין אומפאַרשעמט-שמייכלענדיקן בליק. אַקסיניאַ פלעגט זיך פאַרלירן אין זיין קעגנוואַרט, די שפּיזלעך אין אירע הענט האָבן געציטערט, אויפכאַפּנדיק די אויגן פון זאָק.

— וואָס מאַכסטו, אַקסיניושקאַ? — האָט דער סאָטניק גע-פרעגט, אָנפילנדיק דאָס צימערל מיטן בלויען רויך פון זיין פּאַפּיראָס.

— אַ דאַנק.

אַקסיניאַ פלעגט אויפהייבן די אויגן, זיך צונויפטרעפן מיטן סאָטניקס דורכזיכטיקן בליק, וואָס האָט שווייגנדיק דערציילט וועגן זיין פאַרלאַנג, און פלאַמיק רויט ווערן. איר איז געווען פאַרדריס-לעך און נישט אָנגענעם צו קוקן אין יעווגעני ניקאָלאַיעוויטשס הע-לע עזותדיקע אויגן אַריין. זי האָט נישט צו דער זאַך געענטפערט אויף די פאַרשידענע נישט וויכטיקע פראַגן, געזוכט אַן אויסרייד וואָס שנעלער אַרויסצוגיין.

— כ׳וועל שוין גיין. מ׳דאַרף געבן די קאַטשקעס צו עסן.

— זיץ נאָך אַ ווײַלע, וועסט באַוויזן, — האָט דער סאָט-ניק געשמייכלט און געציטערט מיט די פיס אין די נעט-אָפּגעצוי-גענע רייט-הויזן.

ער האָט לאַנג אויסגעפרעגט אַקסיניען וועגן איר פריערדיק לעבן, גערעדט מיט נידעריקע באַסאָווע ברוסט-טענער, ענלעך צום פאָטער, פאַרשייט אונטערגעוואונקען מיט די העלע אויגן, לויטערע ווי קוואַל-וואַסער.

נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך, איז גריגאָרי אַרייַנגעקומען אין שטוב. דער סאָטניק האָט פאַרלאָשן די פייערלעך אין די אויגן, אים מכבּד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס און אַוועקגעגאַנגען.

— וואָס איז ער דאָ געזעסן? — האָט גריגאָרי טויב גע־פרעגט, נישט קוקנדיק אויף אַקסיניען.

— איך ווייס? — האָט אַקסיניאַ נישט אויפריכטיק געלאַכט, דערמאַנענדיק זיך אָן סאָטניקס בליק. — ער איז אַרייַנגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט דאָ, זע, גרישענקאַ, אָט אַזוי, — (זי האָט געוויזן ווי אַזוי דער סאָטניק איז געזעסן, אויסבייגנדיק דעם רוקן, ווי ער) — ער זיצט און זיצט, ס'ווערט אַזש איבלדיק, און די קניִען זענען בייַ אים אַזוי פאַרשפּיצט.

— האָסט אים אפשר אָנגעצויגן? — גריגאָרי האָט בייז גע־זשמורעט די אויגן.

— איך דאַרף אים נייטיק האָבן!

— געדענק־זשע, וואָרים איך וועל אים אַמאָל פון גאַנעק אַראָפּוואַרפן.

אַקסיניאַ האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף גריגאָריען, נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי ער מיינט דאָס ערנסט, אָדער ער שפּאַסט.

XV

אויף דער פערטער תּענית־וואָך האָט דער ווינטער געלאָזט. לענגאויס דעם דאָן האָבן ווי פּראַנזן זיך אויסגעלייגט די וואַסער־פּאַסן בייַ די ברעגן. דאָס אייַז, וואָס האָט אינדערהייך אויפ־געטייעט, איז געוואָרן געלעכערט און גרוי. אין די אָוונטן האָט דער באַרג טויב געהודזשעט, לויט די סימנים פון די אַלטע — אויף פראָסט, אין דער אמתן אָבער — האָט זיך געשטעלט אַ זייער לינד וועטער. אין די פרימאָרגנס זענען געווען קליינע פרעסטלעך און מיטאָג־צייט איז די ערד אויפגעגאַנגען, און ס'האָט געשמעקט מיט

מערץ, מיט פאַרפרוירענער קאָרע פון קערשן־ביימער, מיט פאַר־פוילט שטרוי.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך פאַמעלעך געגרייט צום אַקערן, גאַנצע טעג זיך געפּאָרעט אונטער דער שאָפּע, געטע־סעט ציין פאַר די ערד־קאַמען, צוזאַמען מיט געטקען געמאַכט צוויי נייע לייטער־געשטעלן פאַר די וואָגנס. דער זיידע גרישאַקאַ האָט אויף דער פערטער וואָך זיך מתוודה געווען. געקומען פון דער צערקווע אַ שוואַרץ־געוואָרענער פון קעלט, זיך געקלאָגט פאַר דער שנור:

— ער האָט פאַרמאַטערט, דער פּאָפּ, קאָן קיין תפילה נישט אָפּריכטן. יאָ, זאָגט די תפילות, ווי ער וואָלט געפירט אַ וואָגן אייער איבער אַ וועג. דאָס איז אַן אומגליק!

— איר, טאַטע, וואָלט אין דער הייליקער וואָך זיך מתוודה געווען. ביז דעמאָלט ווערט דאָך על־כל־פּנים וואַרים ווערן.

— דו גיב מיר נאַטאַשקען אַ רוף. זאָל זי מיר גרעבערע זאָקן אויסשטריקן, וואָרים אין אַזעלכע וואָלט אפילו אַ גרויער וואָלף זיך די פּיאַטעס אָפּגעפרוירן.

נאַטאַליע האָט געלעבט ביים פאָטער אויף דערוייל: איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז גריגאָרי וועט זיך אומקערן צו איר, זי האָט אין האַרץ געוואַרט, זיך נישט איינהערנדיק אין דעם, וואָס דער ניכטערער פאַרשטאַנד האָט איר אונטערגעזאָגט; אין די נעכט אויסגעגאַנגען פון אַנגסטלעכער בענקשאַפט, זיך געפּייניקט אַ צע־טרעטענע פון דער אומגעריכטער נישט פאַרדינטער באַליידיקונג. און צו דעם איז צוגעקומען נאָך עפּעס, נאַטאַליע האָט מיט קאַל־טער שרעק זיך דערנענטערט צום סוף, אין די נעכט זיך געוואָרפן אין איר מיידליש צימערל, ווי אַן אונטערגעשאָסענע מעווע אין די זומפּ־גראָזן. באַלד די ערשטע טעג האָט מיטקאַ אָנגעהויבן קוקן אויף איר גאָר אַנדערש, און איינמאָל, פּאַקנדיק נאַטאַליען אין הויז, האָט ער זי פּשוט געפרעגט:

— בענקסט נאָך גרישקען?

— און וואָס גייט עס דיך אָן ?

— איך וויל דיין בענקשאַפט שטילן...

נאַטאַליע האָט אים אַ קוק געטון אין די שויב, אַריין און אין האַרץ זיך דערשראָקן פאַר איר השערה. מיטקאַ האָט געשפּילט מיט זיינע גרינע, קעצישע אויגן, בוימלדיק געפינקלט אין דער פינסטערניש פון הויז מיט די שפּיזנדיקע אַפּלען. אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, איז נאַטאַליאַ אַריינגעשפּרונגען אין אַלקער צום זיידן גרישאַקאַ און לאַנג דאָרט געשטאַנען, זיך איינהערנדיק אין אויפגערעגטן פלאַטערן פון איר האַרץ. צומאָרגנס נאָכדעם, איז מיטקאַ צוגעגאַנגען צו איר אויפן הויף. ער האָט צוגעוואָרפן היי די בהמות, און אויף זיינע גלייכע האָר, אויף דער פּאַפּאַכע פון שפּאַנישן פוטער זענען געהאָנגען גרינע הייעלעך. נאַטאַליאַ האָט אַוועקגעטריבן די הינט, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער חזיר־קאָריטע.

— דו, פייניק דיך נישט, נאַטאַשקאַ...

— איך וועל דעם טאַטן רופן ! — האָט נאַטאַליע אויסגע־שריגן, פאַרשטעלנדיק זיך מיט די הענט פאַר אים.

— טיו, ביסט פון זינען אַראָפּ !

— גיי אַוועק, פאַרשאָלטענער !...

— נו, וואָס יעלהוועסטו ?

— גיי אַוועק, מיטקאַ : איך גיי שוין דעם טאַטן דערציילן !... מיט וואָסערע אויגן קוקסטו אויף מיר ? אי־י־י, דו געמיינער !... ווי אַזוי טראָגט דיך די ערד אויף זיך ? !

— זי טראָגט דאָך, זעסטו, און גיט זיך אפילו קיין בייג נישט. — מיטקאַ האָט אַלס באַשטעטיקונג אַ טופּע געטון מיטן שטיוול און פאַרלייגט די הענט אויף די היפטן.

— קריך נישט צו מיר, מיטרי !

— אַצינד קריך איך נישט, אָבער ביינאַכט וועל איך קומען, בנאמנות, איך וועל קומען !

נאַטאַליאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון הויף אַ ציטערנדיקע. אין

אָוונט זיך אויסגעבעט אויפן קופערט, געלייגט מיט זיך דאָס ייִנ־גערע שוועסטערל. די גאַנצע נאַכט זיך געדרייט אויפן געלעגער, איינגעגראָבן די הייסע אויגן אין דער פינסטערניש. געוואַרט אויף אַ שאָרך, כּדי אויפצוהייבן אַ געשריי איבערן גאַנצן הויז, נאָר די שטילקייט איז געשטערט געוואָרן בלויז דורכן שנאָרכן פון זיידן גרישאַקאַ, וואָס איז געשלאָפן אויף יענער זייט ווענטל, און קליי־נעם שוועסטערל, וואָס איז געלעגן ביי איר זייט.

פאַרסמט פון ווייבערישער אומגעשטילטער ווייטיק, האָבן די טעג זיך געוויקלט, ווי דער פאָדעם פון אַ געשפּין.

מיטקאַ, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן זיין פריערדי־קע שאַנד פון שדכנען, איז אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעטער און בייזער. אין די אָוונטן איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף די פאַרוויי־לונגען און פלעגט זעלטן אַהיימקומען פאַר האַלבער נאַכט, גאַנץ אָפט ווען עס האָט שוין געטאָגט. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אויסגעלאַסענע זעלנערקעס און געגאַנגען צו סטיעפּאַנען שפּילן אין אָקע. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט דערווייל געשוויגן, זיך בלויז צוגעקוקט.

איינמאָל פאַר פאַסכע האָט נאַטאַליאַ באַגעגנט פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטשן לעבן מאָכאָווס מאַגאַזין. ער האָט זי דער ערשטער אַ רוף געטון.

— וואַרט נאָר אַ רגע.

נאַטאַליאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געבנדיק אויפן שווערס פּנים מיט דער געהאָרבעטער נאָז, וואָס האָט זי דערמאַנט אָן גריגאָריען, און איר איז אומעטיק געוואָרן.

— וואָס ווייזסטו זיך נישט אַריין צו די אַלטע ? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש אַ זאָג געטון, באַטראַכטנדיק זי מיט פאַרלוירענע אויגן, ווי ער אַליין וואָלט זיך געפילט שולדיק קעגן נאַטאַליען. — די אַלטע האָט זיך דאָרט פאַרבענקט נאָך דיר... י האַלט אין איין פרעגן זיך, וואָס דו מאַכסט... נו, ווי גייט עס דיר ?

נאַטאַליאַ האָט זיך באַמיט גובר צו זיין איר פּלוצלינגדיקע צערודערונג.

— אַ דאַנק... — און פאַרהאַקנדיק זיך (זי האָט אים גע־וואָלט אָנרופן טאַטע), האָט זי צעטומלט פאַרענדיקט: — פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש.

— וואָס־זשע, קומסט גאָרנישט אַריין צו אונז?

— איך בין פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט... איך אַרבעט.

— גרישקאַ אונזערער, עך!... — דער אַלטער האָט ביטער אַ דריי געטון מיטן קאָפּ. — שיין אונז אויסגעשטעלט, דער מנוול... און ווי פיין אַלץ האָט זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט...

— וואָס־זשע קאָן מען טון, טאַטע... — האָט נאַטאַליאַ מיט אַ הויך געבראָכן קול אַ זאָג געטון, — אפנים נישט באַשערט געווען.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרלוירן זיך גענומען צו־איילן, אַ קוק געבנדיק אין נאַטאַליעס אויגן אַריין, וואָס זענען אָנגעגאָסן געווען מיט טרערן. אירע ליפּן האָבן געציטערט, זי האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן.

— זיי געזעגנט, ליבינקע!... זיי דיך נישט מצער צוליב אים, דעם צויגן־זון, ער איז דיין נאָגל נישט ווערט. ער וועט זיך נאָך אפשר אומקערן. עס ווילט זיך מיר שטאַרק אים זעען, איך וועל אים שוין דעמאָלט דערלאַנגען!

נאַטאַליאַ איז אַוועקגעגאַנגען מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי אַ געשלאָגענע. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט לאַנג גע־טרעטן אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צו לויפן. אַריינדרייענדיק זיך אין ווינקל, האָט נאַטאַליאַ זיך אומגעקוקט: דער שווער האָט אַוועקגעלאָמט איבערן פּלאַץ, זיך שטאַרק אָנ־שפּאַרנדיק אויפן שטעקן.

XVI

ביי שטאָקמאַנען האָט מען אָנגעהויבן זיך צונויפקומען זעלטענער. דער פרילינג האָט זיך דערנענטערט, די כוטאָר־לייט האָבן זיך געגרייט צו דער פרילינגדיקער אַרבעט; בלויז פון דער מיל פלעגן קומען וואַלעט מיט דאַווידקען און דער מאַשיניסט איוואַן אַלעקסעיעוויטש. אין גרויסן פרייטיק האָבן זיי פאַרנאַכט זיך פאַרזאַמלט אין אַרבעט־צימער. שטאָקמאַן איז געזעסן אויפן וואַרשטאַט, אַרומפיילנדיק אַ רינגל, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט פון אַ האַלבן רובל. דורכן פענסטער האָט אַרייַנגעקוקט אַ בינטל שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַ שטויביקער, ראָז־געלבלעכער קוואַדראַט איז געלעגן אויפן דיל. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך געשפּילט מיט אַ צוואַנג אין דער האַנט.

— אַנומלט בין איך געווען ביים באַלעבאָס, געגאַנגען רעדן מיט אים וועגן דער פרעס־קאַלבע. מען דאַרף זי אָוועקפירן קיין מילעראָווע, דאָרט וועט מען זי פאַרריכטן. מיר דאָ קאָנען דען עפּעס אויפטון? זי האָט געפּלאַצט און באַקומען אַט אַזאַ שפּאַלט, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש, נישט צו וויסן וועמען, אָנגעוויזן מיטן קליינעם פינגער די גרייס פון שפּאַלט.

— דאָרט איז דאָך, דאַכט זיך, דאָ אַ פאַבריק? — האָט שטאָקמאַן געפרעגט, באַוועגנדיק מיט דער פייל און אויסזייענדיק אַרום זיך אַ דינעם זילבערנעם שטויב.

— די מאַרטענאָווער. מיר איז דאָרט אויסגעקומען צו זיין פאַראַיאָרן.

— אַ סך אַרבעטער?

— צום טייוול. אַ מאַן פירהונדערט.

— נו, ווי דערגייט עס זיי? — שטאָקמאַן האָט געאַרבעט, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, און זיינע ווערטער זענען געפאַלן מיט הפסקות, ווי ביי אַ שטאַמלער.

— זיי לעבן שוין איינמאָל. דאָס זענען דיר נישט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר פּשוט... מיסט...

— פאַרוואָס־זשע אַזוי? — האָט זיך וואָלעט פאַראינטערעסירט, זיצנדיק לעבן שטאָקמאַנען מיט צונויפגעקרייצטע קלעצלדיקע פינגער אונטער די קני.

דאַווידקאַ, דער וואַלצן־מייסטער, אַ גרויער פון מעל־שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זיינע האָר, האָט זיך געדרייט אױבערן וואַרשטאַט, צעשפּריצנדיק מיט די שיך דעם שאַרכענדיקן שוים פון די סטריזענעס, און מיט אַ שמייכל זיך איינגעהערט אין טרוקענעם דופּטנדיקן געשאָרך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט איבער אַ טאָל, אַ פאַרשיטן פון נאָוועמבערדיקן, פּורפּורנעם בלעטער־פאַל, די בלעטער גיבן זיך לייכט נאָך, און אונטער זיי פילט זיך די יונגע שטייפקייט פון רוי־ערדיקן טאָל.

— און דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זענען אַלע פאַרמעגלעך. איטלעכער האָט זיין הייזל, זיין ווייב, אַלע פאַרגעניגנס. און דערצו נאָך איז אַ העלפט פון זיי באַפּטיסטן. דער באַלעבאָס אַליין איז זייער פּרעדיקער, נו, און איין האַנט וואַשט די צווייטע, אָבער פוןביידע וועסטו דעם שמוץ אפילו מיט אַ גראָב־אייזן נישט אָפּקראַצן.

— איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס זענען עס אַזוינס די באַפּטיסטן? — האָט דאַווידקאַ געפרעגט, אויפכאַפּנדיק אַ נישט באַקאַנט וואָרט.

— די באַפּטיסטן? זיי גלייבן אין גאָט אויף אַן אייגענעם אופן, אַ שטייגער, ווי די פּאָליפּאָנען*.

— יעדער שוטה גייט פון זינען אַראָפּ אויף אַן אייגענעם אופן. — האָט וואָלעט צוגעגעבן.

— נו, איז קום איך אַריין צו סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן, — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש ווייטער געפירט זיין אָנגעהויבענע

* אַלטגלויביקע.

דערציילונג — זיצט ביי אים אַטיעפּין־צאַצאַ. „וואָרט־צו, — זאָגט ער — אין פּאָרצימער". זעץ איך מיך, וואַרט. הער זייער שמועס דורך דער טיר. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש גיט איבער אויספּירלעך אַטיעפּינען: גאָר בקרוב, זאָגט ער, דאַרף פּאָרקומען אַ מלחמה מיט די דייטשן, כ'האָב עס געלייענט אין אַ ביכל, און צאַצאַ, ווייסטו דאָך, ווי ער רעדט? „אוודאי — זאָגט ער — בין איך מיט אייך נישט מסכים בנוגע דער מלחמה. — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַזוי פּינקטלעך נאָכגעמאַכט אַטיעפּינען, אַז דאַווידקאַ האָט מיט קיילעכיקע ליפּן אַ קורצן לאַך געטון, נאָר דערזעענדיק וואַלעטס חוזק־מינע, איז ער שטיל געבליבן.

— „קיין מלחמה מיט רוסלאַנד קאָן נישט זיין, ווייל די דייטשן שפּייזן זיך מיט אונזער תבואה", — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש נאָכדערציילט, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין אַ שמועס. — דאָ האָט זיך אַריינגעמישט נאָך איינער, וועלכן איך האָב לויטן קול נישט דערקענט, נאָר דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דעם פּריץ ליסטניצקיס זון, דער אָפיציר. „אַ מלחמה, זאָגט ער, וועט פּאָרקומען צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך צוליב די ווייַנגערטענער, אָבער צו אונז האָט דאָס קיין שייכות נישט".

— ווי מיינסטו, אָסיפּ דאַווידאָוויטש? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש זיך געווענדט צו שטאָקמאַנען.

— איך קאָן נישט פאָרזאָגן, — האָט שטאָקמאַן אויסמיידנדיק געענטפערט, געני באַטראַכטנדיק אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט דאָס אויסגעאַרבעטע רינגל.

— וועלן זיי זיך אָנהייבן שלאָגן, — וועלן מיר אויך דאָרט זיין. צי מען וועט וועלן, צי נישט, וועט מען מוזן, ביי די האָר וועלן זיי שלעפּן, — האָט וואַלעט אָפּגעפּסקנט.

— דאָ, קינדערלעך, האַנדלט זיך אָט אין וואָס, — האָט שטאָקמאַן אָנגעהויבן, לייכט אַרויסנעמענדיק די צוואַנג פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשס האַנט.

ער האָט גערעדט ערנסט, קענטיק זיך געקליבן גרינטלעך

אויפצוקלערן. וואַלעט האָט באַקוועמער אַרויפגערוקט די אַראָפּגע־לאָזטע פּיס פון וואָרשטאַט, אויף דאַווידקעס פּנים זענען די ליפּן געוואָרן קיילעכיק, נישט פאַרשטעלנדיק דעם פייכטן אָפּזאָץ אויף די געדיכטע ציין. שטאָקמאַן האָט מיט זיין געוויינטלעכער קלאָר־קייט, אין קאָנצענטרירטע, האַרטע, ווי אויסגעלערנטע זאַצן, גע־שילדערט דעם קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות פאַר די מערק און קאָלאָניעס. צום סוף האָט אים איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַן אויפגערעגטער איבערגעריסן.

— וואַרט צו, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר צו דעם ?

— אַנדערע וועלן שיכורן, און דיר און דיינס גלייכן וועלן די קעפּ ווײַ־טון, — האָט שטאָקמאַן אַ שמייכל געטון.

— דו זיי נישט קיין קינד, — האָט וואַלעט חוזק געמאַכט, — ס'איז דאָ אַן אַלט שפּריכוואָרט : „ווען די פּריצים שלאָגן זיך, טרייסלען ביי די פּויערים די טשובן זיך".

— אוהו־ם, — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אָנגעכמו־רעט, ווי קרישלענדיק עפּעס אַ שווערע, נישט נאָכגיביקע גערדאַנ־קען־ברילע.

— נאָכוואָס קומט דער ליסטניצקי צו די מאָכאָווס ? ער באַ־מיט זיך נישט אַמאָל וועגן דער טאָכטער ? — האָט דאַווידקאַ גע־פרעגט.

— דאָרט האָט שוין קאָרשונאָווס גזע זיך באַמיט... — האָט וואַלעט חוזק געמאַכט.

— הערסט, איוואַן אַלעקסעיעוויטש ? נאָכוואָס קומט דאָרט דער אָפיציר שמעקן ?

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי מען וואָלט אים מיט אַ שמיץ פון אַ בייטש אונטער די קני געטראָפן.

— אַ, וואָס זאָגסטו ?

— אַנדרימלט געוואָרן, דער פעטער !... וועגן ליסטניצקין שמועסט מען.

— צו דער סטאַציע פאָרט ער. יאָ, נאָך אַ נייעס : איך גיי

אַרויס פון דאָרט, און וועמען, מיינט איר, טרעף איך אויפן גאַנעק? — גרישקאַ מעליעכאָוו. ער שטייט זיך מיטן בייטשל. פרעג איך אים: „וואָס טוסטו דאָ, גריגאָרי?“ — „איך פאָר מיטן פריץ ליסטניצקי קיין מילעראָוואָ.

— ער איז ביי זיי קוטשער, — האָט דאַווידקאַ זיך אַריינגעמישט.

— כאַפּט שיריים פון פריצס טיש.

— דו, וואַלעט, ביסט ווי אַ הונט אויף דער קייט, אויף יעדן בילסטו.

דער שמועס האָט אויף אַ רגע אויפגעהערט. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

— דו איילסט דיך נישט אַמאָל צו דער נאַכט־תפילה? — האָט וואַלעט צום סוף חוזק געמאַכט.

— איך האָב יעדן טאָג אַ נאַכט־תפילה.

שטאָקמאַן האָט אַרויסגעפירט זיינע שטענדיקע געסט; פאַרמאַכט דעם וואַרשטאַט און אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

אין דער נאַכט פון פּאַסכע איז דער הימל פאַרצויגן געוואָרן מיט שוואַרצברוסטיקע וואָלקנס. עס האָט גענומען טריפן אַ רעגן. די פייכטע פינסטערניש האָט צוגעדריקט דעם כוטאָר. אויפן דאָן האָט נאָך בין־השמשות־צייט מיט אַ מאָנאָטאָן, הילכיק זיפצן געפּלאַצט דאָס אייז, און די ערשטע קריע, צונויפגעדריקט דורך די צעקרישלטע אייז־בלאָקן, איז מיט אַ געשאָרך אַרויסגעקראָכן פון וואַסער. דאָס אייז איז מיט איין מאָל אויפגעבראָכן געוואָרן אויף אַ מהלך פון פיר וויאָרסט, ביז צום ערשטן אויסבויג פון כוטאָר. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אייז־גאַנג. צום טאַקט פון צערקווע־גלאָק, וואָס האָט ריטמיש אויסגעקלונגען די „צוועלף עוואַנגעליעס“, האָבן די אייז־פעלדער זיך געקרישלט, צונויפשטויסנדיק זיך און אויפטרייסלענדיק די ברעגן.ביים אויסבויג, דאָרט וואו דער דאָן פאַרנעמט אויף לינקס, האָט דאָס אייז זיך פאַרהאַלטן. דער ליאַרעם און סקריפּעריי פון די אָנלויפנדיקע קריעס האָט זיך דערטראָגן צום כוטאָר. אין גאָרטן פון דער צערקווע, וואו ס'האָבן

געבלישטשעט די פריש־אויפגעטייעטע קאַלוזשעס, האָט זיך געזאַמלט דאָס יונגוואַרג. פון דער צערקווע, דורך די אויפגעפראַלטע טירן אין פאָליש אַריין, און פון פאָליש אין גאָרטן אַריין, האָבן זיך גע־טראָגן די הילכיקע קלאַנגען פון גאָטעס־דינסט אין די געקראַטע־וועטע פענסטער האָט געשימערט אַ יום־טובדיקע פריידיקע ליכטי־קייט און אין גאָרטן האָבן די בחורים געקניפּן די שטיל־קוויטשענ־דיקע מיידלעך, זיך געקושט, שעפּטשענדיק דערציילט אויסגעלאַסענע וויצן.

אין דער וואַך־שטוב פון דער צערקווע האָבן זיך געשטופּט די קאָזאַקן, וואָס זענען געקומען צום פייערלעכן גאָטעס־דינסט פון די נאָענטע און ווייטע כוטאָרן. פאַרשמאַכט פון מידעקייט און דער שטיקנדיקער לופט, וואָס איז געהאָנגען אין דער וואַך־שטוב, זענען די מענטשן געשלאָפן אויף די בענק און אויפן דיל ביי די פענסטער.

אויף די צעבראָכענע טרעפּלעך האָט מען גערייכערט און געשמועסט וועגן וועטער און דער ווינטער־תבואה.

— ווען וועלן אייערע כוטאָר־לייט אַרויספאָרן אין פעלד אַריין?

— מסתמא, אין טאָג פון הייליקן פאָמאַ.

— נאָך אַזוי אויך גוט. ביי אייך דאָרט איז דאָך בלויז זאַמדיקער סטעפּ.

— טרוקענער זאַמד. אויף דער צווייטער זייט לאָנקע — זאַלציק.

— אַצינד וועט די ערד זיך אָנזאַפּן.

— פאַראַיאָרן האָבן מיר געאַקערט, איז די ערד געווען טרוק וויי שטיין, כמעט אינגאַנצן פאַרדאָרבן.

— דונקאַ, וואו ביסטו? — האָט אַ פּישטשע געטון אַ דינענקע קולכל ביים גאַנעק פון דער וואַך־שטוב.

און ביים טירל פון דער צערקווע האָט עמעצנס הייזעריק, דיק קול געפּויקט:

— געפֿונען וואו צו קושן זיך, אַך איר... אַוועק פֿונדאַנען, מנווולים! ס׳האָט זיך אייך פֿאַרגלוסט!

— דו האָסט נישט וועמען? גיי, קוש אונזער צויג, — האָט אַ יונג געבראָכן קול רעזאָנירט פֿון דער פֿינסטערניש אַרויס.

— אייער צוי-וי-ג! אָט וועל איך דיר דאָ געבן...

אַ זומפּיק טופּעריי פֿון לויפֿנדיקע פֿיס, אַ הירזשען און שאָרכען פֿון מיידלישע קליידער.

פֿון די דעכער — אַ גלאָזיקער קלאַנג פֿון טריפֿנדיקע טראָפּנס, און ווידער דאָס זעלבע פּאַמעלעכע, זומפּיקע קול, ווי שוואַרץ-ערדיקע בלאָטע.

— כ׳האָב אַנומלט געדונגען אַן ערד-קאַם ביי פּראָכאָרן, געגעבן אים צוועלף רובל — ער וויל נישט הערן. אַזעלכער וועט קיינמאָל נישט נאָכלאָזן...

אויפֿן דאָן — אַ ריטמיש רוישן, אַ שאָרכען, אַ סקריפּען. ווי אונטן נאָכן כוטאָר וואָלט געגאַנגען אַן אויסגעשלייערטע, מעכטיקע פרוי, אַזוי הויך ווי אַ טאָפּאָל, און אומזעבאַר גערוישט מיטן פּאָדל פֿון איר קלייד.

האַלבע נאַכט, ווען די שליימיקע פֿינסטערניש איז געדיכט געוואָרן, איז צום גאָרטן צוגעריטן אויף אַן אומגעזאָטלט פֿערד מיטקאַ קאָרשונאָוו. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעבונדן די לייצן צו דער גריווע, און אַ פּאַטש געטון דעם אומרויִקן פֿערד מיט דער האַנט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך איינגעהערנדיק אין טשמאָקען פֿון די קאָפּיטעס, זיך גלייך געמאַכט דעם פּאַסעק און אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. אין פּאָליש האָט ער אויסגעטון די פּאַפּאַכע, אָנגעבויגן דעם קרימלעך-אונטערגעגאָלטן קאָפּ צום בוקן זיך און, שטויסנדיק די באַבעס, זיך צוגעשטופּט צום אַלטאַר. פֿון דער לינקער זייט האָבן געדיכט זיך געטונקלט די קאָזאַקן, ווי אַ שוואַרצער טאַבון, און פֿון רעכטס האָט לאַזוריק געבליט דער געמיש פֿון ווייבערישע טראַכטן. מיטקאַ האָט מיט די אויגן אָפּגעזוכט דעם פֿאָטער, וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער רייע, און צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם עלענבויגן פֿון מיראָן

גריגאָריעוויטש האָנט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צום צלמען, און אַריינגעשעפּטשעט אין זיין האָר־באַוואַקסן אויער:

— טאַטע, קום אַרויס אויף אַ רגע.

זיך דורכשטופּנדיק דורכן געדיכטן פאַרהאַנג פון פאַרשידענע ריחות, האָט מיטקאַ געציטערט מיט די נאָזלעכער: ס׳האָט גע־איבלט ביז חלשות דער טשאַד פון ברענענדיקן וואַקס, דער עיפּוש פון די צעפּרייעטע, שווייסיקע ווייבערישע לייבער, דער קברים־ריח פון די פאַרדומפּענע מלבושים (וואָס ווערן אַרויסגענומען פון באָדן פון די קופערטס בלויז אויף ווייַנאַכט און פּאַסכע), ס׳האָט פאַרדרייט אין דער נאָז דער פייכטער לעדער־געשטאַנק פון די שיך, דער נאַפטאַלין, די אויסדעמפּונגען פון די אויסגעהונגערטע מאָגנס נאָכן תענית.

אין פאָליש האָט מיטקאַ מיט דער ברוסט זיך צוגעדריקט צום פאָטער און געזאָגט:

— נאַטאַליאַ שטאַרבט!

XVII

גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט פון דער סטאַציע, וואוהין ער האָט אין דער פּאַסכע־וואָך אָפּגעפירט יעווגעניען. דאָס לינדע ווע־טער האָט אויפגעפרעסן דעם שניי; דער וועג איז אין משך פון צוויי טעג קאַליע געוואָרן.

אין אוקראַיִנישן דאָרף, אָלכאָווי ראָג, פינאונצוואָציק וויאָרסט ווייט פון דער סטאַציע, האָט ער שיִער נישט דערטרונקען די פערד, אַריבערפאָרנדיק איבערן טייכל. אין דאָרף אַריין איז ער אָנ־געקומען אָוונט־צייט. דאָס אייז האָט אין משך פון דער פאַרגאַנגע־נער נאַכט געפּלאַצט, די קריִע האָט גערירט, און דאָס טייכל, אי־בערפולט מיט די ברוינע שטראָמען פון צעגייענדיקן שניי, האָט זיך געהויבן און געשוימט, זיך רוקנדיק צו די געסלעך.

דאָס איינפאָר־הויז, וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פּאַשען די

פערד אויפן וועג צו דער סטאַציע, האָט זיך געפונען אויף דער צווײ־טער זייט. איבער נאַכט האָט געקאָנט צוקומען נאָך מער וואַסער, און גריגאָרי האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן.

ער איז צוגעפאָרן צו דעם אָרט, וואו ער איז מיט אַ מעת־לעת צוריק אַריבערגעפאָרן איבערן אייז; דאָס טייכל, וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס, האָט געטריבן איבער זיין אויסגעבריי־טערטן פלוס די טונקעלע וואַסערן, לייכט אינמיטן געווירבלט מיט אַ שטיק פלויט און האַלבער רייף פון אַ ראָד. אויפן זאַמד, דעם אַנטבלויזטן פון שניי, האָבן זיך געזען פרישע שפורן פון שליטן־גייערס. דער אייזן־באַשלאַג האָט איבערגעלאָזט דינע שטרייפן איבער דער ערד. ביים טייכל האָט זייער שפור זיך פאַרנומען ר'עכטס און פאַרלוירן אין וואַסער אַריין. גריגאָרי האָט אָפּגעמאָסטן דעם שטח מיטן בליק: העכסטנס — צוואָנציק קלאַפטער. ער איז צוגעגאַנגען צו די פערד קאָנטראָלירן דאָס געשפאַן. אין דעם מאָ־מענט איז פון עקסטן הויף אַרויסגעקומען אַ באַיאָרטער אוקראַינער אין אַ היטל פון פוקסן־פוטער און זיך פאַרנומען צו גריגאָריען.

— מען פאָרט דאָ? — האָט גריגאָרי געפרעגט, אָנווייזנ־דיק מיט די לייצן אויפן ברוינעם ווירבלדיקן שטראָם.

— מען פאָרט. ערשט היינט אינדערפרי אַריבערגעפאָרן.

— ס'איז טיף?

— ניין. אין שליטן וועט זיך, אפשר, אַריינגיסן.

גריגאָרי האָט צונויפגענומען די לייצן און, צוגרייטנדיק די בייטש, אַ טרייב געטון די פערד מיט אַ קורצן באַפעלנדיקן „נאָ!"... פאָרסקענדיק און באַשמעקנדיק דאָס וואַסער, זענען די פערד געגאַנגען נישט גערן.

— נאָ! — גריגאָרי האָט אַ פייף־געטון מיט דער בייטש און זיך אויפגעשטעלט אויף די קאָזלעס.

דאָס קאַשטענוואַטע ברייט־הינטנדיקע פערד, דאָס לינקע אין געשפאַן, האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, — זאָל זיין, — און שטאַרק אָנגעצויגן די שטריק. גריגאָרי האָט זיי זייטיק געקוקט אויף די פיס; דאָס וואַסער האָט זיך געפליעסקעט ביים ראַנד פון שליטן.

די פערד זענען אַריין פריער ביז צו די קני, דערנאָך מיטאַמאָל ביז איבער די בריסטן. גריגאָרי האָט געוואָלט צוריק אויסדרייען, נאָר די פערד האָבן זיך אַ ריס געטון און פאָרסקענדיק גענומען שווימען. די הינטערשטע טייל שליטן האָט זיך זייטיק געטראָגן, אָנדרייענדיק די קעפ פון די פערד אין דער ריכטונג פון שטראָם. דאָס וואַסער האָט כוואַליענדיק זיך געגאָסן איבער זייערע רוקנס. דער שליטן האָט זיך געוויגט און האַסטיק געצויגן צוריק.

— אַ־אַ־אַי... אַ־אַ־אַי! קערעווע!... — האָט דער אוקראַינער געיעלהוועט, לויפנדיק איבערן ברעג און פאָכענדיק צוליב עפעס מיטן אַראָפגעכאַפטן פוקסענעם הוט פון קאָפּ.

גריגאָרי האָט אין ווילדער צעטראָגנקייט נישט אויפגעהערט צו טרייבן די פערד. דאָס וואַסער האָט זיך געקרייזלט אונטערן אַראָפגעזעצטן שליטן אין דראָבנע ווירבל־רעדלעך. דער שליטן האָט זיך שאַרף אָנגעקלאַפּט אָן אַ סלופּ, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַסער (אַן איבערבלייבעניש פון דער אַוועקגעטראָגענער בריק) און זיך איבערגעדרייט מיט זעלטענער לייכטקייט. אויסשרייענדיק, האָט גריגאָרי זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָבער נישט אַרויסגעלאָזט די לייצן. עס האָט אים געצויגן ביי די פאָלעס פון פעלץ, ביי די פיס, געשלעפּט מיט ווייכערצודרינגלעכקייט, פּיעשטשענדיק אים און איבערקערנדיק לעבן דעם זיך וויגנדיקן שליטן. ער האָט באַוויזן זיך אָנצוכאַפּן מיט דער לינקער האַנט ביים שליטן־גייער, נאָכגעלאָזט די לייצן, און מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם זיך אָנגעהויבן כאַפּן מיט די הענט, כדי זיך צוצוקריגן צום אָרטשיק. ער האָט שוין געהאַט אָנגעכאַפּט מיט די פינגער דעם געקאָוועטן שפּיץ פון אָרטשיק, — אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער קאַשטאַנעוואַטער, קעמפנדיק קעגן שטראָם, מיט קראַפט אים אַ זעץ געטון מיטן הינטערשטן פוס אין דער קני אַריין. גריגאָרי האָט אַ פאַרכליניעטער זיך איבערגעוואָרפן מיט די הענט און אָנגעכאַפּט ביים שטריק. עס האָט אים געריסן פון די פערד, צענומען די פינגער מיט געטאָפּל־טער קראַפט. מיט אַ גליִענדיקער שטעכעניש פון דער קעלט אין אַלע אברים, האָט ער זיך צוגעקריגן צום קאַשטאַנס קאָפּ, און דאָס

פערד האָט זיין ווילדן, מיט טויט־אַנגסט אָנגעגאָסענעם, בליק פון די בלוטיק אויגן, פאַרזונקען אין גריגאָריעס אויסגעברייטערטע אַפּלען.

עטלעכע מאָל האָט גריגאָרי אַרויסגעלאָזט די גליטשיקע ריעמעט־לייצן פון די הענט, זיך געוואָרפן שווימען, זיי צוריק אָנגעכאַפּט, אָבער די לייצן האָבן זיך פון זיינע פינגער אַרויסגעגליטשט. ענדלעך האָט ער זיי אָנגעכאַפּט — און פלוצלינג אַ שאַר געטון מיט די פיס איבער דער ערד.

— נאָ־אָ־אָ!!! — אויסשטרעקנדיק זיך ביז דער לעצטער מעגלעכקייט, האָט ער זיך אַ וואָרף־געטון פאָרויס און געפאַלן אויף דער שליימיקער זומפּיקייט, אומגעוואָרפן דורך דער ברוסט פון אַ פערד.

די פערד זענען אַריבער איבער אים, און ווי אַ ווינט אַרויסגעטראָגן דעם שליטן פון וואַסער. זיי זענען שטיין געבליבן, אָפּגעשוואַכטע, עטלעכע טריט ווייטער אין פאַרענדיקן פיבער פון זייערע נאַסע רוקנס.

נישט פילנדיק קיין ווייטיק, איז גריגאָרי אויפגעשפרונגען; די קעלט האָט אים אַרומגעקלעבט ווי מיט אומדערטרעגלעך הייס טייג. גריגאָרי האָט געציטערט מער ווי די פערד, פילנדיק, אַז ער איז אַצינד אַזוי שוואַך אויף די פיס, ווי אַ זייג־קינד. ער איז צו זיך געקומען, איבערגעקערט דעם שליטן אויף די גייערס, און דערלאַנגענדיק די פערד צו עטלעכע בייטשן, זיי אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ. אין גאַס איז ער אַריינגעפלויגן, ווי אין אַטאַקע, — פאַרקירעוועט די פערד אין ערשטן געעפנטן טויער אַריין, נישט איינהאַלטנדיק דאָס געלויף.

ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוטהאַרציקן באַלעבאָס. צו די פערד האָט ער אַרויסגעשיקט דעם זון, אַליין געהאָלפן גריגאָריען זיך אויסטון און מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט נישט קיין שום דערווידערונגען, באַפוילן דעם ווייב:

— הייץ איין אין אויוון!

גריגאָרי איז געלעגן אויפן אויוון אין באַלעבאָס' הויזן ביז

זיין אָנטון האָט זיך אויסגעטרוקנט; ער האָט אָפּגעגעסן דאָס נאַכט־עסן פון פּאָסטנע באָרשטש און זיך געלייגט שלאָפן.

אַרויסגעפאָרן איז ער נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. פאָרויס איז געלעגן אַ מהלך פון הונדערט פינפאונדריייסיק וויאָרסט, און איטלעכע מינוט איז טייער געווען. עס האָט גע־דראָעט דער פרילינגדיקער וועג איבערן סטעפּ; אין יעדער הייל, אין יעדן טאָל — רווישיקע שטראָמען פון צעגאַנגענעם שניי.

דער שוואַרצער, גאַקעטער וועג האָט איינגעמידט די פערד. מיט דער הילף פון באַגייענדיקן פרעסטל האָט ער דערצויגן ביזן טאַוורישן קרייז, וואָס איז געלעגן פיר וויאָרסט ווייט פון שליאַך, און זיך געשטעלט אויפן שייד־וועג. די פאַרשוויצטע פערד האָבן געפאַרעט. פון הינטן איז געלעגן דער גלאַנציקער שפור פון די שליטן־גייערס איבערן וועג. גריגאָרי האָט איבערגעלאָזט דעם שליטן אין קרייז, אונטערגעבונדן די ווידלען ביי די פערד און זיך אַוועקגעלאָזט רייטנדיק, מיטפירנדיק דאָס צווייטע פערד ביי די לייצן. אין זונטיק פון דער פאַסכע־וואָך אינדערפרי איז ער אָנגע־קומען קיין יאַגאָדנאָיע.

דער אַלטער פריץ האָט אויסגעהערט דעם אויספירלעכן באַ־ריכט פון וועג און געגאַנגען אַ קוק טון אויף די פערד. סאַשקאַ האָט זיי דורכגעפירט איבערן הויף, וואַרפנדיק ברוגזדיקע בליקן אויף זייערע טיף־איינגעפאַלענע זייטן.

— ווי זען אויס די פערד? — האָט דער פריץ געפרעגט, צוקומענדיק.

— ס׳איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, — האָט סאַשקאַ אַ בורטשע געטון, זיך נישט אָפּשטעלנדיק און אַ טרייסל טוענדיק מיט זיין גרינגלעך־גרויער קיילעכיקער באָרד.

— נישט איבערגעיאָגט?

— ניין. דער קאַשטענעוואַטער האָט אַן אָפּגעריבענע ברוסט פון כאָמוט. נאַרישקייטן.

— גיי, רו דיך אָפּ. — דער פריץ האָט אַ וויַיז געטון מיט דער האַנט אין דער זייט אַריין, וואו גריגאָרי האָט געוואַרט.

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען אין הויז פון דער דינערשאַפט, אָבער גערוט האָט ער בלויז איין נאַכט. צומאָרגנס אינדערפרי איז וועניאַמין אַריינגעקומען אין אַ ניי בלוי־סאַטין העמד מיט זיין שטענדיקן פעטן שמייכל אויפן פנים.

— גריגאָרי, צום פריץ. שוין!

דער גענעראַל האָט אַרומגעשליאַפּעט איבערן זאַל אין וואוי־לאָקענע שטעק־שיך. גריגאָרי האָט איינמאָל אַ הוסט געטון ביי דער טיר פון זאַל, טוישנדיק די פיס, און ביים צווייטן הוסט האָט שוין דער פריץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס איז?

— וועניאַמין האָט מיך גערופן.

— אַך, יאָ. גיי זאָטל אָן דעם זשרעבאָק מיט קרעפּישן. זאָג לוקעריען, זי זאָל נישט געבן קיין עסן די הינט. אויף יאַגד!

גריגאָרי האָט זיך אויסגעדרייט צו גיין. דער פריץ האָט אים צוריקגערופן.

— הערסט? דו פאָרסט מיט מיר.

אַקסיניאַ האָט אַריינגערוקט אין דער קעשענע פון גריגאָריעס פעלצל אַ פראַשנע קיכל, צישענדיק:

— אָפּעסן לאָזט ער נישט, דער רשע!... די נישט גוטע פירן אים אַרום. דו וואָלסט דיר, גרישאַ, כאָטש דעם האַלז אַרומ־געבונדן.

גריגאָרי האָט צוגעפירט די געזאָטלטע פערד צו דער פאַלי־סאַדע, מיט אַ פייף צונויפגערופן די הינט. דער פריץ איז אַרויס־געקומען אין אַ קורטקע פון בלויען געוואַנט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ זילבער־באַשלאָגענעם רעמעט. אויף זיין רוקן איז געהאָנגען אַ ניקלנע, מיט קאָרק־איבערגעצויגענע פלאַש; פון זיין האַנט איז אַראָפּגעהאָנגען אַ געפלאָכטענער ראַפּניק, זיך נאָכשלעפנדיק פון הינטן, ווי אַ שלאַנג.

גריגאָרי האָט געהאַלטן די לייצן און זיך צוגעקוקט צום

אַלטן. ער האָט באַוואונדערט די לייכטקייט, מיט וועלכער דער פּריץ האָט אין זאָטל אַריינגעוואָרפן זיין קנאָכיקן אַלטן קערפּער.

— רייט מיר נאָך, — האָט דער גענעראַל קורץ באַפוילן, לייכט צענעמענדיק די לייצן מיט דער האַנט אין דער הענטשקע.

דער פיר־יעריקער זשרעבאָק האָט זיך צעשפּילט אונטער גריגאָריען און גענומען גיין זייטיק, טראָגנדיק דעם קאָפּ, ווי אַ האָן. ער איז געווען נישט געקאָוועט אויף די הינטערשטע פיס, און אָנטרעפנדיק אויף פאַרפרוירענע קאַלוזשעס, זיך געגליטשט, געזעצט און מיט אימפּעט ווייטער אַ טראָג־געטון. דער אַלטער פּריץ האָט זיך געוויגט אויף קרעפּיש ברייטן רוקן, אַ געהאָרבע־טער, אָבער זיכערער אין זיין פּאָזע.

— וואוהין רייטן מיר? — האָט גריגאָרי געפרעגט, זיך אויס־גלייכנדיק מיטן גענעראַלס פערד.

— צום אָלשאַנער טאָל, — האָט דער פּריץ מיט אַ געדיכטן באַס זיך אָנגערופן.

די פערד זענען געגאַנגען גלייכמעסיק. דער זשרעבאָק האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, אויסבייגנדיק דעם קורצן האַלז, ווי אַ שוואַן, געשיקלט מיטן בולטן אויג אויפן רייטער, פליסנדיק זיך אים אַ ביס צו טון אין דער קני אַריין. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן בערגל, און דער פּריץ האָט אַ לאָז געטון קרעפּישן אין קרעפּטיקן גאַלאָפּ. די הינט, אויסגעצויגן אין אַ קורצער קייט, זענען פון הינטן נאָכגעלאָפן גריגאָריען. די שוואַרצע אַלטע צויג איז גע־לאָפן, באַרירנדיק מיטן געהאָרבעטן פיסק דעם שפּיץ פון פערדס וויידל. דער זשרעבאָק האָט, אַ געררייצטער, אַלעמאָל זיך אַ זעץ גע־טון, געוואָלט מיטן הינטן דערלאַנגען דער זלידנער צויג, נאָר ער האָט יעדעס מאָל זיך פאַרהאַלטן און מיטן מעלאַנכאָלישן זקנישן בליק זיך צונויפגעטראָפן מיטן בליק פון גריגאָריען, וואָס האָט זיך כסדר אומגעקוקט.

צום אָלשאַנער טאָל זענען זיי צוגעריטן אין משך פון אַ

האַלבער שעה. דער פריץ איז געריטן אויפן בערגל, וואָס איז גע־קרייזלט געוועזן פון ברוינעם גראָז־אַנוואוקס. גריגאָרי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן, שאַרף זיך איינקוקנדיק אין אָפּגעשווענקטן, פון לעכער־צעקרימטן באָדן פון טאָל און פון צייט־צו־צייט זיך אומגע־קוקט אויפן פריץ. דורך דער שטאָלענער גרויקייט פון די נאַקעטע, שיטערע אָלכע־ביימלעך האָט זיך געזען דעם אַלטנס דייטלע־כע, ווי געצייכנטע פיגור. אָנגעבויגן צום זאָטל־האָרן, איז ער געשטאַנען אויף די רייט־אייזנס, און אויף זיין רוקן האָט זיך בלוי געקנייטשט די קורטקע, אַרומגענומען מיטן קאָזאַקישן פּאַסעק. די הינט, וואָס זענען געגאַנגען איבער דער בערגיקער שיפּוע, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַריבערדרייטנדיק אַ שיפּן גרוב, האָט גריגאָרי זיך אַראָפּגעבויגן פון זאָטל.

„מען וואָלט געדאַרפט פאַררייכערן. כ'וועל באַלד נאָכלאָזן די לייצן און אַרויסנעמען דעם טיטון־בייטל", — האָט ער אַ קלער געטון, אויסטועענדיק די הענטשקע און שאָרכענדיק מיטן ציגאַר־פּאַפּיר אין קעשענע.

— יאָג !... — האָט פון פאַרוואַקסטענעם בערגל אַ הילך געטון אַ געשריי, ווי אַ ביקסן־שאָס.

גריגאָרי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ ; דער פריץ איז אַרויפגע־שפּרונגען אויף אַ שאַרף־געהאָרבעט בערגל און, הויך אויפהייבנדיק דעם ראַפּניק, אַ לאָז געטון קרעפּישן אין גאַלאָפּ.

— יאָג !...

דורכשניידנדיק דעם זומפּיקן, מיט גראָזן־און ראָר־פאַרוואַק־סענעם טאָל, זיך גליטשנדיק און צופאַלנדיק צו דער ערד, איז שנעל געלאָפן אַ ברודיק־גרויער, אין די פאַכוועס צויטיקער, נאָך נישט אויסגעקראָכער וואָלף. ער איז אַריבערגעשפּרונגען אַ קאַלו־זשע, שטיין געבליבן, זיך שנעל זייטיק אויסגעדרייט און דערזען די הינט. זיי האָבן זיך געטראָגן אויף אים אין אַ מחנה, אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע, און אים אָפּגעשניטן פון וואַלד, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן ביים סוף פון טאָל.

דער וואָלף האָט זיך אַ וויג געטון, ווי אַ פּרוזשינע, אַרויס־געשפּרונגען אויף אַ בערגל — אַן אַמאָליקע נאָרע פון אַ חיהלע — און זיך אַוועקגעלאָזט צום וואַלד. כמעט קעגן אים האָט שווער זיך באַוועגט די אַלטע צויג, פון הינטן האָט נאָכגעאיילט דער גרויער הויכער קאָבעל יאַסטרעב — איינער פון די בעסטע און דער פּאַר־ביסנסטער אין געיעג.

דער וואָלף האָט אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן, ווי נישט קאָנענדיק זיך אַנטשליסן. גריגאָרי איז אַרויסגעריטן פון טאָל, קיילעכיק באַ־וועגנדיק מיט די לייצן, און אים אויף אַ רגע פאַרלוירן פון אויג. אָבער ווען ער איז אַרויפגעקומען אויפן בערגל, — האָט דער וואָלף זיך שוין געמיניעט ווייט־ווייט ; איבערן שוואַרצן שטח פון סטעפּ, זיך צונויפגיסנדיק מיט דער ערד, זענען צווישן די גראָזן געשוואו־מען די שוואַרצע הינט, און ווייטער אַ ביסל, אין דער זייט, האָט דער אַלטער פריץ קיילעכיק אויסגעמיטן דעם משופּעדיקן יאַר, שמייסנדיק קרעפּישן מיטן הענטל פון ראַפּניק. דער וואָלף האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אין שכנישן טאָל אַריין. די הינט זענען צוגעקומען אַלץ נענטער, אים אַרומגערינגלט, און כמעט ביי די צויטן פון וואָלפס פאַכוועס איז געהאָנגען דער גרויער קאָבעל יאַסטרעב, וואָס האָט פונווייטנס אויסגעזען גריגאָריען, ווי אַ ווייס שטיקל טוך.

— יאָ־אָ־אָ־אָ־ג !... — האָט אַן אויסגעשריי זיך דערטראָגן צו גריגאָריען.

ער האָט אַ לאָז געטון דעם זשרעבאָק מיטן גאַנצן אימפּעט, אומזיסט זיך באַמיִענדיק צו זען, וואָס עס טוט זיך פאָרויס. זיינע אויגן זענען פאַרגאָסן געוועזן מיט טרערן און אין די אויערן האָט שאַרף געפייפט דער שניידנדיקער ווינט. גריגאָרי איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער יאַגד. צופאַלנדיק צום האַלז פון זשרעבאָק, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער ריח פון שווייס, איז ער אינגאַנצן פאַרזונקען אין שטורמישן געלויף. ביז ער איז צוגעקומען

צום טאָל, זענען שוין נישט געווען — נישט דער וואָלף, נישט די הינט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אים דעריאָגט דער פּריץ. פֿאַרהאַלטנדיק קרעפּישן אין גאַלאָפּ, האָט ער אויסגעשריגן:

— וואוהין איז ער אַוועק?!

— מסתמא אין טאָל אַרײַן.

— רײַט אַרום פֿון דער לינקער זײַט!... שנעלער!...

דער פּריץ האָט אַרײַנגעדריקט די אָפּצאַסן דעם פֿערד אין די זײַטן, עס האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פֿיס און אַוועקגאַלאָפּירט רעכטס. גריגאָרי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַרײַן. ער האָט פֿאַרצויגן די לייצן, אַ פֿײַף געטון און אַרויס אויף דער צווייטער זײַט. ער האָט געטריבן דעם צעהיצטן זשרעבאָק אַן אַנדערהאַלבן וויאָרסט מיט געשרייען און מיט דער בײַטש. די זומפּיקע, נישט־אויסגעטרוקנטע ערד האָט זיך געקלעבט צו די קאָפּיטעס, באַוואָרפֿן דאָס פּנים מיט בלאָטע. דער לאַנגער טאָל, וואָס האָט קרימלעך זיך געשניטן לענגאויס דעם באַרג, האָט זיך אָנגעדרייט רעכטס און זיך צעצווייגט אין דריי ריכטונגען. גריגאָרי האָט דורכגעשניטן דעם מיטלסטן טאָל און זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שיפּוע, דערזעענדיק אין דער ווײַטנס די שוואַרצע קייט פֿון די הינט, וואָס האָבן געיאָגט דעם וואָלף איבערן סטעפּ. זיי האָבן אים, אפֿנים, אַוועקגעטריבן פֿון מיטן טאָל, וואָס איז באַזונדערס געדיכט פֿאַרוואַקסן געווען מיט דעמבע־און אָלכע־ביימלעך. דאָרט, וואו דער מיטן האָט זיך צעטײלט אויף דריי אָפּצווייגונגען און דער טאָל האָט משופּעדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער פֿאָרם פֿון דריי טונקל־גרויע אַרבל, איז דער וואָלף אַרויסגעקומען אויף פֿרייען פּלאַץ און, געווינענדיק אַ הונדערט קלאַפּטער, שנעל אַוועק באַרגאַראָפּ אין טרוקענעם ראָוו אַרײַן, וואָס איז געדיכט פֿאַרוואַקסן געווען מיט ווילדע, צוויטיקע גראָזן און קראָפּיווע.

גריגאָרי האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די רײַט־אײַזנס און אים נאָכגעקוקט, זיך אויסווישנדיק מיטן אַרבל די טרערן, וואָס

האָבן אים פאַרגאָסן די פון ווינט אָפּגעשמיסענע וויִעס. ער האָט צופעליק אַ קוק געטון רעכטס און דערקענט זיין פעלד. אין אַ פעטן קרומען קוואַדראַט איז געלעגן זיין חלק ערד, וואָס ער האָט האַרבסט־צייט פאַראַקערט מיט נאַטאַליען. גריגאָרי האָט בכיוון פאַר־קירעוועט דעם זשרעבאַק אויף דעמדאָזיקן פעלד אַרויף און אין משך פון די עטלעכע מינוט, וואָס דער זשרעבאַק האָט, שטרויכלענדיק און וויגנדיק זיך, דורכגעשניטן דאָס פאַראַקערטע שטיק ערד, איז די גאַנצע ליידנשאַפט פון דער יאַגד אין גריגאָריעס האַרץ אָפּגע־קילט און פאַרלאָשן געוואָרן. ער האָט שוין גלייכגילטיק אונטערגע־טריבן דעם זשרעבאַק, וואָס האָט שווער געסאַפּעט, און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן באַלעבאָס — צי ער קוקט זיך נישט אום, — אי־בערגעגאַנגען אין לייכטן גאַלאָפּ.

פונוויטנס ביים רויטן יאַר האָט זיך געזען אַ ליידיקער פוי־ערישער וואָגן. אין דער זייט, איבער פריש־צעאַקערטער ערד, וואָס האָט געשימערט ווי סאַמעט, האָבן זיך באַוועגט דריי פּאָר אָקסן, שלעפנדיק אַן אַקער.

„אונזערע כוטאָר־לייט. וועמעס ערד איז דאָס ?... אויב נישט אַניקושקעס ?‟ גריגאָרי האָט זיך צוגעקוקט מיט פאַרזשמורע־טע אויגן, צו דערקענען די אָקסן און דעם מענטש, וואָס איז נאָכ־געגאַנגען דעם אַקער.

— נע־ע־ע־ם אים !...

גריגאָרי האָט געזען, ווי צוויי קאָזאַקן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער אַקער און אַקעגנגעלאָפן דעם וואָלף, וואָס האָט זיך באַמיט־דורכצורייסן אין טאָל אַריין. איינער — אַ הויכער, אין אַ קאָזאַקיש היטל מיט אַ רויטן לאַמפּאַס, דאָס רעמעטל אַראָפּגעלאָזט אונטער דער גאָמבע, האָט געפאָכעט מיטן סוואָרזשן, וואָס ער האָט אַרויס־געריסן פון דער יאַרמע. און דאָ האָט דער וואָלף אומגעריכט זיך אַ זעץ געטון, אַראָפּלאָזנדיק דעם הינטן אין דער טיפער מעזשע אַריין. דער גרויער קאָבעל יאַסטרעב איז פון אימפּעט אים פאַר־ביי־געפלויגן און געפאַלן אויף די פעדערשטע פיס. די אַלטע צויג,

וואָס האָט זיך באַמיט צו פֿאַרהאַלטן, האָט איבערגעלאָזט סימנים פֿון הינטן אויף דער צעאַקערטער ערד; נישט אָפּשטעלנדיק זיך, איז זי אַרויף אויפֿן וואָלף. דער וואָלף האָט שאַרף אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, און די צויג איז ווי אַ פֿלאַץ אַוועקגעשליידערט געוואָרן אין דער זייט אַריין. דער שוואַרצער גרויסער קנויל פֿון די הינט, וואָס האָט באַדעקט דעם וואָלף, איז וויגנדיק זיך אָפּגעשוואומען עטלעכע קלאַפּטער איבער דער צעאַקערטער ערד און זיך אַ קייקל געטון ווי אַ באַלעם. גריגאָרי איז צוגעקומען אַ האַלבע מינוט פֿאַרן פריץ. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זאָטל, אַ פֿאַל געטון אויף די קני, פֿאַרהייבנדיק הינטערן רוקן די האַנט מיטן יעגער-מעסער.

— אָט איז ער!... דער אונטערשטער!... אין גאָרגל אַריין!... — האָט מיט אַ באַקאַנט פֿאַרשטיקט קול אויסגעשריגן דער צוגעלאָפֿענער קאָזאַק מיטן סוואָרזשן. ער איז סאַפּענדיק אַ פֿאַל געטון צוזאַמען מיט גריגאָריען און אָפּציִענדיק אפשר אויף אַ האַלבן קלאַפּטער די פעל אויפֿן האַלז פֿון קאָבעל, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין וואָלפס בויך, האָט ער מיט דער האַנט צונויפֿגעדריקט דעם וואָלפס פֿעדערשטע פיס. אונטער די אויפֿגעשטעלטע האַרטע האָר פֿון דער פעל, וואָס האָט זיך באַוועגט אונטער דער האַנט, האָט גריגאָרי אָנגעטאַפּט דאָס רערל פֿון גאָרגל און קורץ אַ פידל געטון מיטן מעסער.

— די הינט!... די הי-י-י-נט!... יאָג!... — האָט פֿאַראַלי-ליטיש געכריפּעט דער בלוי-געוואָרענער פריץ, זיך אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זאָטל אויף דער ווייך-צעאַקערטער ערד.

גריגאָרי האָט מיט שווערקייט אָפּגעטריבן די הינט און זיך אומגעקוקט אויפֿן באַלעבאָס.

אין דער זייט לעבן אים איז געשטאַנען סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו אין היטל מיטן אַראָפּגעלאָזטן לאַקירטן רעמעט איבער דער גאָמבע. ער האָט געדרייט מיטן אייזערנעם סוואָרזשן אין

דער האַנט און געציטערט מיט דער גרוי־געוואָרענער אונטערשטער ליפּ און די ברעמען.

— פונוואַנען ביסטו, בחורעץ? — האָט דער פריץ זיך געווענדט צו סטיעפּאַנען. — פון וועלכן כוטאָר?

— פון טאָטערישן, — האָט סטיעפּאַן זיך אָנגערופן נאָך אַ ווײַלע שווייגן און געמאַכט אַ טריט אין גריגאָריעס זײַט אַרײַן.

— וועמענס?

— אַסטאַכאָוו.

— אָט וואָס, ליבינקער! ווען פאָרסטו אַהיים?

— הײַנט פאַרנאַכט.

— ברענג־זשע אונז דאָסדאָזיקע שטיקל פּעטס. — דער פריץ האָט אָנגעוויזן מיטן פוס אויפן וואָלף, וואָס האָט אין גסיסה שוין זעלטן אַ קריץ געטון מיט די ציין, הויך אויפהייבנדיק דעם הינטערשטן אויסגעשטרעקטן פוס מיטן טונקל־גרויען, אַראָפּהענגענדיקן האָריקן צויט אונטערן קני־בײַנדל.

— איך וועל באַצאָלן, וויפיל ס׳וועט קאָסטן, — האָט דער פריץ צוגעזאָגט, און אָפּווישנדיק זיך מיט דעם שאַל דעם שווייס פון רויטן פּנים, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַ זײַט אַרײַן, זיך אָנגעדרייט און אַראָפּגענומען דעם שמאָלן רעמעט מיט דער פלאַש פון דער פּלייצע.

גריגאָרי איז צוגעגאַנגען צום זשרעבאַק, אַרײַנגעשטעקט דעם פוס אין רייט־אײַזן און זיך אומגעקוקט: באַהערשט פון אַן אומבאַזיגבאַר פיבערן, האָט סטיעפּאַן זיך דערנענטערט צו אים, דרייענדיק מיטן קאָפּ און צודריקנדיק די שווערע גרויסע הענט צו דער ברוסט.

XVIII

אין דער נאַכט פון גרויסן פרייטיק זענען די ווייבער זיך צונויפגעקומען צו פּעלאַגעיען, דער שכנה פון די קאָרשונאָווס. גאַווורילאַ מײַדאַניקאָוו — פּעלאַגעיעס מאַן — האָט געשריבן פון לאָדזש, אַז ער קומט אין אורלויב אויף פּאַסכע. פּעלאַגעיאַ האָט אויסגעווייסט און צוגערוימט די כאַטע נאָך מאָנטיק, און פון דאָנערשטיק אָן אָנגעהויבן וואַרטן. זי איז אַרויסגעגאַנגען פאַרן טויער, לאַנג געשטאַנען ביים פּאַרקן, אַ דאַרע, מיטן בלויזן קאָפּ, דאָס פּנים באַדעקט מיט געלע פלעקן, די האַנט אויפגעהויבן איבער די אויגן, זיך איינקוקנדיק — צי פאָרט ער נישט אַמאָל? זי איז געווען שוין אין די הויכע חדשים, אָבער געהאַט רעכט דערויף: פאַרגאַנגענעם זומער איז גאַווורילאַ געקומען פון פּולק, געברענגט פּוילישן סיץ דעם ווייב, געווען צוגאַסט נישט לאַנג, פיר נעכט זיך דורכגעשלאָפן מיטן ווייב, אויפן פינפטן מעת־לעת זיך אָנגעשיכורט, געזידלט אויף פּויליש און דייטש און וויינענדיק געזונגען דאָס אַלטע קאָזאַקישע ליד וועגן פּוילן, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן נאָך אין יאָר 1831. מיט אים צוזאַמען זענען געזעסן ביים טיש זיינע פריינט און ברידער, וואָס זענען געקומען באַגלייטן דעם מיליטערמאַן, האָבן געכלאָיעט בראָנפן ביז מיטאָג און געזונגען:

מע האָט געזאָגט — פּוילן איז אַ רייכע מדינה,
צום סוף איז זי אַן אביונטע, אַ גרויסע.
אין דעם פּוילן שטייט אַ קרעטשמע,
אָ קרעטשמע אַ פּוילישע, אַ קעניגלעכע.

אין דער קרעטשמע דריי כוואַטן טרינקען:
אַ פּרייס, און פּאָליאַק, און אַ דאָנער קאָזאַק.
דער פּרייס טרינקט בראָנפן — צאָלט ער מיט טאַלערס,
דער פּאָליאַק טרינקט בראָנפן – צאָלט ער מיט טשערוואָנצעס.

דער קאָזאַק טרינקט בראָנפן — צאָלט ער גאָרנישט;
דרייט זיך איבער דער קרעטשמע, קלינגט מיט די שפּאָרן,
קלינגט מיט די שפּאָרן, ווינקט צו דער קרעטשמערין:
קרעטשמערין, האַרצינקע, קום, לאָמיר פאָרן!

קום, לאָמיר פאָרן צום דאָן, צו דעם שטילן.
ביי אונז אויפן דאָן לעבט מען אַנדערש, גאָר אַנדערש:
מען שפּינט נישט, מען וועבט נישט, מען זייעט נישט, מען שניידט נישט,
מען זייעט נישט, מען שניידט נישט, דאָך לעבט מען גאָר פריילעך.

נאָך מיטאָג האָט גאַווריליאַ זיך געזעגנט מיט דער משפחה און אַוועקגעפאָרן. פון דעמאָלט אָן האָט עס פּעלאַגעיאַ אָנגעהויבן כּסדר זיך צו קוקן אויפן העמד איבערן בויך.

פאַר נאַטאַליאַ קאָרשונאָוו האָט זי אַזוי אויפגעקלערט די סיבה פון איר שוואַנגערן:

— איידער גאַווריושאַ איז געקומען, האָב איך, ליבינקע, גע-האַט אַ חלום. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, איך גיי איבער דער פּאַשע, און פאַר מיר אונזער אַלטע קו, די, וואָס מיר האָבן היי-יאָר פאַרקויפט אויפן יום-טוב פון דערלייזער: זי גייט, און פון אירע ציצקעס טריפט די מילך איבערן וועג... „גאָט מיינער, טראַכט איך, ווי אַזוי האָב איך זי דאָס אויסגעמאָלקן?״ נאָכדעם קומט צו מיר די אַלטע דראָזדיכע נאָך האָפן, דערצייל איך איר דעם חלום, און זי זאָגט מיר: „טראָג אַוועק, זאָגט זי, אַ שטיקל וואַקס אין שטאַל אַריין פון די בהמות, ברעך אָפּ פון אַ ליכט, מאַך אַ קניילעכל, טראָג אַוועק און גראָב עס איין אין דער פרישער קו-צואה, וואָרים אַז נישט, לויערט אַן אומגליק הינ-טער דיין פענסטער״. לויף איך אַזוי טון, אָבער איך האָב קיין ליכט נישט, ס'איז געווען איינס — האָבן עס די קינדער פאַר-שלעפּט, די אַסטלעך, מסתמא, פון די לעכער אַרויסצונאַרן. און דאָ איז געקומען גאַווריושאַ און — אָט נאַט אייך דאָס אומגליק. פריער גאַנצע דריי יאָר מיט גאָרנישט, און אַצינד — נאַט אייך... —

האָט פעלאַגעיאַ זיך געקלאָגט, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף איר אויפגעקוואָלענעם בויך.

וואַרטנדיק אויפן מאַן, האָט פעלאַגעיאַ זיך געפּיניקט, גע־לאַנגווײַלט אָן מענטשן, דעריבער צונויפגערופן די שכנטעס, די צײַט צו פאַרטרײַבן.

נאַטאַליאַ איז געקומען מיט אַ נישט פאַרענדיקטן זאָק, וואָס זי האָט געהאַלטן אין שטריקן. (ס'האָט זיך דערנענטערט דער פרי־לינג — דער זײַדע גרישאַקאַ האָט נאָך מער געפרירט), זי איז גע־ווען מונטער; מער ווי מען דאַרף געלאַכט פון די פרעמדע וויצן, פשוט נישט געוואָלט די ווײַבער זאָלן זען, ווי זי בענקט נאָכן מאַן. פעלאַגעיאַ, זיצנדיק אויפן אויוון מיט אַראָפּגעהאָנגענע באָרוועסע פיס, באַדעקטע מיט פיאָלעטע אָדערלעך, האָט חוזק געמאַכט פון דער יונגער היציקער פּראָסקען.

— ווי אַזוי־זשע, פּראָסקאַ, האָסטו דײַן מאַן אָנגעהרגעט?

— דו ווייסט נישט ווי אַזוי? איבערן רוקן, איבערן קאָפּ, איבער וואָס ס'האָט זיך געלאָזט.

— נישט דאָס פרעג איך: ווי אַזוי איז געקומען דערצו?

— ס'איז שוין געקומען, — האָט יענע אומגערן געענטפערט.

— דו וואָלסט דײַנעם געכאַפּט מיט אַ פרעמדער, וואָלסטו פאַרשווויגן? — האָט געפרעגט אַ לאַנגע, דאַרע באַבע — מאַטוויעי קאַשולינס שנור — פּאַמעלעך אויסציִענדיק די ווערטער.

— דערצייל, פּראָסיניאַ.

— נישט כּדאַי!... וועגן וואָס זיי האָבן דאָ געפונען צו רעדן...

— קרים דיך נישט, דאָ זענען בלויז אייגענע.

פּראָסיאַ האָט אויסגעשפּיגן די שאָל פון אַ סעמעטשקע אויף דער האַנט און אַ שמייכל געטון:

— איך האָב שוין לאַנג עפּעס באַמערקט, און דאָ דערציילט מען מיר: דײַנער פוצט זיך דאָרט אין מיל צו אַ זעלנערקע פון

יענער זייט דאָן... לויף איך גלייך אַהין, און טרעף זיי לעבן דער ווייץ-מאַשין...

— וואָס-זשע, נאַטאַליאַ, וועגן דיין מאַן הערט מען גאָר-נישט? — האָט קאַלושינס שנור איבערגעשלאָגן, ווענדנדיק זיך צו נאַטאַליען.

— ער איז אין יאַגאָדנאָיע... — האָט יענע שטיל געענט-פערט.

— דו קלערסט נאָך צו וואוינען מיט אים?

— זי וואָלט אפשר געקלערט, אָבער יענער וויל אפילו נישט הערן פון איר, — האָט די באַלעבאָסטע זיך אַריינגעמישט.

נאַטאַליע האָט דערפילט, ווי דאָס הייסע בלוט האָט איר דאָס פנים ביז טרערן פאַרגאָסן. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבערן זאַק, אַ קוק געטון פון אונטערן שטערן אָפּער אויף די ווייבער און זעענדיק, אַז אַלע קוקן אויף איר, פאַרשטייענדיק, אַז זי וועט איר רויטקייט פון בושה נישט באַהאַלטן פאַר זיי, האָט זי בכיוון, אָבער אומגעשיקט, אַזוי, אַז אַלע האָבן דאָס באַמערקט, אַראָפּגעלאָזט דעם קנויל פאָדעם פון די קני און זיך אָנגעבויגן, שאַרנדיק מיט די פינגער איבערן קאַלטן דיל.

— שפּיי אויף אים, ווייבעלע. אַבי דו האָסט אַ האַלז, וועט דיר קיין יאַרמע נישט פעלן — האָט איינע מיט אָפענער באַ-דויערונג איר געראַטן.

נאַטאַליעס געמאַכטע הייטערקייט איז פאַרלאָשן געוואָרן, ווי אַ פונק אויפן ווינט. די ווייבער האָבן זיך אין זייער שמועס איבערגעוואָרפן אויף די לעצטע רכילות און באַרעדענישן. נאַטאַליאַ האָט שווייגנדיק געשטריקט. זי איז קוים צוגעזעסן ביזן סוף און אַוועקגעגאַנגען, מיטנעמענדיק אין איר האַרץ אַ נישט פאַרמירטן באַשלוס. די שאַנד פון איר אומבאַשטימטער לאַגע (זי האָט אַלץ נישט געגלייבט, אַז גריגאָרי איז אויף תמיד אַוועקגעגאַנגען, אים מוחל געווען און געוואַרט אויף אים) האָט זי אַ שטויס געטון צו פאַרגנדיקן שריט: זי האָט באַשלאָסן בסוד פון די היימישע צו שיקן קיין יאַגאָדנאָיע צו גריגאָריען געוואויר ווערן, צי ער איז אויף

ש[illegible]נדיק אַוועקגע[illegible]אַנ[illegible]ט און צי ער האָט זיך נאָך נישט מיישב געווען. זי איז צוריקגעקומען פון פעלאַגעיען שפּעט. אין שטוב איז געזעסן דער זיידע גרישאַקאַ און געלייענט זיין אַלטע, מיט וואַקס־פּאַרטריפטע, אין לעדער־געבונדענע עוואַנגעליע. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אין קיך פאַרראָכטן די נעץ, אויסגעהערט מיכעיס אַ מעשה וועגן עפּעס אַן אַמאָליקן מאָרד. נאַטאַליעס מוטער איז נאָכן לייגן די קינדער געשלאָפן אויפן אויוון, מיט די שוואַרצע סטאָפּעס אָנגעשטעלט צו דער טיר. נאַטאַליאַ האָט זיך אויסגעטון, אָן אַ ציל זיך דורכגעגאַנגען איבער די שטיבן. אין דער גרויסער שטוב, אָפּגעצוימט דורך אַ ברעט, אין ווינקל, — איז געלעגן אַ קופּע קאָנאָפּיעס, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף זריעה, און ס׳האָט זיך געהערט אַ פּישטשעריי פון מייז.

זי האָט אַ ווײַלע זיך פאַרהאַלטן אין זיידנס שטיבל. געשטאַנען אין ווינקל, טעמפּ קוקנדיק אויף די צערקווע־ביכער, וואָס זענען געלעגן אונטער די הייליקע בילדער.

— זיידעשי, דו האָסט פּאַפּיר?

— וואָסער פּאַפּיר? — דער זיידע האָט צונויפגענומען אַ געדיכט בינטל קנייטשן איבער די ברילן.

— אויף וועלכן מען שרייבט.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט אַ זוך געטון אין פּסאַלמען־ביכל און אַרויסגענומען אַ צעקנייטשטן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז דורכגעזאַפּט געווען מיטן פאַרדומפּענעם ריח פון וואַקס און ווייראַך.

— און אַ שרייב־פּענדל?

— דעם טאַטן בעט. גיי, ליבינקע, שטער נישט.

אַ שטיקל שרייבפּענדל האָט נאַטאַליאַ געקריגן ביים פאָטער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, פּיינלעך איבערקלערנדיק דאָס לאַנג שוין דורכגעטראַכטע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טעמפּע נאָגנדיקע ווייטיק אין איר האַרץ.

אינדערפרי האָט זי צוגעזאָגט געטקען בראָנפן און אים אַוועקגעשיקט מיט פאָלגנדיקן בריוו קיין יאַגאָדנאָיע:

גריגאָרי פּאַנטעלעוויטש!

שרייב מיר, ווי אַזוי איך האָב צו לעבן, און די מיין לעבן איז שוין אויף אייביק פאַרלוירן, צי נישט? דו ביסט אוועקגעגאַנגען פון דער היים און מיר נישט געזאָגט קיין איין וואָרט. איך האָב דיך מיט גאָרנישט באַליידיקט און געוואַרט, אַז דו וועסט מיר אויפבינדן די הענט און זאָגן, אַז דו ביסט אַוועקגעגאַנגען אויף תמיד. אָבער דו האָסט פאַרלאָזט דעם כוטאָר און שווייגסט ווי אַ געשטאָרבענער.

איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַוועקגעגאַנגען אין אַן אויפגערעגטער מינוט, און געוואַרט, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן, אָבער איך וויל אייך נישט צעשיידן. לאָמיך אַליין בעסער זיין לעבעדיק באַגראָבן, איידער איר ביידע. האָב דאָס לעצטע מאָל אויף מיר רחמנות און שרייב. איך וועל וויסן — וועל איך טראַכטן וועגן איינס, אין אַזוי שטיי איך ווי אַ פאַרלוירענע אין מיטן וועג.

דו, גרישאַ, זיי נישט בייז אויף מיר, ווי גאָט איז דיר ליב.

נאַטאַליאַ.

אַן אָנגעכמורעטער, אין פאָרגעפיל פון נאָענטן שיכּורן, האָט געטקאָ אַוועקגעפירט דאָס פערד צום שייער, אָנגעטון די צוים, מיראָן גריגאָריעוויטש זאָל נישט זען און אַוועקגעריטן אומגעזאָטלט. ער איז געזעסן אויפן פערד אין אַן אומגעשיקטער פּויזע, גאָרנישט קאָזאַקישמעסיק, רייטנדיק געטרייסלט מיט די צעריסענע אַרבל אויף די עלענבויגנס און באַגלייט דורך די צודרינגלעכע אויסגעשרייען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין געסל, זיך באַמיט וואָס שנעלער אַוועקצורייטן.

— כאָכאָל!... כאָכאָל!...

— אויסגעשמירטער כאָכאָל.

— וועסט אַראָפּפאַלן!...

— אַ הונט אויף אַ פּאַרקן!... — האָבן איש די קינדער נאָכגעשריגן.

מיטן ענטפער האָט ער זיך אומגעקערט פאַרנאַכט. ער האָט

געברענגט אַ בלוי שטיקל פּאַק־פּאַפּיר; ווען ער האָט עס אַרויסגע־נומען פון בוזעם, האָט ער אונטערגעוואונקען צו נאַטאַליען.

— דער וועג איז אַ שרעקלעכער, דאַניושקאַ! עס טרייסלט אַזוי, אַז עס האָט געטקאָן די גאַנצע לעבער אָפּגעהאַקט!

נאַטאַליאַ האָט איבערגעלייענט און גרוי געוואָרן. אַ טעמפּע שאַרף איז פיר מאָל אַריינגעדרונגען אין איר האַרץ, צערייסנדיק דאָרט עפּעס אַ געוועב. אין פּאַפּירל האָבן זיך געפונען פיר צע־פלאָסענע ווערטער: „לעב אַליין. מעליעכאָוו גריגאָרי".

ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף אירע כּוחות, איז זי אַריינגעגאַנגען אין שטוב און זיך געלייגט אויפן בעט. לוקיניטשנאַ האָט אויף ביינאַכט אויסגעהייצט דעם אויוון, כּדי באַצייטנס פאַר־טיק צו ווערן מיטן געבעקס אויף יום־טוב.

— נאַטאַשאַ, קום, וועסטו מיר צוהעלפן! — האָט זי גערופן די טאָכטער.

— דער קאָפּ טוט מיר ווי, מאַמע. איך וועל אַ ביסל ליגן.

די צעשויבערטע לוקיניטשנאַ האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר.

— דו וואָלסט געגומען עפּעס זויערס. אַ? וואָלסט באַלד צו דיר געקומען.

נאַטאַליאַ האָט מיט דער טרוקענער צונג באַרירט אירע קאַל־טע ליפּן און פאַרשוויגן. זי איז געלעגן ביז נאַכט, איבערגעדעקט מיט אַ וואָלן טוך. אַ לייכט שוידערן האָט געטרייסלט איר צונויפ־געטוליעטן קערפּער. מיראָן גריגאָריעוויטש מיטן זיידן גרישאַקאַ האָבן זיך שוין געקליבן צו גיין אין צערקווע אַריין, ווען זי איז אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין קיך. אירע שלייפן אונטער די גלאַט־פאַרקעמטע שוואַרצע האָר האָבן שווייסיק געגלאַנצט, די אויגן זענען פאַרהילט געווען אין אַ נישט געזונטן בוימלדיקן נעפּל.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פאַרקנעפּלט די לאַנגע רייע קנעפּ אויף זיינע ברייטע שאַראָוואַרן און קרימלעך אַ קוק געטון אויף דער טאָכטער.

— אַ שיינע צייט זיך אויסגעקליבן, טאָכטער, קראַנק צו זיין.
— קום צו דער הייליקער מאָרגן־תּפילה.
— גייט, איך וועל שפּעטער קומען.
— נאָך אַלעמען שוין?
— ניין. איך וועל מיך נאָר אָנטון... ווי נאָר כ׳וועל מיך אָנ־טון, וועל איך גיין.

די קאָזאַקן זענען אַוועקגעגאַנגען. אין שטוב זענען געבליבן לוקיניטשנאַ מיט נאַטאַליען. זי האָט אַפּאַטיש זיך געדרייט צווישן קופערט און געלעגער, מיט נישט זעענדיקע אויגן באַטראַכט די צעוואָרפענע קליידער אין קופערט, פיינלעך עפּעס דורכגעטראַכט, געשעפּטשעט מיט די ליפּן. לוקיניטשנאַ האָט געמיינט, אַז נאַטאַליאַ קאָן זיך נישט באַשליסן וועלכעס קלייד אויסצוקלויבן, און מיט מו־טערלעכער גרויסמוטיקייט איר פאַרגעלייגט:

— טו אָן, ליבינקע, מיין קלייד. עס וועט אַצינד אויף דיר פּונקט גוט זיין.

אויף פּאַסכע האָט מען נאַטאַליען נישט געמאַכט קיין ניי קלייד, און דערמאַנענדיק זיך ווי די טאָכטער פלעגט מיידלווייז ליב האָבן אָנצוטון אין די יום־טובים איר שמאָל בלוי קלייד, האָט לו־קיניטשנאַ עס איר אַצינד אַליין פאַרגעלייגט, מיינענדיק, אַז נאַטאַ־ליאַ האָט עגמת־נפש, ווייל זי ווייסט נישט וועלכעס אויסצוקלויבן.

— וועסט עס אָנטון? וועל איך עס אַרויסנעמען.

— ניין, איך וועל גיין אין דעם. — נאַטאַליאַ האָט פאַרזיכ־טיק אַרויסגענומען איר גרין קלייד און פּלוצלינג זיך דערמאַנט, אַז אין דעם קלייד איז זי געווען אָנגעטון, ווען גריגאָרי איז חתנווייז געקומען זי באַזוכן, ווען ער האָט אונטערן קילן אָפּדאַך פון דער שאָפע זי פאַרשעמט מיטן ערשטן געגנבעטן קוש, און זי האָט ספּאַזמאַטיש זיך צעשלוכצט, צופאַלנדיק מיט דער ברוסט צו דער געעפנטער דעק פון קופערט.

— נאַטאַליאַ! וואָס איז דיר? — די מוטער האָט אַ פּאַטש גע־טון מיט די הענט.

נאַטאַליאַ האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געשריי, וואָס האָט

ויך פון איר האַרץ געריסן; זי האָט זיך באַהערשט און צעלאַכט מיט אַ סקריפּענדיק הילצערן געלעכטער.

— ס׳איז מיך היינט עפּעס באַפאַלן...

— אָך, נאַטאַשקאַ, איך האָב באַמערקט...

— וואָס, מאַמע, האָט איר באַמערקט? — האָט נאַטאַליאַ מיט אומגעריכטן צאָרן אויסגעשריגן, צעקנאָדערנדיק דאָס גריגאָ קלייד צווישן די פינגער.

— דו קאָנסט דיר קיין עצה נישט געבן, איך זע, דאַרפסט האָבן אַ מאַן.

— גענוג!... איך האָב שוין געהאַט!...

נאַטאַליאַ איז אַריינגעגאַנגען אין איר שטוב זיך אָנטון און באַלד צוריק אַרויסגעקומען אין קיך אַריין שוין אַן אָנגעטוענע, איר פיגור — מיידליש־דין, דאָס פּנים — דורכזיכטיק־בלייך, אומעטיק גערייטלט.

— גיי אַליין, איך בין נאָך נישט פאַרטיק, — האָט די מוטער געזאָגט.

נאַטאַליע האָט אַריינגערוקט דאָס טיכל אין אַ מאַנקעט פון אַרבל און אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק. דער ווינט האָט פון דאָן דערטראָגן דאָס גערויש פון שווימענדיקן אייז און דעם האַרבן, דערפרישנדיקן ריח פון דער לינדער פייכטקייט. זיך צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס קלייד איבער די קני, אויסמיידנדיק די פאַרלמוטערנע בלויקייט פון די צעוואָרפענע קאַלוזשעס איבער דער גאַס, איז נאַטאַליאַ צוגעקומען צו דער צערקווע. זי האָט איבערן וועג זיך באַמיט צוריק צוגעווינען איר פריערדיקע גייסטיקע גלייכגעוויכט, געטראַכט וועגן יום־טוב, אָפּגעריסן־נעפּלהאַפט וועגן אַנדערע זאַכן, אָבער דער געדאַנק האָט כסדר עקשנותדיק זיך אומגעקערט צום בלויען שטיקל פּאַק־פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויף איר ברוסט, צו גריגאָריען און צו יענער גליקלעכער, וואָס לאַכט אַצינד גוטמוטיק פון איר, און האָט אפשר אפילו אויף איר רחמנות.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. די בחורים האָבן איר

פאַרשטעלט דעם וועג. אויסמיידנדיק זיי, האָט נאַטאַליאַ דער־הערט:

— וועמענס איז זי? האָסט זי דערקענט?

— דאָס איז נאַטאַשקאַ קאָרשונאָוואַ.

— זי, זאָגט מען, האָט אַ קילע. דערפאַר האָט זי דער מאַן אַוועקגעוואָרפן.

— זאָגסט ליגנט! זי האָט מיטן שווער, מיטן לאָמען פאַנטע־לעי, זיך אָפּגעגעבן.

— אָט וואָ־אָ־אָ־ס! דערפאַר איז עס גרישקאַ פון דער היים אַנטלאָפן?

— וואָס־זשע דען האָסטו געמיינט? נאָך אַצינד...

שטרויכלענדיק זיך איבערן נישט גלייכן ברוק, איז נאַטאַליע צוגעקומען צום פּאָליש. פון הינטן האָט מען איר שטילערהייט נאָכגעוואָרפן אַ שמוציק, שענדלעך וואָרט, ווי אַ שטיין. די מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין פּאָליש, האָבן זיך צעלאַכט, און נאַטאַליע איז אַרויסגעגאַנגען דורכן צווייטן טירל און אַוועקגעלאָפן אַהיים, וואַקלענדיק זיך ווי אַ שיכּורע. זי איז צו זיך געקומען ערשט ביים טויער פון זייער הויף און אַריינגעגאַנגען, פּלאָנטערנדיק מיט די פיס אין קלייד, בייסנדיק זיך די געשוואָלענע, ביז בלוט צעביסענע ליפּן. אין דער בעז־בלייער בלאָנזשענדיקער פינסטערניש איבערן הויף האָט זיך געשוואַרצט די געעפנטע טיר פון שפּייכלער. נאַ־טאַליאַ האָט צונויפגענומען איר לעצט ביסל כּוח אין איין ביימער אָנשטרענגונג, צוגעלאָפן צו דער טיר און אייליק אַריבערגעטרעטן די שוועל. אין שפּייכלער — איז אַ טרוקענע קילקייט, עס שמעקט מיט רעמעטענעם געשפּאַן, מיט פאַרדומפּן שטרוי. גאָרנישט טראַכטנ־דיק, גאָרנישט פילנדיק, איבערפולט פון שאַנד און פאַרצווייפלונג, מיט אַ האַרץ צעריסן פון שוואַרצן צער, איז זי טאַפּנדיק צוגעקומען אין ווינקל אַריין. זי האָט אַריינגענומען דעם שטעקן פון דער קאָסע אין די הענט, אַראָפּגענומען פון אים די קאָסע (אירע באַוועגונגען זענען געווען פּאַמעלעכע, זיכערע, פּינקטלעכע) און, פאַרבייגנדיק דעם קאָפּ, מיט קראַמפּ און פריידיקער אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט

זי פלוצלינג באַהערשט, זיך אַ שניט געטון מיט דער שאַרף איבערן האַלז. פון דער ווילדער ברענענדיקער ווייטיק איז זי געפאַלן, ווי פון אַ קלאַפּ, און פילנדיק, אומקלאָר פאַרשטייענדיק, אַז זי האָט נישט פאַרענדיקט דאָס אָנגעהויבענע, האָט זי זיך אויפגעהויבן אויף אַלע פיר, דערנאָך אויף די קני; זי האָט זיך געאײַלט (עס האָט זי געשראָקן דאָס בלוט, וואָס האָט פאַרגאָסן איר ברוסט), מיט ציטערנדיקע פינגער אָפּגעריסן די קנעפּלעך און צוליב עפּעס אָפּגעשפּיליעט דאָס קאַפּטנדל. זי האָט מיט איין האַנט פאַרהויבן די שטייפע, נישט נאָכגיביקע ברוסט און מיט דער צווייטער אָנגעשטעלט דעם שפּיץ פון דער קאָסע. זי איז אויף די קני צוגעקראָכן צו דער וואַנט, אָנגעשפּאַרט דעם טעמפּן עק, דעם, וועלכן מען זעצט אַרויף אויפן שטעקן, און פאַרברעכנדיק די הענט איבערן פאַרוואָרפענעם קאָפּ, מיט דער ברוסט אַנטשלאָסן זיך נאָכגעגעבן פאָרויס, פאָרויס... זי האָט דײַטלעך געהערט און געפילט דאָס עקלהאַפטע, קרויטאַרטיקע סקריפּען פון צעשניטענעם לײַב. די אָנוואַקסנדיקע כוואַליע פון שאַרפער ווייטיק האָט זי ווי אַ פלאַם פאַרגאָסן פון דער ברוסט ביזן האַלז, זיך אַרײַנגעשטעקט מיט קלינגענדיקע נאָדלען אין די אויערן...

פון שטוב האָט אַ סקריפּע געטון די טיר. טאַפּנדיק מיטן פוס איבער די טרעפּלעך, איז לוקיניטשנאַ אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק. פון גלאָקנטורעם זענען ריטמיש געפאַלן די קלעפּ פון גלאָקן-געקלאַנג. איבערן דאָן האָבן מיט אומאויפהערלעכן גרילצן זיך געטראָגן די קלאַפּטערדיקע קריִעס איינע איבער דער אַנדערער. דער פרײַדיקער, אויפגעקוואָלענער, באַפרײַטער דאָן האָט צום אַזאָווישן ים געטראָגן זײַן אײַזיקע קנעכטשאַפט.

סוף פון צווייטן בוך.